STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04373

VAMPIR

Hanns Heinz Ewers

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

387-ל

האַנס הײנץ עווערס

וואַמפּיר

א פאַרווילדעטער ראָמאַן אין שטיקער און פאַרבן

יידיש: עלים באָרנשטיין.

מיט דער הקדמה פון מאַקס עריק

JEWISH CULTURAL CLUB OF SASKATOON
אידישער קולטור פאראיין סאסקאטון

פאַרלאַג בזשאָזאַ
וואַרשע 1928

Printed in Poland.

„WAMPIR" EWERSA
Wydawnictwo BRZOZA
Warszawa 1928.
Druk. Lewin-Epsztein.
Warszawa, Pawia 38.

צווייטע טייל



„ווער ס'טרינקט אויס אין סקוטארי פיר מעסטלעך וואסער, ווערט אַ אוהאַנ־
טוריסט און ווער ס'טרינקט זיי אויס אין טיראַנאַ, קריגט ליב ייִנגלעך. — ווער אָבער
ס'פאַרמאָגט אַ סעלעניט — אַ לבנה־שטיין, — און וואַרפט אים אַריין אין וואַסער
אין דוראַצאָ און טרינקט אויס פון דאָרטן פיר מעסטלעך, יענער הויזט באַנאַכט
מיט טײַוולאָנים, אָבער מיט מלאָכים צוגלייך".

(XV .י .ה) אלבאַניש שפּריכוואָרט

דער סעקרעטאַר האָט אים דערלאַנגט די פּאָסט. „און אָט איז אויך אַן איינלאַדונג פון מיס פּיערפּאָנט", האָט ער געזאָגט, „אויף אַ באַל פון די לבנה־דאַמען. — איר האָט מיך געהאַט געוואָלט מיטנעמען".

„ווייזט אַהער", האָט געזאָגט פראַנק ברוין. ער האָט אויפגעעפנט דעם קאָנווערט, איבערגעלייענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

„עך. זיי קענען דאָ צומאָל קיין באַל נישט איינאָרדענען, ווי ס'קער צו זיין, אין דערדאָזיקער פּאַפּוגאַיען־שטאָט!" האָט ער אויסגערופן. „נאַט, לייענט, ראָסיוס: „28־טן יאַנואַר, 1490!" דאָס איז אַן איבערזעצונג וואָרט אין וואָרט פון אַן איינלאַדונג פון פירשט רימאָוו. און די פאַרוויילונג פון די לבנה־דאַמען וועט מסתם זיין אַ בלינדע נאָכמאַכונג פון דער פייערלעכקייט, וואָס ס'האָט אמאָל אַראַנזשירט אין פּאַריז עפּעס אַ רוס מיט

צומאָל ני — פינף אָדער זעקס יאָר צוריק! ס'איז נישט כדאַי טירחה!"

דער סעקרעטאַר האָט געפרעגט: „צי זענט איר דעמאָלט געווען דערויף, דאָקטאָר?"

„ניין", האָט געענטפערט פראַנק ברוין. „אָבער די פּיער־פּאָנט איז דערויף געווען, זי האָט מיר אַמאָל דערציילט, ווי העררלעך ס'איז דאָרטן געווען! די מאָנאַכין פון סאַן סיקסטאָ פּראַוועט אַ פעסט לכבוד דעם צוריקקערנדיקן קיין רוים צעזאַר באָרדזשיאַ: דאָס איז די אידעע. אויספירונג לויטן טאָגבוך פון בורשארד, דעם צערעמאָניע־מייסטער פון אַלעקסאַנדער VI. אין פּאַריז האָט עס געקענט זיין גאַנץ דערטרעגלעך — דאָ אָבער וועט עס זיכער זיין שרעקלעך: רענעסאַנס באַ דער פּיערפּאָנט אין ניו־יאָרק!

ערנסט ראָסיוס האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז. „איר ווילט נישט אַהינגיין, דאָקטאָר? איר האָט דאָך אַנומלט געהאַלטן, אַז ס'וואָלט געווען זייער גוט פאַר מיר, כ'זאָל אַמאָל צווזען אַזאַ מין — אָרגיע פון אַטאַ־די דאַמען!"

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט: „זייער גוט פאַר אייך? צי דאָס איז גראָד אַזוי געווונטשן פאַר אייער מאָראַלישקייט — ווייס איך נישט. אָבער אינטערעסירן וועט עס אייך יעדנפאַלס. זאָגט־זשע מיר, כ'בעט אייך, צי בין איך נאָר פריי היינטיקן אָוונט?"

„אינגאַנצן פריי"! האָט אויסגערופן דער סעקרעטאַר. „איך האָב שוין נאָכגעזען — קיין שום רעדעס, קיין טעאַטער — נישט צומאָל קיין איינלאַדונג".

פראַנק ברוין האָט געזאָגט: „אַלזאָ גוט, וועלן מיר אַהינגיין. שרייבט־זשע אָן אַ בריוו, אַז כ'נעם אָן מיט דאַנק די איינלאַדונג און בעט די דערלויבעניש אייך מיטצונעמען מיט זיך. וואָרט נאָר אַ ווייל, אָט איז די פאָרגעשלאָגענע רשימה פון קאָסטיומען: פויפסטלעכע גוואַרדיע — שפּאַנישע טראַכט. — פראַנצויזישע, ווענעציאַנישע קאָנסולן — דאָ: פראַנציסקאַנער — דאָס וועט גוט זיין! דאָס איז ס'פּשוטסטע און, כ'מיין, איך דאָס ריכטיקסטע. — טוט אַ קלינג אָן, כ'בעט אייך, צו

דער דירעקציע פון דייטשישן טעאטער, צי וואלטן זיי אונז נישט געקענט אויסבאָרגן אַ פּאָר ברוינע מאַנאַלישע האַביטן!"

* *
*

זיי זענען אָנגעקומען שפּעטלעך: שוין באַם סוף פון דער פייערלעכער אויפנאַם, גראָד האָט די מאָנאַכין בענעדיקטאַ צוגעפירט איר דורכלויכטיקן גאַסט, דעם פלימעניק פון פויפּסט, צום רעפעקטאָריום, ווו ס'איז פאָרגעקומען דאָס שוישפּיל. אַלע האָבן זיך געשטופּט אהינצו.

דאָס איז געווען אַ גרויסער זאַל פון ריזיקן קלוב-הויז, וואָס איז געשטאַנען הארט לעבן ווינטער־גאָרטן. די פונאַנדער־שיידנדיקע גלעזערנע ווענט האָט מען אויף דער דאָזיקער נאַכט ארויסגענומען, אַזוי אַז דער זאַל האָט אויסגעזען ווי אַן אומגעהייערע האַלע, וואָס האָט זיך געעפנט אין אַ גאָרטן ארויס. וואָס אַן אמת, האָט מען נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז מ'געפינט זיך אין אַ קלויסטער. מ'האָט געהאַט גאַנץ פלייסיק באַזייטיקט אַלצדינג, וואָס ס'האָט נאָר געהאַט וועלכע ס'איז שייכות מיט רעליגיע. ס'איז נישט געווען קיין שום קרייץ, קיין בילד פון דער הייליקער מוטער, קיין סטאַטוע און אַפילו קיין הייליקע בילדער נישט.

אין דאָזיקן טונקל־רויטן זאַל, אויף וועלכן ס'איז אַראָפּגעפאַלן פון אויבן אַ מאַט ליכט, האָט אויך געקענט פאָרקומען אַ פעסט פון דער ראָקאָקאָ-עפּאָכע, גראָד אַזוי גוט, ווי אַ בילדל פון טויזנט און איין נאַכט.

„דאָ שטייט דער דירעקטאָר אַנדריי!" האָט אָנגעוויזן ראָסיוס.

„אויך אַלס מאָנאַך?" האָט זיך אָנגערופן צו אים פראַנק ברוין. „דאָמיניקאַנער — קאָנקורענץ!"

„איך בין דער סאַוואָנאַראָלאַ", האָט זיך צעלאַכט אַנדריי. „כ'קום פון סאַן־מאַרקאָ, אויס פלאָרענץ. כ'בין דאָ אַהערגעקומען כדי צו זאַמלען מאַטעריאַל פאַר תשובה־דרשות".

פאַר אים איז געשטאַנען אָפן איטלעכס הויז אין ניו־יאָרק, פונקט אַזוי ווי אין אַלע שטאַטן. נאָך פון דער צייט, בעת ער

איז געווען דער גרויסער טענאָר אין מעטראָפּאָליטאַן=אָפּערע. שפּעטער איז ער אַליין געווען דירעקטאָר פון דער אָפּערע און האָט באַהערשט דאָס קונסט=לעבן אין משך פון לאַנגע יאָרן — איצט האָט ער דריי אָפּערעטן-טרופּעס אין לאַנד ארומפאָרן און נעמט גלייכצייטיק אָנטייל אין אַלע מעגלעכסטע אונטערנעמונגען: פילם, וואָדעוויל, צירק.

„קומט, מיינע הערן", האָט ער פאָרגעזעצט, „לאָמיר זיך אָוועקשטעלן אויף דער שטיינערנער עסטראַדע, וועלן מיר קענען צוזען די גאַנצע פאָרשטעלונג".

לענגויס דער וואַנט איז געווען אויפגעבויט אַ לאַנגע עסטראַדע און צוויי אַנדערע לעבן ביידע קווער-ווענט; פיר טרעפּ האָבן געפירט ארויפצו. פיל פּאָטעלן און שטולן זענען דאָרטן געשטאַנען, אַלע אין רויט און אין גאָלד געדעקט — די דינערס האָבן זיי פונאַנדערגעשטעלט. די אויבערין אין פייערלעכן טראַכט — שוואַרץ מיט ווייס — האָט ארויפגעשפּאַנט אויף די שטיגן; איר האָט באַגלייט צעזאַר באָרדזשיאַ צו איר טראָנשטול צו, וועלכע האָט זיך געפונען אין סאַמע מיטן.

„זי זעט גוט אויס, זוזאַנאַ פּיערפּאָנט!" האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „אָבער ווער איז איר שיינער צעזאַר? דער האָט שוין געמעגט זיין אַביסל מער שפּאַניש".

אַ צוועלפיאָריק מיידל האָט זיך אַוועקגעזעצט צופוסנס דער אויבערין, לוקרעציאַ באָרדזשיאַ, צעזאַרס שייינקע שוועסטערל.

פּאַמעלעך האָבן די געסט געשפּאַנט איבערן זאַל, זענען ארויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ. און פּאָר איטלעכן איינציקן האָבן אויפגעשפּילט די פּאַנפּאַרן און יעדעס מאָל האָט אַ העראָלד אויסגערופן דעם נאָמען.

לעבן דער אויבערין האָבן זיך אַוועקגעזעצט די מעטרעסעס פון פּויפּסט ראָדריג, וועלכער האָט זיך גערופן אַלעקסאַנדער VI: קודם־כל די מוטער פון צעזאַר באָרדזשיאַ, וואַנאָצאַ, אַ פּערציקיאָריקע מאַטראָנע, לעבן איר די יינגע יוליאַ פאַרנעזע מיט איר מאַן, דעם הערצאָג פון אָרסיני, און הינטער זיי אַנדערע. ס'האָבן אויך נישט געפעלט די ניין קינדער פון דעם מעכטיקן פּויפּסט — מ'האָט אפילו נישט פאַרגעסן אָן די קליינע

לאורע און דזשיאָוואַני, דעם פּויפּסטס יינגסטע קינדער, וואָס די פּאַרנעז האָט אים געבוירן.

גאָר ער אַליין, דער פּויפּסט איז נישט געווען — ניין, ניין, דאָס האָט נישט געפּאַסט און מ׳האָט עס געמוזט אַדורכלאָזן אין דערדאָזיקער קאָסטיומען-פייערלעכקייט פון דער רענעסאַנס-עפּאָכע. פראַנק ברוין האָט אַ טעות געהאַט, די אַלע קאָסטיומען זענען געווען געשמאַקפול צוגעטראַכט און די רעזשי אַ גאַנץ געלונגענע.

ענדלעך האָבן אַלע פּאַרנומען פּלאַץ אויף די עסטראַדעס, וועלכע זענען געווען געדיכט באַזעצט. פריי איז געבליבן דער ברייטער רוים אינמיטן צום גאָרטן צו, איבער אים האָט פייער-לעך געשפּאַנט די פּויפּסטלעכע גוואַרדיע און די בעטנדיקע ברידער, וועלכע האָבן זיך דערנאָך אין גרינס פאַרלוירן.

באַלד האָבן זיך געלאָזט הערן די טענער פון אַן אָרגל, ערגיצוווּ פון הינטן. דאָס ליכט איז געוואָרן מאַטער און גע-שימערט בלאָלעך, ווי די שיין פון דער לבנה.

פראַנק ברוין האָט פאַרמאַכט די אויגן און זיך איינגע-הערט. — ער האָט נאָכגעטראַכט.

ווּ האָט ער געהערט דאָסדאָזיקע ליד?

דאָס האָט שוין געמוזט זיין לאַנג, גאָר לאַנג. לאַטייניש איז עס געווען — אַ געזאַנג פון נאָנען-שטימען.

אַך! — אַמאָל — גאָר לאַנג — בּאַ די רויזן=נאָנעס — אין דער יאָהאַניס־נאַכט. —

ווּ איז דאָס געווען?

און זיין געדאַנק האָט אים טרוימעריש פאַרטראָגן אין דער פאַרגאַנגענהייט — ער האָט געחלומט וועגן שטילן גע-געזאַנג פון די נאָנעס, בעת ער איז נאָך געווען אַ גאָר יינגער בחור.

* *

*

— דעמאָלט — דעמאָלט —

רעפֿערענדאַר איז ער געווען אין א נידעררהייניש שטעטל. זיין שעף-ריכטער האָט אים נישט געקענט ליידן פֿון ערשטן טאָג אָן.

דעמאָלט האָט ער געהאַסט זיין שעף, פונקט אַזוי ווי ער האָט פֿיינט געהאַט יעדן איינציקן, וואָס האָט אים נישט געקאָנט ליידן.

היינט האָט ער געשמייכלט, וואָרן אינדעראמתן, דער שעף איז געווען גערעכט. צו וואָס-זשע האָט מען אים צוגעטיילט אַ רעפֿערענדאַר? ער האָט אים בעדאַרפֿט אַביסל פֿאַרלייכטערן אין זיין אַרבעט. און, פֿאַרשטייט זיך, אין דער אומאָנגענעמסטער און אַמלאַנגוויילִיקסטער. אַביסל אַרבעטן, כ'לעבן — אַ דריי, פֿיר שעה אין טאָג בלויז. און ווייטער אויפֿדערנאַכט מיטגיין אין ווײַנשענק אַריין, זיך לאָזן דערציילן פֿאַרשידענע מעשיות. אויך פּראָטאָקאָל פֿירן, איינמאָל אין דער וואָך. פֿון צייט צו צייט שפּילן אין ברידזש. אַזיסטן, צו וואָס דען טויג יורידישע אויסבילדונג?

ער אָבער האָט נישט געשפּילט אין ברידזש. ער איז טאַקע אַמאָל געקומען אין ווײַנשענק אַריין, אָבער בלויז איינמאָל און מער נישט. ער האָט דערקלערט, אַז דאָס אַלץ לאַנגווײַליקט אים — לאַנגווײַליקט! אים, דעם הער רעפֿערענדאַר — ?!

ער פֿלעגט אויך נישט אָפּשטאַטן קיין וויזיטן. נישט באַם בירגערמייסטער, נישט באַם לאַנדראַט און נישט באַם גימנאַזיאַל-דירעקטאָר. דעם שעף זיינעם, וואָס האָט אים דערויף אויפֿמערקזאַם געמאַכט, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער האָט דידאַקטיקע הערן אַנומלט געזען אין דער ווײַנשענק: אַ נענטערער פֿאַרקער איז לגמרי נישט כּדאַי.

איינמאָל האָט ער געפֿירט דעם פּראָטאָקאָל פֿון דער זיצונג. בעת ער האָט דערנאָך דערלאַנגט זיין שעף דעם בויגן צום אונטערשרייבן, איז יענער געוואָרן רויט און בלאַס און דערנאָך ווידער רויט. „מיין הער, וואָס זאָל דאָס זיין?" האָט ער געפֿרעגט.

און ער האָט רויִק געענטפֿערט: „מיין פּראָטאָקאָל!"

דער הער ריכטער האָט אַ שליידער געטון די אַקטן אויפן טיש — ער וואָלט זיי געוועזן צעריסן אויף פּיצלעך — אָבער אַ פּראָטאָקאָל, דאָס איז אַן אָפיציעלע זאַך.

מיט ווייטיק אין האַרצן האָט ער אים אונטערגעשריבן און אַ בלאַסער ווי די וואַנט געזאָגט: „אין מיין גאַנצער צוואַנציק־יעריקער — צוואַנציקיעריקער פּראַקטיק אַלס פּרייסישער ריכטער האָט זיך מיר נאָכנישט געטראָפן אַזאַ מילעריש שמירעכץ".

דער רעפערענדאַר האָט באַמערקט: „איך אַליין האַלט אויך, אַז ס'איז גאָרנישט ווערט".

דער שעף האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק און זוכנדיק אַן אויסדרוק פאַר זיין אויפרעגונג האָט ער אַרויסגע־שטאַמלט: „מיין הער! — מיין הער! גייט בעסער צו אַן עלע־מענטאַר־לערער און לערנט אייך אויס שרייבן!"

און ער האָט געענטפערט: „כ'דאַנק אייך, אָבער ס'איז נישט כדאַי די טירחה".

ער איז געווען פויל — פלעגט זיך תמיד פאַרשפּעטיקן — האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער אַרבעט, ווי ווייט ער האָט נאָר געקענט. ער פלעגט פאַרגעסן אָן די וויכטיקסטע ענינים — און איז בכלל געווען אוממעגלעך.

דער שעף איז געווען אויסער זיך פאַר כעס. „האָפנונגסלאָז", האָט ער געברומט אַ פאַרצווייפלטער, „לגמרי האָפנונגסלאָז".

אָבער איינמאָל האָט ער זיך פאָרט אָן אים נוקם געווען.

ער האָט אים געהייסן אַריינקומען צו זיך; האָט גע־האַלטן פאַר אים אַ לאַנגע רעדע, שטימונגספול, כמעט פּאָעטער־לעך. מ'דאַרף דאָך סוף־כל־סוף זיך אַמאָל דורכרעדן מיט דער גאַנצער רויִקייט — Sine ira et studio. וואָס טראַכט ער זיך פאָרט? און צו וואָס פירט דאָס אַלץ אייגנטלעך?

פראַנק ברוין האָט געענטפערט. „גאָרנישט, טראַכט איך מיר. דאָס אַלץ לאַנגווייליקט מיך". און דערנאָך, בעת זיין שעף איז אַריינגעפאַלן אין פּאַטאָס און אים גענומען פאָרהאַלטן אַלע זיינע פאַרברעכנס און זיי געגנוי אַרומרעדן, האָט ער געענט־פערט הויכמוטיק: „גאָט מיינער, הער ריכטער, מעלדעט עס דעם פּרעזידיום פון אויבער־געריכט! פאַרשרייבט עס מיר אין מיין אויפ־פירונגס־ליסטע!"

דער שעף האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אַ קוק געטאָן פֿון אויבן אַראָפּ אויפֿן רעפערענדאַר און געזאָגט: „מיין הער, וואָס דענקט איר וועגן מיר? שוין-זשע זאָל איך אייער קאַר־יערע קאַליע מאַכן? איך?! איר וועט באַקומען דיזעלבע שיינע קוואַליפיקאַציע-צייגניש, וואָס איך האָב שוין הונדערטער מאָל אָנגעשריבן! טוט אייך, וואָס איר ווילט! — איך דאַנק אייך! — איר קענט גיין!"

דאָס איז געווען אַ גלאַטער און קיילעכיקער ניצחון. און דערפֿאַר האָט ער פיינט געקריגן דעם אַמט־ריכטער.

אַחוץ דעם דיקן גלח האָט ער נישט געהאַט קיין שום באַקאַנטן אין דאָזיקן שטעטל. צו אים פלעגט ער אָפט אַריינקומען און שפּילן אין שאַך.

דער גלח האָט געפּילעוועט זיינע וויינען און זיי שטאַרק ליב געהאַט. בלויז מאָזעל האָט ער געטרונקען, פּונקט ווי אַלע גוטע רהיינלענדער. און ס'האָט אים זייער געפֿרייט, וואָס דער רעפערענדאַר האָט זיך אויך געקענט אויף ווײַן.

„נו, פון וועלכן יאָר?" האָט געפרעגט דער גלח.

„פון דריי און ניינציקסטן!" האָט געענטפערט דער רע־פערענדאַר, און דער גלח האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ווײַן טרינקען האָט ער זיך אויסגעלערנט און שאַך שפּילן. ער האָט גיך תופס געווען, אַז אָט די ביידע זאַכן זענען האַלב קונסט און האַלב ווויסנשאַפט. און ער האָט געטראַכט, אַז דאָס איז גאַנץ זיכער דאָס בעסטע, וואָס ער קען דאָ טאָן, אין דאָזיקן קליינעם שטעטל באַם נידעררהיין.

און אַזוי זענען געקראָכן די חדשים —

„צי זענט איר געווען באַ דער קלויסטער=אויבערין?" פלעגט אים אַלע מאָל פרעגן דער גלח. דאַן פלעגט פֿראַנק ברוין שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין און צוזאָגן, אַז די נאָענטסטע טעג וועט ער אַהינגיין צו די דאָמיניקאַנערינס. ער האָט עס געהאַט צוגעזאָגט זיין מוטער און דעם גלח אויך. ער האָט עס נישט פאַרגעסן, אָבער ער פלעגט עס נאָכאַנאַנד אָפּ־לייגן און דער גלח פלעגט אים אויסמוסרן דערפאַר.

איינמאָל האָט זיך אָנגערופן דער גלח: „כ'בין געווען אין קלויסטער. די אויבערין האָט אייך געהייסן זאָגן, אַז איר זענט אומדערצויגן”.

ער איז רויט געוואָרן. „גאָט מיינער, זי איז באמת גערעכט! מאָרגן פאָר איך אַהין!” האָט ער געענטפערט.

דערויף האָט דער גלח געזאָגט: „גוט, וואָס איר זענט עס כאָטש אַליין מודה! אָבער איר דאַרפט מאָרגן נישט אַהינפאָרן — די אויבערין לאַדט אייך איין אויף זונטיק באַנאַכט”.

„אויף באַנאַכט?” האָט ער געפרעגט דערשטוינט.

„יאָ, אויף באַנאַכט!” האָט דער גלח באַשטעטיקט. „אַרום צען אַזייגער וועלן מיר אַהינפאָרן — דעמאָלט גייט אויף די לבנה: דאַן הויבן די נאָנעס אָן זייער רויזן=יום־טוב.”

— זיי זענען אַהינגעפאָרן אין אַ יולי-נאַכט, אין אַלטן וועגעלע פון דעם גלח. דער לעצטער האָט אַליין געהאַלטן די לייצעס און געקנאַקט מיט דער בייטש „וויאָ, בולאַנער, וויאָ!” — האָט ער געראָפן צו דער אַלטער שקאַפּע. און דאָס פערד האָט געהירזשעט.

„שוין דאָס אַכטע יאָר ווי איך פאָר אַהין אין דערדאָזיקער נאַכט”, האָט געזאָגט דער גלח. „פון זינט שוועסטער בעאַטאַ איז געוואָרן די אויבערין פון קלויסטער. און זינט עס בליט דער רויזן־יום־טוב”.

דער רעפערענדאַר האָט געפרעגט: „פון זינט ווען? זי אַליין האָט עס איינגעפירט?”

„ניין”, האָט געענטפערט דער גלח, „דאָס איז שוין אַן אור=אַלטער מנהג, אַזוי אַלט, ווי דער קלויסטער אַליין. די ערשטע מאָנאַכין קלאַרא פאַפענהיים, האָט איינגעפירט דידאָזיקע פייערלעכקייט מער=ווייניקער אין דער העלפט פון פיפצנטן יאָרהונדערט. אָבער, ווייסט איר, דאָקטאָר, ס'איז שוין איצט נישט אַקטועל — אַזוי ווייניקסטנס האַלטן אַ סך גייסטלעכע. מ'האָט חלילה די נאָנעס גאָרנישט פאַרווערט, אָבער מ'האָט זיך דאָס נישט געוווּנטשן און מ'האָט זיי עס אויך געגעבן אָנצוהערן — אויף אַזאַ אופן איז פאַרשוווּנדן איין מנהג נאָכן אַנדערן, ביז ס'איז לסוף געבליבן דער בלויזער נאָמען: דער יום-טוב פון די

רויזן — אָבער אונזער אויבערין האָט אים צוריק איינגעפירט".

„וואָס האָט זי געטון?" האָט ער געפרעגט.

דער גלח האָט געענטפערט: „זי האָט צוריק אויפגענומען דעם אַלטן מנהג, לויט ווי ער איז פאַרצייכנט אין דער קלויס־טער־כראָניק. זי האָט בלויז דורכגעלאָזן עטלעכע צו רויע מנהגים. אָך! ווען איר וועסט שוין זען, ווי אַזוי דאָס זעט אויס. די קעלנער לייט זענען איר אַפילו דערקעגן — זיי האָבן מורא, אַז די ערדאָזיקער טרינק־יום־טוב דערוועקט פאַרביטערונג בײַ די פרומע און רופט אַרויס אַ שמייכל בײַ די געצנדינער. אָבער די אויבערין שטאַמט פון די דראָסטן און דריי פון איר משפחה זענען שוין געווען מאַנאַכינס פון דאָזיקן קלויסטער. און איר פעטער איז דער מאַינצער אַרציביסקופּ, איינער ווידער פון אירע ברידער איז דער קאַרדינאַל פון טריטהיים, דערפאַר וויל מען זי נישט טשע־פּען. כּל־זמן זי לעבט, בלײַען אַלזאָ די רויזן אין דער הייליקער יאָהאַנעס־נאַכט".

אַרום צען אַ זייגער זענען זיי אָנגעקומען אין קלויסטער. דער טויבער גערטנער האָט זיי געעפנט. זיי זענען געגאַנגען דורכן ברייטן גאָרטן, איבער ווײַסע קיזלשטיין־סטעזשקעס, בײַ־לויכטן פון בלאַסן לבנה־שײַן. דער גלח האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ מעכטיקן צעדערבוים, וועלכער האָט זיך טיף־שוואַרץ אָפּגע־צייכנט אין דעמדאָזיקן זילבער־גלאַנץ.

„פון לבנון!" האָט ער געזאָגט. „מ'דערציילט, אַז אַ נאָנע האָט אים מיטגעבראַכט אַלס אַ קליין ביימל, אַ יינגע נאָנע, וועל־כע האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם קינדער־קרייצצוג פון פּעטער פון אַמיענס און איז דערנאָך צוריקגעקומען אַ גרייז־גראָע זקנה. אָבער דאָס שטימט נישט מיט דער געשיכטע. איינער פון די דראָסטן, אַ פלימעניק פון דער דריטער מאָנאַכין פון דערדאָזי־קער משפּחה האָט געבראַכט דאָסדאָזיקע ביימל פון לבנון, מיט הונדערט און פופציק יאָר צוריק".

דער גערטנער האָט זיי אַרײַנגעפירט אינעווייניק אין הויף און פון דאָרטן אויפן פּאָרטיקוס *) און זיי געהייסן דאָרטן אונ=

*) אַ מין פּעדערהויז, וואָס זיין סופיט שטיצט זיך אויף זיילן.

טערוואַרטן. „די גאַנצע וועלן באַלד ארויסקומען", האָט ער גע־זאָגט, „אזוי ווי ס'וועט זיך נאָר ענדיקן די תּפילה".

פראַנק ברוין האָט זיך אַרומגעקוקט. ארום דעם קלויסטער האָבן געברענט גאַנץ ווייניק לאָמפּן, אָבער דאָס לבנה־ליכט האָט געוואָרפן זיינע שטראַלן אויפן ברייטן פּאָרטיקוס. דער באָדן איז געווען גלאַט געדעקט, מיט מעכטיקע, ווייסע מירמל־פּליטעס. און אומעטום אויף די זיילן אַזש ביז אַרויף צו די גאַלעריעס האָבן זיך געשלענגלט רויזן־גירלאַנדעס. ווייסע רויזן, טויזנטער חייסע רויזן.

„אַלץ ניפּעטאָס און בול־דע־נעזש", האָט געזאָגט דער גלח. נאָר די דאָזיקע דריי ביימלעך דאָ פאָרנט זענען „פּראַנ־ציסקאָ־קריגער", די האָב איך אַליין פאַרפלאַנצט נאָך מיט צוועלף יאָר צוריק".

צוויי לאַנגע טישן זענען געשטאַנען אין עק פון דער האַלע. זיי זענען געווען געדעקט מיט ווייסן אַדאַמאַסק און פּאָר איטלעכער שטול איז געשטאַנען אַ טעלער מיט אַ געשליפן גלאָז. זילבערנע קוישן, אָנגעפּילט מיט קאָנפעקטן, זענען געווען פונאַנדערגעשטעלט אויף די טישן, און איבעראַל צעוואָרפן איבערן טישטוך און אַרויסקוקנדיק פון גרויסע קריסטאָלענע וואַזאָנען פרישע רויזן, אַ סך, אַ סך ווייסע רויזן. און צווישן זיי בייכיקע ווענעציאַנישע קאַראַפקעס מיט שמאָלע העלזלעך. אָבער זיי זענען געווען ליידיק.

„באַלד וועלן זיי אויפפינקלען פון ציפּערישן ווייַן", האָט דערקלערט דער גלח. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ רויזן־קוסט. „דאָרט — טוט אַ קוק".

איבערגעדעקט מיט רויזן איז געשטאַנען אויף אַ הילצערן געשטעל אַ גרויס פאַס. און אָנגעשפּאַרט אָן גרויסן נאָך אַ קליינס. „דאָס קליינע איז מיינס", האָט ער זיך צעלאַכט. „און שטאַמט פון לעבן רהיין. איך האָב עס צוגעשיקט, מחמת כ'האָב נישט ליב דעם ציפּערישן ווייַן — דעם טרינקען ווייבער. אייער פעטער שיקט־צו דעמדאָזיקן ווייַן יאָר בײַ יאָר פון רוים".

„ווער?" האָט איבערגעפרעגט דער רעפערענדאַר. „מיין פעטער?"

„אוודאי!“ האָט זיך פֿאַרגעסן דער אַלטער. „אייער פּע-
טער! דער יעזויט. דער מאָנסיניאָר. — קענט איר נישט די
דאָזיקע געשיכטע?“

אָ, יאָ, זיין מוטער האָט עס אים געהאַט דערציילט. פֿון
זיין פּעטער, וואָס איז געווען ראַטמייסטער בײַ די הוזאַרן, וועל-
כער האָט נאָך דער מלחמה אין זיבציקסטן יאָר אַרויסגעטרעטן
פֿון מיליטער, אוועק קיין רוים, איבערגעגאַנגען אויף קאַטאָלי-
ציזם און געוואָרן א גייסטלעכער. דאָס האָט עפּעס געהאַט א
געוויסן צוזאַמענהאַנג מיט דער אויבערין, און דערפֿאַר האָט ער
געזאָלט אַהינגיין צו איר. אָבער ער האָט זיך דעמאָלט גאַנץ
קנאַפּ צוגעהערט דערצו און האָט שוין לאַנג געהאַט דערין פֿאַר-
געסן.

„ס'וועט בעסער זיין, אַז איר זאָלט זיך פֿריִער דער-
וויסן וועגן אַלעם, איידער איר וועט זען די מאָנאַכין, האָט גע-
זאָגט דער גלח. „קומט=זשע“.

אין ווינקל פֿונם פּאָרטיקוס איז געשטאַנען א קליין טישל,
דריי שטולן, דריי טעלערס און דריי גלעזלעך. ס'איז אויך
געשטאַנען א קיישל מיט קאָנפֿעקטן און א בוקעט רויזן.

„דאָ זיצן מיר“, האָט ער פֿאַרגעזעצט, „איר, איך און
דער דיאַקאָן. וועלכער ריכט איצט אָפּ דעם גאָטעס־דינסט. „זעצט
אייך אַוועק“. ער האָט גענומען צוויי גלעזלעך, איז צוגעגאַנ-
גען צום פֿעס מיטן רהייניש ווייַן און זיי אָנגעפֿילט. „טרינקט,
דאָקטאָר, — אין דערדאָזיקער נאַכט, ווען די רויזן בליִען“.

הילכיק האָבן אָפּגעקלונגען די גלעזער אינמיטן דעם גע-
טרילערײַ פֿון נאַכטיגאַל, וואָס האָט אַרויסגעזונגען פֿון צווישן
די רויזן. און גאַנץ שטיל, ווי פֿינדערווייטנס, האָט זיך דער-
טראָגן פֿון דער קאַפּליצע דאָס געזאַנג פֿון די נאָנעס.

„Stabat mater Speciosa“ האָט געזאָגט דער גלח.
„דאָס האָב איך געבראַכט דאָסדאָזיקע ליד דער אויבערין. זי
הייסט עס זינגען איינמאָל אין יאָר אין דער יאָהאַניס=נאַכט.
„איך האָב איר דערציילט וועגן יאַקאָפּאָן פֿון טאָדי“.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען דער רעפֿעראַנ-
דאַר האָט געהערט וועגן דער „Speciosa“ און וועגן דעם
טאָדיאַנער.

דער גלח האָט אויסגעטרונקען זיין גלעזל. „זיי וועלן באַלד ענדיקן", האָט ער געזאָגט. „הערט־זשע! אַלזאָ!"

ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן די קליינע געשיכטע פון דער מאָנאַכין, און באַלד בײַ די ערשטע זאַצן האָט זיך דער רעפערענדאַר דערמאָנט, וואָס די מוטער האָט אים אַמאָל געהאַט דערציילט. אָבער ער האָט אים נישט איבערגעשלאָגן. ער האָט זיך איינגעהערט און געטרוימט צווישן די רויזן.

זיין פעטער — יאָ, האָט געהאַט אַ פריינט און אַ חבר, וועלכער איז געווען לייטענאַנט אין זעלבן, וואָס ער, פּאָלק, און דער האָט זיך פאַרקנסט מיט לענאָרע דראָסט — אַכצן יאָר איז זי דעמאָלט אַלט געווען. יינג איז זי געווען און זייער שיין; זי האָט אָפּגעגעבן איר האַנט דעם חבר פון די קינדער־יאָרן, וועמענס פאָטערלעך גוט האָט זיך געפונען בשכנות מיט זייער משפחה־נעסט. ער האָט זי ליב געהאַט און זי האָט אים אויך גאַנץ גערן געהאַט — מחמת זי האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס ס'איז אזוינס ליבע. דעמאָלט נישט. אָבער זי האָט עס גוט געוווּסט מיט דריי חדשים שפּעטער, בעת זי האָט קענען געלערנט דעם אנדערן, איר חתנס פריינט — זיין פעטער.

ביידע האָבן געוווּסט, אַז זיי האָבן זיך ליב, אָבער זיי האָבן נישט גערעדט דערפון. דערנאָך איז אויסגעבראָכן די מלחמה און די קריגסלייט זענען ארויסגעריטן אין פעלד. זי האָט זיך דאָן געזעגנט מיט איר חתן; ער האָט זי געקושט און זי האָט געוויינט. אָבער אין אַ שעה שפּעטער איז געקומען צו גיין דער אַנדערער. זיי האָבן עס נישט געוואָלט — קיינער פון זיי — און דאָך זענען זיי זיך אריינגעפאַלן אין די אָרעמס און זיך גע־קושט הייס, הייס, איינמאָל אויפן גאַנצן לעבן — דאָך.

איר חתן איז געפאַלן. באַלד אונטער שפּיכערן איז ער געפאַלן. אָבער זיין פעטער איז צוריקגעקומען אַלס ראַטמייס־טער מיט אַן אייזערנעם קרייץ — אַ האָפערדיקער העלד.

אָבער די געליבטע האָט ער שוין נישט געטראָפן. זי איז געהאַט אריינגעטרעטן אין אַ קלויסטער צו די דאָמיניקאַנערינס, אָפּגעריכט תשובה פאַר דעם איינעם קוש, מיט וועלכן זי האָט פאַרראַטן דעם חתן. אַזאַ איז שוין די משפחה פון די דראָסטן. איר קוש האָט פאַרראַטן די ריינע ליבע פון דעם חתן — און

איר פאַרראַט האָט פאַרשפּיצט דעם שטילעט, וואָס האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון פערד. — צי איז עס דען באמת אַזוי נישט געווען?

אַזוי — און נישט אַנדערש!

לענאַרע דראָסט האָט דערין געגלייבט און אויך דער — וועמען זי האָט שוין מער קיינמאָל פאַר די אויגן נישט אָנגעזען. ער האָט פרייער גענומען אורלויב און אַוועקגעפאָרן קיין איטאַליע. דערנאָך איז ער אַרויסגעטרעטן פון מיליטער, איז איבערגעגאַנגען צום קאַטוילישן גלויבן און איז געוואָרן גייסטלעכער — פונקט ווי זי.

אויס הייסער איבערצייגונג – גאַנץ זיכער. און דאָך, צי האָט ער דען געקאָנט מיט עפּעס בעסערס אַרויסווייזן זיין ליבע דערדאָזיקער פרוי?

ביידע זענען עולה לגדולה געוואָרן. ער איז איצט מאָנ־סיניאָר, און זי אויבערין בעאַטאַ. זיי האָבן נישט געשריבן צו זיך קיינמאָל, אָבער זיי פלעגן הערן איינער פון אַנדערן. און פון זינט יאָרן שוין שיקט ער צו ציפּערישן ווייַן פאַר יעדן רויזן־יום־טוב.

דאָס איז געווען די געשיכטע.

פון דער טיר פון דער זאַקריסטיע, אונטער דער קאָלומ־נאַדע, איז אַרויסגעקומען דער דיאַקאָן. אַ זעכציק־יאָריקער הויכער און שטאַרקער מאַן, מיט פולע ווייסע האָר און קלוגע אויגן. דער גלח האָט אים באַגריסט און אים פאָרגעשטעלט פאַר זיין יינגן פריינט. „צי וועט די אויבערין אַהערקומען?" האָט ער געפרעגט.

„זיי וועלן דאָ באַלד זיין", האָט געענטפערט דער דיאַ־קאָן. און ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל פאַרן געזונט פונעם גלח.

ווידער האָט זיך דערהערט די אָרגל־מוזיק — דאַן האָט זיך אויפגעעפנט די טיר פון דער קאַפּליצע. לאַנגזאַם האָבן געשפּאַנט די נאָנעס אין קלויסטער אַריין, אַ פּאָר נאָך אַ פּאָר, איטלעכע פון זיי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צווייג און אויף יעדער צווייג האָבן אַראָפּגעשיינט דריי רויזן.

נישט קיין ווייסע — רויטע, פייערדיק רויטע רויזן זענען עס געווען.

„די וואונדן פון קריסטוס", האָט געזאָגט דער גלח.

„און צוגלייך די דריי־איינקייט", האָט דערקלערט דער דיאַקאָן. „דריי: פאָטער, זון און הייליקער גייסט — און דאָך איינער נאָר, איין גאָט".

אונטער די זיילן פון קלויסטער האָבן זיי געוואַנדלט, אינדערשטיל זינגענדיק, אַרום און אַרום דעם פּאָרטיקוס, אין דער לבנהדיקער נאַכט. צווישן די ווייסע שלייערן פון די רויזן האָבן אַראָפּגעטריפט די זיסע פּערל פון די קלאַנגען פון דער פּאַלעסטרינאַ.

*) „Jesu ! Dulcis memoria,
Dans vera cordi gaudia;
Sed super mel et omnia,
Ejus dulcis praesentia!

Sic, Jesu, nostrum gaudium —"

אַזעלכע זיסע ווערטער, אַזעלכע זיסע קלאַנגען.

דורך אַ פּערטן קרייז זענען די נאָנעס אַרויסגעקומען אויפן הויף, אַרומגעגאַנגען די גרויסע טישן, און זענען געבליבן שטיין פאַר זייערע שטולן. צולעצט די אויבערין. איר פּאַרויס איז געגאַנגען די אַלטע באַדינערין. זי איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט, האָט צורעכט געמאַכט די קישנס אויף דער הויכער טראָן=שטול. און די אויבערין איז אַרויפגעשטיגן אויף דעם נידעריקן טרעפּל, האָט זיך אנידערגעזעצט און געגעבן אַ צייכן די נאָנעס מיט איר רויזנצווייגל, אַז זיי זאָלן אויך זיך אַוועקזעצן.

*) יעזוס! זיסע דערינערונג,
וואָס גיט דעם האַרצן אמתע שמחה.
אָבער איבער האָניק און אַלצדינג,
זיין זיסע אָנוועזנהייט!
אַזוי, יעזוס, אונזער פרייד —"

פראַנק ברוין האָט געקוקט אויף איר. זי איז געווען שיין, די אויבערין, אַ שטילע און שיינע פרוי. ווי אַלט האָט זי געקאָנט זיין?

ער האָט גערעכנט. פערציק — אָבער ניין, זיבן און דרייסיק קוים, און אפשר אַכט און דרייסיק. און צוואַנציק יאָר אין קלויסטער.

די אַלטע באַדינערין האָט זיך געפּאָרעט בײַם קליינעם טישל. זי האָט אָנגעפילט די גלעזלעך מיט רהיינישן וויין. אָבער פיר יינגע נאָנעס האָבן גענומען די פינקלדיקע קאַראַפקעס, האָבן אָנגעצאַפּט דעם טונקלען וויין און אָנגעגאָסן ארום און ארום פאר די שוועסטערן. דערנאָך, אויף אַ צייכן פון דער אויבערין, זענען אַלע אויפגעשטאַנען און מתפלל געווען.

גאַנץ קורץ נאָר, שטיל און שווייגנדיק.

און שווייגנדיק האָט די אויבערין אויפגעהויבן איר גלעזל און שווייגנדיק האָט זי עס אויסגעטרונקען. די אַלע איבעריקע האָבן אויך אַזוי געטון.

די אויבערין בעפעלט האָט אַווינק געטון מיט איר רויזנ־צווייגל. און איינע פון די יינגע נאָנעס איז אַרויסגעטרעטן אויפן מיטן זאַל.

„איצט וועט קומען די פאָרשטעלונג פון דער וונדער־שאַפנדיקער ליבע פון יעזוּ, פון דער ליבע, וואָס הערט קיינ־מאָל נישט אויף", האָט געזאָגט דער גלח. מ'זאָגט אַז די ערשטע אויבערין פון די דראָסטן האָט עס פאַרפאַסט. אין משך פון גאַנצע יאָרהונדערטער האָט מען עס געזאָגט אויף לאַטייניש, אָבער אונזער אויבערין האָט עס איבערגעזעצט אויף דייטש. שוועסטער אַגנעס וועט עס דערציילן".

די יינגע נאָנע האָט אָנגעהויבן, האַלב זאָגנדיק, האַלב זינגנדיק, גלייך ווי פּסאַלמען. זי האָט דערציילט וועגן יעזוסעס לי־בע, וועלכע איז פיל גרעסער און טיפער, ווי דער מענטשלע־כער מוח קען באַגרייפן. און זאָל אפילו די נשמה זיין ווי שטאַרק באַלאַסטעט מיט שווערע זינד, קאָן זי פונדעסטוועגן דאָך ווערן אויסדערלייזט, וויבאַלד זי וועט נאָר אַנידערפאַלן מיט דער גרייט־קייט תשובה צוטון פאַר יעזוסעס טראָן. — זיבן יאָר האָט פאַר־בראַכט דער ריטער טאַנהייזער אויפן בארג הערזל בײַ דער פרוי

ווענוס, דער שלעכטער מכשפה, וועלכע האָט אים פאַרוויקלט אין אַ נעץ פון שרעקלעכער זינד. דערנאָך איז ער אַנטלאָפן, האָט זיך אָוועקגעלאָזט קיין רוים, כדי תשובה צו טון. ער האָט אָני־דערגעקניט פאַרן פויפסט אורבאַן און געקושט די שפּיצן פון זיינע פינגער. ער האָט זיך מתוודה געווען אויף אַלעם, וואָס ער האָט געטון און געבעטן מחילה. אָבער דער הייליקער פאָטער, דערצערנט פון דידאָזיקע שרעקלעכע פאַרברעכנס, האָט דער־קלערט, אַז ער וועט אים קיינמאָל נישט מוחל זיין די זינד, און אַז ער מוז ברענען אין שאול תחתיה. קיין שום רעטונג איז נישט געווען פאַר אים — ער איז געווען פאַרמשפּט אויף אייביק. מיט זיין קרומען שטעקן האָט ער אַ זעץ געטון אין דער פּאָדלאָגע און געזאָגט: „וויבאַלד דערדאָזיקער אַלטער שטעקן וועט אויפבליען, דאַן קאָן נאָך אויפשיינען אַ האָפענונג פאַרן ריטער — אַנדערש נישט״.

דער גאַנצער כאָר האָט גענומען זינגען דעם האַרבן ענט־פער פון פויפסט, וואָס האָט זיך געענדיקט אַזוי:

„נישט פריער, ווי פון דאָזיקן האָלץ
וועט לעבן אויפשפּראָצן,
נישט פריער, ווי ס׳וועט פונם שטעקן
אַ רויז אויפבליען,
נישט פריער!״

צום צווייטן מאָל איז געפאַלן אויף די קני דער ריטער טאַנהויזער, האָט געקושט די פיס פונם הייליקן פאָטער, געכלי־פּעט און געבעטן. אָבער דער פויפסט איז נאָך אַריין אין אַ גרעסערן גרימצאָרן, ער האָט גענומען שרייען אויף אים און אי־בערחזרן זיין „ניין!״

„נישט פריער, ס׳זאָל אפילו די גאַנצע וועלט
חרוב ווערן;
נישט פריער, ווי מ׳וועט פון דער ערד
אין הימל פאַלן,
נישט פריער!״

און צום דריטן מאָל איז דער ריטער געפאַלן אויף דער ערד, האָט אַראָפּגעקושט דעם שטויב פון פויפּסטס שיך, האָט געיאָ־מערט און ביטער געוויינט. אָבער דער הייליקער פאָטער איז געבליבן אין זיין גערעכטן צאָרן, ער האָט אים אָוועקגעטריבן פון דעם הייליקן אָרט, וואָס ער האָט מטמא געווען מיט זיין אָנוועזנ־הייט, און האָט אים צוריקגעשיקט אַהין, פונוואַנען ער איז געקומען און ווו זיין אָרט איז געווען — צו דער מכשפה ווענוס אויפן הערזעל־באַרג. קיינמאָל און אין ערגעץ זאָל ער קיין מחילה נישט באַקומען פאַר זיינע גרויסע זינד.

„נישט פריער, איידער ס׳וועט ווינטערן אין זומער־צייט
איידער ס׳וועט מיט רויזן שנייען און מיט וויין רעגענען
נישט פריער!״

איז אויפגעשטאַנען דער ריטער, האָט גענומען זיין וואַנדער־שטעקן אין האַנט און איז אַוועק. און אַלע אין גרויסן זאַל האָבן זיך דערשראָקענע אָפּגערוקט פון אים — פון דעם, פאַר וועמענס נשמה ס׳איז שוין קיין שום רעטונג נישט געווען קעגן דעם אייביקן פייער פון גיהנום.

אין דער נאַכט אָבער האָט זיך באַוויזן אין חלום צום הייליקן פאָטער אַ שיין יינגל, וואָס האָט צוגענענט צו אים און גזאָגט: „נעם דיין שטעקן און קום מיט מיר״, און איז תיכף נעלם געוואָרן אין גאָרטן.

דאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף דער פויפּסט אור־באַן, און ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג אין דרויסן. ער האָט זיך געהייסן אָנטאָן, האָט זיך דערמאָנט אין דעם חלום און באַפוילן, אַז מ׳זאָל אים ברענגען דעם קרומען, סוקעוואַטן שטעקן, ווייל ער וויל זיך אַביסל דורכגיין אין גאָרטן. מ׳האָט אים געבראַכט דעם שטעקן, דער הייליקער פאָטער האָט אים גענו־מען אין האַנט אַריין און איז אַראָפּ מיט די שטיגן אין גאָרטן אַריין. ער האָט פּאַוואָליע אַרומגעשפּאַצירט אין גאָרטן און איז צוגעקומען צו די פייגנביימער, וועלכע זענען געווען באַדאַ־גען מיט צייטיקע פירות. ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט צו עסן פייגן. ער האָט אַריינגעשטעקט דעם שטעקן אין דר׳ערד, איז אַרומ־

געגאַנגען פאַרביי די ביימער, האָט אָפּגעריסן די שענסטע פרוכטן און זיי אויפגעגעסן.

דאָ האָט איבערגעריסן די אויבערין. איינע פון די באַדינענדיקע שוועסטערן איז צוגעגאַנגען צו איר און איר דערלאַנגט אַן אַלטן, קרומען שטעקן. זי האָט אים גענומען אין האַנט אַריין און אַ זעץ געטון אין די מירמלנע פּליטע, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אין דר׳ערד אַריינקלאַפּן. דערנאָך איז די שוועסטער אַגנעס אַרומגעגאַנגען איבערן פּאָרטיקוס, האָט זיך געמאַכט אָפּרייסן פרוכטן פון די ביימער און זיי אויפעסן. בעת מעשה האָבן די שוועסטערן אַרומגערינגלט די אַלטיטשקע, וועלכע האָט געהאַלטן דעם שטעקן. דאָ איז די שוועסטער אַגנעס צוריקגעגאַנגען און גענומען זוכן דעם שטעקן.

זי איז געבליבן שטיין און אָנגעהויבן ווייטער צו דערציילן.

— און דער פּויפּסט אורבאַן איז צוריקגעקומען צו דעם אָרט וווּ ר׳האָט געהאַט אַריינגעשטעקט דעם שטעקן אין דר׳ערד — און ער האָט אים נישט געפונען. ער איז ערגיץ נעלם געוואָרן. און אויף זיין אָרט איז געשטאַנען אַ רויזן־קוסט, וועלכער האָט געהאַט דיזעלבע פאָרם, וואָס זיין קרומער שטעקן. אויף אים זענען געוואַקסן אַביסל ייִנגע, גרינע בלעטעלעך און דריי קליינע רויזן־קנאָספּן.

די נאָנעס האָבן געעפנט דעם קרייז — און די שוועסטער אַגנעס האָט דאָרט אָפּגעפונען איר שטעקן — פאַרפּוצט מיט גרינע גירליאַנדעס און מיט דריי קליינינקע רויזעלעך.

— און דער הייליקער פּאָטער איז זיך ווייטער געגאַנגען אין גאָרטן. און ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אין שיין פון דער זון וואָלט אים פאָרויסגעגאַנגען עפּעס אַ ייִנגל, איז ער אים אַלזאָ נאָכגעגאַנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ קליינער קיילעכדיקער סאַזשלקע, ער איז צוגעגאַנגען צו איר און אַריינגעבליקט אַהין. די פּיניען־ביימער האָבן זיך געשפּיגלט אין קלאָרן וואַסער און זענען געוואַקסן טיף אונטן אין דר׳ערד, אָבער גאָר טיף אויפן גרונט האָט געלויכטן דער בלאָער הימל און די לייכטע ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס האָבן זיך איבער אים געגליטשט. —

דאָ האָט שוועסטער אַגנעס צום צווייטן מאָל איבערגעריסן איר זינגענדיקע דערציילונג. זי איז צוגעגאַנגען צום פֿאָנטאַן, וואָס האָט זיך געפֿונען אין ווינקל פֿון דעם פּאָרטיקוס און נאָך איר זענען נאָכגעגאַנגען די נאָנעס.

„קומט“, האָט געזאָגט דער דיאַקאָן, „דאָס איז זייער שיין“, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט צווישן די נאָנעס, וואָס זענען געשטאַנען בײַם וואַסער.

איינע פֿון זיי האָט געבראַכט אַ קליין קעסטעלע, האָט עס אויפֿגעעפֿנט פֿאַמעלעך און פּאָרזיכטיק.

„דעמדאָזיקן אַרטיסט שטעל איך צו דיספּאָזיציע!“ האָט דער גלח איינגערוימט דעם רעפֿערענדאַר. איינער פֿון מײַנע תּלמידים כאַפּט אים יאָר בײַ יאָר. פֿריער האָט ער געוווינט אין אַ ציגאַרן־שאַכטל עטלעכע טעג, כּדי זיך צוצוגרייטן צום דאָזיקן יום־טובֿ, אָבער די נאָנעס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז צו אַכזריותדיק — מחמת ער קען אפֿשר נישט פֿאַרטראָגן דעמ־דאָזיקן גערוך. האָב איך אים בכן אַריינגעלייגט אין אַ זייפֿן־שאַכטל — מסתּם שמעקט אים דאָס בעסער“.

די נאָנע האָט אַרויסגענומען אַ קליינע זשאַבע פֿונעם שאַכטל - האָט זי אַרויפֿגעלייגט אויף דער אָפֿענער האַנט פֿון דער שוועסטער אַגנעס. דאָס איז געווען אַ שיינינקע, קליינטשקע זשאַבעלע, וואָס אין ליכט פֿון דער לבֿנה האָט עס געשימערט מיט גאָלד־גרינע קאָלירן. און זיינע קלוגע אייגעלעך האָבן גע־קוקט פֿאַרחידושט אין די וועלט אַריין.

די ווייסע האַנט פֿון דער שוועסטער אַגנעס האָט לייכט אַ ציטער געטון. „אַך, ווי קאַלט“, האָט זי געזאָגט.

אָבער תּיכּף איז זי צוריק אַריין אין איר ראָל און ווײַ־טער דעקלאַמירט.

— דער הייליקער פּאַטער איז געזעסן לעבן וואַסער — מיטאַמאָל איז אַרייגעשפּרונגען אַ קליינטשיק זשאַבעלע אין זיין אָפֿענער האַנט —

„זי קלייבט זיך שוין צו שפּרינגען!“ האָט אויסגערופֿן אַ הויכע שטים. און אַלע נאָנעס האָבן זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

דאָס קליינע גרינע זשאַבעלע האָט נישט געוואַרט און דעם געגעבענעם צייכן. זי איז געטון אַ שפּרונג אַראָפּ, און פליאַך אין וואַסער אריין.

„אַך, אַך!" אַלע האָבן זיך צוגעשטופּט און אָנגעבויגן די קעפּ צום וואַסער.

פראַנק ברוין האָט געזען דאָס קליינע זשאַבעלע, ווי עס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון גראָז און זיך אונטערגעטוקט. ווי ס'איז פאַרבייגעשווימען די מיט רויזן באַשלענגלטע זיילן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין וואַסער. זי איז געשווימען צו דער לבנה צו, צו די שטערן און אַראָפּ אין שטראַלנדיקן הימל אַריין— פון דער ערד אַראָפּ.

אַלעמענס אינטערעס איז געווענדט געווען צו דעם חיהלע, קיינער האָט מער נישט געלייגט קיין אַכט אויפן גע-זאַנג פון די נאָנעס. איר זשאַבעלע האָט געטון דאָסזעלבע, וואָס דאָס זשאַבעלע פון הייליקן פאָטער — מערנישט דאָס איז גע=שווימען אין די שטראַלן פון דער זון. און איז פאַרשוונדן ערגיצווו אין דער טיפעניש פון תהום — אונטן, אין הימל.

„איך זע זי". האָט געכאַכאָטשעט די נאָנע מיט דער הויכער שטים. „טוט אַ קוק, דאָרט זיצט זי!"

אַלע האָבן זיך צוריק אָפּגערוקט; שוועסטער אַגנעס איז געשטאַנען אין סאַמע מיטן. זי האָט דערציילט, ווי דער פויפּסט אורבאַן האָט זיך פאַרטראַכט און געוואָרן זייער אומעטיק. ווי ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מ'זאָל אַרויסשיקן הונדערט שליחים, וועלכע זאָלן אַרומרייטן אין גאַנצן לאַנד און אויפזוכן דעם ריטער טאַנהייזער און אים צוריקברענגען קיין ענגעלסבורג. און ער איז געזעסן אויף זיין טראָן, האָט נישט געגעסן און נישט געטרונקען, און נישט גערעדט קיין וואָרט. ער האָט לאַנג אָנגעטראַכט און נאָכאַנאַנד געוואַרט.

אָבער אין דער יאָהאַניס=נאַכט האָט ער צוגעזאָגט די דאָ-מיניקאַנערינס צו זיין זייער גאַסט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער איז אַהינגעגאַנגען צו זיי, כדי צוזאַמען מיט זיי צו פייערן דעם יום=טוב פון די רויזן לכבוד דעם האַר יעזוס. ווי נאָר ער איז אַריינגעקומען אין הויף פון קלויסטער, האָט געבומען שנייען אויף אים מיט ווייסע רויזן=בלעטלעך און

ס'האָט געפּרעגלט מיט קלאָרן ווײַן, און ער האָט געהערט דאָס געזאַנג פון די פרומע שוועסטערן:

„דעם האַר יעזוסעס ליבע טוט ווונדער אין אַלע צייַן,
זי מאַכט, אַז ס'זאָל אינמיטן זומער שנייַען.
האַר יעזוס לאָזט רעגענען מיט גאָלדענעם ווײַן
און שנייעט פון הימל מיט רויזעלעך אַראָפּ!"

— דאָס האָט נישט געזאָגט די שוועסטער אַגנעס, די נאָנעס האָבן עס געזונגען. און אויבן, אויף דער גאַלעריע, זענען געשטאַנען צוועלף נאָנעס. טייל האָבן געהאַלטן בעכערס אין די הענט, האָבן אײַנגעטונקען אין זיי די פינגער און אַראָפּ־געשפּריצט מיט ווײַן — ווי מיט גאָלדענע טוי־טראָפּנס. און די אַנדערע האָבן אַראָפּגעוואָרפן רויזן, אַ סך, אַ סך ווייסע רויזן, וועלכע האָבן אַראָפּגעשנייעט פון אַלע זייטן אויף די זינגענדיקע שוועסטערן.

דערנאָך זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. שוועסטער אַגנעס האָט פאַרענדיקט איר דערציילונג. אָבער זי האָט נישט מודיע געווען, וואָס ס'איז געשען מיטן אָרימען ריטער, זי האָט נאָר געזאָגט, אַז דער פּויפּסט האָט אַנידערגעקניט צוזאַמען מיט די שוועסטערן און געזונגען מיט זיי אַ הימן פאַרן כבוד פון האַר יעזוס. און די פייערלעכקייט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פריידיקן לויב־געזאַנג וועגן יעזוסעס האַרץ, וועמענס ריינע ליבע ס'נעמט ארום אַלע באַשעפענישן; וועגן דאָזיקן האַרץ, וועלכעס איז פיל טיפער, ווי דער מענטשלעכער געדאַנק קאָן גאָר משיג זײַן.

— די אויבערין האָט אַ ווינק געטון צו דער שוועסטער אַגנעס, יענע האָט צוגענענט און אַנידערגעקניט פאַר איר טראָן־שטול. די אויבערין האָט איר געזאָגט אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער, איר געגלעט איבערן פּנים און דערלויבט אוועקצוגיין. אַלע שוועסטערן האָבן זיך אוועקגעזעצט בײַ די בעדעקטע טישן, האָבן געטרונקען דעם ווײַן און געגאַשט די קאָנפעקטן. ס'איז געווען אַ היפּש ביסל געלעכטער, כאַכאַטשערײַ און געפלוידערײַ אין קלויסטער־הויף, פּונקט ווי אין אַ מיידל־שול בעת דער פּויזע.

און די מאַנאַכין איז ווידער אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „לאָמיר זינגען, שוועסטערן".

פיר נאָנעס זענען אַדויסגעטרעטן; איינע פון זיי אַן אַלטע, גרויסע און דיקע פרוי, צוויי יונגע און איין קליינע נאָוויציאַנטין. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט לעבן פּאָרטיקוס, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן, מיט א מאַסע רויזן. די גרויסע האָט געגעבן דעם טאַקט מיט איר רויזנצווייגל; אויף פיר שטימען האָבן זיי געזונגען.

„לאָמיר זינגען און פריילעך זיין,
דאָ, צווישן רויזן,
צוזאַמען מיט יעזוס און זיינע פריינט זיין.
ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר'ן דאָ נאָך זיין
דאָ, צווישן רויזן!"

און אַלע האָבן עס אונטערגעכאַפּט און הויך האָט עס געקלונגען אין דער לבנה־נאַכט: „דאָ — צווישן — רויזן!"

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, און די אויבערין איז אויפגעשטאַנען. „ליבע שוועסטערן", האָט זי געזאָגט, „טרינקט פאַרן חתנס ליבע". זי האָט אויסגענייגט דאָס גלעזל ביזן דעק, און אַלע האָבן איר נאָכגעטון. „גיסט אַריין!" האָט זי אויסגערופן. „גיסט אַריין דעם ציפּערישן ווין".

שוועסטער קלאַראַ האָט אויפגעהויבן איר רויזנצווייגל און געגעבן דערמיט א צייכן: דאַן האָט די נאָוויציאַנטין אַליין גענומען זינגען. זי איז נאָך כמעט אַ קינד געווען, אַזוי יונג, צאַרט און שלאַנק. איר שטים האָט געקלונגען ווי פליסיקער לבנה־שיין, ווי אַ רעגן אין מאַי, ווי ווייסע רויזן־בלעטלעך, וואָס דער ווינט טראָגט פונאַנדער:

„הייבט אויף די בעכער
דאָ צווישן רויזן,
טרינקט אויס ביזן דעק.
און ס'וועט זיך ווייזן דער הייליקער גייסט
דאָ צווישן רויזן".

„טי—טי—טאַאַ—טאַאַ!" האָט עס געשאַלט אַרום דער קאָלומנאַדע. און דער נאַכטיגאַל האָט אונטערגעכאַפּט דעם טאָן און געטרילערט. „טו—טי. טי—אי—טי!"

דאַן האָט די מאַנאַכין אַ ווינק געטון: „ענטפער-זשע!" און די זיסע נאָוויציאַנטין האָט געזונגען העכער און פולער: „דאָ — צווישן — רויזן". און העכער און פולער האָבן געקלונגען די נאַכטיגאַל-טרעלן: „טי—אי—טי—טיאי—טי"—

נאָך איינמאָל, העל און קלינגענדיק, ווי האַמער-קלעפּ אָן בלאַנקעדיקע מירמל-פּליטן און ווידער ווי אָפּשטאַרבנדיק כמעט, ווייטיקדיק, אַ מין אָפּגעזעגענען זיך מיטן גאַנצן לעבן — און ווידער האָט געענטפערט דער נאַכטיגאַל.

דאַן האָבן זיך צעכליפּעט די נאָנעס. און פון דעם גלחס אויגן האָבן אַראָפּגעקאַפּעט צוויי דיקע טרערן.

„דאָס איז שיין", האָט ער געזאָגט, „אַזוי שיין!"

אָבער דער דיאַקאָן האָט געשעפּטשעט: „יאָ. הגם זייער — געצנדינעריש". אָבער אויך זיינע אויגן זענען געווען פייכט.

די מאַנאַכין איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „דאָ צווישן אונז איז ער, יעזוס, דער גאָט פון ליבע". זי האָט גענומען איר גלעזל, אויסגעשטרעקט דעם אָרעם און געטרונקען צו די שוועס-טערן.

זיי האָבן זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך און געטרונ-קען. דערנאָך האָבן אַלע, נישט אויסשליסנדיק דעם גלח, דעם דיאַקאָן און פראַנק ברוין, גענומען זינגען: „דאָ — צווישן — רויזן".

די אַלטע באַדינערין האָט אָנגעפילט די בעכערס; די קליינע נאָוויציאַנטין און די יינגע שוועסטער אורסולאַ האָבן זיך ארומגעפּאָרעט בּאַ די טישן, געהויבן די קאַראַפקעס און אריינ-געגאָסן פרישן וויין. און אַלע האָבן געטרונקען און געזונגען

דערנאָך האָט די אויבערין אַ ווינק געטון צום גלח, האָט זיך מיט אים באַגריסט. „דערציילט, כ'בעט אייך, וועגן דעם נאַכ-טיגאַל-פאָטער", האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, „ווען איר וועט צונויפשטעלן אייער באַריכט פאַר קעלן".

דער גלח האָט ציגעזאָגט: „כ'וועל עס זיכער טון!" ער האָט צוגערופן דעם רעפערענדאַר און אים פאָרגעשטעלט פאַר דער מאַנאַכין.

זי האָט געזאָגט: „דער איז עס אַלזאָ — דער".

זי האָט אים אויסגעפרעגט וועגן דער מוטער און וועגן אנדערע קרובים, וועגן זיין פעטער האָט זי נישט געפרעגט.

ער האָט דערציילט, זיינע ליפּן האָבן גערעדט. אָבער ער האָט נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט, זיין גאַנצע נשמה איז אריינגעדרונגען אין די אויגן. ער האָט נאָר געקוקט און געקוקט —

זי איז געזעסן אויף איר טראָן־שטול, דידאָזיקע גרויסע שיינע פרוי. א גוטע, הייליקע און ערנסטע — א טויטע צווישן אָט־דעם גאנצן לעבן. נאָר די הענט האָט ער געזען און, אין קיילעכיקן אויסשניט, אויך איר פּנים. דאָס איבעריקע פאַרהילט, שטרענג, ביזן מינדסטן פאַלד פון שוואַרץ־ווייסן האַביט. הינטער איר דער הויכער פאָרהאַנג פון ווייסע רויזן, אָבער רויטע רויזן זענען געלעגן אויף איר שויס — מיט זיי האָט זיך געשפּילט איר האַנט. דידאָזיקע הייליקע, קליינע, זיסע, עטוואָס פולע האַנט.

און פינקלדיקע, בלאָע אויגן —

זי האָט אים געהייסן דערלאַנגען א בעכער מיט ציפּערווייַן — און געטרונקען מיט אים.

דערנאָך האָט ער אַנידערגעקניט. מיט ביידע קניען אויפן טרעפּל פון איר שטול, הארט לעבן איר. עפּעס האָט אים געצויגן אהינצו, און ער האָט אנידערגעקניט.

ער האָט געטראַכט; „איך מוז בא איר א ברכה בעטן".

אָבער ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט.

די מאָנאַכין האָט אויפגעהויבן די הענט, און באַרירט לייכט, נאָר מיט די שפּיצן פינגער, זיינע שלייפן. זי האָט געקוקט אויף אים שווייגנדיק. דאָס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי א גאַנצע אייביקייט.

„פונקט ווי ער", האָט זי געמורמלט, „פונקט ווי ער".

זי האָט אונטערגעהויבן זיין קאָפּ — און זיך אַראָפּגעבויגן צו גלייכער צייט.

זי האָט אים א קוש געטון אין שטערן און געקושט זיינע ביידע אויגן. דריי קושן האָט זי אים געגעבן.

דערנאָך האָט זי אים לייכט. גאַנץ לייכט אָפּגעשטויסן פון זיך. זי איז אויפגעשפּרונגען און אים דערלאַנגט דאָס אוייגל מיט די רויזן.

„גיי אַוועק!" האָט זי געזאָגט. „גיי אַוועק!"

ער האָט אָ'גענומען דאָס צווייגל מיט די פלאַמענדיקע רויזן. ער איז אויפגעשטאַנען, וואַקלענדיק זיך, און זיך אָפּגערוקט אַ פּאָר טריט.

ער איז געשטאַנען לעבן דעם גלח און דעם דיאַקאָן. יענע האָבן געדעדט שטילערהייט און גאַנץ שנעל, אָבער ער האָט נישט אָפּגעריסן קיין אויג פון דער שענסטער פרוי. —

שוין־זשע איז דאָס נישט געווען די הייליקע מוטער, וואָס האָט אים געקושט?

די מאָנאַכין איז אַראָפּגעשטיגן פון איר טראָן און מיט שנעלע טריט אַרויסגעאײַלט דורכן פּאָרטיקוס. און נאָך איר זענען נאָכגעגאַנגען די נאָנעס.

שטיל איז געווען אין דעם ברייטן פּאָרטיקוס. בלויז די לבנה האָט געוואָרפן אירע בלאַסע שטראַלן אויף די מירמל־פּליטעס, און אַרום און אַרום דער ים פון ווייסע רויזן. אַך, סאַראַ ליכטיקייט —

„צי איז שוין דאָס דער סוף פון דעם יום-טוב?" האָט ער געשעפּטשעט.

דער גלח האָט געזאָגט: „געוויינטלעך נישט. אָבער היינט — ווער. דאָס שוין מסתּם זיין דער סוף". ער האָט אים אָנ־גענומען באַם לינקן אָרעם און דער דיאַקאָן באַם רעכטן. אַזוי האָבן זיי אים אַדורכגעפירט איבערן פּאָרטיקוס. לעבן די זיילן איז ער געבליבן שטיין. „איין ווײַלע נאָך" — האָט ער געבעטן — „איין רגע נאָך" —

ער האָט זיך אומגעקוקט. רויזן, רויזן, ווייסע רויזן און לבנה־שיין. איין גלאָז איז געווען אומגעדרייט — פון אים איז געפלאָסן דער ציפּערישער ווייַן אויפן שטראַלנדיקן מירמלשטיין אַראָפּ. ווי שוואַרץ בלוט איז געפלאָסן דערדאָזיקער ווייַן. און דער נאַכטיגאַל האָט געשלאָכצעט.

ער האָט געדריקט די האַנט פון דעם דיאַקאָן. „הויכ־ווערדיקער", האָט ער געפּליסטערט, „רעדט עפּעס. איין וואָרט באַטש — עפּעס נאָר! איך מוז אייער שטים הערן. איך וויל וויסן, צי דאָס אַלץ איז ווירקלעכקייט!"

„יאָ, יאָ" — האָט געזאָגט דער דיאַקאָן. „דאָס אַלץ איז אמת! קיִב, יינגער פּריינט!" זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם קלויסטער־גאָרטן, האָבן זיך אויפגעזעצט אויפן איינפּערדיקן וועגעלע און אַרויסגעפאָרן אויפן דאָרף. זיי זענען געפאָרן מיטן בזשאָזענעם וועלדל, דערנאָך דורך דער הילצערנער בריק — און האָבן אָפּגעפירט אַהיים דעם דיאַקאָן.

אָבער פראַנק ברוין האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט — ער האָט געטרוימט וועגן דעם פּאָרטיקוס, פון וועלכן ס'זענען אַרויסגעלאָפן די נאָנעס, וועגן העלן פּאָרטיקוס מיט די לבנהדיקע רויזן.

„דער דיאַקאָן איז גערעכט", האָט געזאָגט דער גלח. „דאָס איז געווען דער לעצטער רויזן־יום־טוב פון די רהיינישע נאָנעס".

„פאַרוואָס?" האָט ער געפרעגט. „פאַרוואָס?"

דער גלח האָט פּאַמעלעך געוויגט מיטן קאָפּ. „דאָס איז געווען אַ גרויסע זינד דעמאָלט, בעת די באַראָנעסע לענאָרע דראָסט האָט געקושט דעם פּריינט פון איר חתן — און זי האָט תשובה געטון אויף דערדאָזיקער זינד און איז אַריינגעטרעטן אין דעם קלויסטער. זי האָט אָפּגעריכט תשובה פאַר דידאָזיקע זינד גאַנצע צוואָנציק יאָר, ביז —"

„ביז —?" איז ער צוגעשטאַנען. „הויכווערדיקער — ביז?"

„היינט בײַנאַכט, צווישן ווײַן און רויזן, האָט די מאָנאַכין בעטאַ געקושט איר פריינדס ברודערנזון — אָדער אייגנטלעך: ווידער איר פריינט. ווי איר ווילט. דאָס איז געווען נאָך אַ שווערערע זינד".

ער האָט געשעפּטשעט: „אַ זינד איז דאָס געווען? — אַ זינד?"

דער גלח האָט געזאָגט: „נישט פאַר אייך און אויך נישט פאַר מיר! און ס'קען זײַן, אַז אפילו דער דיאַקאָן, הגם ער איז אַ סך שטרענגער, האַלט עס אויך נישט פאַר קיין חטא. אָבער זי, די מאָנאַכין, האַלט עס זיכער פאַר אַ גרויסע זינד. מיט אַ קוש האָט זי פאַרראַטן דעם געצלעבן חתן פון איר לעבן, יעזוסן, איר דערלייזער — הייַנטיקער נאַכט! — דאָס איז אַלזאָ זיכער דער לעצטער רויזן־יום־טוב".

„וואָס=זשע זאָל איך טון ?" האָט ער געפרעגט.

זיין שטים האָט געציטערט און דער גלח האָט אים גע־גלעט איבערן פנים. „איר ?" האָט ער געזאָגט. „איר קענט קיינזאַך נישט טון! — שלאָפט רויק און זייט מתפלל פאַר אַ הייליקע פרוי!"

ס'האָט אים גאָרנישט געחלומט אין דערדאָזיקער נאַכט. ער איז געשלאָפן רויק און שטיל. — אָבער אויף צומאָרגנס איז ער אַוועק צים גלח.

„איך קאָן איר פאָרט העלפן", האָט ער געזאָגט. „כ'חיל טו־דאָסזעלבע, וואָס מיין פעטער האָט געטון. כ'וויל ווערן קאַטויליש־"

דער גלח האָט אים אָנגעקוקט. ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, אָבער זיינע גוטע אויגן האָבן אויפגעשיינט. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אים דערלאַנגט די האַנט.

„איך וויל ווערן קאַטויליש", האָט איבערגעחזרט פראַנק ברוין.

אָבער דערנאָך האָט ער צוריק פאַרגעסן דערין.

* *

*

ער האָט עס פאַרגעסן — פּונקט אַזוי, ווי ער האָט פאַר־געסן דעם רויזן=יום=טוב, און דעם גוטן גלח — און די מאָ־נאַכין. אַזוי רייך איז געווען דאָס לעבן. — ער האָט זיך ווי־דער דערמאָנט דערין ערשט היינט, בעת דאָס אַלטע ליד האָט אַוועקגעמאַכט דעם פאָרהאַנג פון דער פאַרגאַנגענהייט.

גאַר שטיל האָט געשפילט דער אָרגל און זייער שטיל האָבן געקלונגען די שטימען פון גאָרטן אַהער. קיין איינציק וואָרט האָט מען נישט געקענט ארויסהערן, נאָר בלויז די ווייכע טענער —

דערנאָך אָבער האָט אויפגעשאַלט אין פולע טענער דאָס אַלטע ליד. דורך די גערטנער האָט עס אָפּגעקלונגען זיס און שטאַרק, ווי דער הייסער גלויבן פון יעטוועדער ליבע —

„אַזוי זינגט נאָר איינע אויף דער גאַנצער וועלט", האָט בעזאָגט אַנדריי.

און ס'האָט געקלונגען:

„Jesu! Dulcis memoria
Dans vera cordi gaudia—"

ראָסיוס האָט געוויגט מיטן קאָפּ: „גאָט מיינער — האָט די פרוי אַ שטים!"

פּאַמעלעך און פאַרנוויז זענען אַריינגעקומען פערציק דאָמיניקאַנערינס מיט רויזנקרענץ אין די הענט. זיי האָבן בלויז באַוועגט מיט די ליפּן, גלייך ווי זיי וואָלטן אינדערשטיל מתפּלל געווען, זיי זענען אַרומגעגאַנגען פאַרביי די עסטראַדעס, געבליבן איטלעכס מאָל שטיין פאַר דער אויבערינס טראָן, האָבן זיך טיף פאַרנייגט און פייערלעך געשפּאַנט ווייטער. דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעשטעלט אינמיטן.

און בלויז די אַלמעכטיקע שטים פון דער פאַרסטין האָט געשאַלט מיט לעבן איבער די ברייטע זאַלן.

„כ'בין נייגעריק צו וויסן, וויפל זי באַקומט פאַר דעם!" האָט געפּליסטערט אַנדריי. „אונטער דריי טויזנט וועט זי אַוודאי קיין אָנטייל נישט נעמען, דאָס איז זיכער!"

דערנאָך איז אַנטשוויגן געוואָרן די שענסטע שטים. די געסט האָבן געקלאַטשט מיט די הענט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען אויף אַ אָפּערע. אָבער אויבערין זוזאַנאַ פּיערפּאָנט איז אויפגעשטאַנען און געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט. דאַן האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די פאַרשטעלונג האָט זיך נאָכנישט פאַרענדיקט און האָבן צוריק אַוועקגעלייגט די הענט אויף דער שויס.

דער כאָר פון די נאָנעס האָט ווידער אויפגענומען דאָס ליד, מיט שטאַרקע און פולע שטימען האָבן איצט געזונגען פערציק פרויען.

„איר וועט באַלד הערן עפּעס אינטערעסאַנטס, דאָקטאָר!" האָט זיך צעלאַכט אַנדריי. „דאָס זענען מיינע כאָריסטינס, וואָס כ'האָב אויסגעבאָרגט דער פּיערפּאָנט — מיין קאַפּעלמייסטער האָט דאָס איינגעשטודירט מיט זיי צוויי וואָכן צייט און איז שיר נישט משוגע געוואָרן פון זייער געהייל".

זיי האָבן אָנגעהויבן:

*) „Nil cantitur suavius
Nil auditur jucundius,
Nil cogitatur dulcius,
Quam Jesus Dei Filius!“

אָבער די שוואַרץ־ווייסע מיידלעך האָבן עס אויסגערעדט אויף ענגליש. זיי האָבן געזונגען: „נעיל קענטיִטער סיוּעוויִעז, ניל אָדייטער דזשעקענדייעס, א. א. וו.

זיי האָבן עס דערצו געזונגען סינקאָפּירט; פֿון די אויסגעזינגענע גאָרגלען פֿון די אָפּערעטן־כאָריסטינס האָט עס געקלונגען, ווי אַ געהייל אָדער געקרייעריי פֿון הענער.

„צי האָט דאָס אייער קאַפּעלמייסטער אַזוי איינגעאָרדנט?“ האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין.

„ניין, ניין“, האָט זיך צעלאַכט דער דירעקטאָר, „ער האָט זיך געוועהרט אַקעגן דעם מיט הענט און פֿיס. אָבער די פּיערפּאָנט האָט עס דורכויס פֿאַרלאַנגט, זי האָט געהאַלטן, אַז דאָס וועט אַריינטראָגן אַביסל לעבן — און וועט זיין אַ זייער גוטער איבערגאַנג צו דעם טריוויאַלן טייל.

דאָן צעזאַר האָט זיך ווייטיקלעך פֿאַרקרומט, צוהערנדיק דאָסדאָזיקע געהייל, אָבער דער מאָנאַכין איז עס זייער געפֿעלן געוואָרן און אויך אַלע אירע געסט. צוערשט האָט זי געפּאַטשט מיט די הענט — דערנאָך האָבן אַלע איבעריקע גענומען קלאַטשען, בעת דער נומער האָט זיך געענדיקט.

„אַלמאַי טאַנצן נישט די מיידלעך?“ האָט געפֿרעגט ראַסיוס. „אַז שוין — טאָ שוין!“

„ווייל זיי זענען דאָך מכלומרשט נאָנעס —“ האָט געענטפֿערט אַנדריי, „און ווייל מיר זענען דאָך אין אַמעריקע. ינגען „Ragtime“ מילא, דאָס קאָן מען נאָך — אָבער

*) גאָרנישט זינגט זיך אָנגענעמער,
גאָרנישט זינגט זיך חדווהדיקער,
וועגן קיינזאַך טראַכט זיך זיסער נישט,
ווי וועגן יעזוס, דעם זון פֿון גאָט!“

טאַנצן? דאָס וואָלט שוין דעם ליבן גאָט באמת אַריינגעברענגט אין גרימצאָרן".

די „נאָנעס האָבן זיך אָפּגערוקט; די קאָמיקער זענען אַריינגעשפרונגען אין זאַל. פולצינעלאָ, אַרלעקווינא און פּאַנטאַלאָנע, פּראַקאַסאָ, קאָלאָמבינא און איזאַבעלאָ, ברייהעלאַ, סקאַראַנוציאָ און סאַנטאַרעלאָ. מ'האָט געקענט באַמערקן, ווי שטאַרק דער רעזשיסער האָט זיך אָפּגעמאַטערט. כדי דאָס אַלץ זאָל אויספאַלן אביסל סטילמעסיק. אָבער ער וואָלט שוין גיכער געוואן אויסגעלערנט אַרטרעטישע מאַפּסן דידאַזיקע בופּאָ-פּאַנטאָמינע. דאָס איז געווען אַ צרהדיק הויבן מיט די אָרעמס, עפּעס אַ אידיאָטישע זשעסטיקולאַציע, פון וועלכן ס'האָט קיינער נישט געקענט קיין טאָלק דערגיין.

„ווי געפעלט אייך קאָלאָמבינאַ?" האָט געפרעגט דער דירעקטאָר, „אַ שיינע חברהמאַנטע, וואָס! דאָס איז די קליינע דעוויס פון קניקערבאָקער-טעאַטער, די יינגסטע פאַוואָריטין פון דער פּיערפּאָנט".

פאַרשטייט זיך, אַז מ'האָט געקלאַטשט מיט די הענט, בעת די לצים האָבן אָפּגעצויגן. דינערס זענען אַרומגעלאָפן מיט גרויסע טעלערס, האָבן דערלאַנגט קוכן און געפרוירנס, איינגעגאָסן לימאָניאַד און אייז-וואסער. דערצו האָט איטלעכער גאַכט באַקומען אַ זיידענעם בייטל מיט קאָנפעקטן,

„צי איז נישטאָ קיין ווין?" האָט געפרעגט ראָסיוס כמעט מיט פאַרדראָס.

„איר זענט אין ניו-יאָרק, יונגערמאַן!" האָט אים אויפגעקלערט אַנדריי. פאַרגעסט נישט דערין. — גייט אַריין, זייט מוחל, אין איינעם פון די באַרן — דער נאָענטסטער איז דאָ פאָרנט אין ווינטער-גאָרטן — דאָרט וועט איר קריגן אַזויפיל שאמפּאַניער, ווין און ויסקי, וויפל איר וועט נאָר אַליין וועלן טרינקען".

אַ מחנה ווייבער זענען אַרויף אויף דער סצענע, האָבן גענומען טאַנצן און שפּרינגען עפּעס אַ מין טאַנץ, וועלכער האָט געזאָלט ווירקן באַקכאַנטיש ווילד. זיי האָבן געהאַט נאַקעטע פיס, אָרעמס און נאַקן, געטראָגן אַרום דעם לייב דינע,

קאָלירטע שלייערס, וועלכע האָבן זיך לייכט געהאַלטן אויף די אַקסלען און באַם גאַרטל.

„דאָס זענען ווידער די נאָנעס", האָט דערקלערט דער דירעקטאָר — „זיי האָבן זיך אין דער צווישנצייט פאַרוואַנדלט אין קורטיזאַנעס — אַזוי גייט עס שוין אין לעבן".

די זויבעריז האָט זיך אויפגעהויבן, געעפנט איר זיידענעם בייטל און גענומען אַראָפּוואַרפן קאָנפעקטן. און אַלע האָבן נאָכגעטון איר ביישפּיל. דאַן האָבן זיך די מיידלעך א וואָרף געטון אויף דער ערד, איטלעכע האָט געכאַפּט, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. זיי האָבן צונויפגעקנוילט זייערע שלייערן ווי פּאַרטעכלעך, אריינגעוואָרפן אַהין די צוקערלעך, האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן זיך געשלאָגן און ארויסגעריסן איינע פון דער אַנדערער דעם רויב. דער העראָלד האָט אַ בלאָז געטון — דאַן האָבן זיי תיכף אויפגעהערט. דער צער[illegible]-מייסטער איז אַראָפּגעשטיגן פון דער עסטראַדע; ער איז געווען גלייכצייטיק דער ריכטער, וואָס האָט באַשטימט די פּריזן. די דינערס האָבן געציילט די קאָנפעקטן; הונדערט זיבן און דרייסיק האָט אָנגעקליבן איינע אַ מאָגערע, מיט זייער דאַרע און לאַנגע פיס. זי איז געווען די זיגערין און די מאָנאַכין האָט איר דערלאַנגט דעם פּריז: אַ גאָלדענעם בראַסלעט באַזעצט מיט בריליאַנטן.

די מיידלעך האָבן זיך אָפּגערוקט; אונטער די קלאַנגען פון גלאַדיאַטאָרן=מאַרש האָבן אַריינמאַרשירט די אַטלעטן.

„צי קענט איר זיי?" האָט אַנדריי געלאַכט. „פּריץ ראַכמאַנס אַטלעטן פון מאַנהעטן=היוז! נו, ראָסיוס, איר האָט דאָך דאָרט זומער=צייט געאַרבעט — ווער איז דער דיקער בולק, אָטדער אָן האַלז?"

דער סעקרעטאַר האָט געמורמלט: „פּיעראַרד לע קאָלאָס! — לעבן אים שטייט וולאַדעק זבישקאָ פון קראָקע, ווייטער אַלבערג און לוריש, לואידזשי מאַנזאַנטיני, וועלכער הייסט אייגנטלעך מילער און איז געווען דער קוכער פון דאַמפּער „קרוינפּרינצעסין". אַלבערט פירסט, דער שטאָלץ פון הערנאַלס, געוויינטלעך קעלנער אין פלאַזשע-האָטעל, דער קאָזאַק לינאָף, און העוועגפּעי, דער שמערן פון פינלאַנד —"

„אַ דאַנק, אַ דאַנק!" האָט געזאָגט אַנדריי. „אייערע ספּאָרטלעכע ידיעות זענען ממש דערשטוינענדיק".

די מענער האָבן נישט געהאַט אויף זיך קיין טריקאָטן נאָר אַ גאַנץ שמאָל פּאַרטעכל אַרום די לענדן. די דינערס האָבן אַריינגעשלעפּט צוועלף גרויסע מאַטן און זיי אויסגעלייגט אויף דר'ערד. דערנאָך איז דער העראָלד צוגעגאַנגען צו די אַטלעטן' האָט זיי געהייסן ציען גורל, און הויך געמאָלדן, וועלכע אַט-לעטן עס וועלן קעמפן קעגן איינאַנדער.

און די גבורים האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אין צוועלף פּאָרן אויף די מאַטעס און זיך אַ וואָרף געטון איינע אויף די אַנ-דערע. זייער ראַנגלען זיך איז בלויז געווען אַ קאָמעדיע. „קעטש-עס-קעטש" אין דערלעבן גריכיש=רוימיש און געמישט אויך, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. דאָס זענען געווען ראַנגלעניש אָן אַ באַדייטונג פאַרן מבין — אָבער ווער האָט זיך דען דאָ פאַר-שטאַנען דערויף? נאָקעטע מוסקלען פון שטאַרקע מאַנסלייט פאר די אויגן פון דידאָזיקע פרויען — דערין איז באַשטאַנען דער וויץ! דער קאָזאַק לינאָף האָט עטלעכע מאָל ארויסגעשצירעט די ציין, בעת דער קעגנער האָט זיך ארויסגעדרייט פון זיינע מאָל-פּישע אָרעמס, און דער פינלענדער העוואַנפּעי האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ ווילדן מאַן. ער האָט געשריגן, געדראָט מיט דער פויסט דעם פובליקום — דאָס איז געווען זיין אויפגאַבע — פאַר דעם האָט מען אים געצאָלט.

בורשאַרד, דער צערעמאָניע=מייסטער, האָט דערפילט דעם אַמט פון אַ ריכטער, און די קעמפערס האָבן אים פאַרלייכטערט דידאָזיקע אויפגאַבע. צו וועלכער מאַטע ער איז נאָר צוגעקומען, איז באַלד אַנידערגעפאַלן איינער און געבליבן ליגן אָן באַוועגונג, גלייך ווי ער וואָלט געווען צוגעפּעסטיקט מיט די פּלייצעס צו דר'ערד.

„זיגער — לינדסטרעם, דער שוועדישער ריז", האָט ער אויסגערופן. „זיגער — ווינעטוי, דער קאָמאַנשן-אָנפירער".

„דער הייסט הובער און איז אַ קיילער-געהילף", האָט זיך צעלאַכט ראָסיוס.

„זיגער — סאַם איינשטיין, די האָפענונג פון מזרח=קוואַר-טאַל", האָט באַקאַנט געמאַכט דער צערעמאָניע=מייסטער, און ווידער: „זיגער — פּיעראַרד לע קאָלאָס!"

ער האָט אַרומגעפירט די זיגערס פאַרביי דעם עולם, דער-נאָך אָקעגנאיבער, ווו די קורטיזאַנעס זענען געשטאַנען — דאָס

איז געווען דער פּריז פאַר די העלדן אין ליבעס־קאַמף ; איטלעכער פון זיי האָט זיך געזאָלט איינע אויסוויילן. די דאָזיקע קאָמעדיע איז געווען פאַר די שטאַרקע מענער אַ סך שווערער, איידער די פריערדיקע ראַנגלעניש. זייער אויפגאַבע איז געווען צו וואַרפן זיך ווילד אויף די מיידלעך, אַ כאַפּ טון דעם רויב אויף די פּלייצעס און אַרויסטראָגן פון זאַל. און די קורטיזאַנעס האָבן געדאַרפט שלינגען די גבורים מיט גיריקע בליקן, חנדלען זיך צו זיי און צולאָקן צו זיך, דערנאָך אָבער, דערשראָקענע פון זייער גבורה און ברוטאַלער געוואַלט, נעמען שרייען, וויינען און שלאָגן אַרום זיך מיט הענט און פיס. אָבער דער בליק פון די כאָריסטינס איז גאָרנישט געווען אַזוי רייצנדיק, און די נאַקעטע גבורים האָבן זיך פאַרהאַלטן, ווי גימנאַזיסטן אויף דער ערשטער טאַנץ־לעקציע. דער קאָמאַנשן־הויפּטמאַן הובער האָט צונויפגעשלאָגן די קנאַפּל און געשטאַנען שטייף פאַר זיין אויסדערוויילטער, גלייך ווי ער וואָלט די פּרווי פון זיין אונטעראָפיציר אויף אַ מיליטערישן באַל צום טאַנץ פאַרבעטן. דער שטאָלץ פון הערנאַלס, אַלבערט פירסט, האָט גאַלאַנט אָנגעבאָטן זיין דאַמע דעם אָרעם, און פּיעראַרד לע קאָלאָס — דריי הונדערט קילאָגראַם שווער, און מיט דעם קיילעכיקן קעפּעלע פון אַ פינפיאָריקן יינגל איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ הילפלאָזער און זיך נישט גערירט. נאָר העוואָנפּעי, דער צעווילדעוועטער פינלענדער, האָט גוט אָפּגעשפּילט זיין ראָל, ער האָט אַרויסגעהאָנגען זיין לאַנגע צונג, געהלט, געברומט און געוואָרפן זיינע אָקסענע אויגן פון איינער אויף דער צווייטער, ווי ער וואָלט וועלן האָבן אַלע מיטאַמאָל. דערנאָך האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויפן שלאַנקן דזשים העווקינס, די שוואַרצע פּערל, וועלכער האָט גאָר דערלאַנגט די האַנט אַ דאַר, אַנעמיש מיידל. ער האָט אַרויסגעריסן באַם נעגער דאָס מיידל מיט אַ ווילדן געברום, האָט זי אויפגעהויבן אינדערהויך און אַרויסגעטראָגן אויף די פּלייצעס פון זאַל. די כאָריסטין האָט זיך אויף אַן אמת דערשראָקן, געשריגן נאָך הילף און אַרומגעצאַפּלט — און די מאַנאַכין מיט אַלע אירע געסט האָבן געלאַכט און געקלאַטשט מיט די הענט.

די זיגערס האָבן זיך דערוויטערט מיט זייערע אויסדער־ווײלטע, אָבער זיי האָבן זיי תּיכף אָפּגעלאָזט. זענען אַוועק רעכטס אין גאָרטן, בעת די כאָריסטינס זענען אָפּגעגאַנגען אויף לינקס.

„נו, מײַנע מיידלעך האָבן שוין זייערס געענדיקט", האָט געזאָגט אַנדריי, „זיי וועלן זיך שוין קענען אָנטון און אָפּגע־שיקט ווערן אַהיים. איטלעכע פון זיי וועט באַקומען הונדערט דאָלאַר פאַרן אָוונט, און פאַר יעדער פּראָבע באַזונדער באַצאָלט, צו צען — אַ נישקשהדיק געשעפטל!"

„און די אַטלעטן?" האָט געפרעגט ראָסיוס.

„כ'ווייס נישט", האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, „מסתּם אַ סך מער. איבעריקנס זייער הויפּט-טעטיקייט הייבט זיך ערשט אָן; זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן, וועלן קריגן אַ סך צו עסן, און נאָכמער צו טרינקען.

דערנאָך, בעת זיי וועלן שוין זײַן אָרנטלעך שיכּור, וועט מען זיי אַרויסלאָזן — אָדער ריכטיקער, די לבנה־ווייבער וועלן זיך אַליין אַ לאָז-טון אויף זיי, און דידאָזיקע לומפּן וועלן זײַן זייער רויב! אָבער איך גלייב, אַז דידאָזיקע דאַמען וועלן זיך ביטער אַנטוישן. אין פּרט פון ליבע נעמט נישט אויס קיין שום אַטלעט!"

די פאָרשטעלונג איז געווען געענדיקט. דער העראָלד האָט געהייסן בלאָזן אין די פאַנפאַרן — די אויבערין אַ ז אויפגע־שטאַנען און אַראָפּגעשטיגן צוזאַמען מיט צעזאָרן פון די שטיגן. די מוזיק האָט אויפגעשפּילט און ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די טענץ. „Hesitation" פאַרשטייט זיך -- אין רענעסאַנס-טראַכט!

די דריי מענער זענען אַוועקגעגאַנגען דורכן ווינטער־גאָרטן אין נאָנטסטן באַר אַרײַן, אין וועלכן ס'איז געווען אַ געוואַל־דיקע ענגשאַפט. מ'האָט דאָ שנעל אַראָפּגעשלונגען איין משקה נאָך דער צווייטער, סעקט, וויסקי א. א. אַלץ, וואָס דער דינער האָט נאָר דערלאַנגט.

מיטאַמאָל האָט פראַנק ברוין דערפּילט עמיצנס אַ האַנט אויף זײַן אַקסל: ער האָט זיך אויסגעדרייט.

„עמע ברייטויער?" האָט ער אויסגערופן. „פונוואַנען האָט איר זיך דאָ דערנומען?"

„פונוואנען איך האָב זיך דאָ דערנומען?" האָט זי זיך צעלאַכט. „איך בין אַמעריקאַנערין אַזוי גוט ווי יעדע איינע דאָ — און בין פון קלוב!" זי האָט אָנגענומען זיין אָרעם. „צי האָט איר זיך שוין דורכשפּאַצירט, דאָקטאָר? קומט, איך וועל אייך פירן".

„כ'האָב געוואָלט אויסטרינקען אַ גלאָז וויין —" האָט ער באַמערקט.

„וויפל אייער האַרץ גלוסט נאָר", האָט זי אויסגערופן.

„מיר האָבן דאָרט אָפּגעזונדערטע צימערלעך און אַ קליין קע־לערל אין איטלעכן פון זיי. זי האָט אים מיטגעצויגן מיט זיך אין אַן אַנדערן זאַל, וואָס איז געלעגן באַם ווינטער־גאָרטן. דאָ זענען געשטאַנען פיל קליינע געצעלטלעך, וואָס האָבן זיך ענג צוגויפגעטוליעט, איינס האַרט לעבן אַנדערן. אין זאַל איז גע־ווען זייער טונקל. נאָר די רויט־פאַרהאָנגענע לאָמפּן האָבן גע־וואָרפן ווי נישט ווי אַ שוואַך ליכט. זי האָט אַוועקגעמאַכט דעם פאָרטיער פון איין געצעלט און אים אַריינגעצויגן אַהין.

אַ פּערסיש צימערל. אַן אַמפּל אינדערהויך, אַ סך טע־פּיכער און קישנס. עטלעכע כלי־זינס אויף די ווענט פון גע־צעלט און הינטן אַ קליין קעסטל. ברייטויער האָט עס אויפגעעפנט:

„טו אַ קוק!" האָט זי געזאָגט.

אַ וויין־קילער מיט עטלעכע פלאַשן אין אייז. דערלעבן ליקער־פלעשלעך, ווייטער אַ שאַכטל מיט ציגאַרן און פּאַפּיראָסן. אויך קאָנפעקטן, קוכן און סאַרדינען. „מאַך דיר באַקוועם!" האָט זי זיך צעלאַכט. „עס, טרינק, רויכער — און טו, וואָס דו ווילסט".

„פונוואַנען האָט איר דעמדאָזיקן קאָסטיום?" האָט ער געפרעגט. זי האָט אויסגעזען וואונדערבאַר שיין, דידאָזיקע שלאַנ־קע פרוי, וועלכע איז שוין געווען אַ באָבע זינט צוויי יאָר. אירע ציין האָבן געבלאַנקט, גלייכמעסיק און פּרעכטיק, ווי די באַרימטע פּערלשנור, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען פון האַלז. עמע ברייטויערס פּערלשנור — צוויי מעטער מיט צוואַנציק די לענג, איבער אַ מיליאָן דאָלאַר די ווערט — וועגן דעם האָט גערעדט מיט באַוווּנדערונג איטלעכס געוועלב־מיידל אין ניו־יאָרק, אירע אויגן האָבן געשימערט מיט אַ שיכּורער בלאַקייט און געווירקט נעהיימנישפול מיט זייער שטאַרקער

קורצזיכטיקייט. אַלץ איז געווען האַרמאָניש אין דאָזיקן גע-פּלעגטן פּנים, בלויז די גראָדע ליפּן-ליניע האָט עטוואָס אי-בערגעריסן דידאָזיקע האַרמאָניע. זי האָט געטראָגן אַ שטאַרק געפּאַסט קלייד פון זילבער-בראָקאַט, פון אויבן ביז אַראָפּ גע-האַפּטן; די רויט-בלאָנדע האָר זענען געווען זייער הויך פאַר-קעמט און דורכגעצויגן מיט שנירלעך פּערל. גרויסע פּערל האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון אירע אויערן, פּערל אויך אין אירע פּלאַטין-רינגלעך.

„מיין קלייד?" האָט זי געענטפערט. „דער מאָלער רונק האָט עס מיר געצייכנט. — די בלעקלענד האָט עס אויפגע-נייט — איך דאַרף פאָרשטעלן מיט זיך אַ פירשטין פון ציפּערן — און בין די געליבטע פון קאַרדינאַל קאַלאַנאַ. געפעלט עס דיר? און איצט גיב אַכט!"

זי האָט אָפּגעשפּיליעט דעם זילבערנעם גאַרטל און לויז-געמאַכט אַ קליינע קלאַמערע פאַרנט אויף דער ברוסט — דאַן האָבן זיך אָפּגעשפּיליעט אַלע העקעלעך מיטאַמאָל פון אויבן ביז צו די קני. — און דאָס זילבערנע קלייד האָט זיך אויפגעפּראַלט אויף ביידע זייטן ווי אַ ים-מושל: פולשטענדיק נאַקעט איז זי געלעגן פאַר אים — זי האָט נישט געהאַט אויף זיך נישט קיין העמד און נישט קיין זאָקן.

זי האָט שנעל ווי אַ שלאַנג אַרויסגערוקט אירע אָרעמס פון די אַרבל און זיי אויפגעהויבן אינדערהייך.

„און איצט בין איך בלויז אַ ן פּערל!" האָט זי זיך צע-לאַכט. „קוש מיך!"

ער האָט אַ קוש געטון איר האַנט, האָט אָנגעפילט צוויי גלעזלעך און מיט איר געטרונקען. „נאָר איר קענט זיך דערויף דערלויבן", האָט ער אויסגערופן: „מיט אייער פיגור!"

„כ'דאַנק!" האָט זי געזאָגט. „אָבער זאָג מיר „ד" — היינט באַנאַכט! פירשטינס פון ציפּערן זענען צו דעם צוגעוווינט, איבערהויפּט ווען זיי זענען אויסגעטון! און דערצו געליבטע פון קאַרדינאַלן —"

זי האָט זיך אַליין איבערגעריסן און אַרויפגעלייגט דעם פינגער אויפן מויל. „ססט!" דאָט זי געמאַכט. „ססט! דערינען איז עמיצער דאָ!"

א שטיל פליסטערן האָט זיך דערהערט פון דעם שכנות־דיקן געצעלט. זי האָט צוגעפויזט אויף אַלע פיר, האָט אַראָפּ־גענומען אַ רעוואָלווער פון דער וואַנט און זיך איינגעהערט דורך אַ קליינע עפענונג. דערנאָך האָט זי אַ ווינק געטון צו פראַנק ברוינען.

„קוק אַדורך", האָט זי געפליסטערט. „דאָס איז מאַריאַן דע פאָקס!"

ער האָט אַריינגעקוקט דורך די עפענונג. אָ, יאָ, דאָס איז געווען די, וואָס האָט געשפּילט אַלס פאַרנעז, דעם פויפּסטס מעטרעסע. לעבן איר איז געווען דאָס בלאָנדע צוועלפיאָריקע מיידל, לוקרעציאַ באָרדזשיאַ, וואָס איז געזעסן אויף איר שויס בעת דער פאָרשטעלונג. זי האָט אַראָפּגעצויגן פון דעם קינד די שיך און זאָקן, אָנגעגאָסן איר אַ גלעזל זיסן ליקער, זי געקאָרמעט מיט קאָנפעקטן. האָט געשעפּטשעט הייס, געקושט די קליינע און איר אויסגעטון די קליידער —

עמע ברייטויזער האָט אים אָוועקגעשטופּט און קניענדיק אַריינגעקוקט דורך די עפענונג. זי האָט גיך געסאָפּעט, צוגע־פּרעסט מיט ביידע הענט אירע שטאַרקע ברוסטן, דערנאָך האָט זי זיך צוריקגעוואָרפן אויפן דיוואַן —

„קום!" האָט זי אויסגערופן.

„צי האָט איר אַזעלכע קוק־לעכער אין אַלע ווענט פון די געצעלטן?" האָט ער געפרעגט.

„יאָ!" האָט זי געענטפערט שטיל און אומגעדולדיק. „אומעטום! דאָס איז געווען זוזאַנאַ פּיערפּאָנטס איינפאַל. דאָס רייצט אויף, זיך צוצוקוקן — צי געפינסטו נישט? — קום — קוש מיך".

זי האָט אויסגעשטרעקט ברייט די אָרעמס און קניען, אַראָפּגעשליידערט די זילבערנע סאַנדאַלן פון די פיס —

דידאָזיקע פרוי — קיין שום פרוי האָט נישט געהאַט קיין קלענערע פיס פון איר. זיסע פיס — זייער געפלעגטע פיס — פיס, נאָך וועלכע די מאַנסלייט פלעגן נאָכלויפן אויף די גאַסן, אין טע־אַטערן און אין לאָקאַלן. פיס, וועלכע האָבן נישט איינעם דעם קאָפּ פאַרדרייט — פיסלעך, וועלכע האָבן געקענט מאַכן חסר־דעה, בעת זיי זענען געווען נאַקעט.

עמע ברייטויערס פערל -- עמע ברויטערס פיס —

אָבער ער האָט זיי נישט באַרירט. עפּעס אַזוינס איז געווען, וואָס האָט אים אָפּגעשטויסן.

דאָס איז זיכער — זי האָט געהערט דאָ אַהער — אַזוי גוט ווי יעדע אַנדערע פון די לבנה־דאַמען. זי איז געווען אַ מיליאַרדערין, דידאַזיקע דייטשישע קיילער־טאָכטער; זי איז געווען גיריק אויף איטלעכן גענוס און ווילטאַג און האָט זיך געקענט קויפן, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט. און זי האָט דאָס געטון — אָן בושה און אָן געשמאַק, אָפן—ווי אַנדערע. פשוטער אפשר און נאַטירלעכער— ווייל אַזוי איז שוין געווען איר שטייגער — אָבער פּאָרט אַ זונה צוגלייך מיט די אַנדערע.

— עפּעס האָט אים אָפּגעהאַלטן.

נישט קיין אָנפאַל פון צניעות, ריינקייט און אומשולד, אַ ניין, קיין שום בושה און נישט קיין עקל. ער האָט זיך געוואַלגערט אין זומפּ פּונקט ווי דידאָזיקע אַלע חיות, האָט צוזאַמען מיט זיי געהוליעט, געפרעסן זייער פרעסן. און דידאָזיקע נאַקעטע פרוי אין די פּערל, דערדאָזיקער אומענדלעך געפלעגטער גוף, וועמענס בלאַנקענדיק פלייש האָט געלאָקט מיט זיין דופּט, דידאָזיקע ווייכע ליניעס, וועלכע שיינען צו זיין אייביק יינג, ווי אַפראָדיטע אַליין —

שוין־זשע איז אויך דידאָזיקע נישט אַמאָל אַרויסגעקראָכן פון אַ ים־מוישל, בעת זי איז אַ שטראַלנדיקע און נאַקעטע אַרויסגעשטיגן פונם וואַסער־שוים ?

און דאָך האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז געווען אַ דייטשקע -- דאָס איז געווען אַ דייטשקע — דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס ער האָט זי נישט אָנגערירט. און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די לעצטע זונה אפילו פון דייטשלאַנד דאַרף זיין אַ היילינקטום אין דערדאָ זיקער צייט.

אָבער זי האָט שוין געוווסט, ווי אַזוי אים צו נעמען. זי האָט זיך האַלב אויפגעהויבן, זיך צוגערוקט צו אים און פאַרלייגט די אָרעמס אויף הינטן אַזוי, אַז די פּרעכטיקייט פון אירע ברוסטן האָט ווי חוזק געמאַכט פון זיין קינדערשן צווייפל. זי האָט צונויפגעצויגן די פּיס און זיי אים אַרויפגעלייגט אויף דער שויס —

„דיינע פּיס זענען שיין“, האָט ער געזאָגט, „זיי זענען זיי ווי — ווי —“

ער האָט געזוכט עפּעס אַן אויסדרוק. אָ, ס'האָט געמוזט זײַן דאָס זיסטע, וואָס ס'איז נאָר פֿאַראַן אויפֿן דאָזיקן פּלאַנעט.

„ווי דער פֿאַרסטינס שטים", האָט ער געזאָגט. „אײַן גאָט ווייסט — זיי זינגען, דײַנע קלײנע פֿיסלעך".

און ער האָט מיטגעברומט די מעלאָדיע, וועמענס קלאַנגען ס'האָבן זיך אַהערדערטראָגן פֿון גרויסן זאַל אין דאָזיקן ליבעס־געצעלט אַרײַן: „אין וועלדל אײַדאָ דרײַ געטינס —"

אָ, יאָ, זי איז געזעסן פֿאַר אים, די געטין. און ער האָט געפֿילט, אַז ער וואָלט איר דאָך דערלאַנגט דעם עפּל — אירע וועלכע ס'האָבן באַצירט די רײַכסטע פּערל פֿון ים —

מיטאַמאָל האָט זי גענומען אים זינגען:

— און פֿרוי ווענוס איז געשטאַנען דערלעבן,
שטיל דערלעבן אין זיסן רײַף.
כ'האָב איר געמוזט דעם עפּל געבן,
דו, קאַלכאַס, ווייסט פֿאַרוואָס!

און אירע פֿיסלעך האָבן געכאַכאָטשעט, געשפּילט זיך און אַרומגעטאַנצט אויף זײַנע קניען.

„צי ווייסטו", האָט זי געפּליסטערט, „איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון אַרבעטס־קאָמיטעט הײַנט אינדערפֿרי. זיי דאַרפֿן געלט פֿאַר זייער נײַע פּרעסע־קאַמפּאַניע — מיך דאָבן זיי אָפּגעשאַצט אויף טויזנט דאָלער — ווײַל איך גיב געוויינטלעך אַזוי פֿיל — נישט מער און נישט ווייניקער — אויף אַזעלכע מיני זאַכן. איך וועל זיי צושיקן דאַסמאָל פֿינף טויזנט, ווײַבאַלד —"

זי האָט אָפּגערוקט אירע פֿיס מיט איין באַוועגוג. האָט אַני־דערגעקניט, אַרומגענומען אים מיט אירע אָרעמס און אַראָפּגעצויגן פֿון אים דעם ברוינעם האַביט. „קום — וואָס מאַכסטו לאַנגע שהיות?"

„הלמאי ווילסטו מיך?" האט ער אויסגערופֿן.

„בּאַ —" האָט זי זיך צעלאַכט, „דיך — און אַנדערע הײַנט באַנאַכט! דיך וויל איך — ווײַל ס'טוט מיר הנאה, אָוועק־צונעמען דיך פֿון דער פֿרוי וואָן נעס".

„מאָרגן — באַלד ווי כ'וועל אויפֿוואַכן פֿון שלאָף", האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך צוריקגעוואָרפֿן אויף די קישנס. סאַראַ פֿאַ־

מעלעכער דו ביסט!" האָט זי פאַרגעזעצט. „און וואָס פאַר אַן איינ־פאַל — אַ פּראַק אונטער אַ מאַגאַכן־האָבים! איז שוין ווענוסן געווען באַקוועמער, בעת זי האָט געקושט איר פּאַריסן —"

ער האָט צוגענענגט צו איר, נאַקעט ווי זי.

זי האָט אים פאַרוואָרפן אויפן האַלז אירע אָרעמס און אים אַראָפּגעצויגן צו זיך. „ווי אַזוי קושט פרוי וואַן נעס?" האָט זי געפרעגט.

„שווייג!" האָט ער אַרויסגעציִשעט.

אָבער זי האָט אים אויסגעלאַכט. זי האָט אַראָפּגענומען איר לאַנגן שנור פּערל פון האַלדז, אויפגעעפנט דאָס שלאָס און אַרומ־געפלאָכטן דערמיט זיך און אים. „דאָס איז מיין גליק", האָט זי אויסגערופן, „און מיין תענוג! און טרערן פון אַנדערע פרויען! איך בין דאָס לעבן — נעם מיך!"

— — לאַנגזאַם האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאָכטן זייערע אָרעמס און זיי זענען אָוועקגעפאַלן פון אייבאַנדער ווי אַ פּאָר מידע שלאַנגען. ער האָט אַריבערגערוקט די פּערל איבערן קאָפּ און זיך האַלב אויפ־געהויבן.

„שאַמפּאַניער", האָט זי געבעטן.

זיין האַנט האָט געציטערט, ער האָט פאַרגאָסן דעם וויין איבער איר נאַקעטן לייב. „קיל, קאַלט!" האָט זי געזאָגט און מיט זשעדנעקייט געטרונקען. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע גלידער, אַ ליידנשאַפטלעכער ציטער האָט דורכגעשוידערט איר הויט. לאַנגזאַם האָט זי געלאָזט די פּערל זיך דורכגליטשן צווישן די פינגער.

„גריס פרוי וואַן נעס!" האָט זי געזאָגט פאַרטראַכט. „דאָס איז אַ קלוגע פרוי — געוויס. איך בין אַ — זונה, דאָס ווייס איך אַזוי גוט, ווי זי. זי האָט דיך — איך אָבער האָב דיך און נאָך אַ סך אַנדערע. אַ סך מענער קומען צו אַ זונה — און אַ זונה באַדאַרף אַ סך מענער".

„סענטימענטאַל?" האָט ער געטראַכט. „עלעגיש גע־שטימט?"

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט אָפּגעזיפצט - דער־נאָך האָט זי זיך צעלאַכט. „תמיד אַביסל — דערנאָכדעם, ווייסט שוין! — איך טראַכט זיך: בלויז דערצו טויגן די ווייבער - און

ווייטער צו גאָרנישט! און די מענער — אַוודאי און אוודאי! דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס עקזיסטירט אין לעבן — און ווייטער גאָרנישט — צוליב דעם אַליין זענען מיר אויף דער וועלט. — הלמאַי איז דערדאָזיקער תענוג אַזוי קורץ?" זי איז אויפגעשטאַנען און איז דערלאַנגט דעם בעכער. „גיס אָן!" האָט זי געזאָגט.

זי האָט אויסגעטרונקען דאָס גלעזל, האָט טיף אָפּגעאָטעמט. „איצט איז שוין צוריק גוט — אָט לאָך איך שוין ווידער! און בין גרייט צו נייע מעשים — הער וועט זיך דערצו מודה זיין? דערלאַנג מיר דאָס קלייד.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס קלייד פון הענגער און עס איר דערלאַנגט. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט עפּעס אַ שאָרך. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען, ווי די געצעלט־וואַנט האָט זיך לייכט באַוועגט. אַ שטיל געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען אין זיינע אויערן. און ער האָט באַמערקט — פּונקט ווי אויף דער צווייטער זייט — אַ קליינע, קיילעכדיקע עפענונג.

„עמיצער איז דאָ דערלעבן!" האָט ער אויסגערופן.

„מ'האָט אונדז אונטערגעהערט!"

זי האָט תיכף אַנידערגעקניט. „נאַטירלעך!" האָט זי זיך פריילעך צעלאַכט. „דערויף זענען דאָך דאָ די לעכער. וואַרשיינלעך האָבן מיר זיי פאַרווילט!" זי איז צוגעקראָכן צו דער געצעלט־וואַנט און אריינגעקוקט אַהין. „דאָס איז די גאָר־דאָן", האָט זי געפּליסטערט. „זי האָט דאָרט דעם מאָלער, דעם איטאַליענער — דער וואָס האָט געשפּילט פאַר ראָדריגאָ באָר־דזשיאַ. צי ווילסטו זיך צוקוקן?"

„ניין!" האָט ער קורץ אָפּגעענטפערט און האָט אַ כאַפּ געטון זיינע מלבושים.

אָבער זי איז געלעגן בײַ דער וואַנט און אַלץ נאָכגע־שפּירט. זי האָט געטרונקען גיריק דאָסדאָזיקע שוישפּיל.

ער האָט זיך אָנגעטון, אויסגעטרונקען אַ גלעזל ווין און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט געוואַרט.

ענדלעך האָט זי זיך אויסגעדרייט; אירע אויגן האָבן גע־פינקלט. „זי איז אַ חיה, דידאָזיקע גאָרדאָן", האָט זי געזאָגט. „זי האָט —" זי האָט אָפּגעהאַקט — „אַך, דו ביזט שוין אָנגע־

טון ? העלף מיר צו — באַ מיר גייט עס שנעל — קליפּ־קלאַפּ־
און אָן דינסטמיידל !"

ער האָט איר דערלאַנגט דעם זילבער־בראָקאַט, זי איז געזעסן אָנגעטון אין איין רגע. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו אַ קליין קעסטעלע, האָט אַרויסגענומען פון דאָרט אַ האַנט־שפּיגעלע, קעמלעך, אַ פּושקע מיט פּודער —

„מיר האָבן וועגן אַלץ געטראַכט !" האָט זי זיך צעלאַכט. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן צימער, אונטערן אמפּל און צורעכט געמאַכט אירע בלאָנדע האָר.

זי האָט פּלוצלינג אוועקגעלייגט דאָס שפּיגעלע, האָט אַ כאַפּ געטון די טאָרבע, וואָס האָט נאָכגעהאָנגען באַ איר גאַרטל. האָט אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ פּלאַטין־רעמל, אין וועלכן ס'האָט געשטעקט אַ פּאַפּיר־בלאָקל. זי האָט עס אים דערלאַנגט צוזאַמען מיט אַ בלייפעדער.

„שרייב", האָט זי געזאָגט, „כּל־זמן איך וועל מאַכן מיין טואַלעט. דיין נאָמען, די דאַטע און די שעה. אויב דו ווילסט — שרייב עפּעס אַריין — וועגן מיר !"

ער האָט זיך האַרציק צעלאַכט, איז צוגעגאַנגען צו איר און איר אַ קוש געמאָן אין נאַקן. „דו ביסט פּראַכטפול, עמע. טאַקע אַזוי ווי דו ביסט ! דאָס איז א זאַמלונג — וואָס ? אויטאָ־גראַפן פון די אַלע, וועמען דו האָסט באַשאָנקען מיט דיין חסד — אָנגעשריבן גלייך נאָכן ליבעס־אַקט ?"

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַוודאי, דאָס איז עס טאַקע ! מיינע שענסטע זכרונות !"

ער האָט זיך אנידערגעזעצט, נאָכגעטראַכט אַ ווייַלע, און גע־קוקט אַהין צו איר, גלייך ווי ער וואָלט זי וועלן צייכענען. דערנאָך האָט ער גענומען שרייבן.

זי האָט זיך אַנגעפּודערט, אַרויפגעלייגט פריש רויטס אויף די ליפּן און נאָזלעכער, לייכט איבערגעפּוצט די ראָזיקע נעגל.
„צי ביסטו פאַרטיק ?" האָט זי געפרעגט. ער האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און איר צוריקגעגעבן דאָס בלאָקל. זי האָט געלייענט :

„דער קאָפּ פון בעהמענלאַנד,
צוויי ווייסע אָרעמס פון פּראָוואַנס
פון שוואַביע אויס די ווייסע ברוסט,
פון קאַרינטיע בערגלעך צוויי,
מיט אַרויסגעשטאַרצטע רויזן-שפּיזן.
דער רונדער בויך — פון עסטרייכס ערד,
צוויי פּיסלעך פון פלאַמאַנדיע גלייך
און פון פּוילן דאָס געזעס!
דערצו אַ בייעריש זיסער קוואַל —
פון רהיין די צויבער=קנעכלעך צוויי,
דאָס מוז אַ שיינע פרוי דאָך זיין!"

„אָט דאָס געפעלט מיר! דער אַלטער האָט פּאָרט געוווסט, וואָס ווערטפול איז ביי פרויען! היינט פלוידערן זיי אַלע וועגן אויגן און ליפּן, און ווען זיי שרייבן וועגן פיס און ברוסטן, האַלטן זיי זיך מי=יודע ה' פריי. וועגן דער הויפּטזאַך שווייגן אַלע!"

ער האָט זיך צעלאַכט: „דו ביסט גערעכט, עמע! — אָבער דער אַלטער דיכטער איז אַליין געווען — אַ פרוי, געהייסן קלאַרא העצלערין, געלעבט אין נירנבערג, אין דערזעלבער צייט, וואָס מיר פייערן איר היינט באַנאַכט".

זי האָט אָפּגעריסן דאָס בלעטל און עס אַריינגעשטעקט הינטערן רעמל.

„פריי פאַר דעם צווייטן?" האָט ער אויסגערופן.

„יאָ!" האָט זי אָפּגעענטפערט כמעט ערנסט. „דער נאָטעס און איך — ביידע!"

זי האָט צוריק אַריינגעלייגט דאָס שפּיגעלע און די פושקע אין קעסטעלע אַריין, האָט עס פאַרמאַכט און גלייכגעמאַכט די קישנס. „און דידאָזיקע נעסט אויכעט! — ווו זענען מיינע שיך?"

ער האָט זיי אויפגעהויבן; אָנטוענדיק איר, האָט ער נאָכ-אַמאָל געקושט אירע קליינע פיסלעך.

זי האָט אים אַרויפגעצויגן צו זיך און אים דערלאַנגט די ליפּן.

„ביסט געווען זייער ליבנסווירדיק", האָט זי געזאָגט. „איך דאַנק דיר, — און צום ווידערזען!"

* *
*

ער איז דורכגעגאַנגען דורך די זאַלן צו דער גאַרדעראָב צו, האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם מאַנטל. און ווען דער דינער האָט אים געהאָלפן אָנטון, איז צוגעקומען צו אים אַנד־ריי. „בלייבט נאָך אַביסל, דאָקטאָר, איך וועל אייך שפּעטער אָפּפירן מיט מיין אויטאָ. איך זוך א פּערטנער צום לאַבעט־שפּיל — מיין קאַפּעלמייסטער און די אַלטע גאַדפּרוי זיצן אויבן און וואַרטן. אַ שעה צייט נאָר."

ער האָט אים צוריק אויסגעטון דעם מאַנטל און אים גענומען אונטערן אָרעם.

ס'איז פאַרבייגעגאַנגען די פאַרסטין, טיף פאַרשטעקט אין איר פּרעכטיקן פּעלץ, לעבן איר אַ יינגע און שלאַנקע מיידל, אויך פאַרגראָבן אין מאַנטל, ווי די זינגערין.

„און איר האָט שוין, זעט אויס, אויך גענוג דאָס אַלץ, מיינע הערן?" האָט זי אויסגערופן. „אַ גוטע נאַכט!"

„אומפאַרגלייכלעך האָט איר געזונגען!" האָט אויסגערופן דער דירעקטאָר, „אומגעווייינטלעך שיין! עס איז פּשוט נישטאָ אַזוינס, מיט וועלכן מ'זאָל קענען אייער שטים פאַרגלייכן".

„דאָך!" האָט געזאָגט פראַנק ברוין, „אייער שטים איז זיס, ווי — ווי די פיסלעך פון עמע ברייטוויער".

„ער קאָן דאָס טאַקע אָפּשאַצן!" האָט זיך צעלאַכט אַנדריי, „מחמת זי האָט דאָך אים פאַרשלעפּט — אין איר ליבעס־געצעלט".

עמאַלדינאַ פאַרסטין האָט געמאַכט אַ טריט פאָרויס, און אים שטאַרק אָנגעקוקט. „אַט־אָ די? זי האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און שוין אַוועקגייענדיק געזאָגט: „איך פאַרגין עס איר פון גאַנצן האַרצן!"

זי האָט אַרויפגעלייגט איר אָרעם אויף דער קליינער און זי מיטגעצויגן מיט זיך.

„וואָס איז מיט איר אַזוינס?" האָט געפרעגט דער דירעק־טאָר.

פראַנק ברוין האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען. „זי האָט מיך פיינט — איין גאָט ווייסט פאַרוואָס!"

אַנדריי האָט זיך צעלאַכט, „אַך, דידאָזיקע ווייבער! צי האָט איר געזען, ווען די פאַרסטין האָט מיט זיך מיטגענו־מען? ניין? — די קליינע דעוויס איז עס געווען, וואָס האָט געשפּילט סאַר קאָלאָמבינא. זי האָט זי אָפּגעשלאָגן דער פּיער־פאָנט — יענע וועט פּלאַצן פאַר כעס".

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם באַר, דאָרט איז געזעסן אַ האַלב נאַקעטע די מאַרלבאָרוג און געגרילצט אויפן הויכן קול דאָס ליד "Tipperary„ צוזאַמען מיט עטלעכע מענער. בעת זיי זענען צוגעקומען צו די שטיגן, איז אַנדריי שטיין געבליבן — און געוואָרפן אַ שנעלן בליק איבערן ליבעס־זאַל.

„דאָ פאַרשווינדט גראָד די גוראַוד", האָט ער זיך צעלאַכט־. „טוט נאָר אַ קוק — זי שלעפּט אַזש דריי מענער אין איר גע־צעלט אַריין — גאַנצע דריי אויף אַמאָל!"

„וועמען דאָס?" האָט ער געפרעגט.

„דינערס", האָט געענטפערט דער דירעקטאָר, „כאַריסטן — צי ווייס איך דען! די גוראַוד קלייבט אויס לויטן ווקס!"

זייער רוּק און געלאַסן איז אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן דער ווילדער פינלענדער העוואַנפּעי. לעבן אים עמע ברייטויער, פאָכנדיק אינדערלופטן מיט אַ גראָען גומי־באַנד.

„צי ווייסט איר, וואָס דאָס איז?" האָט זי געלאַכט.

„נו, וואָס?" האָט ער געפרעגט.

„דעס אַטלעטס לענדן־פאַרטוכל!" האָט זי אויסגערופן, „איך האָב עס אים אַראָפּגענומען. אָט־דער איז פיל באַקוועמער, ווי דו — ער טראָגט בלויז אַן אָדם־פראַק אונטערן האַביט!"

„בעת איך האָב נאָך געשפּילט פאַר זיגפרידן, איז געווען פאַרקערט", האָט באַמערקט אַנדריי. „אין קאַמף מיט דער ברונהילדע האָב איך איר צוגענומען דעם גאַרטל". ער האָט אָנגענומען איר האַנט און איר העפלעך א קוש געטון. „זאָגט מיר, כ'בעט אייך", האָט ער פאָרגעזעצט, „דו ברונהילדע, וואָס ווייסט אַראָפּ זיגפרידן דעם גאַרטל — צי וואָלט איר זיך גע־

וואָלט ווידער באַטייליקן ? איך אראַנזשיר אין דריי וואָכן אַרום אין בראָדוויי אַ נײַי שוישפּיל, ווי תמיד, העלפט אויף אַקציעס. — וויפל וועט איר נעמען ? "

„וויפל איר וועט מיר נאר צושיקן ! — האָט ברייטויער גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. „אָבער לאָזט מיר נאָר איבער אייער גיבור : איך וויל זען, ווי אַזוי ער שטייט אין פייער־צוי־בער ! "

*) „Salrete, o gladiator! Gaudium multum habeas!" האָט אַנדריי אויסגערופן צו דעם אַטלעט.

*)Gratiam tibi ago, artifex! quisque aptimum facit" — האָט געענטפערט פייערלעך דער אַלטער. ער האָט זיך פאַרגוויגט מיט דעד האַנט און נאָכגעגאַנגען זיין דאַמע.

פראַנק ברוין האָט אַ פרעג געטון : „וואָס, דער חברהמאַן רעדט לאַטייניש ?"

„אויך גריכיש און העברעיש !" האָט פאַרזיכערט דער די־רעקטאָר. „ער האָט שטודירט טעאָלאָגיע — האָט פאַרלוירן זיין גלויבן און זיין סטיפּענדיע דערצו. איז אַריבערגעקומען אַהער — דאָ האָבן אים גאָרנישט געהאָלפן זיינע גייסטיקע קענטעניש — האָט ער אַלזאָ געמוזט נעמען ארבעטן מיט הענט און פיס, כּדי אָנצופילן דעם טייסטער.

* *
*

דער געלער זאַל איז כמעט געווען פּוסט. בײַ דריי טישן נאָר האָט מען געשפּילט אין פּאָקער ; גאַנץ אין ווינקל איז געזעסן דער קאַפּעלמייסטער מילאַן מיט זיין פּרעכטיקן, פאַר דער צייט גראָ־געוואָרענעם שויבער. לעבן אים, אין מאָנאַכי־שער הלבשה, די גאָדפרוי מיט אַ דיקן ציגאַר אין מויל. אַ שטאַרקע פּופּציקערין, תמיד לאַכנדיק, תמיד אַ פריילעכע אויף יעטוועדער פאַרוויילונג.

*) „זיי געגריסט, גלאַדיאַטאָר ! זאָלסט מיר האָבן אַ סך פרייד !"
**) אַ דאַנק דיר, מייסטער ! כ'וועל טון ווי צום בעסטן —"

„ענדלעך!“ האָט זי אויסגערופן. „איר וועט פאַרטיילן די קאָרטן, דירעקטאָר! דאָ זענען אייערע מאַרקעס, כ׳בעט איבער־ציילן. צען דאָלער די בלאָע, פינף די געלע, דריי די רויטע און צו איינעם די ווייסע. — איינלאַדונג!“

זיי האָבן געשפּילט. אַנדריי האָט כסדר פאַרשפּילט. און וואָס מער ער האָט פאַרשפּילט, אַלץ פריילעכער איז ער גע־וואָרן.

זיי האָבן געשפּילט, געראויכערט און געטרונקען. געפלוי־דערט אויך. די גאַדפּרוי האָט געקענט אַלע נייע וויצן און די פרישסטע רכילותלעך פון שטאָט. „צי ווייסט איר, ווער ס׳האָט היינטיקע נאַכט אויפגעכאַפּט דעם שיינעם וואַן סטראַטען? בא־ראַן דע בעקער און באַראָנעסע דע בעקער —ביידע אין בעסטן שלום“.

אַ שעה נאָך אַ שעה איז פאַרגאַנגען. זיי האָבן געשפּילט, געלאַכט און געטרונקען.

מיטאַמאָל האָט זיך ערנסט ראָסיוס אריינגעשלייכט אין זאַל אריין. ער האָט זיך נישט דרייסט אַרומגעקוקט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ טיש. האָט אַרויסגעצויגן עפּעס פון קע־שענע און אַוועקגעלייגט פאַר זיך. ער האָט זיך אריבערגעבויגן איבער דעם, גלייך ווי ער וואָלט וועלן עפּעס שרייבן.

דירעקטאָר אַנדריי האָט אים צוגערופן. „נו, ווי אַזוי ווילט איר אייך עפּעס?“

דאָס יינגע פּנים האָט געשטראַלט, די אויגן האָבן גע־פינקלט. „איך האָב איבערגעלעבט עפּעס אַזוינס“, האָט ער אַרויס־געשטאַמלט. „כ׳וואָלט זיך קיינמאָל נישט געריכט, אַז דאָס קאָן מעגלעך זיין“.

„שיסט שוין אַרויס!“ האָט אויסגערופן אַנדריי. „ווער איז עס געוועזן? מיר זעמיר שרעקלעך נייגעריק“.

„כ׳וואָלט זיך גיכער געלאָזט די האַנט אָפּשניידן!“ האָט ער פייערלעך אויסגערופן, „איידער איך זאָל איר נאָמען פאַר־ראַטן! איינע אַ דאַמע האָט מיינע ליפּן געקושט — אַ דאַמע — די הערלעכסטע פרוי אין דער וועלט!“

„געקושט בלויז, ווייטער גאָרנישט?“ האָט געפרעגט דער קאַפּעלמייסטער.

ראָסיוס האָט זיך פרייליך צעלאַכט. „ווייטער?״ — איר קענט זיך דאָס כּלל נישט פאָרשטעלן! קיין מענטש האָט נאָך אַזוינס נישט איבערגעלעבט!״ ער האָט אויסגעשפּרייט ברייט די אָרעמס, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט די לופט אַרומנעמען. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין רעמל.
דער שיינער ברייטויערס זאַמל־בלאָקל —

„וואָס האָט איר דאָרט?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.
„ווייזט נאָר אַהער!״

ער האָט אים דערלאַנגט, נישט איבערקלערנדיק זיך. „דאָס האָט זי מיר געגעבן, אַז כ'זאָל איר אַריינשרייבן אַ גע־דיכט און עס איר דערנאָך צוריקברענגען. אַ געדיכט וועגן — אָ, גאָט! אָבער בייראָן אַליין וואָלט דאָס נישט געקענט באַ־שרייבן!״

„זעצט אייך אַוועק!״ האָט אויסגערופן דער קאַפּעלמייס־טער. עסט עפּעס, טרינקט — און ס'וועט אייך שוין עפּעס איינפאַלן!״

און דער יינגערמאַן האָט זיך אוועקגעזעצט, די גאָדפּרוי האָט אים אָנגעלייגט אַ פולן טעלער, און ער האָט אַלץ אויפ־געגעסן מיט גוטן אַפּעטיט. פראַנק ברוין האָט געהאַלטן דאָס זילבערנע בלאָקל און אַרויסגערוקט נייגעריק די ערשטע בלעט־לעך. עפּעס אַן אונטערשריפט אויפן ערשטן בלעטל — אונ־טער אַ זייער מעסיקער צייכענונג. דערנאָך, קווער איבער דער צווייטער זייט מיט גרויסע, גדלותדיקע אותיות, דאָס איינע וואָרט: אַ מ אַ ט אַ, אַמאַטאַ, דער באַרימטער קינאָ־שטערן! די דריטע זייט איז געווען באַשריבן מיט אַ מער לעזבאַרער, אויסגעאַרבעטער, שיינער האַנטשריפט. דאָרט איז געשטאַנען.

Bibet, miscet ill' cum illa
Miscet servus cum ancilla!
Miscet coqua cum factore!
Miscet Abbas cum priore!
Et pro Rege et pro Papa
Bibunt vinum sine aqua
Et pro Papa et pro Rege

Miscent omnes sine lege.
Miscent, bibunt hoc in mundo
Donec nihil sit in fundo !

און אונטער דעם, מיט אַלט=רוימישע אותיות, ווי אויף אַ מצבה, דער ברייטער אונטערשריפט פון געלערטן אַטלעט:

Sulonus Hevonpäus Helsingforsensis,
Qui studiosus Theologiae Dorpatensis,
Christum, Dominum, Sanctum spiritum
Corde calidissimo quaesivit,
Studioque ardente. Quos atque perdidit.
Qui, doctus ludi Graeci-Romanique
Mundum percurrit, sed arte stultorum
Vivit. Qua nocte Coelum rapuit,
— Amato amatam Amatam amato —
Bibens, Amatam coiens.

ער האָט פאַרזיכטיק צוריק אַריינגעלייגט די בלעטלעך אין רעמל אַריין און אָפּגעגעבן דאָס בלאָקל ראַסיוּסן.

„שרייבט“, האָט ער געזאָגט, „איך האָב פאַר אייך אַ שיינעם געדיכט!“

דער סעקרעטאַר האָט גענומען, קווענקלענדיק זיך, די בליי=פעדער. „כ׳וואָלט געדאַרפט אַליין עפּעס צונויפשטעלן“, האָט ער באַמערקט.

„שרייבט-זשע“, האָט זיך צעלאַכט פראַנק ברוין. „היינט באַנאַכט וועט איר שוין גאָרנישט אויסטראַכטן. און דאָס, וואָס איך וועל אייך דיקטירן, פּאַסט זיך אויסגעצייכנט — טאַ שרייבט-זשע! איר האָט דאָך אַנומלטן געלייענט ראַבעלעזן — דערמאַנט זיך אַביסל די אַלט=פראַנצויזישע אָרטאָגראַפיע. דידאָזיקע מוזט איר אָנווענדן!“

„אָבער דאָס וועט זיין אַ גאָר טיפע זאַך!“ האָט זיך אַריינגעמישט דער קאַפּעלמייסטער.

„נישט אזוי זייער!" האָט אָפּגעענטפערט פראַנק ברוין. „אַלזאָ שרייב — מיין ייִנגל — ווי איך דיקטיר עס!"

און ער האָט גענומען דעקלאַמירן:

„Nature n'est pas si sote,
Qu'ele faist nostre Marote
Tant solement por Robichon
Se l'entendement i fichon!
Ne Robichon por Mariete,
Ne por Agnes, ne por Perette!
Ele nous a faist, bele fille, n'en doutes,
Toutes pour tout et tous pour toutes
Chascun por chascune commun
Et chascun commun por chascune!

ערנסט ראַסיוס האָט זיך גערוקט אומרויִק אויף זיין שטול. אָבער ער האָט ווייטער געשריבן. „צי איז דאָס שוין דער סוף?" האָט ער דערנאָך אויסגערופן. „דאָס קען איך בשום אופן נישט אַריינטראָגן".

„אָבער טראָגט עס איר טאַקע אַריין", האָט געזאָגט פראַנק ברוין. שרייבט אָן אונטער דעם: „Le Roman de la Rose" נאָמען, דאַטע, און פאַרגעסט נישט די שעה! — עמע ברייטויער וועט זיין זייער צופרידן פון דאָזיקן געדיכט — און וועט אייך שענקען נאָך איין שעה — אויב איר זענט איר איבעריקנס געפעלן געוואָרן!"

דער סעקרעטאַר האָט אַראָפּגעלאָזט די אָרעמס און אים אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. „פונוואַנען ווייסט איר דעם נאָמען אירן, דאָקטאָר?"

„ווייל איך קען דאָסדאָזיקע בלאָקל, מיין ייִנגל", האָט ער געענטפערט. „זי זאַמלט צונויף די אויטאָגראַפן פון אירע ליבהאָבער אין אַ היפשן אַלבום אַריין!"

דער דירעקטאָר האָט זיך צעלאַכט. „דער ברייטויערס אַלבום? — איך שטיי אויך דערין — צוויי מאָל, דוכט זיך מיר.

איר וועט דאַרט זיין אין אַ היפשער געזעלשאַפט, אין אַ גוטער און שלעכטער צוגלייך — ווי אומעטום אין ניו־יאָרק".

ערנסט ראַסיוס איז אויפגעשפּרונגען, דאָס גאַנצע בלוט איז אים אַוועק פון פנים. ער האָט נישט געקענט געפינען דאָס פּאַסיקע וואָרט, לסוף האָט ער אַרויסגעשטאַמלט: „דאָס איז נישט אמת. דאָס איז אַ באַליידיקונג, אַ רכילות —" ער האָט נישט דערענדיקט, הייסע טרערן האָבן אים גענומען קאַפּען פון די אויגן.

„גייט־זשע", האָט געזאָגט פראַנק ברוין „טראָגט אַוועק דער שיינער פרוי איר ליבעס־בלאָקל!"

* *

*

צומאָרגנס איז ער געווען אויף טיי בא לאָטע.

„ביסט געווען נעכטן אויפן באַל פון די לבנה־דאַמען?" האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ. „צי דאַרף איך זיך מתוודה זיין פאַר דיר, לאָטע?

אָבער זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „דאָס איז נישט נייטיק. ווייז מיר דיין מעסערל".

ער האָט עס אַרויסגענומען פון קעשענע און עס איר דערלאַנגט. ער האָט זיך נייגעריק צוגעקוקט, ווי זי האָט עס אַרויס־גענומען פון לעדערנעם טעשל, אַוועקגעמאַכט די וואַטע און געעפנט דאָס קלינגל —

ס'האָט אַ בליץ געטון, געלויכטן בלאַנק ווי תמיד, קיין מינדסטער פלעק האָט עס נישט באַשמוצט.

זי האָט אים צוריקגעגעבן דאָס מעסערל, און האָט אויס־געזען צו זיין זייער צופרידן. „איצט ווייס איך גאַנץ גוט, אַז דו ביסט מיר געווען טריי!"

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. „אָבער, לאָטע", האָט ער אָנגעהויבן, „איך —"

זי האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויף די ליפּן.

„שווייג נאַר״, האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, „וואָס ווייסטו דערפון? דאָס מעסערל דערציילט מיר מער, ווי דו אַליין!״

ער האָט געטראַכט: „שטותים, גאָרנישט ווייסט דיין מע־סערל!״ אָבער ער האָט זי איבערגעלאָזט בײַ דעם גוטן גלויבן, וואָס האָט זי גליקלעך געמאַכט.



„טייל מענטשן וואָס ליידן אויף די אויגן, קענען צומאָל זען, אָבער נישט דערקענען, ווייל אַ מילכיקער אויספלוס מאַכט זיי טריב דעם קלאָרן בליק. עמדאָזיקן אויספלוס פון די אויגן האַמעווערט דער טאָפּאַז. און דערום איז ער דער שטיין פֿון מאַטהעוס, מחמת אים איז ער געגעבן געוואָרן אויפֿצולייכטן זיין געמיינדע, וועמענס האַרץ ס'איז געווען פאַרטונקלט, און צו היילן די יעניקע, וועלכע האָבן אויגן צו זען און זעען נישט".

אנדרעאַס, ביסקופּ פון צעזאַרעאַ (X י. ה.)

דריי מענטשן זענען געזעסן פאַר אים, צוויי מענער און איין פרוי.

פּאָול קאָנשאַס, דער שטאַרקסטער מענטש אין דער וועלט, האַרמאַטן-קעניג זינט אַ פערטל יאָרהונדערט, באַרימט אין אַלע וואַריעטעס פון דער וועלט, כמעט אַ פופציקיעריקער מאַן, דאָך געבויט ווי דער יינגער מאַרס — אויף דער קורטיגע פון דער דרעזדענער אָפּערע וועלן די קומענדיקע דורות זיינע פיס באַוואונדערן. לעבן אים זיין קלאָון פריץ נייהאָף פון בערלין, אַ מיאוסער און גראָטעסקער פאַרשוין — וועלכער באַגלייט דעם אַטלעט אין זיינע אַלע נסיעות איבער גאָר דער וועלט און וועלכער פילט אויס די הפסקות מיט די משונהדיקסטע שפּאַסן בעת דער אַנדערער רוט זיך אָפּ א ווײַלע. און איין פרוי — אַ שוועדישע, אַ שלאַנק און בלאָנד באַשעפעניש.

„צי האָט איר פאַרצייכנט די אַדרעסן?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

דער סעקרעטאַר איז צוגעקומען. „אָט זענען זיי״.

פראנק ברוין האָט דערלאַנגט דאָס בלעטל דעם אַטלעט. „אָט זענען זיי״. האָט ער איבערגעחזרט. „אויב איר ווילט ריזיקירן —״

„אָבער געוויס!״ האָט געזאָגט קאָנשאַס. „די צווייטע וואָך שווימט זי אָפּ״.

„ווען איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס קעגן אייער פריינדין?״ האָט געפרעגט פראַנק ברוין. „און וואָס האָט זי באַקומען?״

„דריי טויזנט דאָלאַר געלט-שטראָף — אייערנעכטן — ס׳איז נאָך אַ נס, וואָס דידאָזיקע חזירים האָבן זי נישט פאַרשפאַרט!״ האָט געענטפערט דער אַרטיסט.

„כ׳וועל זיך באַמיען פאַר אייך דאָסדאָזיקע געלט צו שאַפן״, האָט ער געזאָגט. „וויפל ברויכט איר אויף אָט די נייע אונטערנעמונג?״

פּאָול קאָנשאַס האָט אָפּגעענטפערט: „גאָרנישט, לאָזט געמאַך. כ׳וויל בעסער אַליין באַצאָלן, דאָס איז אַ סך פּשוטער. מיינע צוויי זין זענען דאָרט אויפן פראָנט — זיי טוען מער פון מיר״.

ס׳האָט זיך ווידער געהאַנדלט וועגן אַריבערשמוגלען גומי, אין וועלכער ס׳האָט זיך געפֿילט אַזאַ מאַנגל אין דייטשלאַנד. פיר מאָל איז דאָס געלונגען דער חברטע פון אַטלעט, אננאַ בערגען, אַריבערצופירן אויף אַ נאָרוועגישן דאַמפּער — אַזש באַם פינפטן מאָל האָט מען זי געכאַפּט. די אַמעריקאַנישע צאָל-באַאַמטע האָבן דורכגענישטערט פאַרן אָפּפאָר אירע פּעקלעך — צוואָנציק גרויסע קופערטן — זיי האָבן דאָרט געפונען גומי און זי אַרעסטירט. די יענקיס האָבן אַרויסגעלאָזט אַלע סחורות, וועלכע זענען נאָר געווען ריכטיק אויפגעגעבן, אָבער זיי האָבן תיכף וועגן דעם מודיע געווען די ענגלישע לייט, וועלכע האָבן זיי צוגענומען אין קירקוועל אָן שום שהיות. ווייבאַלד אָבער די סחורה איז נישט דעקלאַרירט געוואָרן — האָט מען דאָן עובר געווען אויף די געזעצן פון די שטאַטן

און מ'איז גלייך געוואָרן איינגעזעצט. ס'איז כמעט נישט איבער קיין טאָג, אַז די געריכטן זאָלן נישט פאַרמשפּטן אַ פּאָר דייטשן אויף חדשים און יאָרן תּפיסה.

„מיך וווּנדערט בלויז, וואָס אַ דייטש מעג נאָך אַ שפּיי טון אין דאָזיקן לאַנד!" האָט אויסגערופן נייהאָף.

פראַנק ברוין האָט זיך געווענדט צו דער בלאָנדער פרוי:

„צי ווייסט איר, אַז דאָס מאָל וועט איר זיכער אַריינפאַלן אין תּפיסה, וויבאַלד דידאָזיקע געשיכטע וועט אַרויסקומען?" האָט ער געפרעגט. „צי ווילט איר דאָך פאָרן?".

די שוועדין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „איך ווייס — כ'וועל פאָרן".

„אַוודאי וועט זי פאָרן!" האָט אויסגערופן דער בערלי־נער.

דער סעקרעטאַר האָט זיך אָנגערופן: „מיר האָבן נאָך עפּעס פאַר אייך". ער האָט אַריינגעבראַכט אַ ציגאַרן־שאַכטל, אָנגעפילט ביז אַרויף מיט סטאַניאָל *)־פּאַפּיר.

„ס'ווערט צוגענומען מיטן בעסטן דאַנק דורך די אלמנות און יתומים!" האָט געזאָגט נייהאָף: ווייסט איר — פון אונ־זער לעצטן טורנעע האָבן מיר מיטגעבראַכט אַ פול פעסל, כמעט זיבציק קילאָ".

דאָס איז געווען אַן איינפאַל פון די דייטשישע אַרטיסטן, צו זאַמלען דאָס סטאַניאָל פון פּאַפּיראָסן, ציגאַרן, באָנבאָנס און שאָקאָלאַד, דער עולם אַקטיאָרן פון וואַריעטע און פון וואָדע־וויל, די אַלע פּראַטערי סאַלוויניס, שוועסטערן האַריסאָן, די וואַל־יער, דיקסאָן, קאָרסאַקאָוו, די פאַרטער־אַקראָבאַטן, טענצערינס, אַטלעטן און קונצנמאַכערס, וועלכע האָבן זיך גערופן מיט זיי־ערע גוטע דייטשישע נעמען, הובער און מייער, קליין און שולץ, זיי אַלע פלעגן כסדר זאַמלען סטאַניאָל. זיי האָבן עס צונויפ־געשלעפּט פון אַלע שטעט אין לאַנד, אויפגעקליבן עס אין לאָ־קאַלן און אויף די גאַסן, אויסגעבעטלט בײַ יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס אַ שטיקל. זיי האָבן עס אַוועקגעפירט קיין ניו־יאָרק און עס אָפּגעגעבן אין דער גרויסער זאַמל־שטעלע

*) זילבער־פּאַפּיר פון פּאַפּיראָסן און ציגאַרן.

אויפן דאַמפּער „פּאַטערלאַנד". אַ נײַן, קײַן סך האָט עס נישט אויסגעמאַכט. קוים אַכט=און=זעכציק סענט פּאַר אַ פונט — און ס'איז פּשוט געווען צום שטוינען, וויפל אַט=די קליינע פּאַפּירלעך זענען אַרויף אויף אַ פונט. און פונדעסטוועגן האָבן זיי דערפון פאַרדינט איטלעכן חודש אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר פאַרן רויטן קרייץ. און איצט — די פרייד פון דער אַרבעט: תמיד בעת זיי פלעגן פאַרן שלאָפנגיין שפּעט בײַנאַכט אויסגלעטן זייער סטאַניאָל, האָבן זיי געטראַכט וועגן דער היימאַט, וועלכער זיי האָבן אַרויסגעהאָלפן.

ערנסט ראָסיוס האָט אַרויפגעלייגט אויפן טיש די נייע צייטונגען, וואָס דער אַלטער דינער האָט אָקאָרשט געבראַכט.

„פרישע קלאַנגען וועגן שלום-אונטערהאַנדלונגען" האָט ער געזאָגט,

„ווען ס'וואָלט נאָר אמת געווען!" האָט אויסגערופן דער אַלטער. „איצט וואָלט געווען אַ פּאַסיקער מאָמענט. — אויף מזרח שטייען מיר טיף אין רוסלאַנד, אויף מערב האָבן מיר בעלגיע און צפון=פראַנקרייך, אויף דרום — סערביע, מאָנטענעגרע און אַלבאַניע. די ענגלענדער האָבן מיר אַרויסגעשטויסן פון מעסאָפּאָטאַמיע, זיי האָבן געמוזט עוואַקויִרן די דאַרדאַנעלן, זענען באַדראָט אין סודאַן, און אין אירלאַנד קאָכט און זידט! די מאַכמעדאַנער האָבן אַרויסגעיאָגט די איטאַליענער פון טריפּאָליס, די עסטרייכער האָבן אויסגערייניקט טרענטינאַ און מאַרשירן אויף איטאַליען. דער קרויזבּרינץ רוקט זיך אַלץ נענטער צו ווערדון! און מיר האַלטן זיך נאָך אַלץ אין אַפריקע! איצט וואָלט עס געווען דער פּאַסיקסטער מאָמענט, איצט!" זיין שטים איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, די אויגן האָבן אויפגעשיינט. אָבער דערנאָך האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט דער פויסט אין טיש אַריין. „און כ'ווערט מיך — אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט ווערן! אונזערע העלדישע יינגעלייט מעגן מיליאָנענווייז זייער בלוט פאַרגיסן — דידאָזיקע אידיאָטישע קליקע, וואָס שפּילט בײַ אונז דיפּלאָמאַטיע — וועט זיכער פאַרפּושן דעם פּאַסיקן מאָמענט! און אויב זיי וואָלטן אפילו געשלאָסן אַ שלום — וואָלט דאָס נאָר געווען אַ צרהדיקע טאַנדעט=אַרבעט

סערביע און מאָנטענעגרע וואָלטן ווידער אויפגעשטאַנען — און די בעלגיער וואָלטן צוריק באַקומען זייער לאַנד —"

דאַן איז אויפגעשפּרונגען דער בערלינער. „וואָס?" האָט ער געשריגן. „גאָרנישט וועלן זיי קריגן! דאָס ביסל, וואָס זיי האָבן נאָך, דאָס קענען זיי זיך האַלטן! — עלעהיי וועלן זיי דערויף ציבעלעס פאַרזעצן, כדי צו קענען וויינען!"

„יאָ, ווען דו וואָלסט געווען רייכס=קאַנצלער!" האָט אויסגערופן פאַול קאַנשאַס. „אַזוי אָבער, איז לא=די, וואָס מיר וועלן מוזן אַלץ צוריק אָפּגעבן, וועלן מיר נאָך צוצאָלן אויך: אַלע אונזערע קאָלאָניעס, דאַן דרום=טיראָל, עלזאַס און לאָטרינגען, איסטריע, טריעסט, דאַלמאַציע, גאַליציע, בוקאָווינע, אונזערע פּוילישע בראָקלעך — און נאָך פיל מער, ווערסט שוין זען, מיין יינגל! — אונזער קייזער האָט געדאַרפט הייסן אויפהענגען דידאָזיקע גאַנצע דיפּלאָמאַטן=קליקע, וואָס זינט צוואַנציק יאָר האַלט זי נאָכאַנאַנד אין איין איינרייסן מיט דער גאַנצער וועלט איבער נישטיקע קליינלעכקייטן!".

„דאָס וועט ער נאָך טון!" האָט געשריגן נייהאָף. „הערט זיך איין! איך בין, וואָס אַן אמת, אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט — אָבער דעם קייזער מוז איך געבן גערעכט! גאָט מיינער, וואָס האָבן זיי שוין מיט אים אויפגערודערט אַ וועלט! כ'וואָלט געקענט שווערן, אַז ער איז דער פּאָפּולערסטער מאָנאַרך אויף דער גאַנצער ערדקויל! און איצט? זיי פאַרשוואַרצן אים יעדן טאָג אין די בלעטער, און מאָלן אים אַלס אויסוואָרף, רשע און חסר-דעהניק, וואס איז אָקאָרשט אַרויס פון תפיסה אָדער פון משוגעים=הויז. און זיי רופן אים אָן אין די שרייענדיקע איבערשריפטן לייזיקע מאַלפּע, משוגענער הונט, מאַסן-מערדער, קינדער-שוחט וכדומה נאָך אַזעלכע ליבלעכע בייווערטער. און דאָס אַלץ מסתם צוליב דעם, ווייל ער איז אַ דייטש! ווען כ'וואָלט כאָטש געוווסט, וואָס מיר האָבן זיי אייגנטלעך אַזוינס געטון".

„דאָס אַלץ איז אויס קנאה צו אונז", האָט אויסגערופן פאַול קאַנשאַס. „ווייל מיר האָבן בעסערע קעפּ, ווייל מיר זענען פלייסיק און אַרבעטזאַם! — וואָס איז דען אייגנטלעך דאָס גאַנצע אַזוי גערופענע אינטערנאַציאָנאַלע אַרטיסטנטום? אַלץ

וואָס איז נאָר מער=ווייניקער אַ באַרימטהייט איז דייטשיש! און דאָסזעלבע בײַ די סוחרים, אינזשיניערן, כעמיקער, בײַם מיליטער, פּלאַט, אינדוסטריע און קונסט -- מיר זענען אין דער שפּיץ -- אומעטום! נאָר אין דער פּאָליטיק! נישטאָ אינערגעץ קיין גרעסערע אייזלען ווי די, וועלכע מיר שיקן אַרויס! זאָל מיך דער רוח כאַפּן — דער קייזער וואָלט באַדאַרפט —"

אָבער דער בערלינער האָט אים איבערגעריסן. „רעג דיך נאָר נישט אַזוי אויף, פּאַול, אַנישט וועט דיר ווידער ווײ טאָן דער מאָגן, פֿאַרשטייסט!" ער איז אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט די האַנט פראַנק ברוינען. „פֿאַרלאָזט זיך אויף אונז, דאָקטאָר, מיר'ן דאָס באַזאָרגן ווי צום בעסטן! אַ שיינעם דאַנק אייך פֿאַר דעם זילבער-פּאַפּיר".

פראַנק ברוין האָט זיי צוגעפירט צו דער טיר, און צוריק-קומענדיק האָט ער אַ פרעג געטון דעם סעקרעטאַר. „צי איז נאָך עמיצער דאָ?"

ראָסיוס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „איינער וואַרט נאָך, כ'וועל אים תיכף אַריינפירן".

פראַנק ברוין האָט זיך אַוועקגעזעצט, אָנגעשפּאַרט אָן טיש די עלנבויגנס און אַראָפּגעלאָזט נידעריק דעם קאָפּ. אַזוי אויס=געמאַטערט איז ער היינט געווען, אַזוי עלנט, אַזוי פּוסט, גלייך ווי אויסגעזויגן. „כ'בין שוין קיין מענטש נישט", האָט ער גע=טראַכט. „אַן אויפגעבלאָזענער פּענכער בין איך. איך בלאָז זיך אָן, מאַך אָן אַ גרויסן ליאַרם, בעת איך פּלאַץ=אויף. און בין אַליין הויל, ליידיק, אַזוי ליידיק —

זייער אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן איז געווען דער מענטש, וועלכן ראָסיוס האָט אַריינגעפירט. מיט אַ געשטופּלטן פּנים, באַ-וואַקסן, כמעט אָן אַ האַלז. דערצו האָט ער געהאַט קרומע פיס און זיינע פֿאַרשמאָלצענע, שוואַרצע האָר זענען געווען ווי צו=געקלעבט צום קאָפּ. ס'האָט זיך געהערט פון אים מיט שטאָל און בראָנפן. ער האָט זיך נישט געגריסט, איז צוגעגאַנגען גלייך צו פראַנק ברוינען, עטוואָס אומזיכער און איבערגעשראָקן. האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ שמוציק פּאַפּירל.

טעוועסנס וויזיט=קאַרטל. „אפשר וואָלט איר געקאָנט דעמ-דאָזיקן מענטש אַרויסהעלפן", איז געשטאַנען דערין.

„ביטע, זעצט אייך", האָט ער געזאָגט. „וואָס פאַרלאַנגט איר?"

אָבער דער מענטש האָט זיך נישט אַנידערגעזעצט. ער האָט געדרייט זיין היטל אין דער האַנט. „איך בין אַ דעזערטיר", האָט ער געזאָגט. Si vous voulez*) מיך אַרויסשיקן, טוט־זשע דאָס de seguido**)".

פראַנק ברוין האָט אַוועקגעלייגט די קאַרטע פאַר זיך אויפן טיש. „חיבאַלד אַט דער הער שיקט אייך צו מיר, איז מסתם פאַראַן דערצו אַ גרונט", האָט ער געזאָגט. „דערציילט־זשע — ווען זענט איר געקומען צו פאָרן — און ווי אַזוי?"

„נישט הייער — sure!" האָט געענטפערט דער מאַן. „Hay doce anos***), ווי איך בין אַנטלאָפן".

מיט צוועלף יאָר צוריק — פון אולאַנער־רעגימענט אין סט. אַוואָלד, האַרט בײַ דער גרעניץ. צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע, וואָס האָבן מיט אים איינגעטענהט ווי נאַריש ס'איז דאָס אַלץ, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — וועט דאָך זיכער נישט קומען צו קיין מלחמה אין איראָפּע, און אַז דאָס מיליטער עקזיסטירט נאָר דערויף, כּדי צו דערהאַלטן די אָרדענונג אין לאַנד גופא. – אָבער שוין אין פינפצען טעג אַרום האָט ער ווידער געהאַט אַ נייעם אוניפאָרם, און געוואָרן פרעמדן־לעגיאָנער אין עפּעס אַ ווילדער שיכּורער נאַכט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט אין צוג, וואָס האָט אים אַוועקגעפירט קיין מאַרסעיל. צוויי יאָר צייט האָט ער אָפּגעדינט אין אַלזשיר, ביז ס'איז אים אונטערגעקומען אַ געלעגנהייט פונדאָסניי צו דעזערטירן; ער איז אַנטלאָפן קיין מאַראָקאָ, אַנגעקומען אין שפּאַניע, און פון דאָרט איז ער ענדלעך אַריבער קיין אַרגענטינע. ער איז געוואָרן פערד־קנעכט. דערנאָך, בעת די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט ער זיך דאָרטן נישט געקאָנט לענגער דערהאַלטן, האָט זיך פאַרדונגען אין בוענאָס־איירעס אלס הייצער

*) אויב איר ווילט

**) וואָס גיכער

***) שוין צוועלף יאָר

אויף אַ דאַמפּער, וואָס האָט אים אַריבערגעפירט קיין ניו־יאָרק.

„און איצט זיצט איר דאָ פעסט — און קענט זיך נישט אַרויסקריגן, וואָס?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין. דידאָזיקע געשיכטע איז פאַר אים געווען נישט ניי, ער האָט זי שוין נישט איינמאָל געהערט — אַזוי אָדער אַנדערש. פון אַרבע פּינות עולם זענען זיי זיך צונויפגעלאָפן אין ניו־יאָרק, פון מזרח־אַזיע, פון אַלע לענדער פון אַמעריקע, פון אויסטראַליע און פון אַלע אינזלען פון שטילן אָקעאַן. פון אַפריקע אויך, פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אפילו פון ענגלאַנד. און זענען דאָ געבליבן זיצן — און זיך נישט געקענט פונדאַנען אַרויסקריגן — וועגן דעם האָבן שוין געזאָרגט די יענקיס. אפילו די שפּראַך פון דאָזיקן מאַן האָט ער גאַנץ גוט געקענט, אַט־דאָס אייגנטימלעכע שטייפע דייטש, בונט דורכגעפלאָכטן מיט שפּאַנישע, ענגלישע, פראַנצויזישע ברעקלעך.

פערד־קנעכט איז ער געווען פון קינדווייז אויף. האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אין שטאַל אויף אַ פראַנקישן ריטער־גוט. שפּעטער אין אולאַנער־לעגיאָן איז ער געווען פערד־משרת באַם שטאַב־דאָקטאָר. און אַזוי איז ער דערנאָך יאָרנלאַנג געווען באַשעפטיקט באַ פערד אין די פאַרשידנסטע מקומות. ווען ער האָט זיך ענדלעך אַריינבאַקומען אין ניו־יאָרק און איז נאָך וואָכנלאַנגע ארומלויפענישן געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכקייט אַריבערצוקריגן זיך קיין דייטשלאַנד, האָט ער באַשלאָסן אונטערצונעמען דעם קאַמף אויף אייגענער האַנט! פערד־קנעכט — אַזעלכע האָט מען שטאַרק געזוכט אין דערדאָזיקער צייט, ווען מען האָט פאַר די אומגעהייערע טראַנספּאָרטן פון פערד און מוילטירן, וועלכע זענען געגאַנגען קיין ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. בלויז דער לעצטער אויסוואָרף פלעגט וועלן אָננעמען אַזאַ מין שטעל, האָט מען שוין ממילא קיין סך נישט אויסגעפרעגט מכוח פּאַפּירן און לעגיטימאַציעס. און ער, שוואַרץ און פאַרברענט פון דער זון, מיט זיין משונהדיקן זשאַרגאָן, האָט געקאָנט באַ די ענגלענדער אָנגיין פאַר אַ פראַנצויז, און באַם לעצטן ווידער פאַר אַ שפּאַניער. ער האָט גיך באַקומען

אַ שטעל, איז ארויסגעפאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט קיין שערבורג און מיטן צווייטן קיין סאַלאָניקי.

ערנסט ראָסיוס האָט זיך געבייזערט אויף אים: „האָט איר הייסט צס, נאָך צוגעשטעלט פערד אונזערע שונאים ? !"

דער מענטש האָט אויסגעשצירעט די ציין און זיך געגוי-מען וויגן אויף זיינע קרומע פיס. זיין אָנצייגערדיק מויל האָט זיך ברייט אויפגעמאַכט. בלויז עטלעכע שוואַרצע פניאַקעס האָבן אַרויסגעקוקט. ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס היטל אויפן טיש און זיך געווענדט צום סעקרעטאַר.

קיין גרויסע הנאה האָבן די אַ'יאַנטן פון דידאָזיקע פערד נישט געהאַט ! צי ווייסט ער, וואָס ס'איז אַזוינס „מאַלעין" ? ביין ? נו, דאָס זענען אַזעלכע באַצילן, וועלכע פאַרשפרייטן די ראָץ-קראַנקייט. פונוואַנען ער האָט דאָס געקריגן ? אין ניו-יאָרק קריגט מען אַלצדינג פאַר געלט. און מיטן דאָזיקן „מאלעין" האָט ער אויסגעשמירט די נאָזלעכער פון די פערד, איטלעכן באַזונדער — אַך ! און ער האָפט, אַז זיי האָבן אויך נישט ווייניק אַנדערע אָנגעשמעקט !

באַם דריטן מאָל אָבער האָט מען אים געפּאַקט. ער האָט געדאַדפט אָפּפירן פערד — קיין פּאָרטסמוט דאַסמאָל — גאַנצע צוויי טויזנט שטיק. האָט ער בכן געמוזט באַצייטנס אָנהויבן זיין אַרבעט, שוין אין ניו-יאָרקער פּאָרט. זיבן=און=צוואָנציק חיות האָט ער שוין געהאַט אָפּגעסמט, ווען דער קאַנאַדישער אָפיציר האָט אים געכאַפּט. ער איז אַנטלאָפן, אַראָפּגעשפרונגען פון די שטיגן אויפן דעק, און דער אַנדערער נאָך אים. דער אָפיציר האָט אויסגעשאָסן און אים געטראָפן אין לינקן אָרעם אריין, אָך, בלויז אַ שאָס, אַ גאַנץ קליינע ווונד און נישט מער — ער איז אַראָפּגעשפרונגען פון דאַמפער, דורכגעשווימען דעם פּאָרט און זיך אַרויסבאַקומען אויף די יבשה.

„ווען איז דאָס געשען ? " האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

הײַנט באַנאַכט. אָבער דאָס איז נאָכנישט אַלץ. ער איז געלאָפן אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד, ביז ס'איז אויף אים אויסגע-טרוקנט געוואָרן דאָס אָנטועכץ, פריער נאָך האָט ער געהאַט אַרומגעוואַשן דעם בלוטנדיקן אָרעם און אים אַרומגעבונדן מיט אַ טאַשנטיכל. אָבער דאָסדאָזיקע טיכל איז געווען שמוציק,

ס'האָט זיך געהאַט פאַרשמירט ערגיצווו מיט דעם ראָק־טם.

נו —

ער האָט מיט גרויס מי פאַרקאַשערט דעם אַרבל און געוויזן זיין אָרעם. בלאָלעך־רויט, גרין־גרוי, כמעט שוואַרץ האָט אויסגעזען דאָס שרעקלעך אויפגעשוואָלענע פלייש און דורך דער קליינער ווונד האָבן זיך דורכגעצויגן דיקע, בלאָע לימפאַטישע פּאַסן.

דעריבער איז ער דאָ אַהערגעקומען. צו סתם אַ דאָקטאָר קען ער דאָך נישט גיין — מחמת דער וואָלט אים תּיכּף געלאָזט אַרעסטירן. און ס'איז שוין די העכסטע צייט — ער ווייסט דאָס גאַנץ גוט. מיט אַ געהילף פון שטאַב־דאָקטאָר אין סידי־בעל־אַבאַס האָט עס פּאַסירט — און יענער איז אַוועק פון דער וועלט, צוליב דער פאַרשפּעטיקטער מעדיצינישער הילף.

פראַנק ברוין האָט זיך איבערגעקלערט אַ ווייל, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. האָט לאַנג גערעדט, זיך צוריק אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַן אַדרעס. דערנאָך האָט ער אַוועקגעגעבן דאָס צעטעלע דעם סעקרעטאַר.

„נעמט אַ טאַקסימעטער", האָט ער געזאָגט, „און פירט דאָרטאַהין דעמדאָזיקן מאַן". ער האָט זיך געווענדט צום פערד־קנעכט. „דער דאָקטאָר איז אַ ייד. גיט־אויף אַ וואָסערן נישט איז נאָמען און אַדרעס; ווייטער וועט ער גאָרנישט פרעגן. ער וועט אייך פאַרהאַלטן אין זיין קליניק, ביז איר וועט צוריק געזונט ווערן".

„Well, nous verron, carajo!" האָט געזאָגט דער מענטש. „La" דערדאָזיקער אָרעם מוז אַראָפּגענומען ווערן, דאַן could I be saved — peut itre! *) Vamos! מיך וואָלט נישט קיין שאָד געווען — je m'en fiche **) — ווען כ'וואָלט נאָר געקענט באַ די פראַנצויזן און ענגלענדער פאַרטמען נאָך אַ פּאָר טויזנט פערד! Monsieur! — Hasta luego — צי קען איך נאָך אַ favor asken? ***) דאָרט, אין ראָק אייגנגענייט ליגט מיין ביסל אָפּשפּאָרעכץ, mas als five hun-

---

*) וואָלט איך געקאָנט זיין געראַטעוועט — אפשר.

**) ס'גייט מיך נישט אָן.

***) אַ טובה בעטן:

dert dolars. באַצאָלט דעם דאָקטאָר דערמיט. איבע ער פאַר־לאַנגט דעם dinero — נישט דאָס entierro, איך פייף דע־רויף — און le reste גיט אַוועק דעם רויטן קרייץ! אין פאַל איבע כ'וועל שטאַרבן Bien compris — Au revoir, Ca-ballero — און muchisimas gracias! *)

פראַנק בראַון האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, כדי דעם פערד-מאַן די האַנט צו דערלאַנגען. אָבער די פיס האָבן אים גענומען ציטערן און ער איז צוריקגעפאַלן אויף זיין שטול. „אַנטשולדיקט מיר", האָט ער געזאָגט. „איך בין אויך נישט אינ־גאַנצן געזונט".

דער סעקרעטאַר איז צו אים צוגעשפרונגען און אים אָנ־גענומען אונטערן אָרעם. „קומט, דאָקטאָר, צו דער סאָפע, ציט אייך אַביסל אויס".

ער האָט אָפּגעוואָרפן די הילף. האָט זיך אַליין אויפ־געשטעלט מיט גרויס אָנשטרענגונג. ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן טיש און זיך פּאַוואָליע צוגעשלעפּט צום דיוואַן.

„צי זאָל איך זאָגן פּרעדן, אַז ער זאָל אייך עפּעס צו־גרייטן אויף פרישטיק?" האָט געפרעגט ראָסיוס. „ניין?" טאָ רוט-זשע אייך אויס, דאָקטאָר, און ליגט שטיל אַ פּאָר שעה. פאַרגעסט נישט, אַז איר דאַרפט היינט רעדן אין סוחרים-פאַריין, מוזט איר אַלזאָ זיין אינגאַנצן אויסגערוט. כ'וועל קומען נאָך אייך אַרום ניין אַ זייגער".

ער האָט אים אַרומגעהילט מיט אַ שווערער, וואַרימער דעק און צוגערוקט אַ טאַבורעטקע. געבראַכט אַ גלאָז וואַסער און עס אוועקגעשטעלט, אַנידערגעלייגט דערלעבן דאָס קליינע שאַכטעלע מיט סטריכנין־פּילן. „אפשר וועט איר איינעמען איינע", האָט ער באַמערקט, „אָפּטמאָל האָט עס אייך ענמאָס געהאָלפן".

פראַנק בראַון האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער זאָל אָפּשטעלן דעם טעלעפאָן, אָבער ער האָט נישט געקענט די ליפּן פונאַנדערנעמען: ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי זיין מוח וואָלט נישט אימשטאַנד געווען

*) פאַרשטאַנען — צום ווידערזען — אַ שיינעם דאַנק)

אַרויסצוגעבן דעם מינדסטן באַפעל! און ער האָט געטראַכט, אַז ס'איז אייגנטלעך אַלציינס, מחמת ער וואָלט סיי=ווי=סיי קיינזאַך נישט קענען אויספירן.

ער האָט געהערט, ווי ביידע זענען אַוועקגעגאַנגען, געהערט עפענען די טיר און זי צוריק צומאַכן. און דערנאָך נאָך איי=נע —

* * *

עגדלעך איז געוואָרן שטיל. קאַלט איז אים געווען און ס'האָט באַ אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער האָט געוואָלט נעמען אַ טרונק וואסער, אָבער ער האָט דעם אָרעם נישט געקענט אויסשטרעקן.

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען, גערופן און געשריגן, נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל, האָט זיך איינגעבויערט אין זיינע אויערן, געהיילט אכזריותדיק אינצווייניק אין זיין מוח. ער האָט אַריבערגעצויגן די קאָלדרע איבערן קאָפּ, פאַרשטאָפּט זיך מיט די פינגער די אויערן. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. ס'האָט געקלונגען, געהאָוקעט, געפּליקט און נישט צורו געלאָזט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז מיט וואַקלדיקע טריט דורכגעגאַנגען דעם צימער און אָנגענומען דאָס טרייבל. לאָטע — יאָ! הלמאי ער האָט זי געלאָזט וואַרטן? — ער האָט נישט גע-הערט דאָס קלינגען. — אָבער זינט אַ פערטל שעה — ניין, ניין — גאָרנישט! — זיין האַנט האָט געציטערט, זיין שטים האָט געוויינט.

צי ער איז קראַנק? — ניין! — אָבער דאָך, דאָך, זי הערט דאָס! — מילא, יאָ — עטוואָס נאָר. — זי איז נאָך אין אַטלאַנטיק-סיטי — זי וועט זיך אריינזעצן אין ערשטן צוג און אַראָפּקומען אין שטאָט אַריין. צי ער רעדט היינט אינאָוונט? — יאָ, ער וועט רעדן — טאָ דערוואַרט זי אים צום טיי — יאָ, יאָ, ער וועט קומען.

ער האָט אַוועקגעהאָנגען דאָס טרייבל, אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַדעקט. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אָרעמס, און דער קאָפּ איז אים אַראָפּגעזונקען אויף דער ברוסט. ער האָט גע=

פילט, אז ער וועט אַרונטערפאַלן פון דער שטול. דערנאָך וועט ער ליגן אויף דר'ערד, וועט פאַרגעסן אָן אַלעם און נישט וויסן פון קיינזאַך נישט — ·

ווידער עפּעס אַ געוויש. א טיר=עפענען, עמיץ איז שטי=לערהייט אַריינגעקומען —

ער האָט לעבן זיך געזען שטיין דעם אַלטן דינער, שטום און גלייכגילטיק. ער האָט אים געוואַלט בעטן מיט תחנונים, אַז ער זאָל אים העלפן, און אַז ער זאָל אים צופירן צום בעט —

אָטאָ דעם=אָ? — וואָס=זשע —

צו וואָס איז ער אַריינגעקומען? צי דען האָט ער נאָך אים אָנגעקלונגען?

און ער האָט געזאָגט: „מאַך מיר א באָד! א הייסע, א גאָר הייסע".

ער האָט זיך צעשמייכלט. פאַרוואָס דווקא א באָד? אַבי עפּעס — אַלציינס אַ וואָסער נישט איז באַפעל פאַרן דאָזיקן שטיק האָלץ — כדי פון אים וואָס גיכער פטור צו ווערן.

פרעד האָט געזאָגט: „גוט, מיין הער". ער איז דורכגע=גאַנגען איבערן צימער, האָט אַראָפּגענומען אַ זילבערנעם טעלער פון דער עטאַזשערקע און אַרויפגעלייגט דערויף אַ קאַרטע. ער האָט זיך אומגעקערט און אים דערלאַנגט די קאַרטע. „די דאָזיקע דאַמע וויל זיך מיט אייך זען".

ער האָט גענומען די קאַרטע און אַ וואָרף געטון אַ בליק אויף איר — אָבער ער האָט נישט געקענט קיין אות צומאָל אי=בערלייענען. ער האָט נאָר געהערט די מאָנאָטאָנע שטים פון דעם דינער „אַ דאַמע —" אָבער ער האָט נישט געוווסט, וואָס ער מיינט.

ער האָט געטראַכט: גיי, בהמה, וואָס מאַטערסטו מיך?" ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. געזאָגט „יאָ". דערנאָך האָט ער אַרויסגעמורמלט: „מיין באָד —"

„ווער ביסטו?" האָט ער געפרעגט. „ער האָט געטראַכט: „לאָטע. — און הלמאי ווידעראַמאָל דער שוואַרצער שלייער? דיך מאַן איז דאָך שוין לאַנג טויט, דיין פאָטער אויך —"

נאָך וועמען האָט זי דאָס געטראָגן טרויער?

נאָך אים? — אָבער ער האָט דאָך נאָך געלעבט —

װער ביסטו?" האָט ער װידער געשעפּטשעט.
ענדלעך האָט ער דערהערט איר שטים.
װאָס האָט זי גערעדט — ?
שפּאַניש — יאָ! זי האָט אױפֿגעװעקט דעם שלײער.
איצט האָט ער זי גוט געזען, די טענצערין, די גאָהי־טאַ — Dolores Echevaria, אירע טונקלע שאַפּירענע אױגן האָבן געלױכטן.

צי איז ער קראַנק? האָט זי געפֿרעגט, ער האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ; יאָ, עטװאָס; מיד איז ער.

זי האָט דערציילט. פֿון סאַנאַרא קומט זי; זי איז אין ניו־יאָרק פֿון אײערנעכטן אָן, צוזאַמען מיט איר װאָלף און דעם קאַטאַרינאַזש. זי האָט אים געהאַט צוגעזאָגט צו ברענגען אַ ביסל מעסקאַל־פּרוכט, איז זי טאַקע געקומען און אָט איז אױך דער מעסקאַל. זי האָט געעפֿנט איר טאָרבע, אַרױסגענומען אַ טיכל, עס אױפֿגעקניפּט און אים געװיזן די אײנגעטרוקנטע קאַקטוס־קעפּלעך.

ער איז תּיכּף אױפֿגעשטאַנען. „דאָס מוז העלפֿן", האָט ער געזאָגט, „באַלד, באַלד!"

ער האָט אָנגענומען דאָס טיכעלע מיט ציטעריקע הענט, האָט אַרײַנגעשטעקט די עלעקטרישע שנור אין דעם שטײענדיקן קאָנטאַקט. „װאַסער!" האָט ער אױסגערופֿן, „פֿרעד, װאַסער!"

דער אַלטער איז אַרײַנגעקומען און אָנגעפֿילט דאָס טײ־קעסעלע, אײער באָד איז פֿאַרטיק, מײַן הער", האָט ער גע־מאָלדן, „װאָס װעט איר נאָך באַפֿעלן?"

ער האָט אַ קוק געטון אױף אים און געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, גיין! קאָנסט שױן גיין!

און דער אַלטער איז אַרױסגעגאַנגען.

ער האָט געװאָלט אונטערהײבן דעם טשײניק, און האָט איז אָבער געמוזט צוריק אַװעקשטעלן, אַזױ שטאַרק האָט אים געציטערט דער אָרעם. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט און אַנלען פֿון דער שטול און האָסטיק אָפּגעאָטעמט.

די טענצערין האָט נאָכגעקוקט זײַנע באַװעגונגען. „װאָס װילט איר טון?" האָט זי געפֿרעגט.

„טיי אויפקאָכן", האָט ער געענטפערט. „פון די מעסקאַל־פּרוכטן. אפשר וועט עס העלפן."

זי האָט גענומען דעם טשייניק און אים אַרויפגעשטעלט אויף דער הייסער פּלאַט. „לאָזט־זשע, וועל איך עס אליין מאַכן". האָט זי אויסגערופן. און האָט אַריינגעשאָטן די געלע פּירות אין טשייניק אַריין.

ער האָט געזאָגט: „אַ דאַנק — כ׳וועל זיך פריער אויס־באָדן, דערנאָך וועל איך זיך אָוועקלייגן און טרינקען די טיי"!

די גאָהיטא האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, יאָ, גייט. אייער טיי וועט באַלד זיין פאַרטיק".

ער איז אַריינגעגאַנגען אין באָד־צימער, האָט זיך אויס־געטון, סאַפּענדיק און קרעכצנדיק. האָט אריינגעטון די האַנט אין וואַסער – ס׳איז געווען קאָכעדיק. ער איז פונדעסטוועגן אריין אין די וואַנע, האָט זיך אויסגעצויגן — ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער וועט פאַרברענט ווערן אין דערדאָזיקער היץ.

ער האָט זיך פונדעסטוועגן באַלד צוגעוווינט דערצו. ער איז געלעגן אין וואַסער און זיך נישט גערירט. ער איז נישט געשלאָפן. נישט געוואַכט, נישט געטראַכט און האָט גאָרנישט נישט געזען אַרום זיך. גאָרנישט איז נישט געווען אין אים.

דערנאָך האָט איב גענומען שוידערן. ער איז אַרויסגע־גאַנגען פון דער וואַנע, האָט זיך אַרומגעווישט. האָט אָנגעטון די נאַכט־וועש און דערויף דעם קימאָנאָ. האָט זיך אומגעקערט אין צימער אַריין. לעבן דער סאָפע אויף דער שטול איז גע־שטאַנען דער טשייניק, און דערלעבן אַ שאָל.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, איינגעגאָסן זיך אַ שפּאָר פּיסל טונקלען עסענץ אין די שאָל אַריין. האָט עס צוגענומען צום מויל און אויסגעטרונקען.

דערנאָך האָט ער דערהערט אַ שטים. „נו, ווי שמעקט עס אייך?"

„נישט גוט!" האָט ער אָפּגעענטפערט, „זייער ביטער".

„איר האָט זיך צו לאַנג געבאָדן", האָט זי פאָרגעזעצט. „כ׳האָב שוין מורא געקריגן, אַז ס׳זאָל נישט האָבן מיט אייך עפּעס געשען, כ׳האָב געוואָלט אָנקלינגען נאָכן דינער. — גלייבט איר, אַז די מעסקאַל־טיי וועט אייך העלפן?"

ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. „אפשר ! כוויס ניסט".

„מ'דערציילט ממש ניסים אָן דערפון אין מעקסיקע". האָט זי געזאָגט. „צי האָט איר שוין געהערט עפּעס וועגן דעם ?"

„עס פּאַרשיכּורט", האָט ער געענטפערט. „אַ מערקוויר=דיקע באַרוישונג — לחלוטין אַנדערש פון די אַלע איבעריקע. איך האָב זיי שוין אַלע אויסגעפּרוווט — גאַנץ לאַנג נאָך — אָפּיום, האַשיש און מוסקאַרין, דיגיטאַלין, קאַווא-קאַווא, גאַנגאַ, און קאָקאַין און נאָך פיל אַנדערע. קיינס פון זיי ווירקט נישט אזוי ווי מעסקאַל. עפּעס אַ מערקווירדיקע שיכּרות — פּאַרבן — אַ סך פּאַרבן".

„איך וואָלט עס געוואָלט פּאַרזוכן", האָט געזאָגט די נאָ=ווטא. „צי איז עס שעדלעך ?"

ער האָט זיך שווערלעך צעשמייכלט. „שעדלעך ? ניין, שעדלעך איז עס נישט. — מ'קאָן לייכט ווערן אַ מאָרפיניסט, צוגעוווינען זיך צו שנאַפּס, עטער און האַשיש — אבער צו מעסקאַל קאָן מען זיך נישט צוגעוווינען. איר ווייסט דאָך אליין ווי שווער ס'איז מעסקאַל צו באַקומען !"

זי האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען אַ שאַל און צוגעגאַנ=גען צו אים. „גיסט איין", האָט זי געזאָגט.

ער האָט איר אָנגעגאָסן אַ פולע שאַל. „שוין=זשע האָט איר גאָר קיין מורא נישט ?" האָט ער געפרעגט. „איר וועט זיין באַרוישט און ליגן אָן באַוווסטזיין אַ פּאָר שעה צייט. און איר זענט אין אַ פרעמדער שטוב — בּאַ אַ פרעמדן —"

די טענצערין האָט אים לאַנג אָנגעקוקט מיט אירע שאַ-פירענע אויגן . „אָ, ניין". האָט זי געזאָגט ערנסט, „איך האָב גאָר קיין מורא נישט. איר — זענט דאָך אַ דייטש".

ער האָט געטראַכט : „דערפאַר ? ! אָבער אַוודאי — דו דאַרפסט כּלל נישט מורא צו האָבן ! איך בין אזוי שוואַך און אַזוי פּאַרמאַטערט — און וועל פּונקט אזוי באַרוישט זיין — ווי דו. אַזוי'רנאָך ביסטו לחלוטין זיכער !"

און ער האָט געזאָגט : „פּאַרשליסט=זשע, כ'בעט אייך, די טיר".

זי האָט געטון, ווי ער האָט געהייסן. האָט זיך צוריק

אומגעקערט, גענומען די שאָל פון זיין האַנט און זי אויסגעטרונקען.

„נאָך איינע!” האָט ער געזאָגט, און אָנגעפילט פונדאָסניי ביידע שאָלן.

זיי האָבן אויסגעטרונקען.

עפּעס האָט אים צונויפגעבונדן מיט דעַרדאָזיקער פרוי —

זי האָט זיך צעשמייכלט: „נו, וואָס ווייטער? איך בין זייער נייגעריק”.

ער איז צוריקגעפאַלן אויף דער סאָפע אינגאַנצן א דערשעפּטער פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. זי האָט עס באַמערקט און האָט אים פריינדלעך אַרונטערגערוקט די קישנס אונטערן קאָפּ.

„צי איז גוט אזוי?” האָט זי געפרעגט.

ער האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. „א דאַנק!” האָט ער געשעפּטשעט. „לעגט אייך צו אויפן גרויסן פאָטעל — דאָרט אויפן לעדערנעם. נעמט אייך א פּאָר קישנס. דערנאָך — קנעפּלט אייך אויף די בלוזע — מחמת ס'איז בעסער, אַז מ'קאָן פרייער אָטעמען און אַז עס דריקט גאָרנישט אויפן האַרץ. שפּיליעט אייך אָפּ דעם גאָרסעט - אָדער טוט אים אויס”.

„כ'טראָג נישט קיין גאָרסעט”, האָט געזאָגט די פרוי.

ער האָט געזען — פאַרשלייערט בלויז, ווי דורך א געפּל־ ווי זי האָט אָפּגעשפּיליעט אירע קליידער, ווי זי איז צוגעגאַנגען צום פאָטעל, אָנגעלייגט עטלעכע קישנס און זיך באַקוועם אויסגעצויגן.

„צי קענט איר נישט עפּעס א פערז פון דער רומבאַ?” האָט ער געשעפּטשעט. „כ'בעט אייך, זינגט מיר עס ריטמיש אויס — איידער מירן איינשלאָפן”.

זי האָט גענומען זינגען אינדערשטיל, זייער שטיל:

„La Rumbita que yo bailo,
la de Rumba, Rumba, Rumba,
Es muchissimo mas dulce
Que unos labios de mujer!
Ay, ay, ay! Co, co, co.“

איינטאָניק, פּסדר דיזעלבע ווערטער. דערזעלבער ריטם. ער האָט זיך באַמיט אויפצולעבן אין זיכּרון דאָס בילד, ווי זי האָט געטאַנצט פאַר ווילאַ און זיינע גענעראַלן. אָבער ס'איז אים נישט געלונגען — ער האָט בלויז געזען די מאַלפּישע צורה פון ווילאַ און דאָס אָדלער־פּנים פון זיין אַדיוטאַנט. דערנאָך דעם קאָפּ פון דער טענצערין און אירע מאַנדלפאָרמיקע בלאָע אויגן.

לסוף איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן.

* *

*

זון, זון און דער וועג אויפן ברעג ים. גלייך איבער זיין קאָפּ איז געשטאַנען די זון אין סאַמע מיטן טאָג, בעת ער איז געזעסן אויפן זאַמד פון די נאַקעטע דיונעס. דער ים האָט גע־שטראַלט און דער זאַמד האָט געבלישטשעט. פון צייט צו צייט פלעגט פאַרבייפאָרן א פויער, נאָכהענגענדיק אויבן אויפן פול אָנגעלאָדענעם מוילטיר. שטיל, פּאַוואָליע און אָן גערויש האָט ער זיך באַוויזן פונדערווייטנס, זיך דערנענטערט אַהערצו און ווידער פאַרשוווּנדן געוואָרן. אין ערגיץ קיין שאָטן, אין ערגיץ נישט. פונקט איבער אים איז געשטאַנען די זון אינמיטן טאָג.

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין שטאָט אריין.

עפּעס איז מיט אים געשען. — שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום, אַלץ וואָס האָט אים ארומגערינגלט איז געווען קלאָר און פינקלדיק. נאָר זאַמד און ים און זון. ער איז גע־בליבן שטיין, זיך אַרומגעקוקט און געגאַנגען ווייטער.

דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט. אַ לאַנגער שאָטן איז אים פאָרויסגעגאַנגען. ז י י ן א י י ג ע נ ע ר ש אָ ט ן.

*

*

*

רויט און געל. רויט און געל. אומעטום רויט און געל אין דער גאַנצער שטאָט. היינט איז געווען א גרויסער נאַציאָנאַלער יום־טוב — ס'האָבן געפלאַטערט די פענער אין די לאַנדס־פאַרבן.

אין דער גאַנצער שטאָט — רויט און געל. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן פון ים אַהער פון דרום-מערבדיקער זייט — און צו צפון-מזרח האָבן געפלאַטערט די אַלע פענער, לענגויס דער ברייטער גאַס, מיט וועלכער ער איז געגאַנגען. זיי האָבן געווייעט אַהין ווו זיי זענען געגאַנגען, דאָרט אַהין אויפן וועג, ווו דער אָקסן-צירק איז געשטאַנען. ווי אַ גוואַלטיקער מאַגנעט איז ער געווען, וואָס האָט אַלץ צו זיך צוגעצויגן.

קיינער איז אים נישט אַקעגנגעקומען. אַלץ האָט זיך געצויגן אַרויף מיט דער ברייטער גאַס. און מיט זיי זענען מיטגעגאַנגען די פענער, רויט און געל — צו קאָרידאַ אַהין.

אָבער איינע, איינע איז נישט מיטגעגאַנגען. ער האָט זי גוט געזען, אַ גרויסע און אַלטע פאָן, אויסגעדריוועט איןביידע עקן. זי האָט נישט אַראָפּגעהאָנגען איבערן שטעקן און נישט געווען צונויפגעוויקלט. זי האָט געפלאַטערט — אַ ק ע ג ן ד ע ם ו י נ ט.

קיינער האָט עס נישט געזען, קיינער האָט נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. קיין קאָרידאַ האָבן געצויגן די פענער און די מענטשן —

* *
*

ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער איז געלעגן און געחלומט. ער האָט איינגענומען אַ שפּאַרע דאָזע מעסקאַל, צוויי פולע שאָלן. ער איז געלעגן אויף דער ברייטער סאָפע אין זיין וווינונג אין ניו-יאָרק, אין דער דריי-און-צוואַנציקסטער גאַס אויף זיין גוואַנאַקאָ-פעל. פון דעם אַלעם האָט ער זיך גאַנץ גוט אָפּגעגעבן אַ חשבון.

און ער האָט אויך געוווּסט: אַז ס'איז לחלוטין אוממעגלעך, אַז אַ פאָן זאָל פלאַטערן אַקעגן דעם ווינט. פונקט ווי ס'איז אוממעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל וואַרפן אַ שאָטן צו מיטאָגצייט.

און דאָך האָט ער געוואָרפן דעם דאָזיקן לאַנגן שאָטן. און דאָך האָט געפלאַטערט די רויט-געלע פאָן אַקעגן דעם ווינט.

אין פּוּערטאָ סאַנטאַ מאַריאַ, בעת ער איז אהינגעגאַנגען אויפן אָקסן-קאַמף.

*

*

עפּעס אַ דיקער הער איז געזעסן לעבן אים אויף דער שטיינערנער באַנק, אַ שרעקלעך גראָבער, אומגעהויער דיקער פּאַרשוין, וואָס האָט פאַרנומען אָרט פאַר דריי, ער איז געווען אַזוי דיק, אַז זיין פּעטס האָט אַזש אַריבערגעהאָנגען אויףביידע זייטן באַנק.

„וואַסער”! האָט געשריגן דער דיקער; און דער גאַלעגאָ האָט אים אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז.

„נאָך!” האָט געפּרייכט דער דיקער. ווידער איינס און נאָך איינס. פינפצען גלעזער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונקען דער גראָבער. „נאָך!” האָט ער געקרעכצט, „נאָך!”

„Olé!“ האָט געיאָכצט די מאַסע, בעת דער סעוויליאַנער האָט פאַרבייגעצויגן דאָס שקאַרלאַט-טוך פאַר די אויגן פון אָקס און מיט דער לינקער האַנט אָנגעכאַפּט זיין האָרן און אַנידערגעקניט פאַר די חיה. „Olè!“

אָבער דער דיקער פּאַרשוין האָט געסאָפּעט: „נאָך!” ער האָט זיך אָנגעפּילט, אָנגעבלאָזן זיך, געוואַקסן פון אַלע זייט „נאָך!”

*   *

*

דער שטאַרקער וועגנאָ האָט געהאָנגען אויף דער צעטריי-בערטער קלאַטשע, וואָס דער אָקס האָט צעמזיקט. צוויי זעגען שוין געלעגן אין זאַמד און די איז געווען די דריטע, וועלכע ער האָט גענומען אויף די הערנער. דער פאַרפאַנצערטער פּיקאַדאָר האָט זיך אַרונטערגעקייקלט שווערלעך, אומגעשיקט — באַך, אויפן קאָפּ, ווי תמיד. ער איז אַפּערגעקראָכן פון אונטער דער קלאַטשע, האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַרויסגעקאַטשעט. אָבער דער אָקס האָט אַריינגעבויערט זיינע הערנער אין גוף פון דעם פערד און איבּ אַרויסגעריסן די געדערים. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט אַ

זיך אַ לאָז געטון אין די צווייטע זייט — צו דער שוואַרצער קלאַטשע, אויף וועלכער קאַטילינאַ איז געריטן.

מיטאַמאָל האָט אַ געשריי געטון עפּעס אַ פרוי, וועלכע איז געזעסן אויף דער שאָטן-זייט. זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט אין איר לאָזשע, אַראָפּגעצויגן דעם שלייער און אַ וואָרף געטון איר טוך אויף דר׳ערד אַראָפּ. זי האָט גענומען שרייען און ריצווען, דער-נאָך איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון די שטיגן — און איבער דעם באַריער גלייך אין זאַמד אַריין. זי איז אַריבערגעלאָפן אויף דער צווייטער, זוניקער זייט, געשריגן און געמאַכט קולות. און האָט זיך גענומען אויסטון.

איינער פון המון האָט אויסגערופן: „דאָס איז אַ משוגענע!"

„כאַפּט זי! פירט זי אַרויס!" האָט געפאָדערט די מאַסע. און די טאָרעראָס זענען צו איר צוגעלאָפן.

אָבער די פרוי האָט פון זיך אַראָפּגעריסן די קליידער, בלויז און העמד און איז געבליבן שטיין אינגאַנצן נאַקעט אויפן געלן זאַמד. זי איז נאָר געבליבן אין די שיך און אין לאַנגע, רויטע זאָקן.

אַ באַנדעריליערא איז צו איר צוגעשפּרונגען און האָט אויף איר פאַרוואָרפן זיין מאַנטל. נאָכדעם האָט זי זיך געלאָזט אַרויס-פירן און אָפּגעגאַנגען רויק צוזאַמען מיט אים. ערשט בײַ דעם באַריער איז זי שטיין געבליבן אַ ווײַלע, האָט געקוקט מיט דער-שטוינונג ווי די טשולאָס אין די רויטע סורדוטן האָבן אַהערגע-טריבן קאַטילינאַס קלאַטשע פאַרביי דעם אָקס.

דאַן האָט זי ווידער גענומען שרייען. האָט זיך אויסגע-ריסן און אַהינגעלאָפן אויף דער צווייטער זייט.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט האַרט פאַר דעם בידנעם פערד, גלייך ווי זי וואָלט עס וועלן באַשיצן. האָט ברייט אויס-געשטרעקט די אָרעמס.

זי איז אָבער גלייך אַנטלאָפן אין איין טויט-שרעק, ווען דער שוואַרצער אָקס האָט נאָר אַראָפּגעלאָזט זיינע הערנער. מיט שרעקלעכע געשרייען האָט זי זיך געלאָזט לויפן איבער דער אַרענע.

אָבער זי איז נישט ווייט פאַרגאַנגען. זי האָט זיך אויס־געגליטשט, איז אומגעפאַלן — און דער אָקס האָט זי אַ כאַפּ געטון.

ער האָט זי אַ וואָרף געטון אינדערהויך, איר אַריינגע־שטויסן די הערנער אין לייב. אירע געדערים זענען אַרויס־גערונען אויפן זאַמד — ווי די געדערים פון די פערד.

די טאָרעראָס האָבן געפאָכעט מיט די מאַנטלען, אַוועק־געיאָגט דעם אָקס אין איין רגע, און דער סעוויליאַנער האָט אים שנעל אוועקגעלייגט אַ טויטן.

די קראַנקען=וועכטערס זענען אָנגעקומען מיט טראַגעס. האָבן אַרויפגעלייגט דערויף די נאַקעטע פרוי, איינגעהילט זי און אַרויסגעטראָגן.

אונטער דעם געל־רויטן טוך האָט זי נאָך אַלץ געשריגן און געשריגן.

„אַ משוגענע!" האָט געזעצעט די מאַסע. „אַ משוגענע!"

אָבער דער דיקער פאַרשוין האָט געקרעכצט: „נאָך, נאָך!"

ער האָט אַלץ אינאיינעם געטרונקען וואַסער. ניין, ער האָט נישט געטרונקען — ער האָט געאָטעמט מיט וואַסער.

* *

*

פראַנק ברוין איז געזעסן אויף אַ פעלז באַם ים, צוזאַ=מען מיטן קליינעם מאַלער. דער האָט געזאָגט: גאַנגווין איז שולדיק געווען און ווייטער קיינער נישט. ער איז געווען אַ שלעכטער מענטש און איז געווען אייפערזיכטיק אויפן האָלענ־דער. און בעת ער איז געקומען צו אים קיין אַרל, איז וואַן גאָג פאַרסמט געוואָרן דורך יענעמס משוגעת. דאַן האָט ער זיך אָפּגעשניטן די אויערן און איז אַוועק אין אַ באָרדעל און זיי אָפּגעגעבן צוזאַמען מיט אַ שיינעם גרוס פאַרן הער גאָנ=ווין".

„אלמאַי האָט ער זיך אָפּגעשניטן די אויערן?" האָט ער געפרעגט.

דער מאָלער האָט געזאָגט: „ער האָט זיך זיי אָפּגעשניטן — אזא איז די מעשה. איטלעכער ווייסט עס. און די אויערן האָט פּיקאַסאָ.

„פונוואַנען האָט ער זיי?" האָט ער געפאָרשט.

„כ'ווייס נישט", האָט אויסגערופן דער מאָלער. „דאָס איז דאָך אַלציינס. ער האָט זיי — ער האָט זיי געירשנט נאָך ואַן גאָגן. מ'וואָלט געקענט זאָגן, אַז דאָס זענען מחויב צו זיין די אויגן — אָדער די הענט — אָבער דאָס וואָלט געווען נישט ריכטיק. מ'מוז קענען דעם דופק פון דער צייט — כדי צו ווערן דער מאָלער פון זיין צייט. און אַזוי־ערנאָך ווייס פּיקאַסאָ נישט וויסן, וואָס צו טון מיט דערדאָזיקער ירושה — הגם ער שטאַמט פון מאַלאַגאַ. אָדער אפשר טאַקע דעריבער".
ער האָט זיך צוגערוקט נענטער, זיך אַרומגעקוקט צי ס'הערט זיי עמיצער נישט אונטער. זיי זענען געזעסן גאַנץ איינזאַם אויפן פעלז לעבן ים, און זיך געברענט אויף דער זון.

„איך וויל עס אייך דערקלערן", האָט געשעפּטשעט דער קליינער. „ווי לאַנג די וועלט שטייט — איז נאָכנישט אַרויס־געקומען פון מאַלאַגא קיין רעכטער מאָלער — און נישט קיין גוטער טאָרעראָ צומאָל!"

ער איז אויפגעשטאַנען, אַראָפּגערוקט דאָס היטל אי־בערן קאָפּ. „דער ים ווערט שוואַרץ", האָט ער געזאָגט. „די זון שלאָגט זיך גרינלעך אָפּ. לאָמיר זיך דורכשווי־מען".

זיי זענען אַרויסגעשווימען וויט אויפן ים, לייכט און שנעל. די כוואַליעס האָבן זיי געטראָגן.

„צי קענט איר נאָך זען די יבשה?" האָט געפרעגט דער מאָלער.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. „די כוואַליעס שטייגן זייער הויך", האָט ער געענטפערט. „לאָמיר זיך אומ־קערן".

זיי האָבן זיך גענומען אומקערן.

אָבער דער ים האָט זיי געצויגן אויף צוריק. ער האָט באַ־מערקט, אַז ר'איז געבליבן הינטערשטעליק, און אַז דער מאָלער

האָט זיך אַלץ מער דערווייטערט און אַלץ ווייטער פאַרויסגעשווימען צו דער יבשה צו.

„וואַרט אונטער!” האָט ער געגרופן.

אָבער יענער האָט געענטפערט: „ניין! — איך דעזערטיר!”

דאַן האָט ער גענומען שרייען דורך די שוואַרצע כוואַליעס: „אָ, פחדן! דו פחדן איינער!”

דער מענטש מיטן אָראָפּגעדרוקטן היטל איז געשטאַנען אויפן ברעג. ער האָט געלאַכט: Que quiere? — איך האָב מער געטון פאַרן פאָטערלאַנד ווי איר — Plus que dreitausend horses!'

און ער האָט געזען, אַז דאָס איז געווען דער פערדסקנעכט, וואָס איז פאַרשוואונדן צווישן די פעלזן. נישט דער מאָלער.

* *
*

דערנאָך האָט ער דערהערט אַ קרעכצן, פרייכען און סאָפּען. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ — הינטער אים איז געשווימען דער דיקער פאַרשוין, אַ בלייכע, פליישפאַרביקע, אומגעהייערע מאַסע. דאָס פנים האָט ער קוים געקענט דערקענען, ר'האָט בלויז געזען די קליינע, גיריקע אויגן, דאָס ריזיקע מויל, וועלכעס האָט אויסגעזען ווי אַ שרעקלעך לאָך, וואָס האָט זיך אָנגעפילט מיט וואַסער. פון דאָזיקן דיקן פאַרשוין האָט אַרויסגערונען שליימיקע, שוואַרצע מאַטעריע — ער האָט געהאַט ערגיצווו אַ גיפטיקע דריזע, וואָס איר עקלהאַפטער אינהאַלט איז נאָכאַנאַנד אַרויסגעפלאָסן אין ים אַריין.

דאָס איז געווען, אָן שום ספק, דער זעלבער דיקער פאַרשוין. דאָס פנים, וואָס ער האָט געזען, איז געווען מענטשלעך — אַ פּליכיקער און צוגעפלאַטשטער שאַרבן. קיין שטערן, קיין נאָז, און נישט קיין קינבאַק. אָבער אָט די קליינע, קיילעכיקע אויגן און דאָסדאָזיקע משונהדיקע לאָך — ער האָט געטראַכט: דעריבער איז דער מאָלער אוועקגעשווימען! דאָס איז אַ פּאָקראַקעאָט דער בולך, אַ גרויסער פּאָליפּ! ער וויל מיך אויסזויגן —

* *
*

ער האָט אייגנטלעך נישט קיין מורא געהאַט — ער איז זיך געלעגן אויף זיין סאָפע — געחלומט. געחלומט כּמו עפּעס אַ דיקן, וואָס איז געווען אַ פּאַליפּ, און ער האָט גאַנץ גוט גע־וווּסט, אַז דאָס חלומט זיך אים בלויז.

ער האָט אויך געוווּסט, פונוואַנען ס'האָט זיך צו אים דער־גומען דאָסדאָזיקע בילד; אין אַן אַלטן נומער פון עפּעס אַ צייטשריפט האָט ער עס געזען, אין דער „Jugend“ אָדער אין „Simplicissimus“ ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק. דער די־קער דזשאַן באַל, אין געשטאַלט פון אַ קראַ, האָט אויסגעשטרעקט זיינע שוואַרצע פליגל איבער לענדער און ימים. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דידאָזיקע צייכענונג האָט ער געהאַלטן פאַר אַ שלעכטע און ס'האָט אים פאַרדראָסן אויפן צייכענער, הלמאי ער ער האָט אויסגענוצט אַן אַלטן סקיץ, וועלכער איז שוין געווען אפשר הונדערט מאָל נאָכגעקאָפּירט.

אַ גוטער וויץ איז עס געווען דאַן, בעת דערדאָזיקער גע־דאַנק איז צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן דעם קינסטלער, פאַר נאַפּאָלעאָנס וועגן, צי פאַר קאַרל דעם פינפטן, אָדער פאַר עפּעס אַן אַנדערן פון די יעניקע, וועלכע האָבן געוואָלט די וועלט דעראָבערן. הײַנט איז דאָס שוין געווען פאַרעלטערט, און איז שוין לאַנג געווען אַ קלישע, זינט העכער הונדערט יאָר.

ס'האָט געשטימט -- אוודאי האָט עס געשטימט. אָבער טאַקע דערפאַר איז עס געווען שלעכט, ווייל ס'האָט תּמיד גע־שטימט. פּונקט אַזוי ווי האַרץ גראַמט זיך מיט שמאַרץ — ווי גרין איז די פאַרב פון האָפענונג און די פרויען־שטים איז ענ־לעך צום געזאַנג פון דעם נאַכטיגאַל, ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר.

אַמאָל געניאַל. אָבער פון לאַנג שוין אָפּגעשמאַקט — און לסוף אומדערטרעגלעך.

און ער האָט געטראַכט: דערין איז נאָר איינס שולדיק. דערדאָזיקער שרעקלעכער, שוידערהאַפטער, געזונטער מענטשן־פאַרשטאַנד. דער און די נאַטור — זי צומייסטן.

איטלעכן הארבסט פלעגן די בלעטער אָראַנזשאַלן פון די ביימער און די לעצטע זענען געבליבן איינגאַנצן נאַקעט. דער־נאָך האָט זיך אַראָפּגעשיט אַ שניי און אַלץ איז געוואָרן וויים.

און אין אַפּריל אָדער מאַי איז אַלץ צוריק געוואָרן גרין. ווו מ'האָט נאָר געוואָרפן אַ בליק, איז פול געווען מיט בלעטער און בליעכץ.

הלמאַי דען תמיד בלומען און גרינע בלעטער? דאָס אייגענע, און אייביק דאָס זעלבע דורך טויזנטער יאָרן. און איטלעכס יאָר אַזוי — תמיד און אייביק דאָס זעלביקע! נישט אַנדערש, נאָר דידאָזיקע נאַרישע, שטאָק־לאַנגווייליקע נאַטור האָט דאָס מענטשן־געזינדל אליין אויך פאַרנאַרישט. אָט שטעלט זיך עמיצער אַוועק ביים פאָרטעפּיאַן, מיט אַ ברייט אויפגעריסן מויל און זינגט וועגן גלאָקן, וואָס זאָלן קלינגען, און וועגן דעם, אַז ס'איז שוין פרילינג.

אַזש צום ברעכן נעמט עס איינעמען —

פאַרוואָס זאָל אַן עפּלבוים, אַ שטייגער, נישט האָבן כאָטש איין איינציק מאָל עפּעס אַ באַזונדערן געדאַנק? הלמאַי לאָזט ער נישט אַמאָל ארויס קיין קאָרקן־ציערס אָנשטאָט גרינע בלעטער, קיין געמאַרינירטע הערינג אָנשטאָט דעם ווייסן בליעכץ? גאָט מיינער! ס'וואָלט געמעגט זיין, וואָס ס'וויל נאָר, ים־חזירימלעך, טינטערס, ביער־גלעזער, טעפּעלעך, אַלטע שטיוול אָדער ציין־בערשטלעך, אַבי נישט די אייביק גרינע בלעטער! אָבער ניין, ניין, אַזוי האָט עס געמוזט זיין! בעז אויפן מאַי־בוים, קאַרשן אויפן קאַרשנבוים, וויינפּערלעך אויפן וויינפּערלעך־קוסט! און איטלעכס קיניגל געבוירט קיניגלעך, איטלעכע קאַץ אירע קעצעלעך, איטלעכע קו אירע קעלבער! פאַרוואָס נישט — איין איינציק מאָל בלויז, עלעהיי צוליב קליינעם אומבייט — עפּעס אַנדערש — און זאָל עס אַפילו זיין אַ בלעכענע נאַכטכלי!

און דערצו איז נאָך דידאָזיקע נידערטרעכטיקע קאָנוועגץ אריינגעקראָכן אין זיינע חלומות אויך.

ער האָט געטראַכט: דערצו באַדאַרף מען נישט קיין מעסקאַל —

* *

בורא? ניין — אייגנטלעך נישט. עס שטימט — אוודאי — ער איז געווען א דייטש. און דער ענגלענדער האָט אים פאַר־פּאַלאַט — ווי יעדן אַנדערן אין גאַנצן לאַנד — דאָס האָט ער געקענט זען איטלעכן טאָג. צו וואָס דען זענען געווען די דעטעקטיוון, וועלכע האָבן געלאָקערט פאַר איטלעכן טויער?

עס שטימט — גאָר גוט שטימט עס. ער איז געווען אויסגעזויגן — מיד, קראַנק און ליידיק — און געווען איז עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים אויסגעזויגן. ער איז אַרומגע־שווימען און אַרומגעבראָדזשעט אין דעם שוואַרצן שליים — גע־בראָדזשעט נאָכאַנאַנד און זיך נישט גערירט פון אָרט.

קיינמאָל וועט ער זיך נישט אומקערן אַהיים — קיינמאָל וועט ער שוין נישט צושווימען צו קיין ברעג!

און דאָך האָט ער געזען דעם ברעג — גאַנץ נאָענט.

און דערנאָך האָט ער זיך פונאַנדערגעטיילט אין צוויי־ען. איין טייל איז געלעגן אויף דער סאָפע און געטרוימט. און האָט גוט געוווּסט, אַז די אַנדערע האָט זיך געפּייניקט אין דעם שוואַרצן וואַסער. ער האָט געזען, ווי דאָס צווייטע ווען האָט די אָרעמס אויסגעשפּרייט און מיט די פיס געשטויסן קעגן דעם רייסנדיקן שטראָם. און הגם דאָס ערשטע האָט גוט געוווּסט, אַז ס׳וזלומט זיך אים, האָט פונדעסטוועגן דאָס אַנדערע נישט ווייניקער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ אַרום אים געשעט אויף דער וואָר. אַז דער עקלהאַפטער בולך דערנענטערט זיך אַלץ מער און מער, אַז דידאָזיקע ווייכע בלאַסע פּאַליפּן־אָרעמס האָבן זיך אַרויסגערוקט פון דעם שליימיקן טינט.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן, א געשריי געטון און ווי־טער געבראָדזשעט, געבראָדזשעט אין שרעקלעכער אימה.

ער האָט זיך דערנענטערט צום ברעג צו — אָך, ער האָט דערפילט ערד אונטער די פיס.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט און זיך אויסגעדרייט. אַזוי נאָענט איז געווען די חיה, אַז זי האָט מיט אַלע אירע אָרעמס זיין לייב אַרומגענומען. און הגם ער שטייט איצט אויפן ברעג וועט ער זיך דאָך נישט דורכקריגן צו די פעלזן צו, וועלכע זענען פאַרגאָסן דורך די כוואַליעס.

ער האָט אַרומגעזוכט — עפּעס אַ שטיין — אַ שטעקן — כּדי זיך דערמיט צו קענען ווערן.

מיטאַמאָל האָט ער דערפילט עפּעס אַ זאַך אין זיין האַנט — עפּעס אַ גלאַטיקע און קליינע זאַך.

לאַטעס מעסערל —

ער האָט עס אויפגעעפנט — און עס איז מיטאַמאָל אויס-געוואַקסן — ווי די זויגנדיקע אָרעמס פון דעם דיקן. און ער האָט גענומען שלאָגן אַרום זיך, און לסוף געטראָפן מיט אַ שאַרפן זעץ אין אַן אָרעם אַריין. ער האָט אים דורכגעשניטן — און דאָס אבר האָט זיך באַוועגט אין וואַסער, ווי אַ גרויסער שלאַנג. ער האָט נאָכאַמאָל גענומען שניידן — און ווידער האָט ער אָפּגעשניטן אָרעמס — ווי אין פּוטער האָט געשניטן זיין גוט מעסערל.

רויט בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיטן שוואַרצן ים. און אינמיטן זענען אַרומגעשווימען די בלאַסע, פליישיקע אָרעמס.

ער האָט אָנגעהויבן צו לויפן. ער איז אומגעפאַלן האַרט לעבן די פעלזן, אויף אַ קליינעם זאַמד-שטח, אָבער גענוג ברייט, כּדי זיך צו קענען אויסציען.

ער איז געלעגן און געקוקט אויפן ים.

ער האָט געזען דעם דיקן — דער האָט אויסגעשצירעט די ציין. האָט געזשלאָקעט וואַסער — אַ סך וואַסער — האָט זיך אונטערגעטוקט. און אין בלוטיקן טינט זענען אַרומגעשווי-מען ווייסע אָרעמס — זענען אַרונטערגעזונקען און ווידער אויפגעטויכט — גלייך ווי זיי וואָלטן געהאַט אַן אייגן לעבן. און זענען צוגעקומען אַלץ נעענטער און נעענטער צום ברעג צו.

עמיץ האָט זיך אויפגעהויבן — האָט זיך באַוועגט. שוואַרץ איז אַראָפּגעפלאָסן דאָס וואַסער איבערן ווייסן לייב — אָבער ער האָט געזען, אַז דאָס זענען געווען האָר, נאַסע פאַליעס שוואַרצע האָר. און דאָס איז נישט געווען קיין אָרעם, נאָר אַ פרוי, אַ נאַקעטע פרוי.

נאָך איינע הינטער איר — ווידער איינע — און נאָך איינע. די ווייסע, זויגעדיקע אָרעמס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין נאַקעטע פרויען.

ער האָט געפּרוּווט אויפצושטיין, געפּרוּווט צו שרייען. ער האָט אויפגעעפנט ברייט דאָס מויל —

אָבער קיין שום קלאַנג איז נישט אַרויסגעקומען. גאָר-נישט.

ער איז געלעגן הילפלאָז. שטום. אָן באַוועגונג.

ער האָט נאָר געאָטעמט. בלויז דאָס האַרץ האָט בײַ אים געקלאַפּט. — ער האָט פאַרמאַכט די אויגן.

און ער האָט געשפּירט, ווי די אָרעמס באַרירן אים. נאַסע, קאַלטע — אינמיטן אויף דער ברוסט. דערנאָך האָט ער דער-פילט אַ שטעכעדיקן ווייטיק — אָבער עס האָט שנעל נאָכגע-לאָזט, האָט געדויערט אַ רגע בלויז.

און אַ לאַנג זויגן און טרינקען.

זיי האָבן אים אויסגעטרונקען — זיי האָבן אים אויסגע-טרונקען.

* *
*

ס'האָט אים נישט וויי-געטון — ניין. גוט איז אים געווען — ווייך און גוט. און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, גלייך ווי ער גופא וואָלט אויך געזויגן — פּונקט ווי די ווײַ-בער. גלייך אויך ער וואָלט געטרונקען — ווי זיי. ער האָט געשפּירט דעם טעם פון בלוט אויף דער צונג. זיסלעך —

ער האָט אויך געשפּירט, ווי זייערע אָדערן האָבן זיך אָנ-געפילט מיט בלוט. ווי ער איז געוואָרן שטאַרק און געזונט

און דאָך האָבן זיי אים געטרונקען — אים — זיי, די ווייבער.

די אָפּגעטרעטענע זויג-אָרעמס פון דעם דיקן, וועלכע האָבן בעקריגן אייגן לעבן און געוואָרן אַליין ווענזס, דידאָזיקע סאַק-טיס פון דעם שרעקלעכן שיווא-מולך. זיי האָבן אויסגעזויגן זיין בלוט — און ער האָט בלויז געחלומט. אין גסיסהדיקן כאַרכלען, אין לעצטע טויט-אַנגסטן.

ס'האָט זיך אים געחלומט — אַז ער זויגט בלוט —

אָן אַ סוף זויגט ער און טרינקט — שלאָפט איין איבער דעם בלוט. און ס'חלומט זיך אים ווידער.

* *
*

געווען איז דאָס אין גאָרטן, הינטער זיין מוטערס הויז־שול־פעריען — זיין קוזינע דעזי איז געקומען צו גאַסט. ער האָט זיך געשפּילט מיט איר פון פרימאָרגן אָן אונטער די קאַשטאַנבוימער, זיי האָבן געהאַט אַ גאַר גרויסן צינענעם טעלער, האָבן אים אָנגעפילט מיט וואַסער, און אים אוועקגעשטעלט אויף דער זון — ס'איז אונטערגעקומען די פאַרהיימישטע קאַווקע און גענומען באָדן זיך. זי האָט זיך אונטערגעטוקט. צעשפּריצט דאָס וואַסער מיט די פליגל. געפּיקט מיטן שאַרפן שנאָבל אין גלאַזיקן מעטאַל. זיי האָבן אויך געהאַט אַ ים־חזירל און צוויי גאָדלערס — די האָבן זיך אויך געמוזט באָדן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטים — שאַרף און קלאָר:

„דע־זי־רע!"

דאָס איז געווען די מומע אידאַ, דעזיס מוטער. ס'האָט זיך אַלזאָ געענדיקט דער שפּיל. זי האָט געמוזט אַרויפגיין און נעמען די פעדער אין דער האַנט אַריין — אַוועקזעצן זיך און אָנשרייבן אַ פראַנצויזישן אויפזאַץ וועגן מאַהאָמעט אָדער אָן ענגלישן וועגן דער יונגפרוי פון אָרלעאַנס. און דערנאָך זיך איבן אויפן קלאַוויר — דריי שעה ווייניקסטנס. און נאָך איין שעה — אויף פיר הענט מיט דער מאַמאַ.

זי איז געווען יונגער פון אים מיט גוטע צוויי יאָר. און אַחוץ האָט זי געוווּסט און געקענט — מחמת די מוטער האָט פון איר געוואָלט מאַכן אַ וווּנדער־קינד.

וואָס אָן אמת, בעת זי האָט געשאָסן, פלעגט איר קויל תּמיד טרעפן דערלעבן. זי האָט אויך נישט געקענט נעמען קיין זשאַבע אין די האַנט אַריין. און פאַר טויטע וואָרעמלעך פלעגט זי גאָר דאָן נישט מורא האָבן, אויב זיי זענען געווען איינגעוויקלט אין צייטונגס־פּאַפּיר.

דעזי איז אַוועקגעגאַנגען, און ער איז געבליבן זיצן אַליין און לאַנג געטראַכט. מיט די זשאַבעס איז געווען אַ שווער

עסק! די נאָדלערס האָבן זיי געפּאַנגען, האָבן זיי אַריבערגע־וואָרפן מיט די לאַפּקעס צו זיך אויפן רוקן, אויפגעטרענט די בייכלעך און אויפגעפּרעסן די אייעלעך. דערנאָך האָבן זיי זיי געלאָזט ליגן. מילא, פאַר אַ זשאַבע האָט ער זיך זיכער נישט געשראָקן — אָבער אַזאַ איינע, וואָס איז געלעגן אויפן רוקן, מיט אַן אויפגעטרענטן בויך, מיט אַרויסגעפּרעסטע אייער און געדערים — איז פּאָרט געווען עפּעס אַנדערש, צעטרעטן האָט מען זי נישט געקאָנט — און טויטן האָט מען זי פּאָרט געמוזט! אָפּשניידן דעם קאָפּ מיט אַ שאַרפער שער — דאָס איז זיכער געווען די שנעלסטע דערלייזונג פאַר די צעטריי־בערטע חיהלעך, וועלכע האָבן זיך שרעקלעך געפּייניקט. ער האָט עס איינמאָל געטון — ס'איז אים אָנגעקומען שרעקלעך שווער. ער האָט געמוזט דערביי די אויגן צומאַכן — און, פאַרשטייט זיך, געשניטן דערלעבן.

וואָס האָט מען געקאָנט טון? ער האָט זייער ליב געהאַט די זשאַבעס צוליב זייערע גאָלדענע אויגן. און האָט אויך די נאָדלערס ליב געהאַט — צוליב זייערע קלוגע קעפּלעך, קליינע לאַפּקעס און שטעכלדיקע פעל. און דערפאַר, ווייל די יינגע נאָדלערס האָבן אויסגעזען ווי שטעכלדיקע קאַשטאַנעס.

וואָס אַן אמת, די נאָדלערס זענען געווען אומפאַרבעסער־לעך, נישט געהאַרכט קיינמאָל, וואָס מ'האָט צו זיי גערעדט. זיי פלעגן זיך פאַרגנבענען אין קיך אַריין און אויפפרעסן די אייער. האָבן אַרומגעריזשעט איטלעכע באַרנע, וואָס פלעגט נאָר אַראָפּפאַלן פון בוים, און פלעגן גאַנץ אָפט אויפפרעסן זייערע אייגענע קינדער אויך.

פון איינס האָט מען געמוזט פּטור ווערן — אָדער פון די זשאַבעס, אָדער פון די נאָדלערס. אָבער די נאָדלערס זענען געווען אַזוי שרעקלעך קאָמיש. און סוף־כּל־סוף זענען זיי דאָך נישט שולדיק געווען דערין, וואָס זיי האָבן אַזוי שטאַרק ליב געהאַט פרישע, זשאַבישע אייער. ער אַליין פלעגט זייער גערן עסן די אומצייטיקע אַגרעסן, וואָס ער האָט געמוזט אַרויס־גנבענען פון נאָענטן קלויסטער־גאָרטן און דאָס איז דאָך געווען פאַרבאָטן.

ער האָט נישט פאַרענטפערט דידאָזיקע פראַגע. ער איז

אַהינגעקומען צו דער ווערענדע, דאָרט האָט אויף אים געוואַרט דער פרישטיק.

די מומע הענריעטע, וועלכע האָט אויך געוויילט ביי זיי, האָט אים אָנגעגאָסן קאַווע. דער ציבעלפאָרמיקער טשייניק האָט אויסגעזען פונקט ווי די מומע הענריעטע, דיק, קיילעכיק, אָן אַ האַלז און אין בלוי-ווייסן קלייד. און אַזוי גוט און פריינטלעך איז ער געווען, פונקט ווי די מומע הענריעטע. אָבער ער האָט געטראַכט, אַז דאָס אַלץ איז שווינדל. אין זיין טעפעלע איז אַרומגעשווימען אַ דיקע פעלץ — דאָס האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט זי אַרויסגעפאַנגען — אָבער די מומע הענריעטע האָט זי צוריק אַריינגעלייגט. דאָס איז ס'בעסטע — האָט זי געזאָגט. און ער דאַרף דאַנקען גאָט און בעטן, אַז ער זאָל תמיד אין לעבן קריגע אַזאַ פיינע קאַווע.

וואָס האָט זי געוווסט דערפון די מומע הענריעטע? פון זיינעטוועגן האָט זי זיך געמעגט אָנשטאָפּן אַ פולן בויך מיט פעלץ און ווערן נאָך קיילעכיקער ווי זי איז געווען. אים—האָט דאָס נישט געשמעקט!

ער האָט געמישט און געמישט די קאַווע און די מומע הענריעטע האָט אַ פרעג געטון, ווען ער וועט זיך ענדלעך נעמען צו דער אַרבעט? „נישט גענוגנד" איז געשטאַנען אין זיין צייגניש און ער מוז דעריבער אַ סך אונטעראַרבעטן אין דער מאַטעמאַטיק —

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך גיך אַריינגעשלייכט אין גאָרטן אַריין, בעת די מומע האָט זיך גראָד גענומען צום שטריקן אַ זאָק. דאָס טעפעלע קאַווע האָט ער איבערגעלאָזט אומבאַרירט, נאָר דאָס ברויט מיט שינקע האָט ער מיטגענומען מיט זיך.

זי איז גראָב, די קיילעכיקע מומע הענריעטע, גראָב און כיטרע, ווי דאָס באַרישע קאַווע-קריגל, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט.

שול-פעריען! — און דעזי האָט פונדעסטוועגן געמוזט שרייבן פראַנצויזישע אויפזאַצן וועגן מאַהאָמעטן! און ער דאַרף אויספילן די בלייזן אין דער מאַטעמאַטיק! און די אַלטע

נאָדלערס האָבן אויפגעפרעסן די אייער פון די לעבעדיקע זשאַבעס —

ער האָט טיף אָפגעזיפצט. אָ — וואָס איז דאָס פאַרא לעבן? —

* *
*

ווי די אָרימע זשאַבע איז ער דאָרטן געלעגן — אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אויפן פעלז. נאָר דאָס איז נישט געווען קיין נאָדלער, וואָס האָט אַריינגעזעצט די שאַרפע ציינדלעך אין זיין לייב. דאָס איז געווען דאָס קריגל, וואָס האָט אים געזויגן מיט זיין קורצן שנאָבל. און געווען איז עס נישט עפּעס אַנדערש, ווי די מומע הענריעטע — זי האָט געטרונקען און געזויגן — דערפון איז זי טאַקע געוואָרן אַזוי דיק און קיילעכיק.

און זי האָט אויך אויסגעזויגן די זשאַבעס, וועלכע זענען געלעגן אויפן ראַנד פון וועג — ער האָט באַוווּסט די נאָדלערס — דאָס איז געווען קלאָר! זי — אָדער דער דיקער פאָליפּ, וועלכער איז באַנאַכט אַרויסגעקראָכן פון ים אַרויס און האָט זיך איבער דער קלויסטער־מויער אַריינגעשלייכט אין גאָרטן אַריין.

אָדער אפשר גאָר זיינע אָרעמס? — די נאַקעטע ווייבער? אַלציינס ווער דאָס איז געווען. ער איז געווען די זשאַבע. איינס און דאָס אַנדערע זענען געווען זשאַבעס. אַלע. ער איז געלעגן מיט אויפגעטרענטן לייב — געגלאַנצט הילפלאָז צו דער זון אַרויף מיט גאָלדענע אויגן —

* *
*

דערנאָך האָבן גענומען שפּרינגען די מייז אַרום אים. די שוואַרצע, וועלכע ס'האָט אויסגעשפּיגן דער פּאַסאַזשיר אין וואַגאָן פון דעם צוג, וואָס איז געלאָפן צווישן סעלטעק און דענהער. זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פון דער שפּיי־שיסל, האָבן זיך אוועקגעזעצט לעבן אים, געפּישטשעט און געפּייפט.

געכאַכאָטשעט, געצוויטשערט און געזונגען —
אַזאַ מין מייזן-ליד. וועגן אַ מויז, וואָס האָט געוואָלט שווימען קיין ראָטערדאַם. אָבער זי האָט זיך נישט געקענט אַריבערקריגן, מחמת זי האָט געשטאַמט פון בעוור, און דאָס־דאָזיקע אָרט ליגט אין דייטשלאַנד.

זיי האָבן אַריינגעשטעקט די ווידלען אין זיין אויפגע־שרענטן זשאַבע־לייב און האָבן זיי אַרומגעלעקט.

אָבער עס האָט זיי נישט געשמעקט — לגמרי נישט.

זיי האָבן אים געלאָזט ליגן.

די נאָנעס זענען דורכגעגאַנגען דורכן גאָרטן און געפונען די אָרימע זשאַבע. זיי האָבן זי אַרויסגעשאַרט מיט די שפּיצן פינגער אויף אַ גרויסן קאַשטנבלאַט, און מיט אַ צווייטן בלאַט איבערגעדעקט, האָבן זי אַוועקגעטראָגן און בעטנדיק פּאַוואָליע געשפּאַנט דורכן גאָרטן צום פּאָרטיקוס צו: דאָרט האָט זי גע־זאָלט באַגראָבן ווערן.

און ער האָט געטראַכט: ווי גוט וועט עס זיין דאָרטן צו ליגן. האַרט באַם וואַסער, וווּ דאָס גרינע זשאַבעלע איז אַראָפּגעשפּרונגען אין בלאָען הימל אַריין — לעבן דעם פערמן זייל, צווישן דער מענגע ווייסע רויזן.

— ער איז געשטאַנען אינמיטן פּאָרטיקוס, צווישן די נאָ־נעס. אָבער זיי האָבן אים נישט געזען, אַזוי פאַרנומען זענען זיי געווען מיט דער תפילה אין געזאַנג. און ער האָט גע־טראַכט: נו, איצט וועלן זיי באַגראָבן די ליידיקע בלעטער — און וועלן נישט באַמערקן, אַז ס'איז נישטאָ דערין קיין זשאַבע —

מיטאמאָל האָט ער דערזען, אַז דאָס זענען כלל נישט געווען די רהייניִשע נאָנעס, נישט די מאָנאַכין בעאַטאַ, נישט דאַלוויג, נישט די זיסע מעטערניך און נישט די קליינע ראָמ־בערג מיטן שטומפּיקן נעזל.

דאָס איז געווען די פּיערפּאָנט און די דע־פּאָקס. און אַנדרייס דאַרע כאָריסטינס. די לעצטע האָבן אויסגעגרילצט אַ ליד, שרעקלעך, אין סינקאָפּירטן „Ragtime“ און אין ענגליש צעקייטן לאַטיין. זיי האָבן אַרונטערגעוואָרפן רויזן פון דער

גאַלעריע אַראָפּ, אָבער נישט קיין ווייסע, זייער רויטע רויין זענען עס געווען –

בלוט־רויטע רויזן — בלוט —

בלוט האָט אַראָפּגערעגנט און אַראָפּגעטריפט איבער אים, פיל רויט בלוט. דאַן איז זיין צונג גיריק אַרויסגעקראָכן פון די ליפּן, ווי אַמאָל אויפן דועל. און ער האָט געלעקט, געזויגן — בלוט, וואַרים בלוט —

דאָרשטיק איז ער געווען — זייער דאָרשטיק

ער האָט געטרונקען — געטרונקען —

אַזויפיל געזונט איז אים צוגעקומען, ער איז געוואָרן אַזוי שטאַרק און געזונט.

*　　*
*

דער דאָקטאָר סאַמועל קאָהן איז געשטאַנען פאַר אים און געזאָגט: „נעמט איין העמאַטאָגן. דאָקטאָר האָמעלס העמאַטאָגען. דאָס איז קאָנדענסירטע פערדיש בלוט. די ווירקונג איז ממש אַ וואונדערבאַרע. איין עס־לעפל העמאַטאָגען אַנטהאַלט מער —"

ער האָט געגלאָצט אויף אים תמעוואַטע און צעחושט. ענדלעך האָט ער תופס געווען: „ניין, דאָקטאָר", האָט ער געזאָגט. „ניין! ס'מוז זיין רויט, וואַרים און פריש. ס'מוז מענטשלעך בלוט זיין. און פליסן מוז עס, פליסן!"

אָבער דער דאָקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקוקט אויף אים מיט גרויס ערנסט און פּאָרוואורפספול. „דר. האָמעלס העמאַטאָגען קאָן מען באַקומען אין איטלעכער אַפּטייק. דאָס —"

*　　*
*

ער האָט אים נישט געהערט – און דער דאָקטאָר האָט דאָס באַמערקט. ער האָט אַלזאָ איבערגעריסן, אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און אַוועקגעגאַנגען. מ'האָט עפּעס געשעפּטשעט הינטער דער טיר, כ'האָט זיך געהערט אַ שווער אָפּ־

רוקן פון שלאָס און פאַרריגלען. איינער איז געשטאַנען אין א בלאָען מונדיר מיט זילבערנע קנעפּ, אָבער אָן א היטל. דער האָט אַרויסגעלאָזט דעם דאָקטאָר.

און דערנאָך האָט ער עמיצן אַנדערש אַריינגעלאָזט. דאָס איז געוועזן דער זשורנאַליסט טעווס. „ווי פילט איר זיך, דאָקטאָר?" האָט ער געפרעגט.

„ווי ער פילט זיך? וואָס פאַרא פראַגע!" אויסגעצייכנט, שטאַרק, קרעפטיק און זייער געזונט.

„צי וועט איר טרינקען טיי?" האָט געפרעגט דער רעדאַקטאָר.

„טיי — דאָ טיי?" האָט זיך יענער געחידושט.

ער האָט זיך אומגעקוקט — ניין, ער איז נישט געווען אין זיין צימער. דאָס איז געווען אַן ענגע, זייער קליינע צעלע — מיט דעמפּיקער, זייער פייכטער לופט. אַן פענסטער און גאַנץ טונקל — נאָר אין איין ווינקל האָט געלויכטן א עלעקטרישע באַרנע. ער איז געזעסן אויף א פּריטשע — אַז די הענט זענען בא אים געווען געשמידט אין קייטן

ער האָט גוט געקענט דאָס אָרט. דאָ האָט ער באַזוכט דעם קראַנקן בוראַד, דעם פון צפון-דייטשישן ללאָיד. דער וואָס האָט מיט פאַלשע פּעסער אריבערגעשמוגלט א פּאָר מענטשן קיין דייטשלאַנד און איז דערפאַר פאַרמשפּט געוואָרן אויף זיבניאָריקע תּפיסה אין אַטלאַנטאַ.

און דאָך! — איז ער גופא טאַקע געזעסן — גאָט ווייס ווי לאַנג! אין אָט דעם אָרימען, שמוציקן לאָך, אין "Tombs", אין ניו-יאָרקער תּפיסה.

„כ'האָב מיטגעבראַכט די צייטונגען", האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר, און אַוועקגעלייגט א גרויס פּעקל אויף דער פּרי-טשע. אַלץ אויסשניטן וועגן דעם פּראָצעס! די גאַנצע פּרעסע איז פול מיט ליב-געזאַנגען פאַר די געשווירענע, וועלכע האָבן אייך פאַרורטיילט און דערמיט אָפּגעראַטעוועט דאָס פאָטערלאַנד.

„צי זענט איר אויך פאַרמשפּט?" האָט ער געפרעגט.

דער זשורנאַליסט האָט געלאַכט: „איך? — ווי אַזוי קאָן מען מיך פאַרמשפּטן?! איך בין דאָך אַמעריקאַנער!" ער האָט אויפגעעפנט דאָס פּעקל און אַרויסגענומען עטלעכע אויס-

שניטן. „איך קום אקוראַט פון אייער פאַרטיידיקער — זיי האָבן דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פון וואַשינגטאָן. דאָס פאַרייניקטע געריכט האָט אָפּגעוואָרפן די אַפּעלאַציע — און האָט באַשטע־טיקט דעם פּסק־דין פון די געשווירענע אין אַלע הונדערט און זיבעצן פּונקטן".

„אזוי — אזוי!", האָט ער געטראַכט, „הונדערט און זיב־צן פּונקטן!"

דער זשורנאַליסט האָט פאָרגעזעצט: „די עקזעקוציע דאַרף פאָרקומען היינט באַנאַכט. איך רעכן, אַז ס'וואָלט גלייך גע־ווען, איר זאָלט אויפנעמען די קאָלעגן, די רעפּאָרטערן און פאָ־טאָגראַפן — דאָס וועט אייך אפשר אביסל צעשטרייען. איר זענט היינט דער סאמע אינטערעסאַנטסטער מענטש אין ניו־יאָרק, דאָקטאָר, איבער זעכציק פּרעסע־לייט וואַרטן אינדרויסן. זאָל איך זיי אַריינלאָזן?"

„איין רגע", האָט ער געזאָגט. ער האָט אַ כאַפּ געטון די צייטונגס־אויסשניטן, אָ! איצט דערמאָנט ער זיך גאַנץ גוט די שלוס־רעדע פון געריכטס־פאָרזיצער. דער לעצטער האָט געהאַט אַ קורצן אָטעם, געשנאַפּט נאָך לופט, אויסגעשפּיגן נאָך איטלעכן זאַץ —

הונדערט און זיבעצן פאַרברעכנס איז ער באַגאַנגען, גרוי־סע און קליינע, ווי ס'האָט זיך גראָד געטראָפן. אַ טייל איז ער נאָר איינמאָל באַגאַנגען, אַנדערע ווידער האָט ער איבער־געחזרט אין אַ היפּשער אידעאַלער קאָנקורענץ מיט די איבע־ריקע פאַרברעכנס —

און דער ריכטער האָט געזאָגט: „עס באַקומט זיך כמעט דער איינדרוק, גלייך ווי דאָס גאַנצע לעבן פון דאָזיקן מענטש אין אונזער פרייען און גאַסטפריינטלעכן לאַנד וואָלט געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי איין קייט פון עובר זיין און טרעטן מיט די פיס אונזערע געזעצן. גלייך ווי דערדאָזיקער נידע־ריקער, פאַרחיהשטער, פון שטן באַהערשטער — מיט איין וואָרט: דערדאָזיקער דייטשישער מוח — וואָלט נישט געקאָנט מער דענקען וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן מאָרד, רויב, גנבה און כלערליי אַנדערע פאַרברעכנס".

און אָט זענען זיי טאַקע געשטאַנען אויסגערעכנט אין דער

צייטונג, אלע זיינע הונדערט און זיבעצן נבלות — א גאַנצע, פולע זייט. —

דאָקומענטן-פעלשונג — דאָס איז נאָר געווען איין פונקט, אָבער כמעט אין איטלעכן פאַל. פאַלשע פעסער, פאַלשע פאַ-פירן, פאַלשע דעקלאַראַציעס פאַר קאָנטראַבאַנד, געשמוגלט סחורה קיין דייטשלאנד. באַליידיקונג פון דער לאַנדס-פאָן — ער איז געהאַט געזעסן אויף א באַנק, אין מעדיסאָן-סקווער און האָט זיך נישט אויפגעשטעלט בעת א דורכגייענדיקער קאַטאַרינאַזש האָט אויסגעגרימפּלט דאָס ליד „Star — Spangled — Ban-ner" אויף זיין קאַטאַרינקע. ווייסע שקלאַפעריי — האַנדל מיט לעבעדיקע סחורה, ווייל ער האָט מיטן צוועק פון זנות פאַרשלעפּט אַן אַמעריקאַנישע בירגערין אין א פרעמד לאַנד אריין". — אָ, יאָ, דאָס האָט טאַקע געשטימט! ער איז גע-האָט אַריבערגעפאָרן פון ניו-יאָרק קיין ניו-דזשערסי אין איר גוט אַריין — גענוי פערציק מינוט וועג מיטן אויטאָ.

דערנאָך לאַנדס-פאַרראַט — ער האָט אונטערגעהעצט וויל-לאַן און אים געליפערט געווער: גאַנצע פינף רעוואָלווערן! ער אַליין האָט אַגיטירט די יאַפּאַנער צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אַקעגן די פאַראייניקטע שטאַטן — מ'האָט עס גענוי דערוויזן! באַליידיקונג פון פּרעזידענט, וועמען ער האָט אָנגערופן אין זיינע רעדעס „משרת פון ענגלאַנד". און אָפּחוזקן פון ענג-לאַנד גופא, פון הייליקן מוטער-לאַנד — דאָס איז נאָך געווען פיל ערגער.

באַליידיקונג פון דער עפנטלעכער מאָראַל — ער האָט זיך געבאָדן באַם ברעג, אָנגעטון בלויז אין שווימהויזן, אָן טריקאָט אויף דער ברוסט. א געוויסער דעטעקטיוו האָט דאָס אָבסערווירט דורך א לאָרנעטקע — ער האָט געקאָנט שווערן דערויף!

און בלאַספעמיע, גאָטס-לעסטערונג! ווייל ער האָט גע-האַלטן, אַז דער שבט לוי האָט געהאַט אין דער מדבר א שוואַרץ-ווייס-רויטע פאָן. די פענע אָבער פון די בני-ישראל אין דער מדבר זענען געווען א געטלעכע איינריכטונג און ס'איז דערום א פרעכער חלול-השם צו באַהויפּטן, אַז איינער פון דיזאָזיקע שבטים האָט געפירט מיט זיך די מערדערישע

פאָן פון דייטשלאַנד. אין דער ביבל שטייט גאָרנישט וועגן דעם, דאָס איז אַ ליגנערישע, נידערטרעכטיקע דייטשע פעלשונג.

און דערנאָך — די מעשה מיט דער רויט-געלער פאָן. ס'איז לחלוטין אויסגעשלאָסן, אַז אַ פאָן זאָל קאָנען פלאַטערן אַקעגן דעם ווינט, — דאָס איז אין סתירה מיט די פּשוטסטע נאַטור-געזעצן — נאָר אַ דייטש איז פעיִק אויסצוטראַכטן אַזאַ נאַרישן אויסרייד פאַר אַן אַמעריקאַניש געריכט. ס'איז אָן שום ספק, אַז ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ טעלעגראַפישער ידיעה מיט דער הילף פון אַ פאָן, וועגן עפּעס אַ געהיימען שפּיאָנאַזש, וואָס ער האָט געוואָלט איבערשיקן אויף אַזאַ אופן צו זיינע בלוטדאָרשטיקע לאַנדסלייט. פּונקט אַזוי ווי ער האָט אָן פּאָסט-אָפּצאָל און נישט אַכטנדיק אויף די מלוכה-געזעצן איבערגעשיקט דורך ניט-ראַלע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע, אַ מאַסע בריוו קיין דייטשלאַנד. צו דערזעלבער רובריק דאַרף מען אויך פאַררעכענען דאָס וואַרפן אַ לאַנגן, שוואַרצן שאָטן אין סאַמע מיטאָגצייט — לויט די נאַטור-געזעצן אינגאַנצן אוממעגלעך און איז דערפאַר אַליין שוין ראוי פאַראורטיילט צו ווערן דורך איטלעכן אָנשטענדיקן מענטשן — דאָס האָט נישט געקענט האָבן קיין אַנדערן צוועק, ווי נאָר מיטצוטיילן פאַרברעכערישע ידיעות זיינע מיטפאַרשווערער אויף אַ געהיימען אופן.

און די זשאַבעס! וואָס ער האָט לעבעדיקערהייט דורכגעביסן און ביי זיי אַרויסגעריסן די אייער פון לייב! דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע חיות-פּייניקונג, אַן אמתדיק טייוולאָנישע אַכזריות — אַן עכט דייטשישע באַרבאַרישקייט! ממש לעכערלעך זענען זיינע אויסריידן. שוין-זשע האָט עמיצער פון די געשווירענע ריכטער געזען ווען ס'איז, אַז אַ נאָדלער זאָל אַרויספּרעסן די אייער פון לעבעדיקע זשאַבעס? פאַרשטייט זיך, אַז נישט! און נאָך נאַרישער זענען די השערות פונם אָנגעקלאָגטן, אַז דאָס איז אפשר געווען דאָס קאַווע-קריגל, אָדער זיין מומע העניעטע, אָדער גאָר דער געהיימנישפולער דיקער פאַרשוין! דאָס אַלץ איז משוגעת! וויבאַלד אָבער דער פאַרברעכער רעדט זיך איין, אַז דאָס געריכט וועט אפילו אויף אַ רגע גלייבן אין אַזאַ נאַרישער סימולאַציע, האָט ער אַ גרויסן

טעות. ער איז באַם גאַנץ קלאָרן פאַרשטאַנד — אויף וויפל דאָס איז איבערהויפּט מעגלעך בײַ אַ דײַטש! נישט קיין נאָד־לערס, נישט קיין מומעס און נישט קיין קריגלעך — קען מען נישט צושרײַבן אַזעלכע גרויזאַמקייטן — בלויז אים אליין נאָר, וואָס באַזיצט אַזאַ שרעקלעך פאַרברעכערישע נאַטור. דאָס איז דער אמתדיקער מוסטער פון דער דײַטשער קולטור!

און לסוף דער שרעקלעכער סעקסועלער מאָרד איבערן דיקן, אַלטן הער — און זײַנע טעכטער, וועלכע ער האָט דער־שטאָכן און אויסגעזויגן. די דערקלערונג פון באַשולדיקטן, אַז ער איז אויפן ברעג פון ים באַפאַלן געוואָרן דורך דערדאָזיקער משפּחה און דורך זיי אויסגעזויגן געוואָרן, איז די העכסטע חוצפּה, אויף וועלכער אַן אָנגעקלאָגטער אין אַ געריכט האָט זיך ווען ס׳אי־דערלויבט! ער און אויסגעזויגן? אָבער ווי אַזוי? אָט שטייט ער דאָך דאָ פאַר אונז אין פולן, בליענדיקן געזונט, אַקעגן־זשע די פאַמיליע פון דיקן הער און אים אליין קאָן מען אינערגיץ נישט אָפּגעפינען. און דערצו איז גאַנץ וואַרשיינלעך, אַז די־דאָזיקע משפּחה איז אַן אַמעריקאַנישע — אָדער אַן ענגלישע! זינט די וועלט שטייט, איז נאָך אַזאַ פאַרברעכן נישט פאָרגעקו־מען — דאָס איז שוין אפנים באַשערט געווען פאַר אַ דײַטש! דערצו נאָך —

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט און אָוועקגעלייגט דאָס בלאַט לעבן זיך אויף דער פּריטשע. וואָס נאָך? וואָס נאָך? — וואָס זאָל ער ענטפערן אויף אַזעלכע באַשולדיקונגען?

אַ דערשלאָגענער האָט ער געפרעגט דעם רעדאַקטאָר:

„אויף וואָס בין איך פאַרמשפּט געוואָרן?"

טעוועס האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. „איר ווייסט עס נישט? — צום טויט, פאַרשטייט זיך!"

ער האָט איבערגעחזרט: „צום טויט — פאַרשטייט זיך! אויפן עלעקטרישן שטול!"

אָבער טעוועס האָט זיך צעלאַכט. „איר האָט אַפנים דעם זיכרון אָנגעוווירן, דאָקטאָר! קיין זכר נישט פון אַן עלעקטרי־שער שטול! איר זענט פאַרמשפּט געוואָרן צום זעלביקן טויט, מיט וועלכן איר האָט אומגעבראַכט דעם דיקן הער. דערמאָנט איך, מיט סאַראַ פּוריטאַנישע, עכט אַמעריקאַנישע ווערדע דער

פּאָרזיצער האָט דאָס אַרויסגערעדט, אַז מ'דאַרף זיך צוריקקערן צו די אַלטע געזעצן פון דאָזיקן הייליקן לאַנד און געבן דער־מיט אַ התראָהדיקן ביישפּיל די דייטשישע פאַרברעכערס. אַוועק פון די מאָדערנע סאָפיסטעריעס צו די אַלטע ביבלישע געזעצן צוריק: אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן! איר וועט אויסגעצויגן ווערן אויף אַן עלעקטראָמעכאַנישן אופן, מיט דער הילף פון אַ ספּעציעל צו דעם צוועק קאָנסטרויִרטער זויג־מאַ־שין. כאַפּט אַ בליק אין די צייטונגען — אומעטום איז שוין פאַראַן די צייכענונג פון דערדאָזיקער מאַשין — זי איז צונויפגע־שטעלט לויטן אַלטן „באַונשיידישן סיסטעם"".

ער האָט געשאָקלט אומגעדולדיק מיטן קאָפּ: „אומזין! די עלעקטרישע שטול איז די טויט-שטראָף! אַזאַ איז דאָס געזעץ פון דעם ניו-יאָרקער שטאַט!"

טעוועס האָט אַ כאַפּ געטון די צייטונגען און זיי אים אונטערגערוקט האַרט אונטער דער נאָז. „נאַט, לייענט, זייט מוחל, אויב איר ווילט מיר נישט גלויבן! — מ'האָט טאַקע גע־ענדערט דאָס געזעץ, געשאַפן אַ נייעס, ספּעציעל פאַר דעם פאַל, איינגערעכנט איז דער ביל דורכגעגאַנגען אויפן קאָנגרעס פון די שטאַטן, נאַט, לייענט!"

ער האָט אַ קוק געטון אין צייטונג — אַזוי איז עס טאַקע אינדערהמתן געווען. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, האָט אָפּגע־זיפצט און געזאָגט: „גאַר שנעל שאַפט מען נייע געזעצן אין אַלבאַני!"

דער זשורנאַליסט האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, יאָ — דאָס קאָן מען זיך שוין אויף אונז אַמעריקאַנער פאַרלאָזן: גע־זעצן מאַכן — קענען מיר שוין איינמאָל".

— דערנאָך האָבן זיך דערהערט שטימען אונטער דער טיר, אַ רייסן און פליקן ביי די שלעסער און ריגלען. „דאָס זענען די קאָלעגן", האָט אויסגערופן טעוועס. „די פאָטאָגראַפן און רעפּאָרטערן! — נעמט זיי אויף — טוט מיר דאָס געפע־ליקייט! אייך איז עס דאָך אוודאי גאַנץ גלייכגילטיק, וואָס איר וועט טון אין דידאָזיקע לעצטע שעהן".

ער האָט געזאָגט: „באַלד, באַלד! נאָר — אַנטשולדיקט מיר — כ'קאָן נישט שרייבן אין דידאָזיקע ענגע האַנט-קייט־

לען. נעמט איר די פעדער — כ'וועל אייך דיקטירן אַ פּאָווערטער — צו מיין מוטער —"

אָבער דער רעדאַקטאָר האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אַ שאָד די צייט — אַ שאָד די טירחה, דאָקטאָר - דערדאַזיקער בריוו וועט סיי-ווי נישט אָנקומען. איך וועל בעסער צונויפזאַמלען אַלע אויסשניטן פון די צייטונגען וועגן דעם פּראָצעס און עקזעקוציע — וועל עס אַריינקלעבן אין אַן אַלבום און עס איר שפּעטער בּאַ אַ געלעגנהייט איבערשיקן. דאַן וועט די אַלטיטשקע קאָנען האָבן היפּשע זיכרונות". ער איז אויפגעשפּרונגען — פּלוצלינג — און צוגעלאָפן צו דער טיר.

„דאָס זענען נישט די זשורנאַליסטן, דאָקטאָר!" האָט ער אויסגערופן. „דאָס זענען — דאָס זענען —"

ס'האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ פּחד. „ווער איז דאָס? ווער?" האָט ער געפרעגט.

און טעוועס האָט געענטפערט: „די — די לייט — וואָס ווילן אייך אוועקפירן!"

„שוין?" האָט ער אַ געשריי געטון. „שוין איצט?" ער האָט געהערט דעם טומל, האָט אפילו געקענט אונטערשיידן די איינצלנע שטימען. עפּעס ווי דער שלאָס וואָלט געווען קאַליע, מ'האָט געשטויסן און געהאַקט, גלייך ווי מ'וואָלט וועלן די טיר אויסזעצן, ער האָט געהערט דאָס סקריפּען און קרעכצן פון די זאַוויעסעס. זי האָט זיך נאָך געהאַלטן — אַ, זי האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן!

ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען, פאַרבאַריקאַדירן מיט די פּלייצעס די טיר, אָבער ר'האָט זיך נישט געקענט אויפהייבן. ער האָט געוואָלט שרייען — און די ליפּן האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין שום קלאַנג. אַ שוידער האָט אים אַרומגעכאַפּט, ער האָט געציטערט ווי אין פיבער און פעסט צונייפגעקראַמפּט די הענט.

„הייליקע יונגפרוי", האָט ער געשעפּטשעט. „זיסטע יונגפרוי! הייליקע מוטער —"

עפּעס אין אים האָט מתפּלל געווען:

*) „Quando corpus morietur,
Fac ut animae donetur,
Tui Nati visio".

אין אַ שטיל געזאַנג האָט זיך פאַרוואַנדלט די שטאַמלדיקע תפילה, פון אים גופא איז זי אַרויסגעגאַנגען, אָבער ער האָט געהערט, ווי עס האָט געקלונגען אַרום אין דעם רוים, אין אים און אַרום אים:

**) „Post virtutem Nati tui
Ora, ut electi sui
Ad patriam veniant!"

„צוריק", האָט ער געפליסטערט, „צוריק! אין דעם פאַטערלאַנד, אַהיים — אין הויז פון מיין מוטער. צו מיין מוטער מאַריע —"

ס'האָט אַ קראַך געטון אַ שטאַרקער זעץ פון אַ האַק איבערן שלאָס. נאָך איינער און אַ דריטער. אַנגסטן־שווייס האָט אים אַראָפּגעקאַפּעט פון די שלייפן. ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן אויף די זיך וואַקלענדיקע טיר. ער האָט גענומען רייסן און פליקן די האַנט־קייטלעך מיט אוממענטשלעכער קראַפט — זיי זענען אַראָפּגעפאַלן מיט אַ טראַסק —

און ער האָט אַ כאַפּ געטון דאָס מעסער, וואָס איז געלעגן לעבן אים. „זאָלן זיי אַריינקומען!" האָט ער געקריצט מיט די ציין. „זאָלן זיי אַריינקומען! איינער פון זיי וועט מיך מוזן באַגלייטן אויפן וועג — איינער — און אפשר מער".

ס'האָבן געקרעכצט די זאַוויעסעס, ס'האָט אַ קראַך געטון

*) ווען דער גוף וועט אָפּשטאַרבן,
מאַך, אַז דער נשמה זאָל געגעבן ווערן,
אָנצוקוקן דיין זון.

**) אויפן הייליקייט פון דיין זון
בעט, אַז דיינע אויסדערוויילטע
זאָלן אָנקומען אין פאָטערלאַנד!

די אַלטע טיר און איז אַריינגעפאַלן טיף אין צימער אַריין. עס איז אויפגעשפרונגען —

* *

*

אַ האַסטיקער סקריפּ — און אַ העל ליכט אַרום — אַ בלענדנדיק ליכט —

לאָטע וואָן נעס איז געשטאַנען פאַר אים צוזאַמען מיט ערנסט ראָסיוסן. הינטער זיי דער אַלטער דינער. דער לעצטער האָט אויפגעהויבן שטילערהייט דעם אומגעוואָרפענעם טאַבורעט און צונויפגענומען די שערבעלעך פון די צעבראָכענע קריגלעך און שאַלן.

פראַנק ברוין האָט אַראָפּגעלאָזט די אָרעמס — און ס'איז אים עפּעס אַרויסגעפאַלן פון די פינגער; פרעד האָט עס אויפגעהויבן פון טעפּיך און עס אַרויפגעלייגט אויפן טיש. לאָטעס מעסערל איז עס געווען.

זי האָט דאָס באַמערקט. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט אָבער זי האָט עס נישט אָנגענומען. זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַן אָפן מויל, האָט אַוועקגעקערט דעם בליק און זיך אַרומגעקוקט אין צימער. און זי האָט דערזען ליגן אויפן פּאָטעל אַ שלאָפנדיקע פרוי. איבער דעם אָנלען איז געלעגן איר קאָפּ, און גאַנץ נידעריק האָט אַראָפּגעהאָנגען איר לינקער אָרעם. איר קלייד איז געווען אָפּגעשפּילעט אויף דער ברוסט.

אין איין רגע איז לאָטע שוין געשטאַנען לעבן איר און זיך אַריבערגעבויגן איבער דער שלאָפנדיקער. זי האָט אַ געשריי געטון -- שאַרף און דורכדרינגענדיק. זי האָט זיך אומגעקערט צו דער סאָפע און אויפגעהויבן הויך דאָס מעסערל.

„איך האָב עס געוווסט!" האָט זי אויסגערופן. „איך האָב עס געוווסט".

פראַנק ברוין האָט אַרויסגענומען פון אַרבל פון קימאָנאָ אַ טיכל, האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון האַלז און פּנים. „וואָס, לאָטע, וואָס?" האָט ער געפרעגט.

אָבער זי האָט נישט געענטפערט. זי איז ווידער געשטאַנען לעבן דער שלאָפנדיקער און איר צורעכט געמאַכט דאָס

קלייד. „הייבט זי אויף!" האָט זי באַפוילן. „טראָגט זי אַרויס! און מיין אויטאָ אַריין!"

ראַסיוס האָט אונטערגעהויבן די טענצערין און אַראָפּגע־רוקט אירע פיס אויף דר'ערד· דערנאָך האָט ער מיט דעם דינערס הילף זי אויפגעשטעלט. גאָהיטא איז געשטאַנען, וואַקלענ־דיק זיך און אַ מבולבלדיקע — אָבער זי איז געשטאַנען. זי האָט אויפגעמאַכט ברייט די בלאָע אויגן, געמורמלט אַ פּאָר אומפארשטענדלעכע ווערטער. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט און זי וועט אומפאַלן. זי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגנלעפלעך, און זיך געלאָזט ווילנלאָז אַרויספירן דורך זיי־בידע.

לאָטע וואַן נעס האָט צוגענענט צו אים. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט; זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און נישט געפונען די אַנטשפּרעכנדיקע ווערטער· אירע שמאָלע פינגער האָבן זיך נערוועז געשפּילט מיטן מעסערל·

„דו", האָט זי געשעפּטשעט, „דו —"

אָבער זי האָט אָפּגעהאַקט. אַ העפטיק שלאָכצן האָט צע־ריסן איר ברוסט, ביטערע טרערן האָבן גערונען פון אירע אויגן.

ער האָט זיך געווענדט צו איר: „וואָס איז דיר לאָטע?"

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט זיך האַסטיק אויסגע־דרייט און איז אַרויסגעגאַנגען אָן אַ וואָרט.

ער האָט זיך איינגעהערט. האָט געהערט אירע טריט. געהערט פון דער גאַס אַהער אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער און דאָס סאָפּען פון דעם אָפּפאָרנדיקן אויטאָ.

וואָס איז געשען?

דער סעקרעטאַר איז צוריקגעקומען און איז גלייך צוגע־לאָפן צום שטאַרק קלינגענדיקן טעלעפאָן.

„יאָ, יאָ!" האָט ער גערופן. „מיר קומען תיכף אַהין! — מיר זעמיר שוין פּאַרטיק! — אין צען מינוט אַרום וועט דער דאָקטאָר שטיין אויף דער בינע. — גאַנץ זיכער, יאָ!"

ער האָט צוריק אָנגעהאָנגען דאָס טרייבל. האָט צוגערופן דעם אַלטן דינער, וועלכער איז נאָר וואָס אַריינגעקומען, אַז ער

זאָל תּיכף ברענגען אַ טאַקסי. דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו פראַנק ברוינען.

„ס'איז די העכסטע צייט, דאָקטאָר!" האָט ער געזאָגט. „שוין נאָך ניין! איר מוזט זיך אָנטון — ווי-זשע פילט איר זיך?"

ווי ער פילט זיך? — ער האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט, געפּרוּווט זיינע מוסקלען. גאָט! ווי גוט, זינט חדשים האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק!

ער האָט זיך אין איין רגע אויסגעטון, אַרונטערגעשפּרונגען אונטער אַ קאַלטן פרישניק; בעת מעשה האָט ראָסיוס צוגעגרייט דעם פראַק, העמד, קראַוואַט און לאַקירטע שיך. „דאָס איז אַ שיינע מעשה", האָט ער זיך צעלאַכט. „פרוי וואַן נעס מוז זיין שטאַרק אייפערזיכטיק, אַנטרעפנדיק בײַ אייך אַ פרעמדע פרוי — אַ שלאָפנדיקע, מיט אַן אָפן קלייד דערצו. — צי איז זי געווען אַ שיינע? כ'האָב אפילו איר פנים רעכט נישט אָנגעקוקט פון גרויס אויפרעגונג".

פראַנק ברוין האָט נישט געענטפערט, ער האָט זיך אָפּגעוואַשט, אָנגעטון דאָס העמד. „אַלמאַי האָט איר צום טייוול די טיר אויפגעבראָכן?" האָט ער געפרעגט.

„אַלמאַי?" האָט געענטפערט דער סעקרעטאַר. „ווייל זי איז געווען פאַרשלאָסן! — וואַרט נאָר — דאָ הינטן פעלט אַ קנעפּעלע! אַזוי — דאָ איז דער קאָלנער! — העכער אַ האַלבע שעה זעמיר געשטאַנען הינטער דער טיר, מיר האָבן גערופן, געשריגן, געקלאַפּט און געזעצט מיט הענט און פיס! און קיין שום ענטפער — נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט אַ זיפצן און קרעכצן, — מיר האָבן געמיינט, אַז ס'איז אייך מי יודע וואָס געשען!"

„כ'בין געשלאָפן", האָט געזאָגט פראַנק ברוין. „איבער דער גאַנצער צייט, זינט איר זענט געהאַט אַוועקגעגאַנגען. געשלאָפן און געחלומט נאַרישע מעשיות. — פונוואַנען האָט זיך דאָ פרוי וואַן נעס דערנומען?"

„איר אויטאָ איז אונטערגעפאָרן, בעת כ'בין גראָד צוגעקומען צום טויער", האָט אָפּגעענטפערט ראָסיוס. „איך האָב גערעכנט, אַז זי איז געקומען נאָך אייך. — אָטאָ=דאָ איז דאָס

װעסטל! און פּאַרגעסט נאָר נישט די קנעפּלעך צוצושפּיליען — אַנומלטן איז װידער איינס געשטאַנען אָפן! זייער מיאוס האָט דאָס אויסגעזען בעתן רעדן!"

ער האָט אים צוגעהאָלפן אָנטון דעם פראַק, דערנאָך האָט ער אים דערלאַנגט דעם מאַנטל. „גיכער, גיכער!" האָט ער אויסגערופן, „דער טאַקסי שטייט שוין אונטן!"

* *

*

דער זאַל אין „טעראַס-גאַרדן" איז געװען פול געפּאַקט. צװיי טױזנט שטימען האָבן געזונגען דאָס ליד װעגן פּרינץ אויגעניוס.

„לאָמיר טרינקען לחיים!" האָט געזאָגט דער פּאָרזיצער, װאָס האָט אים אויפגענומען ביים אַריינגאַנג אין זאַל. „לכבוד אונזערע עסטרייכישע קאָלעגען! — קומט, דאָקטאָר, ס'איז די העכסטע צייט!"

ער האָט אים צוגעפירט צום ערן־טיש אויף דער עסט־ראַדע, האַרט לעבן דער דונערנדיקער מוזיק. פראַנק ברוין האָט געדריקט די הענט פון די הערן, װאָס זענען דאָרטן געזעסן. און געװען די ערן־געסט: כמעט יעדן טאָג אין פראַק און אין װייסן קראַװאַט!

„פּאַר אייער געזונט, מיינע הערן!" האָט ער אויסגערופן און אויסגעליידיקט אַ גרויס גלעזל „שפּריצער".

אַזוי יונג האָט ער זיך געפילט. אַזוי לייכט און פריי־לעך. און ער האָט געזונגען צוזאַמען מיט זיי אויפן הויכן קול:

„Prinz Eugenius, der edle Ritter"

דאָס ליד איז געװען צו ענדע, דער פּאָרזיצער האָט זיך אויפגעהויבן, כדי אים צו באַגריסן. באַלד װעט ער דאַרפן רעדן. ער האָט זיך איבערגעקלערט, צוגעפּגעשטעלט זיך די ערשטע עטלעכע זאַצן.

„כ'בעט אייך, קאַפּיטאַן", האָט ער זיך געװענדט צו זיין שכן, „דערלאַנגט מיר אייער פּראָגראַם. איך מוז דאָך װיסן, װעגן װאָס כ'דאַרף רעדן".

„יאָ, אייגנטלעך, שוין!" האָט געשמייכלט דער קאַפּיטאַן און אָנגעוויזן אויפן פּראָגראַם: „מיר און דאָס פאָטערלאַנד".

יאָ, דאָס איז עס טאַקע געווען. דער קאָמיטעט האָט אויסגעוויילט דידאָזיקע טעמע און אים שטאַרק וועגן דעם געבעטן און ער האָט זיך אויך צוגעגרייט. נעכטן ערשט — אפשר א האַלבע שעה. אָבער ער האָט אַלץ געהאַט פאַרגעסן, ער האָט נאָר געדענקט די עטלעכע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט געזאָלט ענדיקן — אַ פּאָר פערזן פון גראַבבע.

„צו זיי מוז איך צוקומען", האָט ער געטראַכט. „מ'וועט עס שוין ווי עס איז מאַכן. ס'וועט מוזן גיין."

ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דער בינע, געשאָקלט מיטן קאָפּ, געדאַנקט אויף אַלע זייטן פאַר די אַפּלאָדיסמענטן און אָנגעהויבן.

לייכט איז אים געווען און פריי. און צום ערשטן מאָל האָט ער זיך געפרייט, וואָס ער איז דאָרט געשטאַנען און גערעדט פאַר טויזנטער.

ער האָט גערעדט פּליסיק, פיל שנעלער, ווי געוויינלעך. צו האַסטיק כמעט, אָן פּויזעס, אַ זאַץ נאָך אַ זאַץ. אָבער אויך פּעוטער, אָן מליצות, זייער לייכט און נאַטירלעך. און ער האָט געפילט בחוש, אַז דער עולם האָט אים פאַרשטאַנען און גיריק געטרונקען זיינע ווערטער.

אָן אַנדערש מאָל פלעגט ער מוזן קעמפן מיט דער דאָזיקער טויזנטקעפּיקער חיה. ער פלעגט זי בענדיקן, אויפצווינגען זיין ווילן און געהאַלטן זיי מיט אַלע נערוון אין שפּאַנונג.

היינט איז געווען גאָר אַנדערש. ער האָט נישט געקעמפט. האָט נישט געוואַרט אויף קיין עפעקט, וואָס ער וועט אַרויסרופן, האָט מוותר געווען אויף אַלע רעטאָרישע קונצן. האָט אָפּגעוואָרפן יעטוועדע בלאָפעריי, גערעדט דאָס, וואָס ער האָט געטראַכט.

היינט האָט נישט ער אַליין גערעדט, נאָר עפּעס אין אים האָט גערעדט. גלייך ווי ער גופא וואָלט נאָר געווען דאָס מויל, נאָר די שטים פון די טויזנטער מענטשן. אָ, יאָ, דאָס איז עס טאַקע געווען: ער איז געווען די שטים פון זייער נשמה.

היינט האָט ער געגלויבט אין דעם, וואָס ער האָט גע־זאָגט.

ער האָט געגלייבט אין דער היימאַט, געגלייבט אין זיין מוטערס הויז, געגלייבט אין פאָטערלאַנד. האָט געגלייבט פעסט דערין, אַז די אַלע — ער און דער עולם אונטן, זענען ברי־דער און שוועסטער — פון איין בלוט אַלע — דייטשיש בלוט —

און צום ערשטן מאָל אין זיין רעדע האָט ער אויפגע־הויבן זיין שטים, בעת ער האָט מיט ברען אַרויסגערעדט די שלוס־ווערטער — מיט הייסן גלויבן און באַגייסטערונג. בעת ער האָט אַנטפּלעקט די נשמה פון זיין דייטשישן פאָלק אין פריידיקן עקסטאַז:

„אָ, קיין דונער אויפן הימל, קיין קול אויף דר'ערד, און וואָל עס אפילו אַרויסשאַלן פון די שענסטע, זיסטע ליפּן, גלייכט זיך נישט אין כוח צום וואָרט: פאָטערלאַנד!"

דערין האָט ער געגלייבט אין דערדאָזיקער רגע. געגלייבט דערין אויפריכטיק און שטאַרק. ער האָט נאָכאַמאָל אויפגעהויבן זיין שטים און פריידיק אויסגערופן: „פאָטערלאַנד!" — און אַ דריט מאָל: „פאָטערלאַנד!"

* * *

ער האָט זיך שנעל דערווייטערט הינטער די קוליסן, ווו ס'האָט אויף אים געוואַרט ראָסיוס מיט זיין מאַנטל אין דער האַנט. אַוועקגיין וואָס גיכער! זיי זענען אַרויסגעגאַנגען דורך די הינטערשטע טירן אויף די גאַס אַרויס.

„וואוהין ווילט איר גיין?" האָט געפרעגט דער סעק־רעטאַר.

ער האָט זיך איבערגעקלערט. „מיר וואָלטן געקענט אָפּ־עסן אָוונט־ברויט — אפשר בא —"

אָבער ער האָט זיך אַליין איבערגעריסן: „ניין — ניין, איך האָב נאָך היינט אַ וויזיט — ביז מאָרגן אַלזאָ!" ער האָט אים דערלאַנגט די האַנט, און זיך געלאָזט גיין לאַנגזאַם איבער דער גאַס, אַהין צום ראָג, ווו די אויטאָס זענען געשטאַנען.

ער איז איינגעשטיגן אין אַ טאַקסי, „פּאַרק-עוועניו, דריי און פינפציקסטע גאַס!” האָט ער אויסגערופן צום שאָפער.

דאָס איז געווען לאָטע לעוויס וווינונג. — ער האָט זיך געמוזט מיט איר זען היינט באַנאַכט.

* *

§

ער האָט געוואַרט אין דער ביבליאָטעק. האָט אַרומגעשפּאַנט אויף און אָפּ מיט לאַנגע טריט.

ענדלעך איז זי אַריינגעקומען, האָט זיך לייכט פאַרנייגט און אים אַ ווינק געטון, ער זאָל זיך זעצן.

„אַלזאָ?” האָט ער געפרעגט.

„אַלזאָ?” האָט זי געזאָגט. „וואָס — אַלזאָ? שוין-זשע דאַרף איך גאָר דיר געבן דערקלערונגען?”

ער האָט געפּויקט מיט די פינגער איבערן טיש. „מילא, ווי דו ווילסט, לאָטע. יעדנפאַלס איז דאָ גאָרנישט פאַראַן אַזוינס, וואָס כ'זאָל וועלן פאַר דיר פאַרהוילן. — אפשר וועסטו מיר זאָגן, אַלמאַי דו ביסט עפּעס אַזוי פּלוצלינג אָנגעקומען?”

זי האָט זיך צעלאַכט. „דאָס קענסטו דיר אַליין לייכט פאַרענטפערן. כ'האָב דיך דערוואַרט אַרום זעקס, און דו ביזט נישט געקומען. כ'האָב געוווסט. אַז ביסט קראַנק — האָב איך אָנגעקלונגען קעגן זיבן אַזייגער. העכער דריי פערטל שעה בין איך אָפּגעזעסן מיטן טרייבל אין האַנט — די טעלעפּאָניסטין האָט געטון פאַר מיר, וואָס זי איז נאָר בכוח געווען. האָסט געהאַט אָפּגעשטעלט דעם טעלעפאָן.

„ניין”, האָט ער געזאָגט, „ער איז נישט געווען אָפּגעשטעלט. כ'בין געשלאָפן און האָב גאָרנישט געהערט”.

„אויב אַזוי, האָסטו געמוזט גאָר פעסט שלאָפן, מיין פריינט!” האָט זי אויסגערופן. „אומאויפהערלעך האָט עס געקלונגען בײַ דיר! — איבעריקנס האָסטו מיר דאָס זעלבע געזאָגט היינט מיטאָגצייט”.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, לאָטע, דאָס ווייס איך. כ'האָב געזאָגט ליגנט — היינט מיטאָגצייט. כ'בין געלעגן אין שרעק 'עך פאַרמאַטערט. און דאָס קלינגען האָט מיך געקווילט — בעת

כ'האָב מיט דיר גערעדט, האָב איך נאָר געהאַט דאָס איינע געפיל: וואָס שנעלער פאַרענדיקן. דערום האָב איך בלויז געזאָגט: "יאָ און ניין — כ'האָב געוואָלט פטור ווערן פון לאַנגע פראַגן, כדי נישט צו דאַרפן געבן קיין לאַנגע תשובות. האָב איך בכן געזאָגט אַ ליגנט — כדי מקצר צו זיין דעם שמועס".

—

„און איצט?" האָט זי געפרעגט.

„איצט זאָג איך דעם אמת", האָט ער אָפּגעענטפערט. „כ'האָב גאָרנישט געהערט. כ'בין געשלאָפן".

זי האָט לייכט אָפּגעזיפצט. „ס'קאָן זיין — כ'גלייב, אַז ס'איז אַזוי געווען. ווען דו האָסט אַלזאָ נישט געענטפערט — בין איך געוואָרן אומרויק. כ'האָב געוואַרט אַביסל — און ווידער געטעלעפאָנירט. ענדלעך האָב איך באַשטעלט מיין אויטאָ — און אַריבערגעפאָרן צו דיר. פאַרן טויער האָב איך אָנגעטראָפן דיין סעקרעטאַר — ער האָט מיר געהאָלפן אויפברעכן די טיר — וואָס דו האָסט געהאַט פאַרשלאָסן. דאָס איבעריקע ווייסט דו דאָך".

„ווו איז דאָס מיידל?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט אויפגעהויבן די האַנט. „זי ליגט אין גאַסטצימער. מיין שטובמיידל וואַכט בײַ איר — זי שלאָפט נאָך אַלץ. נאָר־וואָס איז דער דאָקטאָר אַוועקגעגאַנגען — ער האָט געזאָגט, אַז זי האָט געמוזט איינעמען עפּעס אַ שטאַרק באַרוישנדיקן גיפט — אָבער ער ווייסט נישט וואָסערן".

ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. "יאָ, יאָ, זי האָט איינגענומען מעסקאַל. צוויי גרויסע, פולע שאָלן. — פונקט אַזוי ווי איך". — ער האָט איר דערציילט, אַז דאָסדאָזיקע מיידל איז געווען די שפּאַנישע טענצערין, וועגן וועלכער ער האָט איר שוין אַמאָל געזאָגט. יענע פון דער פאַרדזשומעטער שיף, און וועלכע ער האָט ווידער אָנגעטראָפן אין טאָרעאָן, בײַ פאַנטשאָ ווילאַ. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט בחנם אַרומגעזוכט מעסקאַל, און אַז די שפּאַניערין גאָהיטאַ האָט אים צוגעזאָגט עס אים צו באַזאָרגן. היינט מיטאָגצייט איז זי געקומען צו גיין — גאַנץ אומגעריכט — גראָד טאַקע, ווען ער האָט געהאַט פאַרענדיקט דעם טעלעפאָנישן שמועס.

זי האָט אים מיטגעבראַכט די קאַקטוס=פּירות — ער האָט גע=רעכנט, אַז זיי וועלן אים אפשר העלפן. — איבעריקנס, האָט ער זיך נישט טועה געווען. ער פילט זיך אַזוי געזונט, ווי זעלטן ווען.

לאָטע וואָן נעס האָט זיך הויך צעלאַכט. „אַזוי פּראַכט=פול געזונט!" האָט זי אויסגערופן. „איך גלייב דיר! — דער=פאַר האָסטו אויפגעקאָכט די קרייטעכצער און געטרונקען. און האָסט אויך געגעבן דער סענאָריטא דערפון — זי איז אוודאי געווען נייגעריק צו פאַרזוכן דערפון. וואָס?"

„יאָ, אַזוי איז געווען אינדעראמתן", האָט ער געענט=פערט, „נישט אַנדערש! זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן דעם מעסקאַל=שיכּרות דאָרטן אין מעקסיקע, אַז זי האָט עס געוואָלט אומבאַדינגט אַליין פאַרזוכן. און גאָט איז אַן עדות, לאָטע — זי האָט געהאַט צו מיר מערער צוטרוי ווי דו!"

זי האָט געהוזקט: „אָ, אַ פעלזנפעסטן צוטרוי! אויף וועלכן דו האָסט פולשטענדיק פאַרדינט! — כ'ווייס, כ'ווייס!"

דאָס האָט אים פאַרדראָסן. ער איז אויפגעשטאַנען, גע=מאַכט אַ פּאָר טריט. „איך גיב דיר מיין וואָרט, לאָטע, אַז כ'האָב זי נישט אָנגערירט".

„דו ליגסט!" האָט זי ראַש אויסגערופן.

ער איז געבליבן שטיין פאַר איר און איבערגעחזרט מיט ערנסט. „לאָטע, איך האָב זי נישט אָנגערירט".

„האָט זי, הייסט עס, אַליין איר קלייד געעפנט!" האָט זי איראָניש געזאָגט.

„יאָ"!" האָט ער געענטפערט. „איידער מיר זענען איינ=געשלאָפן — איך אויף דער סאָפע, זי אין פּאָטעל — האָב איך איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך לויז מאַכן האַלז און ברוסט, כּדי צו קאָנען פרייער אָטעמען. זי האָט אַזוי געטון. צי דו וועסט עס מיר גלייבן, אָדער נישט: כ'בין נישט אויפגעשטאַנען פון סאָפע איבער דער גאַנצער צייט און זי נישט אָנגערירט. כ'האָב איר צומאָל די האַנט נישט דערלאַנגט, בעת זי איז אַריינגע=קומען".

אָבער לאָטע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „און דאָך זאָגסטו ליגנט!" זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, געזוכט עפּעס אויף אים,

דערנאָך האָט זי גענומען אין האַנט אַריין דאָס קליינע מעסערל און עס אים דערלאַנגט. ער האָט עס אויפגעעפנט — דאָס קלינגל האָט געוויזן דיקע טונקעלע פלעקן.

„שמוציק איז עס", האָט ער געזאָגט. „וואָס זאָל דאָס באַטייטן ?"

„בלוט=פלעקן !" האָט זי געזאָגט. „זעסט שוין, אַז די זאָגסט ליגנס!"

ער האָט געשנאַפּט נאָך לופט און זי איינגעזויגן אין זיך.

„זאָל דער רוח נעמען דיינע נאַרישע צויבער-שטיקלעך!" האָט ער אויסגערופן און אַ וואָרף געטון מיט כעס דאָס מע=סערל אין קאַמין-פייער אַריין. „היינט נאַרט דיך שוין דאָס מע-סערל אָפּ צום צווייטן מאָל! כ'וויל דיר עפּעס זאָגן, לאָטע, אויפן באַל פון די לבנה=דאַמען האָב איך דיך טאַקע פאַרראַטן. כ'האָב געהאַט די ברייטויער. אָדער ריכטיקער: זי האָט מיך געהאַט — ווי דו ווילסט! ס'איז אַלציינס. און דיין מעסערל איז געווען ריין ווי אַ שפּיגל — דו האָסט געשוווירן אויף מיין אומשולד. און פונדעסטוועגן, אַזוי וואָר איך שטיי דאָ פאַר דיר, ווי כ'האָב זי געהאַט!"

„וואָס גייט עס מיך אָן!" האָט זי אויסגערופן גלייכגיל-טיק און ביטולדיק.

אָבער ער האָט עס נישט געהערט. „און היינט איז עס פּונקט קאַפּויער", האָט ער פאַרגעזעצט. „דאָסמאָל בין איך באמת אומשולדיק — אָבער דיין מעסערל איז באַפלעקט מיט בלוט! — און דו ביסט אייפערזיכטיק".

זי האָט עס אונטערגעכאַפּט. „אייפערזיכטיק ?! צי ווייסטו דען, וואָס דאָס איז, דו ? איך ווייס עס — דו האָסט עס מיך אויסגעלערנט אין משך פון פינפצען לאַנגע יאָרן! אויב מ'שלאָפט נישט — און מ'זיצט וואַך אין בעט — איין נאַכט — נאָך אַ נאַכט — אַ סך נעכט און תמיד אַליין — תמיד טראַכט מען נאַר-וועגן —"

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט און געזיפצט. דערנאָך איז זי ווידער אויפגעשטאַנען, האָט אַ וואָרף געטון דעם קאָפּ אַהינטער. „אייפערזיכטיק ? אָ, יאָ — אויף אַלצדינג, וואָס דו טוסט! אָבער נישט מערער אויף וועל-

בער ס'איז פרוי אין דער וועלט, ווי אויף דעם גלעזל, וואָס דו נעמסט=צו צום מויל, ווי אויף דעם העמד, וואָס דו טוסט אָן — אויף דער וואַנע, אין וועלכע דו גייסט אַריין! — און נאָר איין זאַך איז פאַראַן, איין זאַך בלויז — וואָס איך פאַרלאַנג אויס= שליסלעך פאַר מיר — איין זאַך נאָר". זי האָט אײַנגעגראָבן די פינגער אין דעם ווייכן אָנלען און געזאָגט: „דו האָסט גע= נומען — פון אַן אַנדערער — הײַנט — דאָס, וואָס דו האָסט נאָר געדאַרפט נעמען — פון מיר."

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איר און גערעדט מיט אַ שטילער שטים. „זע, לאָטע", האָט ער אָנגעהויבן, „אַלמאַי זאָל איך דיר משקר זײַן? איך האָב דיר דערציילט אַלצדינג און דו ווילסט דערין נישט גלייבן. די שפּאַניערין האָב איך נישט געהאַט — ביין!"

זי איז אויפגעשפּרונגען. „ווער רעדט דערפון?" האָט זי אויסגערופן. „אַז דו האָסט זי נישט געהאַט, גלייב מיר — דאָס ווייס איך בעסער, ווי דו אַליין!"

ער האָט נישט פאַרשטאַנען. „וואָס הייסט?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט פאַרצויגן די ליפּן און געקוועטשט ביטולדיק מיט די פּלייצעס. „ס'איז געווען אַ קאַפּריז — כ'האָב זי געלאָזט באַטראַכטן דורך מײַן דאָקטאָר. זײַן פעסטשטעלונג איז געווען: „Virgo intacta!"

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק, נישט פאַר= שטייענדיק, וועגן וואָס עס גייט. „יאָ — אָבער, לאָטע — וואָס=זשע דען נאָך? מיט וואָס=זשע האָב איך דיר משקר גע= ווען? — און וואָס=זשע — ווילסטו נאָך?"

זי האָט אַריבערגעפירט די האַנט איבערן שטערן. „צי דו האָסט זי געהאַט — אָדער נישט — וואָס איז מיר דען די נפקא-מינא? אַז דו נעמסט איטלעכע, וואָס קומט דיר אונטער דער האַנט — וואָס גייט עס מיך אָן? שווייג — שווייג — דו האָסט דאָס געטון — נאָך הײַנט טוסטו דאָס! טו דאָס, טו — עס טוט מיר ווײ, ווען איך הער דערפון, אָ, יאָ — נאָך אַלץ! אָבער דו האָסט מיך שוין צוגעוווינט צום דאָזיקן ווייטיק! ער גייט אָבער פאַרבײַ — און איך קוש דיך לאַכנדיק,

און דו באַמערקסט אַפּילו נישט, ווי וויי עס טוט מיר: אַזוי האָסטו מיך אויסגעשטעלט! דאָסדאָזיקע אָבער — און וואָס מיר גייט — איז לחלוטין עפּעס אַנדערש!"

„וואָס אַזוינס, לאָטע?" האָט ער זיך געבעטן.

מיט ביטערקייט האָט זי אָפּגעענטפערט. „צוויי גוטע אויגן האָסטו — וועלכע קוקן אַזוי קלאָר — און דאָך ביסטו בלינד! אָט דאָס מעסערל, וואָס גליט זיך דאָרטן אין פייער — דאָס האָט נישט אָפּגענאַרט, אָ ניין! עס האָט געזאָגט דעם אמת — ס'האָט מיר דערציילט אַלץ, וואָס דו האָסט געטון!"

זי האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און צוגעגענגט צו אים. „קוק", האָט זי אויפסניי אָנגעהויבן, „כ'וויל דיר זאָגן, וואָס דאָס איז! דאָס איז ס'העכסטע, וואָס אַ פרוי קאָן טון פאַר דעם מאַן, וועלכן זי האָט ליב, אַ מוטער פאַר איר איינציק קינד, אַ משיח פאַר די ליידנדיקע מענטשהייט — דאָס האָסטו מיך אויסגעלערנט — ס'איז דאָס הערלעכסטע, דאָס אייביק געטלעכע! — און לסוף גייסטו אַוועק — און נעמסט עס פון סתם איינער — פון דער ערשטער בעסטער פרוי, וועלכע קומט דיר גראָד אונטער! פון אַזעלכער, וואָס ווייסט צומאָל נישט, וואָס ס'איז געשען! און וועלכע — ווען זי וואָלט עס געוווסט — וואָלט זי דיך פשוט אָנגעשפּיגן! אָט וועגן דעם גייט עס!"

ער האָט געהערט איטלעכס וואָרט — און גאָרנישט נישט פאַרשטאַנען. „זאָג עס נאָכאַמאָל, לאָטע", האָט ער זיך געבעטן. „עטוואָס דייטלעכער —"

אָבער זי האָט מיד געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, ניין — דאָס וועט גאָרנישט העלפן. דו וועסט עס פאָרט נישט באַגרייפן — אפשר אַן אַנדערש מאָל!"

ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זי געגלעט. „פרוי! טאַקע היינט! טייל מ ל בין איך מיד, דערשעפּט, שוואַך — גלייך ווי כ'וואָלט געהאַט אַ ליידיקן מוח און פוסטע — אָדערן. אָבער היינט בין איך פריש — און פיל זיך געזונט און שטאַרק".

זי האָט זיך אויסגעריסן פון זיינע הענט און איז אָפּגעשפּרונגען.

א קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר ברוסט. „שטאַרק? האָט זי אויסגערופן ,,געזונט? פון וואָס ?!"

ער האָט אָפּגעענטפערט: „איך רעכן, אַז דער געטראַנק האָט מיר געהאָלפן. דער מעסקאַל, מיין איך!"

ווילד האָט געקלונגען איר שלאָכצען, היסטעריש און דורכדרינגענדיק. „דער מעסקאַל?!" האָט זי געשריגן. „בלוט בלוט!"

זי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אים, דיקע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער די בלאַסע באַקן, אָבער אירע ליפּן האָבן געלאַכט, געלאַכט: „דו נאַר, דו שוטה — דו דרײמאָל בלינדער שוטה!"

זי האָט אים געלאָזט שטיין אינמיטן שטוב און איז פאַרשוונדן אין דער טיר.



אוּן ז'ערום האָט געפינקלט אויף דער האַנט פוּן פּירשע
אַ דימענט, גרויס ווי אַ טויבן-איי,
אַז פוּן זיינע שטראַלן דער זוּניקער גלאַנץ
זאָל טרעפן אין די שטאָלערנע הערצער,
וואָס האָבן אַרום דעם מינאַרעט געשלאָגן ;
אַז ער זאָל זיי צעשמעלצן, ווי ס'שמעלט די זוּן
דעם שניי פוּן בערג. דידאָזיקע מאַכט
האָט אַללאַ דעם שטיין געגעבן — —"

ניזאַמי.

זי האָט גאַנץ גוּט געוווּסט, וואָס זי האָט צוּטוּן, די קליינע איווי דזשעפערסאָן, זי האָט זייער געשיקט פאַרוואָרפן איר נעץ. זי האָט זיך באַלד דערוווּסט, אַז בא אים איז געווען אַ שפּאַנישע טענצערין און אַז די וואַן נעס האָט אים געפּאַקט צוּזאַמען מיט איר. און זי האָט שוין פוּנלאַנג געוווּסט וועגן זיינע שיינע מעשים אויף דער פאַרווייַלוּנג פוּן די לבנה-דאַמען און אַז ער איז געווען פאַרשריבן אין באַרימטן בוּך פוּן עמע ברייטויער. עפּעס איז אויך געשען צווישן אים און דער פּאַרסטין — וועגן דעם האָט איר דער דירעקטאָר אַנדריי געגעבן אָנצוּהערן.

זי האָט געפּרוּווט צוּ פאַרגעסן אָן אים — און עטלעכע וואָכן צייט איז איר דאָס אפילוּ געלוּנגען — דערנאָך אָבער האָט זי ווידער צוּ אים געטעלעפאָנירט, מחמת קיינער איז איר אַזוי נישט געפעלן. דעם "thrill„ *) האָט זי געדאַרפט, פּוּנקט

*) עראָטישער רייץ —

ווי איר מוסער ווי אַלע פרויען פון איר סביבה, און געווען איז אין דאָזיקן דייטש עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אירע נאָזל־כער ציטערן געמאַכט.

ליבע? אַ ניין — דאָס איז געווען בלויז אַ קאַפּריז. זי האָט אַזוי געוואָלט — און זי איז געוווינט געווען אויסצופירן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט, פון זינט זי איז צום שכל געקומען. אַזוי פּשוט איז דאָך געווען איר לאָגיק; זי איז געווען אַ דערוואַקסן מיידל, געווען אין דער געזעלשאַפט, האָט געהאַט איר פאַרערער שוין פון אַנדערטהאַלבן יאָר אַהער. און איצט וועט זי חתונה האָבן. מיט אים, פאַרשטייט זיך, וועלכער איז איר געפעלן מערער ווי אַלע אַנדערע, און וועלכן זי האָט איבערהויפּט נישט פאַרגיבען קיין אַנדערע פרויען. אפשר האָט זי געפונען דאָס, וואָס זי האָט געזוכט — הגם זי האָט סך־הכל נישט געוווּסט, וואָס זי זוכט אייגנטלעך. אויב זי האָט עס געפונען — איז אוודאי גוט. איבריקנס — האָט מען זיך דערנאָך געקאָנט גטן — איינס פון די לייכטסטע זאַכן. זי האָט צו יעדער מינוט געקאָנט האָבן, ווען זי האָט נאָר געוואָלט, זי, האַ־וואַרד דזשעפערסאָנס בת־יחידקע.

ער האָט דאָס געוווּסט זייער גוט. ער פלעגט אויסמיידן, ווי ווייט ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, צו בלייבן אַליין מיט איר. ער האָט זי אויסגעווייכט, געוואָרן זייער דערפינדעריש אין תירוצים און אין איבערבעטענישן.

„דו ביסט דער שלעכט־דערצויגנסטער אַדאָראַטאָר אין ניו־יאָרק!" האָט זי געזאָגט.

„זוך־זשע דיר אויס אַן אַנדערן", האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטערל.

זי האָט גענומען פייפן—זי האָט געקענט פּרעכטיק פייפן, פונקט ווי אַ ווייסער חברהניק. דאָס וואָס ער האָט זיך קיינמאָל נישט צו־געפּאַסט צו איר ווילן, דאָס דווקא האָט זי גערייצט. און נאָך פיל אַנדערע זאַכן. וועגן טייל זאַכן האָט זי געוווּסט — וועגן אַנדערע ווי־דער נישט. אָבער זי וועט זיך שוין וועגן אַלעם דערוויסן — דאָס איז זיכער.

נאָך אַ גרונט האָט ער געהאַט, צוליב וועלכן ער פלעגט אויסמיידן איטלעכס אַליינזיין מיט איר. נישט קיין גרונט אייגנטלעך, נאָר עפּעס אַ מאָדנע געפיל — אַן אינסטינקטיוון פּחד. עפּעס איז

פאַרט געשען אין יענעם נאָכמיטאָג, ווען די גאָהיטאַ האָט אים באַזוכט. ער האָט מורא געהאַט, צו זיין אין אַ שטוב אַליין מיט אַ פרוי — חער זי זאָל נישט זיין. אַרויסרייטן יאָ — אין אויטאָ פאָרן — אויף פרישטיק ערגיצוווּ אָדער אין טעאַטער. דאָרט זענען געווען מענטשן אַרום — דאָרט איז ער געווען זיכער. אַפילו דאָס איבערשפּאַצירן זיך אַליין אין גאָרטן מיט דער בלאָנדער איווי איז אים אויך נישט ניחא געווען. אַן אומקלאָרער פחד, אַז ס'קאָן עפּעס פּאַרקומען — אַ מין אימה פאַר איר — פאַר זיך גופא — פלעגט אים אַרומנעמען, אַליין נישט וויסנדיק, פאַרוואָס.

זי האָט דאָס גוט באַמערקט. און האָט זיך אַלזאָ באַמיט אויסצונוצן איטלעכע געלעגנהייט, כדי אים צו קאָנען האָבן פאַר זיך. איר מוטער האָט איר דערין צוגעהאָלפן, זי פלעגט תמיד נעלם ווערן, ווען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט — דערפאַר ווידער האָט איווי' איר צוגעהאָלפן, בעת עס איז געגאַנגען וועגן איר פאַרערער, דעם גענעראַל-קאָנסול. אַ צייט לאַנג האָט זי געפּרוּווט מיט אים ווי ווייט מעגלעך זיך צו קאָמפּראָמיטירן. זי פלעגט אים למשל נעמען קושן, דווקא בעת די מוטער איז גראָד אַריינגעקומען, אָדער עמיצער פון דער דינערשאַפט. דערנאָך אויך אין די אויגן פון פרעמדע מענטשן. אָבער ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר אַ קינדעריי, פאַר נאַרישע שטיפערייען פון אַ קאַפּריזנער קעצל. איינמאָל האָט זיך די מוטער אָנגערופן גאַנץ ערנסט: „אויב עמיץ קומט אַזוי אָפט אין אַ שטוב אַריין ווי איר", האָט זי געזאָגט, „און פאַרקערט נאָכאַנאַנד מיט דער טאָכטער, דערוואַרט מען אייגנטלעך, אַז ער זאָל איר האַנט בעטן".

ער האָט אויף איר אַ קוק געטון, דערנאָך האָט ער אַ שמייכל געטון צו איווי. „אַזוי?" האָט ער געזאָגט. און מער קיין וואָרט נישט.

„יאָ!" האָט אונטערגעשטראָכן פרוי אַליציע. „אומבאַדינגט. אַזאַ מנהג איז שוין בא אונז".

„בא מיר נישט", האָט ער אָפּגעענטפערט.

„איר פאַרלאַנגט אפנים, אַז מיר זאָלן אייך בעטן?" האָט די אויסגערופן. איר אויפרעגונג איז געווען אַן ערלעכע און נישט-געמאַכטע; זי איז אויפגעשטאַנען אַ באַליידיקטע פון פרישטיק-טיש.

„לחלוטין נישט!" האָט ער נאָכגערופן. איווי האָט אפילו נישט געוואַרט, ביז די מוטער וועט האָבן אַרויסגעגאַנגען. „און װאָס וואָלסטו געוועז געענטפערט?" האָט זי אַ פרעג געטון. „חילסטו מיך פאַר אַ פרוי?"

ער האָט זיך געמאַכט, ווי דאָס וואָלט בלויז געווען אַ שפּאַס. „ניין!" האָט ער געזאָגט. „דו טויגסט אַזוי ווייניק דערצו, פּונקט ווי איך טויג פאַר אַ מאַן". ער איז האַסטיק אויפגעשטאַנען. „מאַך דיך גרייט, איווי, דער אויטאָ וואַרט, מיר ווילן דאָך אַרויספאָרן היינט נאָכמיטאָג".

זי האָט אים נישט אַרויסגעלאָזט דאָסמאָל. „אָבער אַלס מעטרעסע וואָלסטו מיך געוואָלט?" האָט זי אָנגעהויבן פונדאָסניי.

„ניין", האָט ער זיך צעלאַכט, „אויך נישט". ער האָט עס געוואָלט פאַרוואַנדלען אין אַ שפּאַס. „וואָס וואָלטן דייַנע עלטערן געזאָגט דערויף?! קום שוין — לאָז צורו מיט דידאָזיקע שטותים".

זי איז געבליבן זיצן רויק, געוויגט מיטן קעפּל אַהין און אַהער. דאָס איז געווען איר באַליבט וואָרט „מעטרעסע". זי פלעגט כסדר קאָקעטירן דערמיט. האָט נישט גערעדט אַנדערש וועגן פרוי וואָן נעס, ווי וועגן „זיין מעטרעסע". זי פלעגט זאָגן: „איך האָב געזען דיין מעטרעסע — אויף דער פינפטער עוועניו". אָדער בעת ער פלעגט אַריינקומען: „צי קומסטו פון דיין מעטרעסע?" און ווען ער פלעגט אַוועקגיין: „גריס דיין מעטרעסע!"

„זי האַלט דיך פעסט, דיין מעטרעסע", האָט זי פאָרגעזעצט. „זי וויל דיך נישט אַרויסלאָזן, דאָס איז די מעשה! קענסט נישט טון, וואָס דו אַליין ווילסט, דו מוזט אַזוי טאַנצן, ווי זי הייסט — איר ליאַלקע ביסטו".

„נאַרישע רייד!" האָט ער אויסגערופן.

זי האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו אים. „כ'ווייס, וואָס איך רעד", האָט זי אָפּגעענטפערט. „איך האָב לאַנג געטראַכט איבער דעם, אַלץ, וואָס דו טוסט — דיין גאַנצע אַרבעט — טוסטו נאָר, ווייל זי וויל אַזוי. און זי וויל, אַז דו זאָלסט תמיד האָבן עפּעס צו טון — און נישט זיין דער

בעל-הבית פון דעם אייגענעם איך, און זאָלסט נישט האָבן קיין צייט פאַר זיך און נישט טראַכטן וועגן זיך. זעסטו, איך נעם שוין צומאָל נישט קיין צייטונג אין האַנט אַריין — כסדר אַלץ דאָס אייגענע ווילדע געשריי פאַר דער שטערנדיקער פאָן! און פונקט אַזוי, ווי זיי רייסן זיך פאַר אַמעריקע — אַזוי שרייסט דו פאַר דייטשלאַנד. און דו פילסט צומאָל נישט, ווי נאַריש דאָס איז! איך פייף אויפן פאָטערלאַנד! צען מאָל ליבער ווי אין די שטאָטן וואָלט איך מיר געוווינט אין פאַריז אָדער לאָנדאָן — עווענטועל אויך אין בערלין אָדער ווין, ווען כ'וואָלט געקענט די דאָזיקע שטעט. בלויז פאַר דעם המון עקזיסטירט דאָס פאָטערלאַנד און אַלע איבעריקע שיינע פראַזן — אָבער נישט פאַר אונדז".

ער האָט זי פאַרחידושט אָנגעקוקט. „און וואָס פאַר אונדז?" האָט ער אַ פרעג געטון.

זי האָט געזאָגט; פאַר אונדז — דאָס לעבן!"

ער האָט זי נאָך אַלץ נישט געוואָלט נעמען ערנסט. „זאָג מיר נאָר, איווי" האָט ער ווידער געפרעגט, „פונוואַנען קומט צו דיר אַזויפיל חכמה?"

„כ'האָב געלייענט", האָט זי רויק געענטפערט, „אין אַ בוך וואָס מיר האָבן געהאַט אין קאָלעדוש.*) כ'האָב שוין געהאַט פאַרגעסן דערין — און איצט איז עס מיר ווידער געקומען אויפן זינען. און כ'האָב וועגן דעם לאַנג געטראַכט. אונטן און אויבן — בײַ די גרעניצן — באַדאַרף מען נישט דאָס אַלץ, דאָס גאַנצע גערעדעריי מכוח פאָטערלאַנד, מאָראַל און מלוכה און נאָך אַזעלכע שיינע זאַכן. דער גאַסניונג, דער שלעפער, און דער בעטלער ווייסט נישט דערפון. דער שטייט נידעריקער — מיר שטייען איבער דעם, מיר!"

„איר?" האָט ער אויסגערופן „ווער זענט איר דאָס?

אָבער זי האָט דערויף געהאַט אַן ענטפער. מיר — זעמיר די וואָס האָבן דאָס געלט. נישט אַלע — ניין, נאָר די פון זיי, וואָס ווייסן, אַז געלט איז מאַכט. און אַז מאַכט איז צוגלייך רעכט, פאָטערלאַנד, רעליגיע און מאָראַל. אין דאָזיקן

*) אַמעריקאַנישע גימנאַזיע.

בוך — דאָס איז געווען אַ לערנבוך וועגן דער פילאָזאָפיע פון פלאַטאָן, אַריסטאָטעלעס, קאַנט, ספּענסער און ווי זיי אַלע הייסן דאָרט — איז אויך געווען איין זאַך פון ספּינאָסע — „שפּינאָזאַ!" האָט ער אויסגערופן, „רעד עס כאָטש ריכטיק אויס."

ס'איז מיר אַלצייינס, ווי ער הייסט!" האָט זי געזאָגט.

„דער זאַך האָט געלויטעט: „איטלעכער האָט אַזויפיל רעכט. וויפל מאַכט ער האָט". און דערדאָזיקער מענטש האָט געמוזט נעבעך שווער האָרעווען, גישט געהאַט קיין געלט, ממילא אויך קיין מאַכט און דעריבער קיין רעכט נישט. און דערפאַר איז ער געוואָרן פאַרברענט!"

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט: „נו — פאַרברענט איז ער גראָד נישט געוואָרן. זאָג מיר נאָר, ווי דיך איז אייגנטלעך געווען אייער לערנבוך פון פילאָזאָפיע?".

זי האָט געוויזן: „אַזוי דיך! — העכער צוויי הונדערט זייטן! כ'קאָן זיך געוועטן, אַז קיין איינע פון אונז האָט עס נישט איבערגעלייענט אינגאַנצן!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „פאַרשטייט זיך, אַז נישט!"

„מעגסט לאַכן, וויפל דו ווילסט", האָט זי פאָרגעזעצט, „אָבער ס'איז פּאָרט אַזוי, ווי איך זאָג. מיר — קאָנען טון, וואָס מיר ווילן. יעדער אייגציקער אין ניו-יאָרק ווייסט, אַז די וואָן נעס איז דיין מעטרעסע, און דאָך שטייען פאַר איר אַלע טירן אָפן. און די פּיערפּאָנט, די פּאָקס, די גאָרדאָן, די ברייטויער און די אַלע אַנדערע — וואָס? גאַנץ אַמעריקע טריפט מיט מאָראַל — און זיי אָראַנזשירן זיך לוסטיקע בעלער. זיי מעגן אַלץ, ווייל זיי האָבן געלט! אַזוי איז אומעטום! מיין מאַמעס פריינט, דער גענעראַל-קאָנסול, האָט מיר אַנומלטן געזאָגט, אַז די ענגלישע, רוסישע, בעלגישע און רומענישע הערשנדיקע פאַמיליעס זענען אלע דייטשן, אַזוי מענער ווי פרויען · האָהענצאָלערס, קאָבורגער, האָלשטיינער, וויטלסבאַכער, העסן — ער האָט עס מיר געמוזט אויפשרייבן, און איך האָב עס זיך אויסגעלערנט פון אויסנווייניק פאַר דיינעטוועגן. זיי אַלע שפּייען אויף זייער דייטשיש בלוט, אויפן דייטשישן פאָטערלאַנד! און

פונדעסטוועגן, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועלן זיי חיי־טער זיין אזוי געצאַפּערט אין דייטשלאַנד, פונקט ווי פאַר דער מלחמה און ווי בכלל אין דער גאַנצער וועלט! זיי קענען זיך דאָס דערלויבן, זיי האָבן געלט, מאַכט, נאָמען און איינפלוס — אזוי אַרומעט מעג מען טון, וואָס מ׳וויל”.

„פון מיינעטוועגן”, האָט ער אויסגערופן, „אָבער וואָס האָט עס מיט מיר צו טון? איך הייס נישט גאולה, נישט ראָקפעלער נישט קאָבורג, נישט האָהענצאָלער, כ׳האָב נישט קיין געלט און קיין שום מאַכט. ממילא קען איך עס מיר נישט דערלויבן און מוז מיטגיין מיט דער מאַסע, נישט אמת?”

„ניין”, האָט זי האַסטיק געענטפערט. „ניין! ס׳איז נישט נאָר דאָס געלט אליין — ס׳זענען פאַראַן נאָך אַנדערע מענטשן, וועלכע שטייען אויך אויף דערזעלביקער מדרגה, וואָס מיר. בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן זיך אליין דאָרט אַוועקגעשטעלט, נאָר דערפאַר! דאָס איז נישט קיין לייכטע זאַך, ווייס איך, און איז אפילו גאַנץ געפערלעך — יעדע רגע קאָן פון זיי אַ תל ווערן — וואָס קאָן איבעריקנס מיט אונז אויך געשען — הגם נישט אַזוי לייכט. איך רעד מיר איין, אַז דו געהערסט צו דידאָזיקע מענטשן!”

וועגן עפּעס אַזוינס האָט ער אַמאָל געטרוימט. וועגן אַ קולטור־נאַציע — וואָס זאָל שטיין איבער די פעלקער. וואָס אַן אמת, מיט געלט האָט עס נישט געהאַט צו טון, ס׳איז געווען דורכגעטראַכט אייראָפּעיש און לגמרי נישט אַמעריקאַניש. אָבער צי איז עס דען אין תוך נישט געווען דאָסזעלבע? צי איז עס דען נישט באַשטאַנען — בא אים, פונקט ווי בא איר — אין אליין זיך אַרויסהויבן זיך? — ווייל העכער דערפון האָט זיך נישט אויפגעהויבן דער פּיטסבורגער אייגנווינער, הער אַנדריי קאַרנעדזשי, וועמען ס׳האָט טראָץ זיינע מיליאָנען, געפּייניקט דער פּחד פאַרן גיהנום און וועלכער האָט געוואָלט אויסהאַנדלען באַם רבונו־של־עולם כאָטש אַ קליין שטיקעלע אָרט אין הימל, דערום פלעגט ער טון כלערליי מעשים טובים און מנדב זיין גאַנצע מיליאָנען. פונקט אזוי ווייניק, ווי יענער קליינשטעטלדיקער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט נישט נאָר ריכטיק אויסגערעדט „שפּינאָזאַ”, נאָר האָט אים אויך געקענט פון אויסנווייניק.

בילדונג אָדער טאַלאַנט. געלט, יחוס, איינפלוס, נאָמען — מער אָדער ווייניקער. אָבער דער ווילן האָט געמוזט זיך דער־ביי און דאָס באַוווסטזיין, אַז מ׳שטייט איבער די מאַסן און אַז מ׳מעג ברעכן זייער רעכט. דאָס געפיל פון מאַכט — אַלציינס, וואָס ס׳האָט געשאַפן דידאָזיקע מאַכט.

זי איז טאַקע געווען גערעכט: ער איז מיטגעגאַנגען מיט דער מאַסע. האָט געטראַכט און געטון פונקט דאָסזעלבע, וואָס זיי אַלע האָבן געטון, פון דער און פון יענער זייט ים. און לאָטע וואָן נעס איז געווען די, וועלכע האָט אים איינגעשפּאַנט — אויך דאָס איז אמת געווען.

זי האָט נישט איבערגעריסן זיין שווייגן און געדולדיק געוואַרט.

„כ׳ווייס נישט״, האָט ער געמורמלט.

דאַן האָט זי געפרעגט: „זאָג־זשע — צי וואָלסטו דאָס אַלץ געווען געטון — אַזוי, פון זיך אַליין ?״.

ער האָט איבערגעחזרט: „איך ווייס נישט, אפשר. ווען זי וואָלט עס נישט געווען געטון, וואָלט מיך מסתם אַן אַנדערער געהאַט איינגעשפּאַנט. און כ׳וואָלט אויך געשלעפּט די טאַטשקעס פונקט ווי איצטער״.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין — וואָלסט שוין לאַנג געהאַט אַנטלאָפן! און זי באַגייט זיך מיט דיר גאַנץ קלוג, כדי דיך צו האַלטן אין די הענט. ווען זי וואָלט מיט דיר געווען חתונה געהאַט — וואָלסטו זי שוין לאַנג געהאַט אַוועק־געוואָרפן. אַזוי אָבער איז זי נאָר דיין מעטרעסע — זי לאָזט דיר מכלומרשט איבער פולשטענדיקע פרייהייט. ווייניקסטנס רעדסטו דיר אַזוי איין! אינדערעמתן אָבער טוסטו בלויז דאָס, וואָס זי וויל און ווייטער גאָרנישט. אפילו צו מיר קומסטו נאָר דערפאַר, ווייל זי שיקט דיך אַהער!״

„זי שיקט מיך?״ האָט ער זיך צעלאַכט. „זי האָט דאָס קיינמאָל נישט געטון״.

„קיינמאָל?״ האָט געפאָרשט איווי „באמת נישט?״

ער האָט נאָכגעטראַכט — וואָס אַן אמת, דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען לאָטע לעווי און דער זשודנאַליסט טעווס, וועלכע האָבן אים צוגערעדט צו מאַכן אַ וויזיט בײַ די דזשע,

פערסאָנס. „גיב דער קלײנער די ערשטע קושן!" האָט זי געזאָגט — צי איז עס דען אַזוי נישט געווען?

„יאָ, אײנמאָל, גאָר אין אָנהויב!" האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט. „אָבער שפּעטער האָט זי צומאָל דײן נאָמען נישט דערמאָנט!"

איזוי דזשעפערסאָן האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אחדאי נישט — זי האָט אינטויציע, דײן מעטרעסע, און קען דיך אי־בעריקנס געבוג לאנג! ס'האָט תמיד געדאַרפט אַזוי אויסזען, גלײך ווי דו וואָלסט נאָר געטון דאָס, וואָס דו אַלײן ווילסט! און זאָלסט קײנמאָל נישט באַמערקן, אַז דו טוסט אײגנטלעך נאָר דאָס, וואָס זי וויל!" זי האָט אַראָפּגענומען אַ ווײס נעגעלע פון בוקעט, אָפּגעבראָכן דאָס שטענגל און אים אַרײנגעשטעקט די בלום אין לאַץ אַרײן. דער נײער גערטנער איז אַזוי אָפּגעלאָזן, ער פאַרגעסט תמיד צוצוגרײטן לאַצן־בלימלעך. דער אַלטער איז געווען אַ פּיל בעסערער. — אַ שאָד וואָס כ'האָב אים געמוזט משלח זײן".

„דו?" האָט ער געפרעגט „פאַרוואָס עפּעס?"

„אָ, דאָס איז געווען דער בעסטער גערטנער, וואָס מיר האָבן ווען ס'איז געהאַט — אפשר וועסטו אים אינגיכן זען —"

"אַזוי?" האָט ער געפרעגט. „ווו דאָס?"

„בײַ פרוי יואַן נעס", האָט זי געזאָגט. „איך האָב אים געמוזט דערווײטערן, אים און דעם צווײטן שאָפער — חייל בײדע זענען געשטאַנען צום דינסט פון דײן מעטרעסע. זײ האָבן איר מיטגעטײלט גאַנץ גענוי וועגן אַלצדינג, וואָס ס'איז פאָרגעקומען בײַ אונז אין הויז".

„דאָס איז נישט אמת!" האָט ער אויסגערופן מיט כעס.

זי האָט געשמײכלט. „און דאָך!" האָט זי רויק געזאָגט. „איך האָב דרײַ טעלעפאָנישע שמועסן אונטערגעהערט. איצט פאַרשטײסטו שוין מסתם, פאַרוואָס זי האָט דיך נישט באַדאַרפט צו פרעגן וועגן איזוי דזשעפערסאָן?"

ער האָט נישט געגעבן קײן ענטפער.

„זי איז געווען גאָר גערעכט, דײן מעטרעסע", האָט זי פאָרגעזעצט, „זי איז קלוג, מ'קאָן זיך פון איר פאָרט עפּעס אָפּלערנען. איך האָב זיך נאָכמער אויסגעלערנט! צי מײנסט

אז כ׳ווייס נישט, אַלמאי דו געפינסט זיך דאָ אין דאָזיקן הויז?״

„ווייל דו געפעלסט מיר״ האָט ער שנעל אָפּגעענטפערט. „און ווייל ס׳מאַכט מיר פאַרגעניגן מיט דיר צו פאַרברענגען!״

„אפשר״, האָט זי געזאָגט, „אַ קאַפּעטשטע! אָבער דאָס איז נישט די הויפּט־סיבה — דאָס מאַכט דיר נאָר דאָ לייכ־טער די אַרבעט. מיין נישט, אַז מיין פאָטער איז אַזוי נאַריש ווי איר — דו און מיין מוטער — רעדט אייך איין. ער האָט מיך געהייסן נעכטן אַהינקומען אויף וואַלסטריט אין זיין ביוראָ אריין — דאָס טוט ער תמיד, בעת ער וויל מיט איר רעדן גאַנץ ערנסט. ער האָט לאַנג מיט מיר גערעדט — גלייב מיר, ער דריבגט געבוי אַדורך דיינע פּלענער! ער ווייסט, אַז דו פלירטעוועסט בלויז מיט מיר און שפּילסט די ראָל פון מיינס אַן אַדאָראַטאָר — און גאַנץ שלעכט דערצו! — ווייל דו טראַכסט צו באַקומען דורך מיר אַן איינפלוס אויף דעם פּאַפּאַ. מחמת דו גלייבסט — מיט רעכט אפשר — אַז ער וועט נישט טון גאָרנישט, וואָס איך וועל נישט וועלן! דערפאַר! — נישט אַזוי? — אפשר וועסטו דאָס אָפּלייקענען!״

ער האָט זיך געביסן די ליפּן. „אַזוי איז עס טאַקע״, האָט ער געזאָגט.

„אָבער?״ האָט זי געשמייכלט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „קיין שום אָבער!״

זעץ זיך אַוועק״, האָט זי געזאָגט, „כ׳האָב נאָכנישט גע־ענדיקט. מיין פאָטער האָט פאַרמאָגט בלויז פינף מיליאָן, בעת ער איז געוואָרן אַ שותף צו דער באַנק. היינט איז ער אַליין דער בעל-הבית און פאַרמאָגט צוואַנציק מאָל אַזויפיל. און — וואָס ס׳איז נאָך וויכטיקער — זיין טרעסט קאָנטראָלירט דעם גאַנצן מיטל־מערב. מיין נישט אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי מזל און אַז מען דאַרף שוין דערצו קיין שכל נישט האָבן. די לייט פון וואַלסטריט ווייזן זיך אייך אויס נאַריש, מחמת ס׳פעלט זיי בילדונג. און די בעסערע פון זיי פילן דאָס גוט אָפּ, זיי פילן זיך זשעגירט און זענען אביסל מבולבל אין אייער געזעלשאַפט, ווייל זיי קענען נישט אַריינוואַרפן דאָס מינדסטע וואָרט וועגן קונסט, מוזיק, פּאָליטישע עקאָנאָמישע. פילאָזאָפיע וכדומה נאָך אַזעלכע

זאַכן. אָבער איר דערשאַצט זיי נישט – און דו אויך ! זיי ווייסן גאַנץ גוט, וואָס זיי ווילן !"

„וואָס ווילן זיי ?" האָט ער אויסגערופן.

זי האָט אָנגעבלאָזן די ליפּן. „קודם=כל : געלט פאַר= דינען ! און דאָסמאָל, איבערהויפּט די נייע ענגלישע הלוואה דורכ= פירן. צוליב דעם האָט מיך מיין פאָטער אַהיגערופן אויף וואָלסטריט".

ער האָט זיך באַמיט צו בלייבן רויק. האָט איר דער= לאַנגט די האַנט און געזאָגט ; „זיי געזונט, קליינע איווי. כ'ווינטש דיר פיל גליק און אַ בעסערן פאַרערער. דו פאַרשטייסט מסתּם, אַז מיין פוס וועט מער אייער שוועל נישט באַטרעטן, וויבאַלד די פירמע דזשעפערסאָן וועט אונטערשרייבן די הלוואה".

זי האָט נישט אָנגענומען זיין האַנט. „מאָרגן אינדערפרי וועט פאָרקומען די זיצונג בא מאָרגאַנען. אויב מיין פאָטער וועט אונטערשרייבן, וועט עס טון זיין גאַנצער טרעסט — און ביז מיטאָגצייט וועלן זיין די טויזנט מיליאָן, וועלכע לאָנדאָן ווינטשט זיך. אויב אָבער ער וועט עס נישט טון, וועט אָפּדויערן גאַנצע חדשים, ביז מ'וועט דידאָזיקע הלוואה דורכפירן — און איר קורס וועט שטאַרק אַראָפּפאַלן. דאָס איז אַ גאַר גוט געשעפט פאַרן הויז דזשעפערסאָן — און מיין פאָטער וויל טאַקע צייכענען דידאָ= זיקע הלוואה. ער וועט עס אָבער נישט טון, אויב —"

„אויב ?" האָט ער איבערגעחזרט.

זי האָט געצופּט די בלעטלעך פון א נעגעלע און זיי אַראָפּגעשאַרט מיט לייכטע פינגער פון קלייד אַראָפּ. „די דייטשן זענען קלוג, האָט זי געזאָגט, „און דיין מעטרעסע אויך ! זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, פאַרוואָס זיי שיקן דיך צו אונז אַהער. זיי האָבן זיך געטראַכט : דער איז אַ לאָקנדיק פאַנג=שפּיז און די קליינע איווי וועט אַזוירנאָך אַריינפאַלן אין כאַפּשטייגל. זיי האָבן דאָס גוט באַרעכנט ! דער דזשעפערסאָן=טרעסט איז דער איינציקער ריין אַוועריקאַנישער, וועלכער האָט גאָרנישט געטון — פאַר ענגלאַנד — נאָך גאָרנישט ! דאָ האָסטו מער אויפגעטון ווי מיט דיינע אַלע רעדעס און שרייבעכצן ! אָבער איצט, דייטשן, זאָלט איר דערפאַר באַצאָלן".

„דאָס הייסט —" האָט ער געצישעט.

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט. „געשעפּט!" האָט זי אויסגערופן. „רוף דאָס אָן אויפצוואַנג — ווי דו ווילסט! אָבער וואָרט א ווײַלע, איידער דו וועסט ענטפערן. האָסט מסתם געלייענט די צייטונגען און דו ווייסט, אַז גענעראַל ווילאַ האָט זיך אַריינגעריסן קיין טעקסאַס און פאַרבערענט די שטאָט קאָלומבוס? דו ביסט געווען בײַ אים אין מעקסיקע — דו און נאָך אַנדערע — איר דייטשן האָט עס אַרויסגערופן!"

„ניין! ניין!" האָט ער אויסגערופן. „קיין שום דייטש האָט דערצו קיין האַנט נישט צוגעלייגט!"

„ס'גייט נישט אין דעם!" האָט זי אָפּגעענטפערט. צי ס'איז אמת, אָדער נישט — דאָ גלייבן זיי דערין, אַז ס'איז אַזוי. מיינסט אפשר, אַז כ'האָב אויף דיר פאַריבל? איך פאַרגין עס דידאָזיקע שרייערס, אַז זיי זאָלן אַליין אַמאָל דערשפירן, וואָס ס'איז אַזוינס מלחמה; כ'וואָלט מיר נאָר געווונטשן, אַז ווילאַ זאָל זיין צען מאָל אַזוי שטאַרק. און אויב דו האָסט עס אַרויסגערופן — געפעלט עס מיר זייער פון דיין זייט! — אָבער נישט וועגן דעם וויל איך רעדן. כ'ווייס, מיט וועמען דו ביסט געווען אין טאָרעאָן — הויפּטמאַן פּערלשטיין הייסט ער, ווילאַס אדיוטאַנט, אַ ניו־יאָרקער ייד".

„פונוואַנען ווייסטו דאָס?" האָט ער אַ פרעג געטון.

זי האָט געוויגט מיטן קאָפּ. „מיין פאָטער האָט עס מיר נעכטן געזאָגט. ער האָט ידיעות פון וואַשינגטאָן — פון יאַפּאַנישן קאָנסולאַט. פאַרשטייסטו שוין?"

„אַהאַ" — האָט ער געמאַכט.

„מ'קאָן דיך מאָרגן פאַרשפאַרן אין תפיסה, אויב איך וועל וועלן! און דערנאָך וועט מען דיך פאַרשיקן אין אַטלאַנטאַ — אויף צוואָנציק יאָר אָדער מער. איך טראַכט בלויז: דאָס וואָלט דאָך „מעגלעך געווען"?

„אָ, יאָ!" האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „אוודאי. אַלץ איז מעגלעך אין דאָזיקן לאַנד און אין היינטיקער צייט!"

זי האָט געוואָרט אַ קורצע ווײַלע. דערנאָך האָט זי געזאָגט: „נישט אמת? דאָס איז מעגלעך — אָבער עפּעס אַנדערש איך?"

„וואָס עפּעס אַנדערש ?" האָט ער געפרעגט. „צי האָסטו נאָך עפּעס איבערראַשונגען ?"

„ניין", האָט זי געזאָגט, „גענוג אויף הייַנט. איך מיין נאָר, אַז עפּעס אנדערש וואָלט אויך געווען מעגלעך ! אַז דו זאָלסט מאָרגן נישט דאַרפן פאַרצייכענען דיין נאָמען אין אויפ־נעם־בוך פון תּפיסה — פּונקט אַזוי ווי מיין פאָטערס נאָמען אויף דער רשימה פון דער ענג ישער הלוואה, ווי דו ווילסט — צי ווילסטו באַצאָלן דעם באַשטימטן פּרייז ?"

ער האָט זי גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און האָט פונדעסטוועגן אַ פרעג געטון : "וואָס מיינסטו, איווי, סאַראַ פּרייז איז עס ?"

זי האָט זיך ווידער צעלאַכט. „דו אַליין, פאַרשטייט זיך ! צי ווילסטו זיך מיט מיר פאַרקנסען היינט אויפדערנאַכט ?" זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צו אים. „לייג עס דיר איבער — אָבער נישט צו לאַנג ! איך שפּיל אַנדערש, ווי דיין מעטרעסע ! גאַנץ אָפן לייג איך אַוועק מיינע קאָרטן — דאָס זענען פאָרט שיינע טרומפן, נישט אמת ?"

פּרעכטיקע טרומף־קאָרטן — דאָס האָט ער געמוזט מודה זיין ! און ער אליין האָט גאָרנישט געהאט אין דער האַנט —

ער האָט געוואָלט געווינען צייט. „כ'וועל מיר דאָס אי־בערקלערן", האָט ער אָנגעהויבן. „און וועל דיר מאָרגן געבן תּשובה".

אָבער זי האָט לאַנגזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ. „מאָרגן ? אַ ניין ! — ווילסט מסתּם איבעררעדן מיט דיין מעטרעסע ?"

ער האָט נישט געפונען קיין אַנדערן תּירוץ און געזאָגט ? „יאָ, דאָס וויל איך טאַקע".

פול מיט חוזק האָט געקלונגען איר שטים. אָבער נישט בייסנדיק, כּמעט גוטמוטיק האָט זי געזאָגט : „אוודאי — מיר מוזן באַ איר בעטן דערלויבעניש. אָבער דאָס קענען מיר גאָר גיך מאַכן, זאָל זי דאָ אַהערקומען !" זי האָט זיך אויסגע־דרייט און איז מיט שנעלע טריט דורכגעלאָפן דאָס צימער.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען „וואָס ווילסטו טון ?" האָט ער אויסגערופן.

אָבער זי איז שוין געשטאַנען באַם טעלעפאָן. „נומער 376!" האָט זי אויסגערופן.

ער האָט געהערט ווי זי האָט גערעדט מיטן דינער און דערנאָך מיט לאָטעס שטובמיידל. ווי זי האָט פארלאַנגט, אַז מ'זאָל צורופן פרוי וואן נעס. ער האָט איר געוואָלט אַרויס־נעמען דאָס טרייבל פון דער האַנט, האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער —

דערנאָך האָט ער אַ טראַכט געטון: „אפשר איז גליי־כער, אַז זי זאָל אַהערקומען, אפשר וועט זי פאָרט געפינען עפּעס אַן אויסוועג".

„צי איז דאָס פרוי וואן נעס?" האָט געזאָגט די קליינע. „דאָ איז איווי דזשעפערסאָן — אנטשולדיקט מיר, וואָס כ'שטער אייך. — ער איז דאָ — יאָ! — אייער — אייער געליב —"

זי האָט עס נישט אַרויסגערעדט. „אייער פריינט איז דאָ — הער פראַנק ברוין. — יאָ! — ער לאָזט אייך בעטן, אַז איר זאָלט תיכף אַהערקומען. — ניין — איך קען עס נישט זאָגן דורכן טעלעפאָן! — ניין, ניין, ער קאָן אַליין נישט קומען, איצטער נישט! — ס'איז באמת זייער וויכטיק. — פאַר אים אויך. — כ'דאַנק זייער, אַלזאָ אין צוואַנציק מינוט אַרום".

זי האָט צוריק אַוועקגעהאָנגען דאָס טרייבל. „זי וועט קו־מען!" האָט זי אויסגערופן „דו האָסט געהערט".

אירע אויגן האָבן אויפגעשיינט. זי האָט אַרומגעשפּאַנט מיט האַסטיקע טריט איבערן צימער, אויף און אָפּ. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, איינגעגראָבן דעם קאָפּ איןביידע הענט. ער האָט געזוכט עפּעס אַן עצה. ס'איז אים אָבער גאָרנישט געקומען אויפן זינען.

זיי האָבן נישט גערעדט קיין וואָרט צווישן זיך. האָבן געוואַרט.

אַ דינער האָט געמאָלדן די פרוי וואן נעס. ער איז אויפגעשפרונגען.

איווי דזשעפערסאָן איז איר אַקעגנגעגאַנגען. אַנגענו־מען זי באַ דער האַנט און צוגעפירט צו אַ שטול. „ווי ליבנס־ווערדיק, וואָס איר זענט געקומען!" האָט זי אויסגערופן. „ער וויל זיך מיט מיר פאַרקנסן, זעט איר — אָבער ער רעכנט,

אז ער מוז פריער באַקומען פון אייך די דערלויבעניש דערויף. איך פאַרשטיי דאָס אויסגעצייכנט און ס'איז זייער פיין פון אים, וואָס ער האַלט, אז ער קאָן גאָרנישט טון אָן דער הסכמה פון זיין — זיין —"

זי האָט זיך געקווענקלט — אָבער אַ רגע נאָר. זי האָט געמוזט האָבן רידאָזיקע סאַטיספאַקציע, האָט איר געמוזט דאָס אַ וואָרף טון אין פנים אריין.

„פון זיין מעטרעסע", האָט זי פאָרגעזעצט. „נישט אמת, פרוי וואַן נעס, איר זענט דאָך זיין מעטרעסע?" אָבער זי האָט עס נישט געזאָגט שאַרף און נישט באַליידיקנדיק. זי האָט עס ארויסגערעדט ווייך און ליבלעך, מיט אַ מילדן און קלינגענדיקן שמייכל.

זי האָט נישט געוואַרט אויף איר ענטפער. זי האָט גערעדט שנעל, קלאָר און אָפן, נישט געזאָגט קיין איבעריק וואָרט. אז זי וויל אים האָבן — ווייל אַזוי וויל זי. אז דאָס איז איר ווונטש און איר קאַפּריז — און זי מוז אים האָבן. אז זי ווייסט גאַנץ גוט — און איר פאָטער אויך — נאָכוואָס ער איז געשיקט געוואָרן אין דזשעפערסאָן-הויז. אז היינט איז ער אין איר האַנט — צוליב דער מעשה=מעקסיקע. אויך מיט דער הלוואָה — און נאָך אַ פּאָר זאַכן. און לסוף נאָך עפּעס: נישט נאָר צוליב אים האָט זי איר אַהערגעבעטן. זי אַליין, איווי דזשעפערסאָן, האָט אויך עפּעס מיט איר צו רעדן. אויב פרוי וואַן נעס וועט זאָגן „יאָ" און „אָמן" — און דאָס איז גאַנץ זיכער, אַז זי וועט עס טון — דאַן וואָלט ער תיכף געוואָרן איר חתן, וואָס וועט געהערן צו איר אַליין און זי וויל אים טאַקע פאַר זיך, אויסשליסלעך פאַר זיך — פאַרשטאַנען! דאַן איז עס זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער וועט זיך נישט טאָרן מער זען מיט זיין מעטרעסע, און נישט איר הויז באַזוכן. אַז זי וואָלט געמוזט מיט אים איבעררייסן — איינמאָל פאַר אַלע מאָל —

דאָס אַלץ האָט געקלונגען ווייך, זיס און צאַרט, ווי דאָס געצוויטשער פון אַ פויגל. „איך וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָס גוט פאַרשטיין".

לאָטע וואַן נעס איז אויפגעשטאַנען. זי איז געווען זייער

בלאָס. זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.
נאָך אַ ווײַלע שטילשווײַגן, האָט איווי ווידער אָנגעהויבן נישט זיכער און עטוואָס ציטערנדיק האָט איצט געקלונגען איר שטים: „דאַכט זיך, אַז זי איז אים מסכּים — דײַן מעט־אָבער זי האָט שנעל אָפּגעהאַקט. „ניין, זי איז עס שוין נישט — פון דער איצטיקער רגע אָן שוין נישט — איך בעט אײַך שטאַרק איבער! פרוי וואַן נעס איז מסכּים! — צי קען איך אָנקלינגען נאָכן דינער, אַז ער זאָל די גנעדיקע פרוי אַרויסבאַגלייטן?"
די בלאַסע פרוי האָט געזאָגט: „צי אײַלט איר אײַך אַזוי? איין וואָרט בלויז, פרײַלין איווי, פון זײַן — פריערדיקער — מעטרעסע. איר דאַרפט וויסן — וויסן —" זי האָט זיך געקווענקלט און געזוכט דעם אַנטשפּרעכנדיקן אויסדרוק. דערנאָך האָט זי פאַרגעזעצט. „איר זאָלט וויסן, אַז אײַער חתן ברויכט עפּעס אַזוינס, וואָס איר קענט אים, ווי איך גלייב, נישט געבן".
די בלאָנדע איווי האָט צונויפגעצויגן די ליפּן. „מ'ווייסט טאַקע נישט געגנוי, וויפל געלט איר פאַרמאָגט, פרוי וואַן נעס! אויך מײַן פאָטער קאָן עס אַקוראַט נישט זאָגן — ס'קאָן מעגלעך זײַן, אַז איר פאַרמאָגט מער ווי מיר — הײַנט! אָבער איר פאַרדינט גאָרנישט אין דערדאָזיקער צײַט — און מײַן פאָטער פיל — זייער פיל. ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן — וועלן מיר זײַן פיל רײַכער. איר קענט זיך באַרויקן, פרוי וואַן נעס, איך גלייב נישט, אַז דער מאַן, וועלכן איך נעם, זאָל נישט האָבן אַלצדינג, וואָס ער ברויך".
אַ שנעלער שמייכל איז דורכגעלאָפן איבער לאָטעס ליפּן.
„איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען", האָט זי געזאָגט. „קויפן קען מען דאָס נישט".
„וואָס־זשע איז עס אַזוינס?" האָט געפרעגט די בלאָנדע.
אָבער לאָטע וואַן נעס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „איך קאָן עס נישט זאָגן".
דאַן האָט זיך איווי געווענדט צו אים: „און דו ווייסט עס?"

ער האָט געוואָרפן אויף לאָטען אַ לאַנגן, בעטנדיקן בליק. אָבער זי האָט געשוויגן און נישט געקוקט אויף אים. „איך ווייס נישט, וואָס זי מיינט” האָט ער געענטפערט.

„און אַלזאָ?” האָט געפרעגט איווי.

לאָטע וואָן נעס האָט געזאָגט. „ניין — ער ווייסט עס נישט. ער וועט זיך ערשט דערוויסן וועגן דעם — אין אַ צייט אַרום. און אויב איר וועט אים נישט געבן דאָס, וואָס ס'גיט אים צו לעבן — דאַן וועט ער וויסן, ווו ער קאָן עס האָבן, און דאַן — וועט ער זיך אומקערן — צו מיר!”

די קליינע איווי האָט נישט געענטפערט, האָט שנעל אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפל. אָבער די אנדערע האָט נישט געוואַרט אויפן דינער, זי האָט זיך לייכט פאַרנייגט און איז אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט איר נאָכגעקוקט. „דאָס גייט די מאַמע אַוועק!” האָט ער געפילט.

דער דינער איז אַריינגעקומען. „בעט דעם העד און פרוי דושעפערסאָן אַריינצוקומען אַהער”, האָט באַפוילן איווי.

דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צו אים. „מילא, איך באַשטיי דערויף”, האָט זי געזאָגט אַ פאַרטראַכטע. „עפּעס אַזוינס — וואָס דו ברויכסט? וואָס זי קאָן דיר געבן און איך נישט? אָבער זי זאָגט נישט וואָס — און דו ווייסט דאָס נישט? אָדער זי זאָגט ליגנט — אָדער —”

אירע ברייט צעעפנטע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט איבער אים, פאַמעלעך און פאָרשנדיק. האָבן אַרומגענומען זיין פּנים, דערנאָך די גאַנצע פיגור, גלייך ווי זיי וואָלטן אים געוואָלט אויסטון. אַ ליידנשאַפטלעכער, גיריקער בליק.

„אָדער —” האָט זי איבערגעחזרט שעפּטשענדיק, ווי צו זיך אַליין, „אָדער —”

זי האָט אַ טופּ געטון מיטן פוס, אַהינטערגעוואָרפן דעם קאָפּ, געצאָטעמט שנעל און האַסטיק, אַז די נאָזלעכער האָבן אַזש גענומען ציטערן. „איך וויל עס זאָגן”, האָט זי אויסגערופן, „איך וויל עס זאָגן! איך וויל, אַז כ'זאָל אַלץ מעגן רעדן — דו! דערפאַר וויל איך דיך!”

„וואָס אַזוינס?” האָט ער געפרעגט. „זאָג-זשע!”

„כ'וויל אַ סך רעדן", האָט זי אָנגעהויבן. „אָבער כ'ווייס נישט די ווערטער. דו מוזט עס מיך אויסלערנען — נישט איצט, ניין! כ'ווייס, אַז איר, דאָרט אין דער אַלטער וועלט, אין אייראָפּע, קענט מער — ווי מיר דאָ. איר זענט מערער געבילדעט. קולטור — שרייען זיי אין די צייטונגען און זענען אייך מקנא! אין אַלעם העכער — און אין דער ליבע — אויך! ליבע איז אַ קונסט — דאָס האָב איך אַמאָל געלייענט אין אַ פראַנצויזיש בוך. איך וויל זיך אויסלערנען דידאָזיקע קונסט, כ'וויל זי גוט קענען — פּונקט ווי פּרוי וואַן נעס! דערפאַר וויל איך דיך האָבן".

זי איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט לייכט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיינער. איר האַנט האָט געציטערט און איז געווען פייכטלעך.

„זאָג מיר", האָט זי געשעפּטשעט, „אפשר האָט געמיינט דיין — די פּרוי וואַן נעס, אַז דו — האָסט עפּעס באַזונדערס ליב — אין דער ליבע? אפשר ווייסט זי עפּעס — און קען — וואָס איך קען נישט און וועל זיך עס נישט קענען אויסלערנען? — זאָג-זשע! ענטפער מיר!"

„איך ווייס נישט, וואָס זי מיינט", האָט ער געזאָגט.

אירע פינגער האָבן געבלאָנדזשעט איבער זיין האַנט. אירע אויגן זענען געווען פאַרנעפּלט. „זאָג-זשע מיר", האָט זי פאַרלאַנגט, „זאָלסט זיך כלל נישט שעמען פאַר מיר".

אָבער ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „כ'גיב דיר מיין וואָרט — אַז כ'ווייס נישט".

זי האָט אַ זיפץ געטון, געשוויגן אַ קורצע ווייל. דערנאָך האָט זי גענומען רעדן מיט אַ פעסטערן און זיכערן טאָן. „און דאָך גלייב איך, אַז זי האָט נישט משקר געווען. ס'קאָן נאָר זיין, אַז זי פאַרדרייט עס — אַזוי דענק איך. נישט דו ברויכסט עפּעס — וואָס נאָר זי קען עס דיר געבן: זי איז דאָס — זי, וואָס נעמט פון דיר עפּעס אַזוינס! אַזוי מוז עס זיין!"

ער האָט זיך אויסגעריסן פון אירע הענט — און זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. ער האָט צונויפגעפּרעסט די ציין און אַרויסגעבאָמקעט: „דאָס — דאָס האָב איך געטראַכט — נישט איינמאָל! ווי אַזוי איז דיר דאָס איינגעפאַלן?"

זי האָט ווידער אָנגענומען זיינע הענט, געגלעט זיי גיך און נערוועז. „צי מיינסטו, אַז כ'האָב נישט באַמערקט, ווי אַזוי דו האָסט אויסגעזען איבער דער גאַנצער צייט? אָפטמאָל גע־זונט — שטאַרק און בליענדיק — און דערנאָך ווידער אַזוי מיד, פוסט און פאַרמאַטערט. און פרוי וואָן נעס? ווו כ'האָב זי נאָר באַגעגנט, פלעג איך זי תמיד אָבסערווירן, אין דער אָפּערע, אין „קאָרנעדזשי־האָל", אויף קאָנצערטן! בעת דו פלעגסט אויסזען געזונט, איז זי געווען זייער בלייך און בלאַס — האָט אויסגעזען טיילמאָל, ווי דער טויט אַליין! אָבער זי פלעגט זיין פריש און בליענדיק — תמיד דעמאָלט, בעת דו ביסט געווען מיד און דערשעפּט. איך האָב מיר דאָס פאַרנאָטירט— כ'וועל דיר ווייזן די דאַטעס, אויב דו ווילסט. זאָג מיר, וואָס האָט—"

זי האָט אָפּגעהאַקט — ס'האָבן זיך דערהערט טריט אין שכנותדיקן צימער.

„איצט נישט", האָט זי אויסגערופן, „פּאַפּאַ גייט און מאַמאַ! איצט נישט! אָבער דאָס איז עס — גאַנץ זיכער! זי האָט אויסגעטרונקען דיין קראַפט — און דערפאַר האָט זי דיך אַריינגעטריבן אין געווירבל פון עסקים, כדי דו זאָלסט נישט האָבן קיין צייט נאָכצוטראַכטן — וועגן דעם, וואָס זי האָט מיט דיר געטון!"

„אָבער וואָס אַזוינס?" האָט ער אויסגערופן. „ווי אַזוי און ווען?"

זי האָט זיך צעלאַכט. „ווי אַזוי — וואָס — דאָס ווייס איך נישט. אָבער ווען -- דאָס קען איך דיר גענוי זאָגן. צי ביסטו קיינמאָל נישט געשלאָפן בא איר?"

די טיר האָט זיך געעפנט — דאַן האָט זי פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זיין האַלז. זי איז אַרויפגעשפּרונגען אויף אים, זיך אָנגעהאָנגען אָן זיין האַלז און אים געקושט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעריסן און געלאָפן די עלטערן אַנטקעגן. „פּאַפּאַ, זאָלסט נישט אונטערשרייבן די הלוואה!" האָט זי אויס־גערופן. „ער איז מיין חתן!"

* *

*

דעם גאַנצן נאָכמיטאָג האָט ער נישט געהאט קיין רגע פרייע צייט צום באַקלערן זיך. ער האָט געמוזט בלייבן אויף טיי, דערנאָך האָט אים איווי אָפּגעפירט אַהיים. ער איז אַרויפגע־גאַנגען פּאַוואָליע אויף די שטיגן, האָט מורא געהאט פאַר דעם „ענדלעך!" מיט וועלכן זיי וועלן אים מקבל פנים זיין. מיט דעמדאָזיקן אייביקן „ענדלעך", און דעם „אַלזאָ גיכער!"

צוויי „ענדלעכס" האָבן אים אָקעגנגעשאַלט, און דער סעק־רעטאַר האָט נאָך צוגעגעבן „גאָט צו דאַנקען". ער האָט אים אַריינגעצויגן אין שלאָפצימער — דאָרט איז שוין געשטאַנען גרייט זיין דינער, כדי אים צוצוהעלפן באַם אָנטון.

„נו, אַלזאָ גיכער, נישט אמת?" האָט פראַנק ברוין אויס־גערופן. „כווייס שוין! צום באַזאַר — יאָ - יאָ! צי קענט איר מיך נישט לאָזן צורו כאָטש איין אָוונט!"

„אָבער דאָקטאָר", האָט אים ראָסיוס פאָרגעהאַלטן, „היינט איז דאָך נויטיק! דער גרויסער טאָג! די אַמבאַסאַדאָרן זענען ספּעציעל געקומען פון וואַשינגטאָן".

„אַלזאָ גוט!" האָט ער געזיפצט. „דערלאַנג מיר דעם פראַק, פרעד".

— פיל טויזנטער מענטשן האָבן זיך געשטופּט פאַר דער ריזיקער געביידע אין מעדיסאָנסקווער־גאָרטן. די טויערן זענען שוין געווען פונלאַנג געשלאָסן; עטלעכע הונדערט פּאָליציאַנטן האָבן געהאַלטן אָרדענונג: ווען צען מענטשן פלעגן אַרויסגיין האָט מען אַריינגעלאָזט אַהין אַנדערע צען. צען — אָבער צען טויזנט האָבן געוואַרט אינדרויסן. זיי זענען געשטאַנען געדול־דיק אונטער דעם שלאַקס־רעגן — שעהנלאַנג —

היינט פונקט ווי נעכטן — און ווי מאָרגן — אין משך פון זעכצען טעג. זיי האָבן געוואַרט, זיך איינגעהערט, בעת דער מינדסטער שאָרך פלעגט זיך דורכקריגן דורך דידאָזיקע דיקע מויערן. ווי לייטישע קינדער. דאָרט אינעווייניק איז געווען ווייבאַכטן — געווען דער הימל. דאָרט אינעווייניק איז געווען — דייטשלאַנד!

זיי זענען צוגעפאָרן הינטן אַרומעט און אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקע טיר. האָבן אַרויסגעצויגן פון קעשענע זייערע בי־לעטן און די קאָלירטע שלייפן. האָבן אַריינגערוקט דעם פאָ־

ליציאַנט אַ דאָלאַר אין האַנט אַריין און אַריינגעשמוגלט שנעל נאָך אַ טוץ מענטען מיט זיך. זיי זענען דורכן קעלנער אַרויף אויבן אין דער געצעלטן=שטאָט פון דעם ריזיקן צירק.

— „פונקט האַלב אַכט מוזט איר פון דער גאַלעריע רעדן", האָט אים דערמאָנט דער סעקרעטאַר. „דערנאָך אַרום דריי פערטל ניין—אין גרויסן זאַל! און אַרום —"

„כ'ווייס שוין", האָט ער אים איבערגעריסן, „באַמית אייך בעת מעשה צו כאַפּן עמיצן פון דער אַמבאַסאַדע. און מעלדעט, אַז דער דזשעפּערסאָן-טרעסט וועט ניעט צייכענען די נייע ענגלישע הלוואה!"

ס'האָבן דורכמאַרשירט די פּאַריינען, מיט פענער און פלאַגעס. ער האָט זיי געמוזט באַגריסן פון דער גאַלעריע אַראָפּ. ס'איז געווען אַזאַ געפילדער, אַז ס'האָט קיינער אַ וואָרט נישט געהערט — אָבער מ'האָט געוווסט, אַז דאָרטן איז עמיצער געשטאַנען און גערעדט. דאָס איז געווען פולשטענדיק גענוג.

טעווס איז דורכגעלאָפן און אים ראַש דערלאַנגט די האַנט. „צי האָט איר נישט געזען דעם דר. הערטליגג?" האָט ער אויסגערופן, „ער האָט געדאַרפט רעדן אין אויפנאַם-זאַל. מיר זוכן אים אַרום".

„ניין!" האָט ער געענטפערט. „ס'איז פשוט אַ נאַרישקייט דאָס גאַנצע רעדעריי דאָ — מ'קאָן פונקט אַזוי גוט לאַ-לאַ-לאַ שרייען".

„טוט-זשע דאָס", האָט געלאַכט דער זשורנאַליסט, „נאָר מאַכט דערביי װיכטיקע זשעסטן, דאָס איז די הויפטזאַך אָבער קיין נאַרישקייט איז עס לחלוטין נישט! דריי טויזנט מענטשן קומען היינט, בלויז כדי צו זען דעם אמבאַסאַדאָר. אַנדערע ווילן זען דעם פּראָפעסאָר סענדערינג, נאָך אַנדערע דעם דר. קאָהן. נו, און צוליב אייך אליין איז אויך אַהער=געקומען אַ האַלבער טוץ מענטשן! מיר ווילן צונויפזאַמלען העכער אַ מיליאָן אין אונזער באַזאַר — דערפאַר מוזן מיר מאַכן אַ גרויסן טאַראַראַם! אָט איז מיין פאַרשוין — וואַרט אַ ווײַלע, איך בין תיכף צוריק דאָ!"

פראַנק ברוין האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער דער גאַלעריע און אַראָפּגעקוקט אונטן, אין דעם ים פון די קלינגענדי

קע פאַרבן. דאָרט האָט געפלאַטערט און געשימערט, באַוועגט און געשטופּט זיך, געקלונגען און געשריגן. אָן אַ שיעור פאַרביקע כוואַליעס אונטער דעם ריזיקן טוכענעם הימל, וואָס האָט אין ווייכע פאַלבן זיך פונאַנדערגעשפּרייט איבער דעם אַלעם.

פאַרן שטאָט־טויער זענען געווען אויסגעשטעלט די מעכטיקע אויטאָמאָבילן. זעקס שטיק איינער לעבן אַנדערן, איטלעכער צום געווינען אויף אַ צעטל פאַר אַ האַלבן דאָלאַר.

האַרט ביים טויער האָט זיך געפונען דאָס געצעלט מיט ליאַלקעס, אין וועלכן ס'האָבן פאַרקויפט די שוועסטערן פון דייטשישן שפּיטאָל. לינקס דערפון די שטעלן פון „אַריאָן“, פון „לידערקראַנץ“, פון „דייטשישן פ[א]ריין“. און די געצעלטן פון „היינע־פאַרבאַנד“, פון „שפּראַך־פאַריין“, פון די „פאַראייניקטע בעקער“ — געדיכט איינס לעבן אַנדערן האָבן די פאַריינען זייערע געצעלטן אויפגעשלאָגן.

— ער האָט זיך אָפּגעקוקט אונטן. דאָרט לעבן די פּיאָלטע דאַמען מיט קאָנפעקטן האָט זיך געפונען דאָס געצעלט פון לאָטע לעווי. ער האָט זי גלייך דערקענט — זי האָט פאַרקויפט נירנבערגער שפּילצייג. דריי יינגע דאַמען האָבן איר צוגעהאָלפן — זי האָט זיך אויסגעוויילט דריי פרויען מיט רויט־בלאָנדע האָר, פּונקט ווי זי אַליין. זיידענע קליידער פון אַ שטאָלבלאָער פאַרב — און פלאַטערנדיקע, העל־גרינע טיכער איבער זיי.

זי האָט גראָד פאַרקויפט אַ הילצערן פערד־און־וועגעלע. זי האָט צוגערעדט די פרוי, וואָס איז געשטאַנען לעבן איר, אַז זי זאָל נאָך צוקויפן אַ קעכעלע פאַר די ליאַלקעס און אויך אַ פּאַיאַץ. זי האָט אַ ציִ געטון אונטן פאַרן שנירל און דאָס פּאַיאַץ. יאַצל האָט גענומען דרעפּטשען און טאַנצן גאָר אַמיזאַנט. די דיקע דאַמע האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און אָפּגעקויפט דעם פּאַיאַץ אויך. זי האָט אים תיכף אויסגעפּרוווט, אָבער הגם זי האָט זיך דערביי אָרנטלעך אָפּגעמאַטערט, האָט דער פּאַיאַץ דאָך נאָר שוואַך געצאַפּלט.

„לאָטע קען עס בעסער!“ האָט ער געטראַכט. „זי קען זיך אויף פּאַיאַצן — צי זיי זענען אויס האָלץ, אָדער פון פלייש און בלוט!“ ס'האָט עפּעס אין אים אַ ציטער געטון, ער

האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אויך ער אַליין מוז נעמען באַ־וועגן מיט הענט און פיס — ווען זי האָט אַ צי געטון פאַרן שנירל.

ער האָט געקענט דעם ריטם, און שוין געוווּסט, ווי אַזוי דאָס ווערט געמאַכט — אַ נאַריש האָפּסען, ווי פון יענעם שווינד־זיכטיקן קאָמיקער, וועלכן ער האָט אַמאָל געזען אין באַן אין בומס־לאָקאַל —

*   *
*

ער איז דאַן געזעסן צווישן די סטודענטן, גאָר פאָרנט אין דער ערשטער ריי. זיי האָבן אַרויפגעוואָרפן בלומען די טענצערינס און געשיקט ווײַן די סובּרעטינס, וועלכע האָבן גע־גרילצט נאָכאַנאַנד שווידערהאַפטע לידער. דערנאָך איז אויפגע־טרעטן דער דאַמען־אימיטאַטאָר — דער איז געווען דער אום־גליקלעכסטער פון אַלע. ער האָט געזונגען און געטאַנצט, גע־האָרעוועט שווער פאַרן ביסן ברויט. צום סוף אָבער האָט ער זיך באַוויזן אַלס פּאַיאַץ.

ער האָט געזונגען אַן עקלהאַפט ליד מיט זיבן לאַנגע סטראָפעס, וועמענס רעפריין האָט געקלונגען אַזוי:

„קוק דעם קליינעם פּאַיאַץ אָן
ווי ער האָפּסעט, טאַנצן קאָן!
און די דאַמען און די הערן
דריגען, שפּרינגען, טענצלען גערן!
פרויעלע ציט דעם פּאַיאַצמאַן
און דאָס מאַנעלע האָפּסעט דאַן,
האָפּסט, טענצלט טאָג און נאַכט,
ווי אים ס'פרויעלע שפּרינגען מאַכט!

איצט איז געקומען דאָס שפּרינגערײַ. ער האָט גענומען אונטערשפּרינגען, פונאַנדערגעוואָרפן די פיס רעכטס און לינקס, און אויפגעהויבן גלײַכצײַטיק די אָרעמס אינדערהויך. ער איז אַראָפּגעפאַלן און ווידער אונטערגעשפּרונגען — נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל. האָט צוגעגרילצט דערצו די גײַסטרײַכע פּאַרזן

וועגן דעם פּאַיאַץ. זיבן סטראָפעס — און אויפסניי דאָס געהאָפּסעריי. אָבער ס'איז געווען קענטיק די איבעראָנשטרענגונג פון שווינדזיכטיקן מענטשל — דעם פּובליקום איז דערדאָזיקער נומער בכלל נישט געפעלן.

אָבער פראַנק ברוין האָט אַפּלאָדירט. „לאָז ער טאַנצן ביז צום אומפאַלן!" האָט ער אויסגערופן. ער האָט אַ ווונק געטאָן צו דער אַלטער בלומען-פאַרקויפערין, האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין איר קויש אַריין און גענומען וואַרפן פאַרביקע בוקעטלעך אויף דער עסטראַדע אַרויף. און די „בורשן" האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל, גענומען וואַרפן בלומען, שרייען און קלאַטשן אין די הענט.

דאַן האָט דער חברהמאַן גענומען האָפּסלען אויפסניי. זיינע אויגן האָבן געשטראַלט צוליבן אומגעריכטן דערפאָלג — און דאָך איז געלעגן אין זיי אַ שטאַרער פּחד, צי ער וועט אויסהאַלטן. אָבער ער האָט געהאָפּסעט, געשפּרונגען און געזונגען,

נייער בייפאַל, ווידער בלומען. געשריי און געהייל:

Da capo!*) און ביס!

דאָס מאַנעלע איז געשפּרונגען. דער שווייס איז פון אים אַראָפּגערונען טייכנווייז, און אויסגעגראָבן לאַנגע בייטן דורך פודער און שמינקע. זיינע שפּרונגען זענען געוואָרן שוואַכער און שלאַבעריקער. דערנאָך האָט ער פאַרביסן די ליפּן, זיך צונויפגענומען און אויפסניי אונטערגעשפּרונגען. דאָס איז געווען זיין גרויסער טאָג, זיין שטאַרקער דערפאָלג — אָך, ער האָט געמוזט אויסהאַלטן.

אפשר האָט עס די מאַסע פאַרשטאַנען. און אפשר האָט זי בלויז געטריבן שפּאַס. אַלע האָבן איצט געקלאַטשט, דאָס גאַנצע פּובליקום האָט געשריגן און גערעוועט.

האָפּסלען האָט געמוזט די שווינדזוכט דאָרט אויבן. די קעל איז געווען אַזוי אויסגעשריגן, אַז ס'האָט זיך קוים אַרויסבאַקומען אַ הייזעריק קרעכצן. פונדעסטוועגן האָט מען גאַנץ גוט געהערט דאָס כאָרכלען פון זיינע האַלבע לונגען. אָבער

*) אויפסניי, נאָכאַמאָל.

די מוזיק האָט ווייטער געשפּילט, שנעל, שנעל, און איז אונ־טערגעהויבן די דינע פיס.

ער איז געבליבן שטיין, זיך טיף פאַרנייגט, געדאַנקט, מיט האַנט־זשעסטן האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז מער נישט אימשטאַנד. ער האָט געשטראַלט פאַר גליק און געווען פול מיט שטאָלץ צוליב דעם ריזיקן דערפאָלג.

אָבער זיי האָבן אים נישט צורו געלאָזט. אָט די אַכזריות, וואָס האָט אַרויסגעשטאַמט פון פראַנק ברוינען, איז אַריינגעדרונגען אין אַלע מוחות, האָט אַרויסגעשלאָגן אין פלאַמען און ווילד פאַרלאַנגט דעם אומגליקלעכן קרבן. אַלץ האָט געהילדט און געברעוועט, די סטודענטן האָבן אהינגעוואָרפן געלט צו די מוזיקאַנטן — אַז זיי זאָלן פונדאָסניי אויפשפּילן. און דער קאַפּעלמייסטער האָט אויפגעהויבן דאָס טאַקט־שטעקעלע.

דאָס, וואָס איז איצט דאָרט אויבן געשפּרונגען, איז שוין כּלל נישט געווען קיין מענטשלעכס. אַ הינקעדיקע ליאַלקע איז עס געווען, אַ צעבראָכענער פּאַיאַץ. נאָך אַלץ האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט דאָס מויל, אָבער בלויז כּדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. דערנאָך האָט זיך דאָס מויל ברייט אָן עפן געטין — און — דאָס גאַנצע געציין איז אים אַרויסגעפאַלן. ער האָט עס שנעל אַ כאַפּ געטון און עס צונויפגעדריקט אין דער האַנט.

„ער צעפאַלט זיך!” האָט זיך צעלאַכט פראַנק ברוין.

דער שווינדזיכטיקער האָט זיך אַוועקגעשלעפּט הינטער די קוליסן; ציטערנדיק און צאַפּלענדיק, האָט ער זיך אָנגעקלאַמערט אָן זיי מיטן גאַנצן כּוח. אָבער די מאַסע האָט ווייטער געשריגן און געברעוועט.

אַ סובּרעטין איז אויפגעטרעטן, און די מוזיק האָט אויפגעשפּילט איר ליד. אָבער מ'האָט זי נישט געלאָזט זינגען. זיי האָבן זי פאַרשריגן און פאַרוואָרפן מיט די פאַרשיידנסטע זאַכן. זי האָט אויסגעהאַלטן, ווי ווייט זי האָט געקאָנט. פּלוצלינג האָט איינער פון די סטודענטן איר אַ שליידער־אַרויף געטון דעם ליידיקן בלומען־קויש. דאַן איז די סובּרעטין אַנטלאָפן.

און דאָס פּובליקום האָט ווייטער געשריגן און אַרויסגע־
רופן דעם פּאַיאַץ. אַלע האָבן מיטגעגרילצט דעם צווינג:

„קוק דעם קליינעם פּאַיאַץ אָן,
ווי ער האָפּסלען, טאַנצן קאָן —"

נאָכאַמאָל איז אַרויסגעקומען דער פּאַיאַץ און אָנגעהויבן
טאַנצן. ער האָט געצאַפּלט און געהאָפּסעט. דערנאָך איז ער
אומגעפאַלן. ער איז צוריק אויפגעשטאַנען, האָט זיך ווידער
אַ וואַקל געטון, איז אומגעפאַלן און זיך אויסגעצויגן אויף
דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט און אַ געשריי גע־
טון, האָט פאַרשטעלט מיט ביידע הענט דאָס מויל און זיך אַרויסגע־
קייקלט הינטער די קוליסן.

זיי האָבן נאָך אַלץ געקלאַטשט. ענדלעך האָבן זיי זיך
באַרויקט און האָבן געלאָזט דער סובּרעטין אויסגרילצן אירע פאַר־
שייטע קופּלעטן.

די סטודענטן זענען אוועקגעגאַנגען. איינער איז פאַרבליבן
און איז ערשט שפּעטער געקומען אין ווייִנשענק אַריין.

„כ'בין געווען הינטער די קוליסן", האָט ער געזאָגט. „דער
חברהמאַן האָט באַקומען אַ בלוט-שטורץ".

אַן אַנדערער האָט אַ פרעג געטון: „נו וואָס־זשע האָסטו
געטון, ביסט דאָך אַ מעדיקער".

„גאָרנישט!" האָט ער אָפּגעענטפערט. „ס'זענען שוין דאָרט
געווען צוויי דאָקטוירים".

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגן. דאַן האָט עס דער
לאַנגער באַלוס איבערגעריסן מיט זיין גראָבן, אַלטן וויץ: „דער־
פון איז געדרונגען, אז מ'דאַרף נישט צופיל האָפּסלען".

פראַנק ברוין האָט אויסגערופן: „טרינקט־זשע — וואָס
גייט אייך אָן דער קלאָון! ער האָט דערפילט זיין חוב אין
לעבן און מיך פאַרוויילט גאַנצע דריי פערטל שעה!"

ער האָט זיך צעלאַכט, אַזוי איז שוין געווען זיין ווילדע
טבע. און דאָך: שקר איז עס געווען! — איבער דער גאַנצער
צייט איז ער געזעסן אַ ציטערנדיקער, געקרעכצט, געקאָרטשעט
זיך פאַר ווייטיק, ווי יענער שפּרינגענדיקער פּאַיאַץ אויבן. ער
האָט געליטן די זעלבע יסורים —

אָבער מיט דערדאָזיקער היכמוטיקער, וויסטער און פרע־
כער מאַסקע —

*

*

עמאָלט האָט ער אַליין געצויגן פאַרן שנירל, האָט געלאָזט
טאַנצן דעם פּאַיאַץ לויט זיין קאַפּריז, ביז דאָס שפּילעכל האָט
זיך צעבראָכן.

וואָס איז דאָ אייגנטלעך דער מער! אַ דאַמען־אימיטאַטאָר
אַזא איינער, וואָס וואַלגערט זיך אין זומפּ פון די גאַסן, אַן
אויסגעשפּיגענער, שווינדזיכטיקער לומפּ. אַזעלכער, פאַר וועמען
עס שטייען נאָר אָפן דריי טויערן אין לעבן — פון שפּיטאָל,
תּפיסה און משוגעים־הויז. ער האָט זיך געראַטעוועט. ווי ווייט
ער האָט נאָר געקענט, האָט זיך צונויפגענומען און געשטאַנען
פאַרן פּובליקום. פאַרווײַלנדיק דעם עולם פאַר צען פעניק איינ־
טריטס־געלט. און בלויז איינמאָל איז ער ווערט געווען דעם־
דאָזיקן גראָשן — הייַנטיקער נאַכט, בעת ער איז אַריבערגע־
שפּרונגען איבער זיין אייגן צרהדיק לעבן, בעת ער האָט אַריינ־
געלייגט די גאַנצע נשמה אין דאָזיקן פּאַיאַצישן שפּרינגען, בעת
ער איז אַ פאַרשיכורטער פון דעם אומגעהייערן דערפאָלג און
געקלאַטשעריי אַנידערגעפאַלן און זיך באַגאָסן מיטן בלוט פון
זיין האַרץ.

און ער האָט אים ליב געהאַט — טאַקע דערפאַר!
איצט איז ער אַליין געשפּרונגען. און דאָס ליבע פּוב־
ליקום האָט זיך געווײַלט און געשריגן, אַרויסגיין, אַרויסגיין און
ווידער אַרויסגיין: ביז און „Da capo!‟ נעכטן, מאָרגן און
איטלעכן טאָג אַזוי.

אונטן איז געשטאַנען די פרוי, וועלכע האָט געצויגן פאַרן
שנירל. וועלכע האָט אים געהייסן האָפּסען, אַלעמאָל אויפסניי
האָפּסען און שפּרינגען פאַרן פּובליקום.

יאָ, אַן אונטערשיד איז פאָרט געווען! ער האָט פאַר־
פייניקט דעם אומגליקלעכן שפּרינגער אויף אַ ווילדן, ברוטאַלן
אופן. אָבער שנעל, שנעל — דריי פערטל שעה בלויז האָט
געדויערט דער גאַנצער שפּאַס. די אָבער, וואָס האָט פאַר זיין

שנירל געצויגן, איז געווען אַ פרוי. זי האָט אים געלאָזט זיך אויסרוען, בעת ער איז אַ צעבראָכענער אַוועקגעגאַנגען הינטער די קוליסן — זי האָט אים צערטלעך געפלעגט, ווען ער איז געפאַלן פון מידקייט, בעת ער איז געווען דערשעפט, דערשלאָגן, פוסט — ווי אויסגעזויגן. זי האָט געוואַרט ביז ער איז צוריק געוואָרן געזונט און שטאַרק, ביז ער האָט אויפסניי געקענט וואַרפן מיט הענט און פיס, בעת זי האָט פאַרן שנירל געצויגן — געשפרונגען אַלץ העכער און העכער!

דורך גאַנצע חדשים — גאַנצע יאָרן —
ביז אויך זיין בענדל וועט זיך אַמאָל איבעררייסן!

דאָרט אונטן איז זי געשטאַנען — אין איר שפּילצייג-געצעלט. האָט איינגעוויקלט דעם פּאַיאַץ אין פּאַפּיר און אים דערלאַנגט דער דיקער דאַמע, וואָס האָט אים געקויפט —

וואָס? שוין־זשע האָט איווי דזשעפּערסאָן אים נישט אָפּגעקויפט — ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק?

ער האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און טיף אָפּגעזיפצט.

„ס'איז אייך הייס, דאָקטאָר", האָט זיך אָנגערופן עמיץ, „קומט, לאָמיר אויסטרינקען אַ גלעזל וויין".

ער האָט זיך אויסגעדרייט — אָך, ווידער איז טעוועס געשטאַנען לעבן אים.

זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען די גאַלעריעס, ווערנדיק אַלע ווײַלע פאַרהאַלטן דורך עמיצן אַנדערש. האָבן געקויפט לאָסן אויף קישנס און זייגערלעך, אויף פוטערס, הייזער און הינט, אויף לייכטערס און אייראָפּע־רייזעס, אויף שינקען, פעסעלעך ביר, בילדער. בראָשן, אויף לאָמפּן און וואַנעס, אויף פעריען־אויפהאַלט און הינדענבורג־קאַרטעס, אויף —

אַלץ האָט מען דאָ אויסגעפּלעט, אַפילו אַ דרום־אינזל האָט עמיצער מנדב געווען.

„מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דער איינציקער שווינדל אין דאָזיקן באַזאַר!" האָט געזאָגט טעוועס. „די אינזל האָבן שוין די ענגלענדער פונלאַנג אין קעשענע — און דער גליקלעכער געווינער וועט זיך מוזן באַגנוגענען מיט דער בלויזער פאָטאָגראַפיע!"

זיי זענען צוגעקומען צו די שטעלן פון די באַפריינדעטע פעלקער. דאָ זענען געווען די געצעלטן פון די אונגאַרן, קראָאַטן און סלאָוואַקן. דאָרט זענען געשטאַנען שיינע פרויען אין פאַרביקן, גאַציאַנאַלן טראַכט. בולגאַרישע דאָרפס-מיידלעך לעבן זייערע פרוכטן-שטעלך, אויסגעפוצטע שוועדישע דאַמען אין זייערע פאַרביקע געצעלטן. אויך טערקן, וועלכע האָבן פארקויפט כלערליי נאַשוואַרג, זיי האָבן געהאַט אַ ריזיק קאַפע-געצעלט, אַ קעמל אפילו, אויף וועלכן מ'האָט געקאָנט רייטן — צען טריט אַהין און צען צוריק. אַביסל ווייטער כינעזער מיט זייערע טייבודעס, זיידענע טיכער, פאָרצעלאַן. ס'זענען דאָרט אויך געווען פיל אירלענדישע און יידישע געצעלטן.

אַ מוזיק-כאָר האָט פאַרביימאַרשירט; די שמעטערנדיקע טראָמפייטן האָבן פאַרטויבט זיינע ווערטער. דאַן זענען די ערן-געסט אַרויפגעגאַנגען אויף דער טריבונע, פון וועלכער ס'האָט געזאָלט רעדן דער אַמבאַסאַדאָר. אין דער שפיץ דר. קאָהן, און הינטער אים דער גראַף. און צווישן די ביידע הערן — די פּרעזידענטיכע אין קאָסטבאַרן בראָקאַט-קלייד, פאַרפוצט מיט פיל רויזן. אירע גוטע, בלאָע אויגן האָבן זיך פאַרחידושט אַרומגעקוקט, אומדרייסט און דאָך מיט שטאָלץ, גלייך ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „גאָט מיינער, וואָס איר מאַכט אַלץ מיט מיר!" אָבער זי האָט מיטגעשפּאַנט העלדיש דורך דעם גאַנצן געפילדער, האָט זיך קאָקעטיש אָנגעשפּאַרט אויף איר לאַנגן שטעקן, וועלכער האָט געהאַט אַ גילדענעם קנאָפּ מיט אַ שלייפל, ווי אַ פּאַסטוך-שטעקן פון טריאַנאָן.

„האַלב ניין!" האָט אויסגערופן דער זשורנאַליסט. „איר מוזט איצט זיין אין בלאָען זאַל".

„יאָ, יאָ!" האָט ער געענטפערט. „איך לויף שוין".

*   *

*

דאָ האָט לאָריטץ, דער בריטאַן, געפראַוועט זיין קיניג-רייך. פיר גרויסע קאָנצערטן פלעגט ער האָבן יעדן טאָג. ווען ס'האָט אויסגעשלאָגן דריי אַ זייגער האָט ער געהאַט דעם ערשטן, פונקט עלף האָט זיך געענדיקט דער לעצטער. און אויף

איטלעכן קאָנצערט האָט ער גאָהאַט דריי גרויסע נעמען און איין גאָר בארימטן אַלס צולאַג. אויך רעדנערס אין דער צווישנצייט, לעבעדיקע בילדער און באַלעט.

בעת מ'האָט אָפּגעדונגען דעם מעדיסאָנסקווער=גאָרטן פאַרן באַזאַר, האָט דער זינגער זיך אויסגעקליבן דעמדאָזיקן זאַל. „אָטאָ דעם נעם איך איבער!” האָט ער אויסגערופן, „אָבער דאָס ריינ= מאַכן אַליין וועט אייך אָפּקאָסטן טויזנטער!” האָט אים געוואָרנט דער אייגנטימער. אָבער לאָריטץ האָט געענטפערט: „קיין צע- בראָכענעם פעניג נישט! איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן!” ער האָט אַריינגעגעבן אַ קליינע נאָטיץ אין די דייטשישע צײַ= טונגען: דייטשישע פרויען, וועלכע זענען צו אָרעם, כדי צוצו- העלפן אונז מיט געלט אין אונזער גרויס ווערק, זאָלן זיך מעלדן — צו דעם הער אויגלאַס, ביוראָ=צימער 23, אין מע- דיסאָנסקווער-גאָרטן. און באַלד אויף צומאָרגנס האָבן זיך גע- מאָלדן הצכער הונדערט אָרימע דייטשקעס. דער באריטאָן האָט זיך אַרומגעבונדן מיט אַ פאַרטוך, גענומען אַ פעסטע לאָפּעטע אין האַנט אַריין און אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיט זיין מחנה — פערצן ריזיקע פורן מיסט האָבן זיי אַרויסגעטראָגן. יעדן פרי= מאָרגן זענען געקומען די פרויען און געהאַלטן אין דער בעס= טער אָרדענונג אַלע שטובן: דאָס איז געווען זייער אַרבעט פאַרן פאָטערלאַנד.

פראַנק ברוין איז אַריין אין זאַל. אויבן אויף דער עסט- ראַדע איז געשטאַנען קרייזלער, דער באַרימטסטער דייטשער פידלער אין דער וועלט. ער האָט אָקאָרשט אוועקגעלייגט דעם בויגן, ווענדנדיק זיך צום אַרויסגאַנג — איז אָבער געבליבן שטיין, ווערנדיק פאַרהאַלטן פון דעם משוגענעם ענטוזיאַזם פון דער מאַסע. ער, פריץ קרייזלער, וועמען גאַנץ אַמעריקע האָט פאַרגעטערט, נישט קוקנדיק וואָס פאַרא בלוט ס'איז אין אים געפלאָסן. אָבער יענע אונטן, די דייטשן, האָבן נאָך געהאַט אַ שטאַרקערן יסוד פאַר זייער התפעלות.

פריץ קרייזלער פון ווין, איז געווען אין דער מלחמה אַ דראַגונער-לייטענאַנט. אין פוילן האָט אים אַ קויל אַראָפּגעוואָרפן פון פערד און ער איז צוריקגעקומען אַן אינוואַליד. ער איז געווען אַ העלד פאַר זיי, און דערצו אַזוינער, וועלכער האָט

אויך אין אַמעריקע ווייטער געפירט דעם קאַמף. נישט מיט דער־פידל בלויז: גאָר אויך מיט דעם אַלעם, וואָס ער האָט דער־וואָרבן דורך יעם אינסטרומענט. דאָרט האָט ער געקעמפט קעגן די רוסן — דאָ איז ער אויך געשטאַנען קעגן אַ געפערלעכן קעגנער: קאַראָל שוואַב און דעם מאָרגאַן-טרעסט. די בעט־לעהעם-אַקציעס זענען געשטיגן, געהויבן זיך מיט יעדן טאָג העכער, פון זיבעציק ביז איבער זעקס הונדערט — דידאַזיקע בלוטיקע אַקציעס, וועלכע האָבן איירָאָפּע דעם טויט אָנגעזאָגט, און באַ די אַליאַנטן געשטאַרקט די שוין אָפּגעשוואַכטע אָרעמס און געשאַפן אַ ים פון טרערן פון דעם צפון-ים ביז אַהין צום באָספּאָר.

דאָס האָט אים נישט צורו געלאָזט, ווען דעם האָט דער פידלער געטרוימט אויף דער וואָר און אין חלום. ער האָט ארויסגענומען זיין געלט פון באַנק. ער, דער קינסטלער, ער, וועלכער האָט געקעמפט — מיט דער פידל — מיט דער שווערט — און איצט מיטן בייטל גאָלד. ער האָט גענומען אַלץ, וואָס ער האָט דערוואָרבן מיט זיין פידל אויף זיינע טריומף־צוגן איבער דער וועלט. ער האָט געשפּילט מיט אַקציעס, געקעמפט קעגן וואָלסטריט — ער איינער אַליין. זיין געווער האָט זיך אים אויסגעוויזן שאַרף און בלאַנק — ער האָט געגעבן אַ קיילעכדיקן מיליאָן!

און דאָך איז עס נאָר געווען אַ משטיינסגעזאָגטער בידנער מיליאָן — אַ נעבעכדיקע שמאטע אַקעגן דעם כּלי-זין פון מאָר־גאַן און שוואַב! איין מיליאָן, וועלכער האָט זיך צערונען אין משך פון אַכט טעג קוים. און אזוי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט נאָך איין וואָך צייט: אַ בעטלער, וועלכער האָט גאָרנישט געהאַט אַחוץ זיין פידל — און אַ האַלבן מיליאָן חובות דערצו.

וואָלסטריט האָט זיך צעלאַכט. וואָלסטריט איז געווען גרויס־מוטיק און געגרינדעט אַ סינדיקאַט, כדי אים אונטערצוהאַלטן. האָט באַצאָלט אויפן אָרט זיינע חובות, האָט אים אויך באַשטימט אַ חודשלעכן געהאַלט, אַז ער זאָל זיך קענען באַשיידן אויס־לעבן. אָבער דערפאַר האָט ער געמוזט פון היינט אָן שפּילן

פאַרן סינדיקאַט, גאַנצע פינף יאָר, ביז ס'וועלן זיין אָפּגעצאָלט אַלע חובות צוזאַמען מיט די פּראָצענטער.

אַלץ האָט אונטערגעשריבן רער פידלער און זיך אָפּגעגעבן אין די הענט פון סינדיקאַט. און בלויז פאַר איין זאַך האָט ער געקעמפט און נאָר איינס האָט ער דורכגעפירט: דאָרט ווו ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קאָנצערט פאַר עסטרייך, דייטשלאַנד אָדער אונגאַרן — דאָרט האָט ער געמעגט נעמען אַן אָנטייל, געמעגט שפּילן בחנם.

און אָט האָט ער איצט געשפּילט — פרייער, הערלעכער, ווי תמיד, ער איז אויסגעוואַקסן איבער זיך אַליין, און אָפּגעגעבן זיין גאַנצע, גרויסע קינסטלער-נשמה, פּונקט ווי ער האָט זיין בלוט אוועקגעגעבן און זיין געלט.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע, דאָס איינציקע, וואָס איז אים נאָך פאַרבליבן — און דאָס האָט ער געגעבן — כסדר, אַלעמאָל פונדאָסניי.

— אַ צט זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן אונטן, בעת ער האָט אויפגעהויבן דעם בויגן,

און ער האָט געשפּילט: „גאָט באַשיץ—"

דער מעכטיקער הימן פון אַלע דייטשן און עסטרייכער. דאָסדאָזיקע ליד, וואָס איז שוין געווען אויסגעשריגן, אויסגעגרימפּלט, אויסגעגריליצט דורך מיליאָנען מיילער ביז צו דער לעצטער זילבע. און פונדעסטוועגן איז עס דורך אים, אָן ווערטער, דערהויבן געוואָרן איבער אַלעם ערדישן, פאַרטראָגן געוואָרן הויך אין די בלאָע ספערן — איבערן היינט — איבער דער צייט.

דאָס איז נישט געווען קיין שפּילן, נישט קיין זינגען פון זיין זיסער פידל. אַ תפילה איז עס געווען — אַן אייביקע אַנסופיקע תפילה. — קיינער האָט נישט געוואַגט צו קלאַטשן. זיי זענען געזעסן שטיל און שטום — געוויינט, געוויינט.

*

אַן אַרטיסטין האָט געזונגען. פראַנק ברוין האָט געערדט. די קליינע הערמאַ לינדט — אַ ווינערין, ברוינע, סאַמעטענע

אויגן, אַ ברוין, סאַמעטן קלייד — איז געזעסן ווי אַ ייִנגל בײַם קלאַוויר און געשפּילט דעם „דונאַי-וואַלץ—"

וואָס איז געווען דאָס אַלץ? נאָך דערדאָזיקער תּפילה פֿון פֿידל!

פּאַוואָליע איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון זאַל. צוויי פֿרויען זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען — גאָלד־האָריקע, אין שטאָל־בלאָע קליידער און בלאַס-גרינע טיכער.

דאָס איז געווען לאָטע וואַן נעס מיט איינער פֿון אירע דאַמען. ער איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט געזען, ווי זיי זענען אַרײַן אין טערקישן קאַפֿע-געצעלט. ער האָט געוואַרט אַ ווײַלע, נאָכדעם האָט ער זיך דורכגעשלײַכט און זיך אַוועקגעזעצט, עטוואָס ווײַטער פֿון זיי, לעבן אַ טישל.

זיי האָבן אים נישט געזען, האָבן גערעדט צווישן זיך, געטרונקען קאַווע, געקויפֿט בײַ איטלעכן, וואָס איז פֿאַרבײַגעגאַנגען.

ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון זיי —

דערנאָכדעם איז אָנגעקומען דר. קאָן און זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים, האָט אויסגעטרונקען בײַזן דעק אַ גרויס גלאָז וואַסער.

„וואָס-זשע האָט איר אײַנגעקויפֿט?" האָט פֿראַנק ברוין געפֿרעגט. „אײַער פּראַק־קעשענע הענגט דאָך אַראָפּ ווי אַ זעקל מעל".

דער דאָקטאָר האָט מיט שוועריקייט אַרויסגעצויגן אַ שוואַרץ שאַכטל פֿון קעשענע. „דאָס?!" האָט ער אויסגערופֿן. „אַך, דאָס שלעפּ איך שוין אַרום מיט זיך גאַנצע פֿיר טעג. איך האָב עס מיטגעבראַכט פֿאַר דער פֿרוי וואַן נעס און כ'פֿאַרגעס דערין כּסדר".

ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס שאַכטל אויפֿן טיש. „וואָס איז עס דען?" האָט געפֿרעגט פֿראַנק ברוין. „צי מעג מען אַ קוק טון?"

דר. קאָהן האָט געעפֿנט דאָס שאַכטל. „אַ ביסטורי!" *) האָט ער אויסגערופֿן. „אַ זייער שיינער דערצו — אין דער גאַנצער וועלט וועט איר נישט קריגן קיין בעסערן".

*) אַ קאָמפּלעט כירורגישע מעסערלעך.

פראַנק בראַון האָט עס באַקוקט — אַ פולשטענדיק מעדי־צינישער גאַרניטור איז געלעגן פאַר אים. „און צו וואָס טויג עס דער פרוי וואָן נעס?" האָט ער געפאָרשט.

„פאַך־געהיימניש!" האָט זיך צעלאַכט דער דאָקטאָר. „אָבער אייך מעג איך עס זאָגן — זי דאַרף עס האָבן צו אירע הינער־אויגן, מיין הויך פאַרערטער!"

פראַנק בראַון האָט אויסגערופן: „אָבער לאָ—" ער האָט אָפגעהאַקט אינמיטן וואָרט. האָט געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויף די בלאַנקענדיקע מעסערלעך. אָ, ער האָט זיי גוט געקענט, אירע ווייסע, געפלעגטע פיסלעך. רינגען האָט זי געטראָגן אויף די פינגער, פיל בונטע שטיינער — בעת זי פלעגט האָבן אַזאַ קאַפּריז —

אָבער הינעראויגן?! לעכערלעך! — זי, לאָטע לעווי!

דער דאָקטאָר האָט צוגעמאַכט דאָס שאַכטל און עס אים דערלאַנגט. „טוט מיר, כ'בעט אייך, דאָס געפעליקייט, און גיט עס איר אַוועק, ווען איר וועט אייך זען מיט איר. אַזיסטן וועל איך עס היינט פאַרגעסן צום פינפטן מאָל".

„גיט עס איר אַליין אַוועק", האָט ער אָפגעענטפערט.

„דאָרט זיצט זי — ניין, זי איז אָקאָרשט אויפגעשטאַנען, זי צאָלט. אָט גייט זי אַהער".

דר. קאָהן איז אויפגעשפרונגען. „אָך, ווי גוט, וואָס איך טרעף אייך, גנעדיקע פרוי! אָט זענען אייערע מעסערלעך".

זי האָט צוגענומען דאָס שאַכטל, האָט אַ לייכטן זיפץ געטון און געשמייכלט. „אַביסעלע צו שפּעט, ליבער דאָקטאָר. ווער ווייסט, צי איך וועל זיי נאָך ברויכן". זי האָט זיך געווענדט צו איר פריינדין. „כ'האָב דעם כבוד אייך פאָרצושטעלן אונזער פאָרזיצער, דר. קאָהן!"

זיי האָבן זיך באַגריסט, דערלאַנגט די הענט און זענען לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען.

און לאָטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ שווייגנדיקע בײַ זיין טישל. האָט אַוועקגעשטעלט דאָס שאַכטל לעבן זיך.

קיינער האָט נישט אויסגערעדט אַ וואָרט. דער שמייכל איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף אירע ליפּן, אירע ווייסע הענט

אָבן גערוט אויפן שוואַרצן שאַכטל, ווי אויסגעהאַקטע פֿון מירמלשטיין.

„א טויטע", האָט ער געטראַכט, „אַ טויטע". און ער האָט דערפֿילט, ווי ליב ער האָט זי, אַזוי ליב.

עפּעס האָט אים פֿאַרקלעמט דאָס האַרץ. טרערן זענען אים געקומען אין די אויגן אַריין, האָבן אַראָפּגעקאַפּעט איבערן פּנים, שטיל, פּאַמעלעך, אומאויפהערלעך. אַזוי שטאַרק האָט ער זי ליב געהאַט, אַזוי שטאַרק —

זי איז אויפגעשטאַנען. האָט לייכט אַ גלעט געטון מיט דער קילער האַנט זיין שטערן. „זיי געזונט", האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך אויסגעדרייט.

דאַן איז געפֿאַלן זיין בליק אויפן שאַכטל. „דו האָסט פֿאַרגעסן דיין ביסטורי!" האָט ער אויסגערופֿן.

זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און דאַנקענדיק צוגע־נומען דאָס שאַכטל. „אפשר — שפּעטער", האָט זי געזאָגט. דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען —

* *

*

ער האָט אַרויסגענומען זיין טיכל. האָט אָפּגעווישט דאָס פּנים. געטרונקען די געדיכטע זיסע קאַווע.

לאָטע איז שוין נישט געווען. ער האָט אַלזאָ געקענט קלאָרער דענקען.

מעסערלעך, אַ סך גוטע מעסערלעך, בלישטשענדיקע און שאַרפֿע. די בעסטע אין דער וועלט — צום שטעכן און שניידן!

צום אויסשניידן אירע הינעראויגן, האָט זי געזאָגט דעם דאָקטאָר — זי, וועלכע האָט קיינמאָל אין איר לעבן קיין הי־נעראויג נישט געהאַט!

צו וואָס האָט זי באַדאַרפֿט דעמדאָזיקן קאָמפּלעט מכשירים? און וואָס האָט זי געענטפֿערט דעם דאָקטאָר — וואָס אַמינס? אַז ס'איז צו שפּעט —

ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול. צו שפּעט! — צו

שפעט? מחמת אין זעלבן טאָג האָט די קליינע איווי דזשעפער־סאָן —?

נו, אוודאי — זי האָט זיך געקויפט דעם פּאַיאַץ! אים!

ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן, געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויפן טיש. פאַר זיינעטוועגן האָט זי דאָס פאַרלאַנגט דעם ביטשורי — אָן שום ספק! צי האָט ער דען נישט אָפּט־מאָל געזען ליגן אויף איר נאַכט־טישל אַזעלכע מעסערלעך?

און דאָס קליינע, פינקלדיקע — וואָס זי האָט אים מיט־געגעבן קיין מעקסיקע? און וואָס איז געווען פאַרבלוטיקט אינם טאָג, ווען ער האָט געטרונקען דעם מעסקאַל?

ער איז דאַן געשלאָפן פעסט אויף זיין טאָפּע, געטרוימט אומזיניקע חלומות. אָבער דאָס מעסערל איז געווען פאַרבלו־טיקט!

וואָס האָט געזאָגט די בלאָנדע איווי? — ווי אַזוי און וואָס — דאָס ווייסט זי נישט. אָבער ווען — יאָ! ווען ער שלאָפט בא איר — דאַן!

און צי האָט דען לאָטע נישט מיטגענומען תיכף די טענצע־רין אין איר הויז אַריין? פאַרוואָס אייגנטלעך? צי האָט זי געטון דאָס, וואָס לאָטע וואָן נעס האָט איר געהייסן — בעת ער איז געשלאָפן? צי איז זי גאָר געווען איר ווערקצייג צו וואָס —?

אַלציינס — וואָס ס'זאָל נישט האָבן געווען! דאָס איינע איז געווען זיכער, אַז עפּעס איז מיט אים געהאַט געשען — און איז ווידער געשען — בעת ער איז געלעגן און געשלאָפן! און דאָס האָט געהאַט עפּעס אַ צוזאַמענהאַנג מיט די קליינע שאַרפע מעסערלעך — און מיט רויט בלוט. און נישט ווייניקער מיט דערדאָזיקער מערקווירדיקער קראַנקייט, וועלכע איז אים פון צייט צו צייט באַפאַלן, מיטן דאָזיקן זיך פאַרשלייכנדיקן ליידן, איבער וועלכן אַלע דאָקטוירים האָבן געשאָקלט אומבאַ־האָלפן מיט די קעפּ. וואָס האָט אים אויסגעזויגן און אויסגע־טרונקען!

זי האָט אים אויסגעטרונקען — זי, לאָטע לעווי, זיין געליבטע!

אזוי ליב האָט ער זי געהאַט — און קיינמאָל האָט ער עס אַזוי נישט אָפּגעפּילט ווי גראָד איצטער. אַזוי ליב האָט ער זי געהאַט — אָך, ער האָט פּשוט נישט געוואָלט גלייבן אין דעם אַלעם —

און דאָך האָט עס געמוזט אַזוי זיין — ס'איז נישט מעגלעך געווען אַנדערש.

* § *

ער איז אויפגעשטאַנען, האָט נאָכאַמאָל אַראָפּגעקוקט פון דער גאַלעריע. זי איז געשטאַנען אין איר געצעלט מיט אירע דריי דאַמען — אין העל-גרינע טיכער איבער שטאָל-בלאָע קליידער. און פייער-גאָלדיק די האָר — סאַראַ האַרמאָניע! זי האָט פאַרקויפט הילצערנע פערדלעך, קאָלירטע קי, קיכן פאַר ליאַלקעס, האַרמאַטן, וואָס האָבן געשאָסן מיט אַרבעס. קיין פּאַיאַצן זענען שוין נישט געווען. אַלע אויספאַרקויפט!

ער איז אַראָפּגעגאַנגען מיט די טרעפּ אין דעם גראַנדיעזן זאַל. דער ריזיגער מענטשן-שטראָם האָט אים געשטופּט און געשטויסן. עמיצער האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף זיין אָרעם — דאָס איז געווען די פּרעזידענטין.

„פירט מיך צו", האָט זי געזאָגט, „איך מוז אַראָפּגיין אין זשורנאַליסטן-פּאַוויליאָן".

„ווו געפינט ער זיך?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט אָנגעוויזן אויפן ברייטן וועג, וואָס האָט געמיטלעך אַראָפּגעפירט אונטן. „דאָרט — אין די קעלער-צימערן".

זי האָט זיך פעסט אויף אים אָנגעשפּאַרט, ער האָט דערפילט אז נאָר אַ שטאַרקער ווילן האָט אונטערגעהאַלטן דידאָזיקע פרוי. גאַנצע חדשים האָבן געדויערט די פאָרברייטונגען, טאָג-איין טאָג-אויס אין די פאַרשידענסטע פרויען-פאַריינען, וועלכע האָבן געציילט העכער אַכציק. תמיד שמייכלען, תמיד פריינטלעך זיין, אָך, אַזוי ליבנסווערדיק — נאָר אַזוי אַרום האָט זיך געלאָזט עפּעס אויפטון! און דאָ לסוף, צוועלף שעה אַ טאָג, טרעפּ-אויף און טרעפּ-אָפּ —

אירע גוטע אויגן האָבן געבלאָנזשעט איבער דעם חמון.

„ס'איז טאַקע אַ הויכער כבוד צו זיין פּרעזידענטין", האָט זי געזאָגט. „אָבער איר מעגט מיר גלייבן, דאָקטאָר, אַז ס'איז נישט אַזאַ לייכטע אויפגאַבע".

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. אָ, ניין, ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט צו אַרבעטן פאַר דייטשלאַנד אין דאָזיקן לאַנד, דאָס האָט ער גאַנץ גוט געוווּסט. שווער האָבן זיך גע־לייגט איבער די זאַלן די שטיקנדיקע אויסדאַמפּונגען פון צענ־טויזנטקעפּיקן המון, ס'איז אַריינגעדרונגען אין מויל און אין נאָז דערדאָזיקער געדיכטער גערוך פון שווייס און שטויב.

„די מאַסע פרעסט אונז אויף", האָט ער געטראַכט, „די מאַסע פאַרצערט אונז, מיר זעמיר בלויז זייער נערשטאָף, ווי־טער גאָרנישט. און מיר רירן זיך נישט — מיר ווערן בלויז באַ־וועגט: פּעריסטאַלטיש *).

— זיי זענען געווען אין די קעלער־זאַלן. דאָרט האָט געהערשט דאָס ריזיקע יריד־געווימל. מאַריאַנעטן און קאַרוזעלעס, שיס־בודעס און גרויסע ביר־געצעלטן. אין לאַנגע שורות די שטעלן פון די ים־לייט: קאַבינעטן מיט זעלטענע אַנטיקן, מאַריאַ־נעטקעס, געצעלטן, אין וועלכע מ'האָט געקענט באַווונדערן די „גראַבע בערטעס", אונטערוואַסער־שיפלעך, צעפּעלינען און עראָפּלאַנען פון אַלערליי סאָרטן. הילצערנע ראָלאַנדס און הינדענבורגס, געצעלטן מיט ים־שלאַנגען און וואַסערפּרויען, מאַלפּן־טעאַטער און פלוי־צירק: דייטשישער קאַרנאַוואַל! גע־היימע ויין־געצעלטן — ווו געשיקטע שיפּס־אינזשינירן האָבן אויף אַן אומבאַגרייפלעכן אופן אפילו אַביסל ווענטילאַציע פאַרשאַפט, שטעלן מיט האָניק־לעקעך, ביליאַרד־טישן, קאַפע־הייזער מיט האָלענדישע וואַפלעס, ווינער בייגל און בערלינער קוכן.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם הויז, וואָס דער „דייטשער זשורנאַל" האָט געהאַט מנדב געווען. דאָ אויפן אָרט איז עס געוואָרן אויפגעבויט און פולשטענדיק איינגעריכטעט — מ'האָט עס געקענט געווינען אויף איין דאָלאַר־צעטל.

*) תערימפּאַרמיקע באַוועגונג.

די פרוי פרעזידענטין האָט זיי אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. און די דאַמען און הערן פון דער רעדאַקציע זענען אַרויסגעלאָפן, כדי זי מקבל פנים צו זיין —

* *
*

ער איז אַוועקגעגאַנגען אַליין ווייטער. ער איז אַריין אין דעם שיינעם בידערמייער־גאָרטן, אין וועלכן ס'האָט געבאַלעבאַטעוועט פרוי ברייטויער.

דאָרט האָט מען אַרומדערלאַנגט בלויז שאַמפּאַניער, ווייטער גאָרנישט. דאָ זענען געזעסן די „פּני" פון דער געזעלשאַפט און די גאָר רייכע, דער עולם האָט זיך פאַרבייגעשטופּט, געבליבן נייגעריק שטיין ביי די רויזן־קוסטעס — זיך געשעפּטשעט און אַהינגעטייטלט מיט די פינגער: „טו אַ קוק, דאָרט זיצט דער — !"

עמע ברייטויער איז געשטאַנען אינמיטן אונטער דעם לינדנבוים. זי האָט געשפּילט די ראָל פון דערווירטין. און איר קאָסטיום איז געווען אַן עכטער, פּונקט ווי די קאָסטיומען פון אירע קעלנערינס.

דער אַמבאַסאַדאָר איז דאָרט געזעסן גאַנץ באַשיידן אין אַ ווינקל, אָבער אינדרויסן, הינטער דעם לעבעדיקן פּלויט האָט אים איינער פאָרט דערזען.

„דאָרט זיצט דער גראַף!" האָט ער אויסגעשריגן.

דער גראַף — דאָס איז געווען דייטשלאַנדס סימבאָל אין דאָזיקן לאַנד. דאָס איז געווען דעם קייזערס שליח און זיין פּריינט. דאָס איז געווען די היימאַט, געווען דייטשלאַנד אַליין!

„זאָל לעבן!" האָבן זיי אויסגעשריגן. „זאָל לעבן דייטשלאַנד, זאָל לעבן דער קייזער, זאָל לעבן דער גראַף. זיי האָבן גענומען זינגען „די וואַכט אַם רהיין", געזונגען „דייטשלאַנד איבער אַלעס" און אַנדערע. זיי האָבן נישט אָפּגעלאָזט. ביז ער האָט געמוזט אַרויפקריכן אויף אַ שטול און געהאַלטן פאַר זיי אַ רעדע.

די זענען ווידער אריינגעפאַלן אין ענטוזיאַזם און ס'האָבן געהילכט די פריידיקע אויסגעשרייען לכבוד דעם פּאַטערלאַנד.

לעבן אים האָט עמיצער געציִשעט: „ס'איז אַ חרפה און אַ שאַנד, וואָס ער טוט!"

פראַנק ברוין האָט זיך אויסגעדרייט. אַ פרוי פון רייפער און קערנדיקער שיינהייט איז געשטאַנען לעבן אים.

„וואָס איז אַ חרפה?" האָט ער געפרעגט.

„טוט אַ קוק", האָט זי געציִשעט. „אָט זיצט זי ווידער ביי זיין טישל! אומעטום שלעפּט זי אייער אַמבאַסאַדאָר מיט זיך אַרום, זיין מעטרעסע, די פרוי בלאַק! דאָסדאָזיקע נפש, וואָס באַהענגט זיך מיט בריליאַנטן, זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיליאָנער! דאָס איז אַן עכטע גאַסנפרוי — שוין-זשע האָט איר נאָכנישט פאַרברענגט מיט איר קיין נאַכט? מיין מאַן האָט זי געהאַט, ס'האָבן זי אויך פיל אַנדערע געהאַט!"

זי האָט געשריגן מיטן גאַנצן כוח, כדי ס'זאָלן איר קענען הערן וואָס מער מענטשן אין דאָזיקן אוממעגלעכן טאַ־ראַראַם.

„שווייגט שוין!" האָט ער זי אָנגעשריגן.

עמע ברייטוועער האָט זיך אויסגעדרייט און איר אַ קלאַפּ געטון געמיטלעך איבער די נאַקעטע פּלייצעס. „נו, נו", האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, „און דיך אפשר נישט, קינד־לעבן? אַלמאַי ביסטו אַזוי אייפערזיכטיק?!"

זי האָט זי געלאָזט שטיין און זיך געווענדט צו פראַנק ברוינען: „נו, ווי געפעלט דיר מיין קלייד?"

ער האָט זי אָנגעקוקט פון אויבן ביז אַראָפּ. „דער רוח ווייס, ווי אַזוי דו מאַכסט עס, עמע! די עלטסטע פון דיינע דאַמען איז מיט צען יאָר יינגער פון דיר — און דו זעסט אויס מיט צען יאָר יינגער פאַר דער יינגסטער. און דיין קלייד — גיב דיין שניידערין אַ קוש פון מיינטוועגן".

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים און געזאָגט: „מיין קלייד איז אַ גאָר באַקוועמס — און האָט זיין געהיימניש!"

„שוין ווידער?" דעט ער זיך צעלאַכט. „מיר שיינט, אַז אַלע דיינע קליידער האָבן זייערע געהיימנישן. — אָבער צו

וואָס, עמע, קענען זיי דיר דאָ נוצן — דיינע באַקוועמע קליי־דער?!"

זי האָט אַ ווינק געטון צו אים. „קום מיט מיר", האָט זי געשעפטשעט, „כ'וועל דיר עפּעס ווייזן".

זי האָט אים מיטגעצויגן הינטערן קליינעם פאָנטאַן אַהין, וואָס האָט געשפּריצט איבער די פייער־ליליען לעבן אַ קליינער יאַסמין־אַלטאַנע. דאָרט האָט זי אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף אַ וואַנט פון גרינע בלעטער.

„צי זעסטו עפּעס?" האָט זי אַ פרעג געטון. „ניין, ניין, אוודאי נישט. קיינער קען דאָס נישט זען. מיין גערטנער איז פּונקט אַזוי געשיקט ווי מיין שניידערין". זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און זי אַריינגעטון צווישן גרינס. „טאַפּ־אָן!" האָט זי אויסגערופן. „טו אַ דריק אַראָפּ, אָבער פאָרזיכטיק!"

ער האָט דערפילט אַ קליאַמקע אין דער האַנט און זי פאמעלעך אַראָפּגעדריקט. דאַן האָט זיך שטיל אָן עפן געטון אַ שמאָל טירל.

„גענוג!" האָט זי געשעפטשעט. „קוק אַריין דורך דער שפּאַרינע".

ער האָט געטון, וואָס זי האָט פאַרלאַנגט.

אַ קליין צימערל. טעפּיכער אויף דר'ערד — שפּיגלען אַרום די ווענט. אין ווינקל אַ לעדערן רענצל און עטלעכע טאַ־בורעטקעס. אויפן שמאָלן דיוואַן איז געזעסן זיין סעקרעטאַר, ערנסט ראָסיוס, אַריבערגעבויגן איבערן טיש און געשריבן.

זי האָט פאָרזיכטיק צוגעמאַכט דאָס טירל. „כ'האָב אים דאָרט פאַרשפּאַרט", האָט זי זיך צעלאַכט, „ער מוז מיר עפּעס אַ געדיכט אָנשרייבן. דאָרט איז ער גוט באַוואָרנט, ביז כ'וועל געפינען צייט, כּדי פון מיין דעסערט צו געניסן. איך פריי מיך שוין דערויף — דאָס איז אַ ווילער יינגל."

דער בלוטזויגערישער פלעדערמויז, אויסגעקריצט אין אַ העליאָטראָפּ, ד. ה. אין אַ בלוט-שטיין, גיט דעם מענטש, וואָס טראָגט אים, די מאַכט איבער „אינקובוס“ און „סוקובוס“. און העלפט קעגן השבעות און נסיונות“.

ראַגעלס כישוף-בוך (XIII י. ה.)

ער איז געזעסן באַם ים אין אַ זילבערנער נאַכט.

ער איז געזעסן איינזאַם אויפן ברעג; פונוויטנס האָבן געבלינצלט די פייערלעך פון ניופאָרטס ווילעס. קיין לעבעדיק נפש ארום, קיין פּיפּס פון אַ פויגל, קיין מינדסט ווינטעלע אין דער לופט. אַזוי שטיל דאָס וואַסער, אַזוי ווייט.

אָבער דאָרט אַהין, אויף צפון, האָבן איצט זיכער געאיילט די דאמפערס — ענגלענדער, פראַנצויזן, איטאַליענער, האָלענדער, דענע און גריכן — קיין דייטשן נישט, בשום אופן נישט.

זיי אַלע האָבן געפירט הארמאַטן און ביקסן, פּאַטראָנעס און גראַנאַטן, שווערדן און רעוואָלווערן. געפירט עראָפּלאָנען און אונטערוואַסערשיפלעך, מיטראַליעזן און קריגס-מאַטעריאַל פון אַלערליי סאָרטן — אַלץ וואָס אַמעריקע האָט נאָר געקאָנט ארויסגעבן, כדי צו צווינגען דאָס בלוטנדיקע דייטשלאַנד אויף די קני צו פאַלן. פאַר זיין לאַנד — אָ, יאָ, אויך פאַר זיין לאַנד האָבן זיי געהאַט פּאָסט-פּאַקעטלעך אויפן דעק, צו עטלעכע טוץ זעקלעך אויף איטלעכער ניטראַלער שיף — די אָבער

האָבן די ענגלענדער איבערגענומען אין קירקוואַל און אין פּעל־מוט — אָבער אפילו קיין פּאָר בריוו האָבן די הארן פון ים נישט פאַרגינען דעם פאַרהאַסטן שונא. בריוו — דאָס האָט דערפרישט, געהויבן דעם מוט, דאָס איז געווען ווי ברויט — און זיי האָבן געוואָלט אויסהונגערן די דייטשן.

ער איז געזעסן ביים ים אין דער זילבערנער נאַכט. ער איז געהאַט געקומען פון אָקהאָרסט, פון דער גרויסער נחלה פון די דזשעפערסאָנס. ער איז געזעסן אויפן זאַמד און געוואַרט אויף איווי, זיין כלה.

ער האָט געשפּינען זיינע חלומות.

שוין אַ וואָך צייט האָט ער דאָ פאַרוויילט. ער איז גע־בליבן אין שטאָט, אַזוי לאַנג ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און האָט נאָכאַנאַנד אָפּגעשלעפּט מיט זיין וויזיט. ענדלעך איז ער אַהערגעקומען, און איז פאַרט געווען צופרידן, וואָס ער געפינט זיך דאָ. ער פלעגט אַרומשווימען צוזאַמען מיט איווי, איז אַרום־געריטן, געפאָרן אין אויטאָ — געלעגן אויף דער זון, אויפן ברעג פון ים. ער האָט קיינעם אין די אויגן נישט אָנגעזען, אחוץ זיין כלה; טיילמאָל אויך איר פאָטער, וועלכער פלעגט ארויסקומען סוף איטלעכער וואָך, פון צייט צו צייט אויך איר מוטער צוזאַמען מיט איר שטייפן אַדאָראַטאָר, דעם ענגלישן קאָנסול. אַזוי ליב איז אים געווען דידאָזיקע רו — און דער רייכער לוקסוס, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. דער ריזיקער פּאַרק פון אָקהאָרסט מיט דעם הירשגאָרטן, מיט די ברייטע, גרינע גראָזפּלעצער, מיט די אומענדלעכע אָראַנזשעריעס. הונדערט גערטנערס האָבן דאָרטן געאַרבעט — און דאָך פלעגט ער קוים אָנזען פאַר די אויגן איינעם אָדער צוויי פון זיי. אַזוי גרויס איז געווען דערדאָזי־קער פּאַרק. זיי זענען אַרומגעפאָרן אין זייערע וועגעלעך, פלעגן טיילמאָל איינשפּאַנען אַ פּאָר אייזלען אָדער מוילטירן, און האָבן געשפּילט אין גאָלף, ווען דער אַלטער דזשעפערסאָן פלעגט גראָד זיין דערביי.

אינאָוונט אָבער, נאָכן נאַכטמאָל, פלעגט ער איינער אַליין אַרויסגיין פון הויז. ער איז געזעסן אויף די זאַמדן און גע־טרוימט.

ער פלעגט װאַרטן ביז איװי װעט אָנקומען — דאָן פלעגן זיי שפּאַצירן אַרומשפּאַצירן אויפן ברעג.

זי פלעגט װייניק פרעגן און האָט אים נישט איבערגע־ריסן זיינע מחשבות. אָבער זי פלעגט זיך איינהערן, בעת ער האָט, גאַנץ זעלטן אפילו, עפּעס דערציילט; ס'האָט זי אינטע־רעסירט אַלץ, װאָס ער האָט גערעדט און געטון. זי פלעגט זיין גוט צו אים, האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, זיך צוגעלאַשטשעט און אַריינגעשלייכט אין זיינע געפילן. איװי, האָט ער געטראַכט — װילדװיין *) — די עלטערן האָבן איר צוגעקליבן אַ פּאַסיקן נאָמען.

זייער שפּעט איז זי היינט אַרויסגעקומען. ער האָט דער־זען פונװייטנס איר שלאַנקע פיגור. אָבער ער איז איר נישט אַנטקעגנגעגאַנגען, ר'איז געזעסן רויק און געװאַרט, ביז זי האָט זיך צו אים דערנעענט.

„כ'האָב די מאַמאַ צום באַן אָפּגעפירט", האָט געזאָגט איװי. „זי איז אַװעקגעפאָרן אין שטאָט אַריין".

„װייל איר קאָנסול איז מסתּם נישט אַרויסגעקומען היינטיקע װאָך?" האָט ער געפרעגט.

איװי האָט געשאָקלט באַשטעטיקנדיק מיטן קאָפּ. „יאָ אָבער צװאָס אַזוי רעדן?"

„אַלמאַי נישט?" האָט ער אָפּגעענטפערט. „ס'איז דאָך פּאַרט אַזוי".

„פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז אַזוי", האָט זי געזאָגט. „אָבער מ'דאַרף נישט רעדן דערפון. דו װייסטו עס — און איך אויך — צו װאָס־זשע אַלזאָ? דאָס איז אַזוי מעשה־דייטש, אַלצדינג באַם ריכטיקן נאָמען אָנצורופן"

ער האָט זיך צעלאַכט. „און אַזוי אַמעריקאַניש, דאָס נישט צו טון! און פונדעסטװעגן, איװי, װי טוסטו אַליין? — װי האָסטו אָנגערופן פּרוי װאַן נעס?"

„דיין מעטרעסע!" האָט זי געענטפערט. „אָבער איך האָב געהאַט אַ גרונט דערצו. כ'האָב דיך געװאָלט צערייצן — און

---

*) װאָרט־שפּיל ענגל. Ivy — מיטן דייטשישן Efeu, װאָס באַטייט בלויז װילדװיין.

איר אַ שטאָך טון דערמיט. און — אפשר אויכעט — מיר גופא ווײַ־טון. בײַ מײַן מוטער איז עס עפּעס אַנדערש — כ׳וויל איר כּלל נישט שטערן, אדרבא, כ׳וויל איר נאָך צוהעלפן, ווי ווײַט איך קאָן נאָר. דאָס איז איר לעבנס־גליק: ייִנג צו זײַן! און זי פֿילט זיך טאַקע ייִנג, כּל־זמן זי האָט אירע פֿאַרערערס, און קודם־כּל איר אַדאָראַטאָר דעם גענעראַל־קאָנסול".

„זאָג מיר, כ׳בעט דיך", האָט ער געפֿרעגט, „צי העלפֿסט איר דײַן פֿאָטער אויכעט צו?"

כ׳מיין — אַז יאָ", האָט זי געזאָגט פֿאַמעלעך. „ער מישט זיך נישט אַרײַן — און דאָס איז גאַנץ גוט אַזוי. ער האָט זיך זײַנע אַקטריסעס — איך ווייס נישט דערפֿון, אָבער כ׳בין מיך שוין אַזוי משער, מחמת יעדער אײַנציקער אין וואָל־סטריט האָט זיי. און ס׳גייט אים כּלל נישט אָן, וואָס די מוטער טוט. ער זאָגט עס גאָר פּשוט: „ס׳איז גאַנץ זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַן אומשולדיקע פֿרײַנטשאַפֿט". און איך זאָג דאָסזעלבע און דו דאַרפֿסט אויך אַזוי זאָגן — נו, וועט עס במילא נישט זײַן עפּעס אַנדערש, און אפשר איז עס טאַקע אַזוי: ביידע לאָדן קיינעם נישט אײַן — בעת זיי — זײַנען אַליין".

„מילא זאָל זײַן אַזוי", האָט ער זיך צעלאַכט. „מיר נאַרן זיך אַלע איינאַנדער אָפּ".

זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און אים אונטער־געהויבן. „און דאָך!" ה ט זי אויסגערופֿן. „פֿון זינט דו האָסט גענומען מ ך אויסבילדן, געפֿין איך אין איטלעכן ביכל, וואָס דו גיסט מיר צו לייענען, עפּעס אַזוינס, וואָס געפֿעלט מיר! הער זיך אײַן — דער קאַרדינאַל מעסערײַן האָט געזאָגט: „La vériié ? Qu‘est ce que c‘est ? — Une fable convenue *).

„מאַזאַרין הייסט דער קאַרדינאַל", האָט ער איר פֿאַרבע־סערט. „אָבער נישט ער האָט דאָס געזאָגט, נאָר רישעליע".

אָבער ער איז געווען אַ פּראָנצויז!" האָט זי אָפּגעענט־

*) דער אמת? וואָס איז עס אַזוינס? — אַן אָפּגערעדט מעשהלע.

פערט. „ס'שטימט שוין, ס'שטימט — און זאָל ער אפילו הייסן „Billy Sunday"."

„זי האָט אַריינגערוקט איר אָרעם אין זיינעם; פּאַוואָליע זענען זיי געגאַנגען ווייטער.

זי האָט געזאָגט: „ווען דו וואָלסט זיך דאָס געקענט אויסלערנען — דו און דיינע דייטשן".

ער האָט געטראַכט בײַ זיך: „מיר וועלן זיך שוין דאָס קיינמאָל נישט אויסלערנען!" ס'איז געווען גאַנץ ריכטיק: דאָס איז געווען די קלוגע רעצעפּט, כּדי צו ווערן גרויס, רייך און מעכטיק. געווען די גרויסע לעבנס־קלוגשאַפט, פאַר דעם איינצלנעם מענטשן ווי פאַר גאַנצע פעלקער. דריי קלינגענדיקע ווערטער האָט דער פראַנצויז געוואָרפן אין די וועלט אריין: Liberté, fraternité, egalité — *) און ער האָט זיי פונאַנדערגעבלאָזט אַזוי, אַז איטלעכער האָט אים געגלייבט — און ער זיך גופא אויכעט. און ענגלאַנד האָט געזונגען: „My home is my castle" (** און צוגעגעבן דערצו אַ פּאָר קלוגע ווערטלעך. אַמעריקע אָבער האָט אונטערגעכאַפּט אַלע שיינע פראַזן און אויסגעפּלאַכטן פון זיי אַ לאָרבער־קראַנץ פאַר איר רומפולן קאָפּ. זי האָט פונאַנדערגעפּויקט די אומזיניקסטע שקרים, געשטעמפּלט זיי אַלס ליכטיקע אמתן. פרייהייט — גלייכהייט — מאָראַל — אַלע אידעאַלן: אָ, פראַנקרייך! ענגלאַנד! אַמעריקע!

אָבער דער דייטש האָט אָנגערופן די זאַכן בײַ זייערע אמתע נעמען. און קודם־כּל זיינע אייגענע — מחמת זיי האָט ער געקענט צום בעסטן. ער האָט געזאָגט: דאָס איז שלעכט בײַ אונז — און דאָס איז גוט!

דאַן האָט זיך צעזונגען דער כאָר: „זעט איר, דאָס איז ס'ערגסטע פאָלק אין דער וועלט! — זיי זענען זיך דאָך אַליין דערין מודה! — דאָס ערגסטע. דאָס אומפרייסטע, דאָס אוממאָראַלישסטע —"

---

*) פרייהייט, ברידערלעבקייט, גלייכהייט

**) מיין הויז איז מיין פעסטונג.

און גלייכצייטיק האָט געגלייבט דער דייטש, פונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אין זייערע שיינע מליצות, וואָס יענע האָבן זיי געשטעמפּלט פאַר וואַרהייטן; ער האָט געגלייבט: דאָרט איז בעסער ווי בײַ אונז! דאָרט היטן זיי אָפּ די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט — אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע!

ווי גאָר אָבער ער האָט זיך דערקענט אויף דידאַזיקע שקרים און אָנגערופן די אַלע זאַכן מיטן אמתן נאָמען — דאַן האָט מען אים גענומען באַשפּייען מיט געדעכטן גרימצאָרן. און אַלס צולאָג צו די אַנדערע עפּיטעטן האָט מען אים נאָך פאַר־שריגן אַלס דעם חוצפּהדיקסטן ליגנער אין דער וועלט — ער, וועלכער האָט געוואָגט פוגע צו זיין דעם „הייליקן אמת". דער ערגסטער פון אַלע איז ער געווען, דאָס פּסולת פון דער מענטש־הייט — צו דעם האָט געמוזט צופירן „די דייטשישע בילדונג און דייטשישע קולטור". שוין האָבן אויסגעשמידט די שומרים פון די אידעאַלן אַ נייעם גרויסן אמת, אין וועלכן די גאַנצע וועלט האָט געגלויבט: אַז די דייטשישע קולטור איז די קרעבס־קראַנ־קייט פון דער מענטשהייט, זי איז די קללה פון אַנטיקריסט און איז דאָס גיהנום אַליין.

און די פעלקער האָבן גענומען אַרויסמאַרשירן אונטער די הייליקע פענער פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, אַמעריקע. אויסראָטן, פאַרברענען און אויסהונגערן האָט מען געדאַרפט דידאָזיקע גיפ־טיקע דזשומע פון די דייטשן!

אַזוי איינפאַך איז געווען די רעצעפּט, אַזוי לעכערלעך איינפאַך. יעדער איינער פראַנצויז האָט דאָס געפילט, איטלעכער ענגלענדער און יענקי: דער אמת איז אַ גאַר געפערלעכע זאַך, מיט וועלכן מ׳קען זיך נאָר גאַנץ זעלטן באַנוצן. אָבער דער שקר קאָן תמיד באַנוצט ווערן. איטלעכן טאָג, איטלעכע שעה — און תמיד פונדאַסניי!

זי אַליין רעגירט מיט דער וועלט.

ער האָט געטראַכט: „מיר וועלן זיך דאָס קיינמאָל נישט אויסלערנען — קיינמאָל! מיר — וואָס איטלעכער איינער פון אונז טראָגט אין זיין מוח אַ גליענדיקע בענקשאַפט נאָך דעם אמת. און אָט־די בענקשאַפט לייכט אַדורך, ברענט אים אויס

אַ וווּנד אויפֿן שטערן — דער קין־צייכן פֿון די דײַטשן.

די קליינע איווי האָט דאָס גוט אָפּגעפּילט. זי האָט נישט געדאַרפֿט האָבן רישעליעס חכמה — די נאַטור האָט איר באַשאָנקען מיטן ריכטיקן אינסטינקט: היט דיך פֿאַרן אמת! שטעל דיר צונויף אַ שיין מעשהלע — פֿײַף עס אויס אין די וועלט אַרײַן. אַלע וועלן דיר גלייבן, ווײַבאַלד וועסט נאָר מאַכן דעם אָנשטעל, ווי דו אַליין וואָלסט זיי אַלעמען אויך געגלייבט. און פּרוביר עס: דאָס איז זייער לײַכט, אַזוי קינדיש לײַכט: יעדער איינער באַגרײַפֿט עס — נאָר די דײַטשן נישט, ווײַל זיי זענען באַרבאַרן, האַלבע חיות.

זי האָט לײַכט געגלעט זײַן האַנט. „איר וועט פֿאַרשפּילן", האָט זי שטיל געזאָגט. „אויך רומעניע האָט דערקלערט קריג".

„פֿונוואַנען ווייסטו דאָס?" האָט ער געפֿרעגט.

זי האָט געענטפֿערט: „דער קאָנסול האָט דאָס פֿריער טעלעפֿאָנירט דער מאַמען — זיי האָבן מיט אַ שעה צוריק דערהאַלטן אַ דעפּעשע פֿון וואַשינגטאָן. ער האָט שוין מיט אַ פּאָר וואָכן פֿריער געזאָגט, אַז ס'וועט אַזוי זײַן — כ'האָב עס דיר נישט געוואָלט דערציילן, כּדי דיך נישט מצער צו זײַן. רומעניע — דאָס מאַכט ווידער אויס פֿרישע זעקסהונדערט טויזנט זעלנער פֿאַר די אַליאַנטן. און זיי האָבן דאָס בעסטע געווער און די בעסטע האַרמאַטן — אַלץ פֿון דײַטשלאַנד. צי ווייסטו, אַז זייער קעניג איז אַ האָהענצאָלער?"

ער האָט געשאָקלט מיט דעם קאָפּ. האָט געדריקט איר האַנט — זי האָט אים פֿאַרשטאַנען און געשוויגן. שטיל האָבן זיי געשפּאַנט איבערן זאַמד.

* *

*

ער האָט אים גוט געקענט, דעמדאָזיקן האָהענצאָלער. געלערנט מיט אים אין דערזעלבער גימנאַזיע, פּלעגט אויסלאַכן דעם פּרינץ און אָפּחוזקן פֿון אים צוזאַמען מיט די אַנדערע יינגלעך פֿון שול, אַ סך נאַרישע יינגלעך האָבן דאָרט אָפּגעקוועטשט די שול־בענק — אָבער אַזאַ נאַר ווי דער פּרינץ איז קיינער נישט געווען.

פרינץ קאַקאַדו האָבן זיי אים גערופן.

ער האָט געוווינט אין שלאָס יעגערהאָף. דאָס האָט גע-הערט צו די האָהענצאָלערס אין יענער צייט — איצט האָט עס די שטאָט אָפּגעקויפט און ס'געוועלטיקט דאָרטן דער בירגערמייסטער. אָבער דעמאָלט איז עס געשטאַנען איינזאַם אין גרויסן פּאַרק, אינמיטן דער שטאָט, געווען באַוווינט בלויז דורכן פּרינץ, זיין הויפמייסטער און אַ פּאָר באַדינערס. פונדאָרטן פלעגט ער גיין איטלעכן טאָג אין די אַלטע גימנאַזיע, וואָס איז געשטאַנען לעבן שטאָט-קאַנאַל; ער איז געגאַנגען דורך דעם טייך דיסעל, דערנאָך איבער דער גילדענער בריק פאַרביי דעם אַנאַנאַסן-באַרג. איטלעכן פרימאָרגן פלעגט ער דאָרט אַהינגיין און איטלעכן מיטנטאָג פלעגט ער צוריקקומען.

איינמאָל איז ער נישט צוריקגעקומען אַהיים. מיטאָגצייט נישט, נאָכמיטאָג נישט און אינאָוונט אויך נישט. דער הויפמייסטער איז געווען אומרויק און אויפגערעגט, לסוף איז ער שוין געוואָרן ממש פאַרצווייפלט· זיין פּרינץ איז נעלם געוואָרן.

ער איז געלאָפן אין די שול אריין, צו דער פּאָליציי, צו דער זשאַנדאַרמעריע. יאָ, צו דער מיליטער-פאַרוואַלטונג, צו די שעפן פון ביין-און = דרייסיקסטן הוזאַרן = רעגימענט. זיין פּרינץ איז נישט געווען — און אַלע האָבן געמוזט צוהעלפן זוכן, די גאַנצע שטאָט.

קיינער האָט אים אָבער נישט געפונען.

אינמיטן דער נאַכט איז דער פּרינץ געקומען אַהיים, גאַנץ אַליין. מאָדנע האָט ער אויסגעזען — בלויז אין רעקל, וועסטל, שיך און זאָקן. ס'האָט געפעלט העמד, הויזן און אונטערהויזן. ער איז געווען אינגאַנצן דורכגעווייקט.

ער האָט דערציילט אַ מערקווירדיקע געשיכטע. בעת ער איז געגאַנגען אַהיים דורכן הויפגאָרטן, אינמיטן העלן טאָג, זע-נען אים אנטקעגנגעקומען דריי פאַרמאַסקירטע לייט. זיי האָבן אים אַ כאַפּ געטון, געבונדן און אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל. זיי האָבן אים פאַרשלעפּט צום רהיין, אַריינגעוואָרפן אין אַ שיפל און זיך אַוועקגעשיפט מיט אים לענגאויס דעם טייך· זיי האָבן אים לויז געמאַכט די קייטלעך אויפן שיפל — האָבן באַ אים נאָר צוגענומען די זאַכן, כדי ער זאָל נישט קאָנען אַנ-

שלופן. אָבער אין דער פינצטערניש האָט ער אויסגענוצט אַ בינסטיקן מאָמענט, בעת די דריי חברהלייט האָבן נישט אַזוי שטאַרק אַכטונג געגעבן, ער איז אַריינגעשפרונגען אין וואַסער און צו־געשווימען צום ברעג. די רוצחים האָבן אים נאָכגעשאָסן מיט רעוואָלווערן און ביקסן, נאָכגעשיפט זיך נאָך אים — זיי האָבן אים אָבער פאַרלוירן אין דער פינצטערניש. און ער האָט זיך גליקלעך אַרויפגעקריגן אויף די יבשה — נישט ווייט פון קיי־זערווערט. און ער האָט צוריקגעאיילט אין דער נאַכט צום שלאָס.

„פרינצן־רויב!" האָט געיאָמערט דער אומגליקליכער הויפמייס־טער, „אַ רוצחים־באַנדע!" ער האָט גלייך אַליאַרמירט פּאָליציי און מיליטער, פּראָקוראָטאָרן און ריכטערס. מ'מוז פאַרמאַכן די גרעניץ, מ'דאַרף כאַפּן די רויבערס, איידער זיי אַנטלויפן קיין האָלאַנד. אַ האָהענצאָלער אַוועקגערויבט, אינמיטן העלן טאָג, אין האַרץ פון דייטשלאַנד, באַם סוף פון נײַנצענטן יאָרהונדערט!

אָך, סאַראַ חרפה, אַן אייביקע חרפה פאַר דער גאַנצער שטאָט!

די פּראָקוראָטאָרן און ריכטערס, פּאָליציי־שעפן און פּאָלקאָוו־ניקעס זענען געווען שטאַרק פאַרצאָגט. וואָס זאָלן זיי דאָ טון? אַזוי מערקווירדיק האָט געקלונגען דאָס אַלץ — אָבער דער פרינץ אַליין האָט דאָס געזאָגט, אַ האָהענצאָלער־פרינץ! נעלם געוואָרן אויף גאַנצע צוועלף שעה — און איז צוריקגעקומען האַלבערנאַכט, פּיטש־נאַס, אָן העמד און הויזן.

אויף צומאָרגנס האָט מען געפונען דאָס העמד און די הויזן אין די וואַסערן פון רהיין.

און מי־יודע־וואָס ס'וואָלט געווען געשען, ווען נישט דער דאָקטאָר פּיאָטר שמיטץ, דער דערציער פון דריטן קלאַס. ער אַליין האָט אָפּגעראַטעוועט די מאַכט־אָרגאַנען, אָפּגעראַטעוועט די גאַנצע שטאָט.

ער האָט זיך דערמאָנט — אַז ער האָט געהאַט אין קלאַס אין זעלבן טאָג אַ לעקציע פון געשיכטע. דאָס איז געווען אַ שעה פאַר מיטאָגצייט — אַזוי, אַז אפילו דער פרינץ האָט עס באַך געקענט געדענקען.

דאָס איז געווען די געשיכטע וועגן דער אַוועקרויבונג פון קייזער היינריך דעם פערטנס זונדל, וועמען דער קעלנישער אַרצי-בישקוף, אַננאָ, האָט צוגערויבט אויפן פּאַלאַטינאַט אין קייזערווערט אויס די אָרעמס פון זיין מוטער אַגנעס. ער האָט אים אַרויפגעשלעפּט אויף זיין שיף, אָפּגעשווימען מיט אים איבערן רהיין קיין קעלן און אים דאָרטן פאַרשפּאַרט.

דער הער פּראָפעסאָר איז אַוועק אין יעגערהאָף-שלאָס. בעת ער איז פונדאָרטן אַרויסגעקומען, האָט זיין קיילעכיק פּנים געשטראַלט און ער האָט זיך געהאַלטן בײַ די זייטן פאַר געלעכטער. אָבער דאָס פּרינצל האָט נעבעך געוויינט.

ס'האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, ער האָט זיך געמוזט מודה זיין.

די מעשה איז אַזוי געווען:

בעת ער איז צוריקגעגאַנגען אַהיים פון דער שול, האָט מיט אים פּאַסירט אַ גאַנץ מענטשלעכע זאַך. דאָס פלעגט אָפט פּאַרקומען בײַ דעם פּרינץ, הגם ער איז געזעסן אין דער פינפטער גימנאַזיאַל-קלאַס און איז דערצו געווען עלטער מיט צוויי יאָר פון אַלע אַנדערע ייִנגלעך אין קלאַס. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז ער איז שוין געווען צו אַלט פאַר אַזעלכע שפּאַסן — אַזויפיל שכל האָט ער נאָך געהאַט. און ער האָט זיך געשעמט דערמיט, האָט מורא געהאַט צו שטיין פאַר זיין הויפמייסטער אין אַזאַ אווירדיקן מעמד.

ער איז אַלזאָ אַוועקגעלאָפן צום רהיין. האָט אויסגעזוכט אַ שטיל אָרט, אויסגעטון די הויזן, אונטערהויזן און העמד. האָט זיי אויסגעוואַשן —

אָבער דער פאַרשייטער רהיין האָט אויף אים אָנגעשיקט אַ חוצפּהדיקע כוואַליע — ער האָט געמוזט אָפּשפּרינגען. האָט איבערגעלאָזט די וועש און דער שטראָם האָט זי אַוועקגעטראָגן. די פּרינצישע וועש.

דער פּרינץ איז געלאָפן לענגאויס מיטן ברעג, געיאָמערט און געוויינט, האָט זיך געוואַגט אפילו אַריינצוקריכן אין וואַסער ביז איבער די קני — ס'איז געווען אַזוי נאַס.

העמדל און הייזעלעך זענען אַוועקגעשווימען.

ער האָט זיך אָװעקגעזעצט אונטער די װערבעס און גע־װיינט — ביז ס'איז אים געקומען אויפן זינען די געשיכטע, װאָס דער קלאַסן־דערציער האָט אָקאָרשט דערציילט. װעגן דעם ייִנגן האָהענסטאַופער־קייזער און יונגן דעם שלעכטן אַרציביסקופּ אַננאָ. װעגן דער שיף אויפן רהיין און װעגן פּאַלאַטינאַט באַ קייזער־װערט.

און ער איז אויך געװען אַ פּרינץ פון קעניגלעכן הויז. געװען אַ האָהענצאָלער — פּונקט װי יענער איז געװען אַ האָהענ־סטאַופער.

און ער האָט דאָך געמוזט עפּעס זאָגן, בעת ער װעט קומען אהיים.

אַליין האָט ער גאָרנישט געקאָנט צוטראַכטן, דערויף איז זיין מוח צו שװאַך געװען. אָבער דאָס אַלטע מאכל נאָכאַמאָל אויפ־װאַרימען, דאָס האָט מען געקענט — און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז זיין הויפמייסטער װעט עס אָננעמען פאַר אַ גוטע מטבע.

דר. שמיטץ האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון: שוין אין זעלבן אָװנט האָט די גאַנצע שטאָט געװוּסט פון דער מעשה מיט די הייזלעך, װעלכע איז אויסגעװאַקסן אַזש אין אַ פּרינצן־רויבי און דער פּאָלקאָװניק, די הערן פון דער פּאָליציי, געריכט און פּראָקוראַטור האָבן שטילערהייט געדאַנקט דעם רבונו־של־עולם, װאָס זיי האָבן נאָך נישט געהאַט אָנגענומען קיין שום שריט.

אָבער אויפצומאָרגנס, בעת דער פּרינץ האָט זיך אין דער הפסקה־צייט באַװיזן אויפן שפּילפּלאַץ, האָט עס מיטאַמאָל אויסגע־בראָכן. ס'האָבן געשריגן הונדערט ייִנגע גאָרגלען:

„פּרינץ קאַקאַדו! פּרינץ קאַ־קאַ־דו!"

קיינער האָט דאָס נישט אויסגעטראַכט. ס'איז שוין דאָרט פאַראַן געװען דאָס װאָרט, און געפּלאַטערט איבערדערלופטן, געזשומעט אין די אַלטע זאַלן פון דער גימנאַזיע װאָס האָט אָנגעפילט די קעפּלעך פון די בלאָנדע ייִנגלעך. און איז אויסגעבראָכן בעת דער הפסקה־אָנגעשלאָגן זיך אָן דעם פּרינצס קאָפּ, װי דאָס געפּויקעריי אויף אַן אַליאַרם: „פּרינץ קאַ־קאַ־דו! פּרינץ קאַ־קאַ־דו!"

װאָס אַן אמת, האָבן נאָר די גאָר קלייבע געשריגן, די פון דער פערטער, פינפטער און זעקסטער. אַלע אַנדערע האָבן זיך

פארהאַלטן ערנסט, נישט גערעדט קיין וואָרט, געבליבן רויק און שטיל. אָבער בעת דער פרינץ האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און אַ כאַפּ געטון איינעם פון דידאָזיקע שניעקעס, כּדי אים מקיים-פּסק צו זיין, דאַן האָבן זיך די אַנדערע גלייך פאַר אים איינגעשטעלט.

„לאָז אים תּיכּף אָפּ!" האָט באַפוילן איינער פון זיין איי-גענער קלאַס. „מאַך נישט אין די הויזן אַריין, וועלן זיי דיך נישט רופן פרינץ קאַקאַדו!"

אין די נידעריקערע קלאַסן האָט ממש געהאָגלט מיט שטראָפן, וואָס האָבן אָבער כּלל נישט געהאָלפן. פון טאָג צו טאָג איז דאָס געשריי געוואָרן אַלץ העכער און ווילדער; און די קינדער פון אַלע אַנדערע שולן האָבן עס אונטערגע-כאַפּט און ווו דער פרינץ האָט זיך נאָר באַוויזן, האָט מען אים באַגריסט מיטן אויסגעשריי: „פרינץ קאַ—קאַ—דו!"

אַ גאַנצע וואָך האָט דאָס אַזוי געדויערט, דערנאָך האָט דער פרינץ פאַרלאָזט די שטאָט צוזאַמען מיט זיין הויפמייסטער. אָבער דידאָזיקע וואָך וועט ער געדענקען ווי לאַנג ער וועט לעבן.

מיט אַ יאָר שפּעטער איז ער אָנגעקומען קיין רומעניע, ווו זיין פעטער איז געווען קעניג, און די מומע קעניגין. די לעצטע האָבן אים אַדאָפּטירט, זיי האָבן געוואָלט האָבן פאַר אַ יורש אַ דייטש פון איבערן רהיין, פונוואַנען זיי אַליין האָבן ארויסגעשטאַמט. זיי זענען געווען דייטשן און דייטשיש איז גע-ווען זייער הויף. אַ האָהענצאָלער איז געווען דער קעניג, אַ האָ-הענצאָלער זיין יורש. אין די קעניגין האָט זיך גערופן קאַרמען סילוואַ, וואָס האָט זיך משמעות געהאלטן פאַר אַ דייטשישע דיכטערין, געשריבן לידער, וועלכע האָבן זיך גוט געגראַמט, צום לויב פון רהיין. די סטודענטן פון באָן פלעגן זיי אָפט זינגען, בעת זיי האָבן שוין געהאַט אַראָפּגעשלונגען אַ שפּאַר ביסל גלעזלעך פונטש.

„Am ganzen Rheine der schönster Fleck.
Das ist der Banhof von Rolandseck —"

דער קעניג איז געשטאָרבן און די קעניגין אויכעט — ביידע אין זעלבן יאָר. און קוים האָבן זיי נאָר די אויגן צוגע-

מאכט, האָט דער ייִנגער קעניג באַלד פּאַרראַטן זיין פאָטערלעך־לאַנד. ער האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם בלאָען סורדוט פון די האָהענצאָלערס, האָט אָנגעטון די גאָלדגלאַנציקע הויזן לויטן ענגלישן שניט. ער, פּרינץ קאַקאַדו —

* *

*

פראַנק ברוין האָט צונויפגעדריקט די הענט. דורך זיינע פאַרהאַקטע ציין האָט זיך דורכגעקריגן אַ זיפץ, כמעט ווי אַ תפילה: „הלוואי זאָל ער ווידער אָנמאַכן אין זיינע נייע הויזן אַריין! זאָל אים דעריך מאַקענזען צוהעלפן — און הינדענבורג!"

„וואָס זאָגסטו?" האָט געפרעגט איווי.

„גאָרנישט, גאָרנישט!" האָט ער נעענטפערט.

זי האָט געזאָגט: „דער קעניג איז אַ האָהענצאָלער. אָבער זיין פרוי איז אַ קאָבורגערין. אויך דער ענגלישער הויכקאָמיסאַר אין קאַנאַדע איז א קאָבורגער — און דער האָט ווידער אַ האָהענצאָלערין פאַר א פרוי. יענע אַרבעט אויך, ווי ווייט זי קאָן, לטובת ענגלאַנד און קעגן דייטשלאַנד!"

„און דאָס אַלץ ווייסטו פון קאָנסול?" האָט ער אַרויסגעצישעט.

„ניין!" האָט זי אָפּגעענטפערט. — „די קאָבורגער־פאַמיליע איז די פאָרנעמסטע אין איראָפּע. אַ שטייגער ווי די וואַנדערבילדטס ביי אונז, אָדער די אַסטאָרס. די קאָבורגער גיבן אַרויס יאָר בא יאָר אַזאַ מין בוך ווי דער „Social Register" אין ניו־יאָרק. און אָט דאָס בוך האָט מיר דער קאָנסול אַנומלטן געבראַכט — פון דאָרטן ווייס איך דאָס אַלץ".

„די קאָבורגער גיבן נישט אַרויס קיין שום ביכער!" האָט ער געזאָגט. „דער קאַלענדאַר דערשיינט צופעליק אין קאָבורג און הייסט דערום דער קאָבורגער".

„גוט, גוט", האָט זי זיך צעלאַכט, „פון מיינעטוועגן זאָל זיין אַזוי! פונקט ווי ס'וואָלט געווען עפּעס אַ נפקא־מינא! צי ווייסטו, אַז אויך דער דעטראָניזירטער פּאָרטוגאַלישער קעניג — מאַנועל הייסט ער — איז אויך אַ קאָבורגער און זיין פרוי

ווידער איז אַ האָהענצאָלערין? און יענער וויל אויך אַריינטרעטן אין די ענגלישע אַרמעע! באמת, איך באַוווּנדער ממש די חכמה פון די ענגלענדער!״

ער איז געבליבן שטיין און זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק. „איך אויך, איווי, איך אויך! איך באַוווּנדער זיי — באמת! זיי זענען צענטויזנט מאָל קליגער פאַר אונז! — צי ווייסטו, אַז די רעוואָלוציע אין ליסאַבאָן, בעת וועלכער מ׳האָט דערמאָרדעט אויף דער גאַס מאַנועלס פאָטער און מוטער, איז געמאַכט געוואָרן פאַר ענגליש געלט? אַז די היינטיקע רעפּובּליקאַנישע רעגירונג, וועלכע האָט אויפן באַפעל פון ענגלאַנד אונזערע שיפן צוגעגנבעט און אונז דערקלערט קריג, איז נאָר דורך די ענגלענדער באַצאָלט געוואָרן? וואַרט אָקאָרשט, כ׳וועל דיר דערציילן נאָכמער — וואָס כ׳האָב דאָ אַנומלטן געהערט אין קלוב פון די פּאָרטוגאַלישע מאָנאַרכיסטן! זיי האָבן זיך געהאַט געווענדט צום דייטשישן קייזער, בעטנדיק אים מיט תחנונים, אַז ער זאָל זיי צושיקן איינעם פון זיינע פּרינצן, פאַרזיכערנדיק אים גלייכצייטיק אין זייער הייסער ליבע און געוואַלטיקער באַוווּנדערונג פאַר דייטשלאַנד! צי ווייסטו, צו וואָס פאַר אַן ענטפער אונזערע דיפּלאָמאַטן האָבן אָנגערעדט דעם קייזער? אַז דאָס איז דער יסוד פון דער מאָנאַרכיסטישער אידעע, צו שטיין געטריי און פעסט בײַ דעם הערשער־הויז — און אַז אַחוצדעם האָט זייער אַרויסגעטריבענער קעניג גענומען אַ האָהענצאָלערין פאַר אַ פרוי, איז ער בכן שוין דערמיט אַליין ענג פאַרבונדן מיטן קייזערלעכן הויז! דאָס איז געווען אין אָנהויב מלחמה — בעת די מאָנאַרכיסטן פון צפון האָבן זיך געגרייט צום גרויסן אויפשטאַנד, צו וועלכן ס׳האָט זיי נאָר איין זאַך געפעלט: דער קלינגענדיקער נאָמען פון אָנפירער! דאָס איז געווען די דייטשישע תשובה: ערלעך און — אומגעהייער נאַריש! די ענגלענדער האָבן זייער שפּיל בעסער געשפּילט — אַזוי ווי אין איטאַליע, ווי אין רומעניע, ווי דאָ בײַ אונז און אויף דער גאַנצער וועלט. אַלץ האָט דער קליינער מאַנועל דורך זיי אָנגעווירן, די קרוין, די מלוכה און דעם לעצטן גראָשן! איצט גיבן זיי אים אַ באַשיידענעם געהאַלט איטלעכן חודש — ווי שיין דאָס איז פון זייער זייט, ווי גרויסמוטיק! דערפון לעבט

ער און דערפון האַלט ער אויס זיין מעטרעסע. און זי — טאַנצט אין א היפּאָדראָם. — לאָמיר אפשר אַמאָל אַהינגיין? זי הייסט גאַבּי דעסליס, אָבער זי שטאַמט פון אָלמיץ — אָט די שיינע טענצערין גיט יעדן בריטישן רעקרוט א קוש, זי מאַכט דאָ מיט מיט אירע פיסלעך פּראָפּאַגאַנדע און אין דער זעלבער צייט גאַרט איר געליבטער קיניג אַן ענגלישער אָפיציר צו ווערן! ביידע זענען אַפּנים זייער דאַנקבאַר — און זייער דאַנקבאַרקייט איז דאָך אַזאַ גוטע רעקלאַמע! יאָ, כ'באַוואונדער ענגלאַנד, דאָס אַלמעכטיקע ענגלאַנד, וואָס פאַרמאָגט דעם הערלעכן גאַבּי, אַלע געמיינסטע שקרים אין שטראַלנדיקע וואָרהייטן צו פאַרוואַנדלען! די ביסט דריימאָל גערעכט, קליינע איווי, מיר וועלן קיינמאָל דידאָזיקע מלחמה נישט געווינען, מחמת מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסלערנען — ליגנט צו זאָגן".

ער האָט דאָס אַלץ ווי אַרויסגעשריגן, האָט געשלאָכצעט און ספּאַזמאַטיש געהוסט. זי האָט אַרויפגעלייגט איר אָרעם אויף זיינע פּלייצעס און אים צערטלעך געגלעט איבערן פּנים. „באַרויִק זיך", האָט זי געשעפּטשעט, „באַרויִק זיך — דו קענסט דאָ גאָרנישט העלפן!".

„מ'האָט דאָס געקענט פאַרמיידן", האָט ער פאָרגעזעצט גאַנץ שטיל, „אַז איטאַליע, רומעניע און פּאָרטוגאַל זאָלן נישט גיין אַנטקעגן אונז! ווען מיר וואָלטן כאָטש געווען געלערנט אַ קליין ביסעלע בײַ ענגלאַנד. מיט דריי און אַ האַלבן מיליאָן זעלנער וואָלט געווען ווייניקער קעגן אונז! נאָך האַלטן מיר זיך פעסט, נאָך שטייען מיר אין לאַנד פון שונא, אומגעבראָכן אַנטקעגן דעם פינפאַכיק שטאַרקערן פיינט. אַזוי אָבער וואָלטן מיר פונלאַנג שוין די מלחמה געווונען — און ס'וואָלט שוין פונלאַנג געווען שלום! בלי ספק איז דייטשלאַנד געווען שטאַרקער און ערשטן יאָר פון דער מלחמה, אָבער דער ענגלענדער האָט משקר געווען פאַר דער וועלט, זאָגנדיק: „מיר זענען די זיגער!" און אַלע פעלקער האָבן אים געגלויבט, און זיין שקר איז געווען שטאַרקער! — אויף מזרח און אויף מערב האָט דער דייטש כסדר געשלאָגן אין ערשטן יאָר פון דער מלחמה און זיין כוח האָט אָנגעהאַלטן אויך אין צווייטן יאָר. אין דריטן

שטייט ער נאָך אַלץ פעסט און גוט. אָבער אין פערטן, אין פערטן — ער האָט אָפּגעהאַקט און אַ זיבעצן, זיבעצן. — ער האָט אָפּגעהאַקט און אַ זיפּץ געטון. „הונדערט און פופציק מיליאָן זענען אויף אונזער זייט. אָבער אַכט הונדערט מיליאָן ציילן די קעגנערס. און די גאַנצע נייטראַלע וועלט ווערט געדעשר אויף אונזער בלוט, זי הויבט ענגלאַנד און פראַנקרייך ביז אונ־טערן הימל אַרויף, ליווערט פאַר אונזערע שונאים געווער און אַמוניציע, לעבנסמיטל און גאָלד, אַלץ וואָס זיי ווילן נאָר האָבן! „דער שקר איז דאָס זאַלץ פון דער ערד" — דאָס איז אַ רו־סיש שפּריכוואָרט, אָבער די ענגלענדער האָבן דאָס געמאַכט פאַר אַן עוואַנגעליע. און ענגלאַנדס ליגנט איז שוין לאַנג גע־וואָרן אַן אמת: זיי זענען די שטאַרקערע! בלויז איר פעלט נאָך צו — און אייך וועט דער ענגלענדער אויך נאָך איינ־שפּאַנען אין דער מלחמה — אַלץ צוליב דער שולד פון אונ־זערע דיפּלאָמאַטן און זייער פאַרברעכערישער טיפּשות! דאַן מוזן מיר פאַלן!"

„שווייג שוין". האָט זי געבעטן, „שווייג, ליבסטער!" זי האָט אים אַרומגענומען מיט אירע אָרעמס, געקושט אים אין די אויגן און די ליפּן „טו אַ קוק — די נאַכט איז אַזוי שיין!"

*　*
*

העלער זילבער אַרום. אַלץ צעפליסט זיך דערין — זאַמד, ים, הימל און לופט — זילבער בלויז, זילבער. און זיך אַליין: איווי און ער. קיין לעבעדיק נפש אַרום, קיין פּיפּס פון אַ פויגל, קיין מינדסט ווייען פון אַ ווינטל.

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. קילער, לאַשטשענדיקער זילבער־נעפּל — און די שטערן זאַנ אָפּגעבליצט פון הינטער אים. איבער דעם זילבערנעם ים האָט זיך געצווינן אַ מילכיקע שיין, וואָס די לבנה האָט גע־וואָרפן — ווי אַ העלער וועג, וואָס האָט אַהינגעפירט ווייט, ווייט אין אַ שטראַלנדיקן מקלט, דאָרט האָבן ווי געשוועבט און געטאַנצט — וואַסערפרויען, לבנה־דאַמען — פיל — אין גלאַנציקע, זילבערנע שלייערן —

און פונדעסטוועגן איז פאַרט געווען גוט, וואָס ס'האָט קיינער דאָרט נישט געטאַנצט. וואָס דער ווייסער שטח אויפן ים איז געווען שטיל און גאַנץ פאַרלאָזן. אַזוי פוסט און איינזאַם, אַז בלויז די אויגן זייערע האָבן געקאָנט דערזען דעם־דאָזיקן לבנה'־וועג און בלויז זייער בענקשאַפט האָט געקענט שפּאַנען איבערן דאָזיקן וועג.

זייער ביידנס בענקשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איינער. זיינע — און פון דעם בלאָנדן מיידל —

און איר בענקשאַפט אויך? איוויס אויך?

ער האָט זי אָנגעקוקט — און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. שוין־זשע האָט זי פאַרשטאַנען זיינע טרוימען? — אָך, ער האָט אַזוי געוואָלט גלייבן דערין.

זיי זענען געגאַנגען האַנט אין האַנט אין דערדאָזיקער זילבער־נאַכט. שטיל, שווייגנדיק — זייער איינזאַם זענען זיי געגאַנגען.

אַזוי לייכט, אַזוי שטיל, גלייך ווי זייער פוס וואָלט קוים די ערד באַרירט. ווי אַ שלייכן זיך איז עס געווען, ווי עפּעס אַ שוועבן. זיי האָבן זיך געשלייכט איבערן זאַמד — אָדער אפשר איז עס געווען דאָס וואַסער?

פליסיק זילבער איז עס געווען.

צוויי בענקשאַפטן — וועלכע זענען געוואָרן איינס. אָדער: צוויי נשמות —

זיי האָבן געשוועבט איבערן וואַסער — אָדער אפשר איז עס געווען די לופט? אַלץ האָט זיך צעפלאָסן אין דעם זילבערנעם נעפּל — זאַמד, ים, הימל און לופט. און זייער נשמה איז געווען דער ליכטיקער נעפּל — און ווייטער גאַרנישט.

גאַרנישט, גאַרנישט אין אַלע וועלטן —
בלויז די זילבער־נשמה פון זייער בענקשאַפט.
זי האָט געשוועבט, געשוועבט אין די אייביקייטן.
זילבער־פּיס — זילבער־פליגל — —
זילבער־נאַכט. —

*   *
*

עמיך האָט א געשריי געטון — איווי האָט עס געשריגן. זי איז אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זייט און אים מיטגעצויגן מיט זיך.

אַ נבלה איז געלעגן הארט פאַר זייערע פיס. אַ דער־טרונקענער הונט — אָדער אַ קאַץ?

ווייס איז געווען די פעל —

ס'האָט איר געשווינדערט פאַר עקל. „אוועק". האָט זי גע־בעטן, „לאָמיר אוועקגיין!"

„וווּ זענען די פערד?" האָט זי געפרעגט.

זי האָט געענטפערט: „דושעק איז דאָ מיט זיי. ער וואַרט לעבן די אולמעס.

זיי האָבן געאײַלט מיט די דיונעס אַרויף. האָבן אָפּגע־זוכט די פערד און זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף זיי.

„יאָג!" האָט ער אויסגערופן, „איווי — איילּ! אין די לבנה אַריין!"

זיי האָבן געיאָגט, געיאָגט — — —

אַזוי שיין איז געווען די נאַכט —

* *

*

אין טאָג ווען דירעקטאָר אַנדריי איז אַרויסגעקומען קיין ניופאָרט, איז פראַנק ברוין געווען גאַנץ אַליין אין אָקהאָרסט. איווי איז געהאַט אוועקגעפאָרן מיט דער מוטער אין שטאָט אַריין.

גאַנץ באַגינען איז זי געקומען אַרײַנצולויפן אין זיין שלאָפצימער און מיט איין שפּרונג איז זי שוין געווען אויף זיין בעט. זי האָט אים אויפגעוועקט מיט אַ האַסטיקן קוש. „מיר קומען צוריק אינאָוונט", האָט זי אויסגערופן.

„וואָס איז געשען?" האָט ער געפרעגט.

„גאָרנישט!" האָט זי געמאַכט מיט דער האַנט. „דער פּאַ־פּאַ איז שוין צוויי וואָכן נישט געווען ביי אונז. ער בעט, אַז מ'זאָל נאָך אים אָפּטרעטן אין ביוראָ און פרישטיקן אין קלוב צוזאַמען מיט אים".

זי האָט אים נאָכאַמאָל אַ קוש געטון, איז אויפגעשפּרונגען און אַרויסגעלאָפן.

ער איז געזעסן בײַ זײַן שרײַבטיש, גענומען אַ פּעדער אין האַנט אַרײַן און זי צוריק אַוועקגעלייגט. האָט געכאַפּט אַ בלײַ־פעדער, דערנאָך ווידער די פּען. ער האָט שנעל אויפגעוויקלט אַ בייגעלע פּאַפּיר און גענומען טינטלען דערויף.

„ליבע לאָטע —" האָט ער אויפגעשריבן. אָבער ס'האָט זיך אים כּלל נישט געגלוסט צו שרײַבן קיין בריוו.

ער האָט גענומען די פּאָסט, וועלכע איז פֿאַר אים געלעגן, האָט איבערגעציילט זײַנע בריוו. זעקס—אַכט—נײַן. ער האָט נישט אויפגעעפֿנט קיין איינעם. ער האָט גענומען אַ גרויסן קאָנווערט, האָט זיי אַלע אַהין אַרײַנגעלייגט, און אויפגעשריבן דערויף דעם סעקרעטאַרס אַדרעס. זאָל יענער זיי איבערלייענען און אים שפּעטער אָפּגעבן באַריכט. ער האָט געכאַפּט די צײַטונגען — אָבער ער האָט זיי נישט געלייענט· דער דירעקטאָר אַנדריי וועט הײַנט קומען — דער האָט אוודאי אין באַן אַלע דורכגעלייענט, וועט ער אים מסתּם דערציילן וואָס ס'איז געשען. ער האָט אַרײַנגעוואָרפן די צײַטונגען אין גרויסן פּאַפּיר־קויש אַרײַן;

דערנאָך איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז ער קאָן אויך די בריוו־קאָנווערטן דאָרטן אַרײַנוואַרפן. דאָס וועט אָנפֿילן דעם קויש.

מיט גרויס ערנסטקייט האָט ער ווידער אויפגעמאַכט דעם גרויסן קאָנווערט און אים צעריסן. האָט פּאַרזיכטיק אַרויסגענומען אַלע צען בריוו, נישט קוקנדיק אויף זייער אינהאַלט, האָט ער זיי אַרײַנגעלייגט אין אַ נײַעם קאָנווערט און פֿונדאַסניי אַדרעסירט.

פּולער איז געוואָרן דער קויש, פֿאַרביקער זײַן אינהאַלט.

ער האָט אַ קוק געטון און זיך געפֿרייט. — נאָך עפּעס? אָך — דאָס פֿאַרטינטלטע בייגעלע און אַ פּאָר שטיקלעך פּאַפּיר, אויף וועלכע ער האָט נעכטן געשריבן. צוויי ליידיקע ציגאַרן־שאַכטלעך.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט הײַנט אָנגעהויבן אַ ביי שטיקל זייף. ער איז אויפגעשטאַנען און אַרײַנגעגאַנגען אין באָד־צימער, אַראָפּגענומען דאָס פֿאַרביקע פּאַפּיר פֿון טואַלעט־טישל און עס אַרײַנגעוואָרפן אין קויש אַרײַן.

אפשר וועט אים פאָרט איינפאַלן עפּעס אַ געדאַנק — עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים אינטערעסירן, וואָס וועט אים באַשעפּ־טיקן. אפשר עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אים אַריינלייגן די פּע־דער אין האַנט אַריין, וואָס וועט פון דער פּעדער אויפן פּאַפּיר אַראָפּפליסן. עפּעס אַ טרוים, וועלכער האָט לאַנג אַרומגעבלאָנ־זשעט אין זיין נשמה און אַ בילד פון אַ פאַרשיכורנדיקער רגע. עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים אַרומכאַפּן אויף רגעס — אויף שעהן —

עפּעס ווילדס — צאַרטס. לייכטס אָדער טיפס. עפּעס גרויזאַמס און רויטס — אָדער ליכטיקס און תענוגפולס — ווי דער ווינט וואָלט עס צוגעווייעט פון ים אַהער.

אַ געוויסע ראָל האָט געשפּילט דערביי דער קויש מיט פּאַפּירן. דער האָט געמוזט זיין לער איטלעכן פרימאָרגן, און דערנאָכדעם זיך געמוזט אָנפּרעסן ביז אַרויף. אַנדערש איז גאָרנישט אַרויסגעקומען — לגמרי גאָרנישט.

ער האָט באַקומען איטלעכן טאָג זיין שפּייז, פּונקט ווי יעדער אַנדערער קויש און זיך געמוזט באַנוגענען מיטן אָפּפאַ־לעכץ. ס'האָט לחלוטין נישט געהאָלפן, ווען מ'האָט אים קינס־טלעך געשטאָפּט.

ער האָט דאָס שוין געהאַט געפּרוווט נישט איינמאָל. ער האָט זיך געהייסן אָנברענגען גאַנצע פּעק פּאַפּירן, צייטונגען, שאַכטלעך און אים אָנגעפּילט ביז אַרויף. אָבער ס'האָט אויסגעזען, ווי דער קויש וואָלט זיך בלויז אָנגעפּאַקט דעם פּיסק, אָבער ער האָט עס נישט אויפגעפרעסן און עס נישט פאַרדייעט. —

פראַנק ברוין האָט נישט געלאַכט דערפון. אויך זאַכן האָבן אַ נשמה —

דאָס איז געווען אַ זיכערע זאַך, אַז פּראָפעסאָר סעדערינג האָט פיל בעסער גערעדט, בעת לעבן אים איז געשטאַנען זיין פּאַראַסאָל, ווען זיין שירם איז זיך דאָרט אַזוי געשטאַנען רויק אין ווינקל, נאָענט לעבן אים, גלייך ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט. זיי האָבן דאָס אַמאָל אויספּרובירט, האָבן אַוועקגענומען דעם שירם אָן דעם וויסן פון פּראָפעסאָר. איינמאָל בלויז — און שוין מער קיינמאָל נישט — דאָס איז געווען צו געפערלעך. טויזנט דאָלאַר וויניקער האָט אַריינגעבראַכט זיין רעדע.

און פאול קאָנשאַס, דער האַרמאָטן-קעניג, פלעגט נישט קאָנען כאַפּן זיינע שווערע איזוערנע קוילן, נישט האָבנדיק אין שוך א קופערנעם פעניק. אַן אַלטער טשוואָק האָט פאַרזיכערט מאַקס ריינהאַרדטן זיין דערפאָלג. און העטצענדאָרפן — דער בריוו, וואָס ער פלעגט באַקומען איטלעכן פרימאָרגן פון אַ שיינער פרוי. ער האָט געקענט איינעם, אַ דעפּוטאַט פון ענגלישן פאַרלאַמענט, וועלכער פלעגט נאָר דעמאָלט גוט רעדן, בעת ער האָט געטראָגן דאָס רויטע וועסטל, און אַ דזשאָקיי, וועלכער האָט נאָר דאַן גוט געריטן, ווען ער האָט געטראָגן גרין-ווייסע קאָלירן. ראַפאַעל גאָלאָ פלעגט אָנגיין פאַרן געגיאַלסטן טאָרעראָ, ווען דער אָקס פלעגט שטיין אויף דער זוניקער זייט — און פאַרן פשוטסטן פליישער-געהילף, ווען אַ שוואַרצער הונט פלעגט דורכלויפן איבער די אָרענע. דער קאַרנעאָל פון גרויסן נאַפּאָלעאָן — איז געווען סאַראַסאַטעס קליינינקע, גילדענע פידעלע —

ער האָט געטראַכט: זאַכן האָבן אַ נשמה. אַלע — פונקט אַזוי גוט ווי מענטשן, בלומען, חיות, שטיינער, בילדער און ביכער. הייזער, טישן און שטולן. אַ נשמה האָבן זיי — פאַרבן און ריחות — שטערן און ימים. און טשוועקעס אויך. פאַראַסאָלן, רינגען — פאַפּיר־קערב.

און ס'פלעגט זיך טיילמאָל טרעפן, אַז די נשמות פון דידאָזיקע זאַכן האָבן זיך אַנטפּלעקט אין אַ געוויסער באַציונג צו מענטשן. אַ געוויסע כעמישע סימפּאַטיע האָט זיי דערנענטערט, עפּעס אַן אויסהויך, אָדער אַ ריח. אָדער אַן אַטמאָספערישער צוזאַמענטרעף, אַ האַרמאָנישע פאַליען־באַוועגונג, וואָס האָט פון זיי אויסגעשטראַלט. ער האָט עס נישט געקענט געבן — קיינער האָט עס נישט געקענט — היינט. אָבער אַמאָל וועט מען עס שוין קענען.

דאָס איז עס געווען, וואָס האָט אויך איין מענטש צום אַנדערן דערנענטערט, וואָס האָט געשאַפן די סימפּאַטיע אָדער דעם ווידערווילן — ליבע אָדער שנאה. געווען דאָס — וואָס מ'רופט אַן נשמה.

אָדער איר אַנטפּלעקונג — איר עמאַנאַציע. סאָקטי, האָבן ז' אָנגערופן די אינדיאַנער פון פאַר טויזנטער יאָרן, מ'האָט

איר צוגעשריבן אזא הויכע באַדייטונג, אַז זיי האָבן זי אַזש אָנגעשלאָסן צום אייגענעם איך, צו דעם, וואָס האָט אייגנטלעך אַלץ געטון אין די זיבן וועלטן. קיינזאַך האָט נישט געטון שי־חאַ. דער צעשטערער — אַלץ איז געשען דורך דורגא, זיין סאַקטי.

צי דען איז עס אַנדערש געווען מיט יהוה, דעם איינציקן גאָט פון ישראל? נישט ער האָט אָראָפּגענידערט צו מאַריע, בעת ער האָט באַשאָנקען די וועלט מיט דעם דערלייזער — זיין סאַקטי האָט ער אַראָפּגעשיקט, זיין נשמה: דעם הייליקן גייסט.

און אויך די גריכן האָבן געזען אין אַלעם אַזויפיל נש־מות! זיי האָבן געלאָזט לעבעדיק ווערן סאַקטי׳ס אויס שטערן און ווינטן, פון ימים און לאָנקעס, פון פייער, לופט, שטיינער אוןביימער. דריאַדן, נימפעס, נאַיאַדן — פונקט ווי אויף צפון זענען די עלפן, ניקסן, פעעס און אַלבן געווען ממשותדיקע וועזנס —

אַלץ האָט געלעבט — איבעראַל האָבן געאָטעמט נשמות.

דאָס איז געווען די געזעענע וועלט. און דער גרויסער גאָט, וועלכער האָט זיי אָוועקגעשליידערט, דער גאָט פון נצרת, דער גאָט פון אַלעם, וואָס איז אומגעזעען, האָט זיי פונדעסט־וועגן נישט געקאָנט אינגאַנצן פאַרטיליקן. די קריסטלעכע קירך האָט לגמרי נישט פאַרלייקנט די נשמות פון זאַכן — נאָר האָט זיי אָנגערופן דעמאָנען. בייזע גייסטער — טייוול. אפילו די פאַרבן פון די בלומען האָט דער הייליקער היעראָנימוס מחרים געווען — אַלס פאַרפירערישן אויספלוס פון דעם שטן.

די קריסטלכע וויסנשאַפט, וואָס הינקט אונטער פון הונדערטער יאָרן אויפן מעטאַפיזישן בלייערנעם פוס, איז געווען נאָך פויפּסטלע־כער, ווי דער פויפּסט אַליין. זי האָט צעקלאַפּט אַלצדינג, וואָס ס׳האָט געלעבט אין דער אויסערלעכער וועלט, געלאָזט דעם אָרי־מען מענטשן אַרומטאַפּן אין אַ פינצטערן, קאַלטן זומפּ. זי האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן זיג דאָס מחרים זיין דעם טייוול — וועמען לויטער אפילו האָט נאָך בכבוד געהאַלטן.

דידאָזיקע לערע איז געפאַלן — זי האָט געמוזט פאַלן.

דער שכל האָט געזאָגט: נישטאָ קיין ליכטיקייט אָן פינ־

צטערניש. קײן יאָ אָן נײן. ס'איז נישט מעגלעך קײן גאַט אָן דעם טײוול.

און אַזוי אויך: „נישטאָ קײן יאָ — אָן דער אויסערלעכער װעלט. נישטאָ קײן נשמה פון דעם איך אָן די נשמות פון אַלע אַנדערע זאַכן".

װידער האָט אויפגעשײנט די װעלט. פאַרבן און קלאַנגען האָבן אויפגעלעבט. נשמות, װעלכע האָבן געגלײבט און זיך אײנאַנדער געזוכט.

זײ האָבן זיך אָפּגעפונען טײלמאָל — װי פרעמד זײ האָבן נישט געזאָלט זײן.

— מאָדנע — עפּעס האָט אים פאַרבונדן מיטן דאָזיקן פּאַפּיר-קויש. נישט גראָד מיט דעם, װאָס איז לעבן אים געשטאַנען — נישט בלויז מיט דעם· מיט איטלעכן — מיט יעדן סאָרט· ער האָט געהאַט פאַרשידענע קוישן: בלעכענע, געלאַקירטע, געמאָלטע, געפלאָכטענע — אײנער פון זײ האָט געהאַט אַ געשטיקטן איבערצוג. דאַן אַלטע, אויסגעריבענע קוישן, קעסטלעך פון װײן, אויסגעדינטע עמערס. קײלעכדיקע פּאַפּיר-קוישן, פירקאַנטיקע און אַכטקאַנטיקע, ברײטע און שמאָלע, דיקע, דינע, גרויסע און קלײנע.

און אַלע האָבן אים אַנטפּלעקט זײער נשמה, באַלד אין ערשטן טאָג, בעת זײ זענען לעבן אים געשטאַנען, באַם רעכטן עק פון טיש. טײל האָבן, װאָס אַן אמת, געהאַט אַזעלכע אײגנשאַפטן, װאָס מ'האָט זײ ערשט קענען געלערנט מיטן לויף פון דער צײט. אײנער, למשל, האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם ריח פון טאַבאַק, און האָט נישט ליב געהאַט, װען מ'פלעגט אין אים אויסלײדיקן דאָס אַש-שיסעלע. טײל װידער האָבן ליב געהאַט די פּאַפּיראָסן-רעשטלעך, און האָבן זיך ממש געפרײט, װען ער פלעגט מער רויכערן. אײנער פון זײ, עפּעס אַ שמאָלער און לאַנגער, האָט אויסגעזען װי אַ בלעכענע רער. אײנמאָל האָט מען אין אים אַרײנגעװאָרפן אַ האַלב פאַרפוילטן פיש, װאָס די קאַץ האָט פאַרשלעפּט אין שטוב אַרײן. פון יענער צײט אָן האָט זיך אים פאַרגלוסט דווקא געפּגרטע פיש. ער האָט זיך באַמיט װי װײט מעגלעך אים צופרידן צו שטעלן: בעת ס'איז געװען פיש, פלעגט ער אַראָפּנעמען אַ שטיקל און

עס אוועקלייגן אין גאָרטן אריין ביז אויף צומאָרגנס, נאָכ־דעם פלעגט ער אריינוואַרפן אין דעם קויש אריין די האַלב פאַרפוילטע פיש. ס'האָט שרעקלעך געשטונקען — און דאָך איז נאָך אַלץ דער קויש נישט צופרידן געווען: דאָס האָט גע־מוזט זיין פיש פון שטוב, מיש, וואָס איז אים ערלעך געקומען. אָבער די קאַץ האָט נישט געברענגט מער קיינעם. ביז אַהער איז דער פּאַפּיר־קויש געווען ווונדערבאַר גוט — אָבער פון דע־מאָלט אָן האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט אים צו טון. ער האָט אים געמוזט אוועקשטעלן.

דער, וועלכן ער האָט געהאַט אין אָקהאָרסט, האָט נישט ליב געהאַט די קליינע אָפּפאַלעכצן. ווייניקסטנס האָט מען גע־מוזט אַהין אריינוואַרפן צו האַלבע פּאַפּיראָסן, כדי ער זאָל זיין באַרויקט. און ער האָט געמוזט אַלע צען מינוט פונדאָסניי אויסליידיקן דעם אַש־בעכער. דאָס איז געווען אַ זייער בכּבו־דיקער פּאַפּיר־קויש, פון שוואַרצן, כינעזישן געפלעכט.

זייער צערטלעך האָט ער אים אָנגעקוקט —

* *

*

זיין בליק איז געפאַלן אויף איינער פון די צייטונגען, וואָס האָט אַרויסגעשטאַרט פון פּאַפּיר־קויש. גראָד די איינע צאָל־דיקע איבערשריפט האָט ער געקאָנט איבערלייענען:

„נייע מוראדיקע מפּלות פון די דייטשן און אונגאַרן אין זיבנבירגען".

ער איז געווען איבערגעצייגט, אַז דאָס איז אַ ליגנט. איינע פון די הונדערטער, וואָס ענגלאַנד האָט יעדן טאָג אי־בערן ים אַריבערגעשפּיגן.

אַלמאַי האָט אים דער פּאַפּיר־קויש דערויף אָנגעוויזן? שוין־זשע איז דאָס געווען דער דאַנק פאַר די צוויי פּאַפּיראָסן, וואָס זענען קוים געווען פאַררויכערט? — און פאַר דעם שיי־נעם בלאָען פּאַפּיר פון זיין זייף?

— ווידער איז ער דאָ, ווידער האָט ער אים באַהערשט — דער געדאַנק וועגן דער מלחמה. ווידעראַמאָל, פונקט ווי אַזוי־פיל טויזנטער מאָל. האָט אים נישט אָפּגעלאָזט און אים פעסט

געהאַלטן, פּונקט אַזוי ווי ער האָט טאָג־טעגלעך טויזנטער מי־ליאָנען באַהערשט.

מעגלעכקייטן, ווונטשן, חלומות — נאָכדעם — דערנאָך — און דערנאָכדעם —

*

* *

פליגן זענען אַרומגעשפּרונגען אַרום אים, זיי האָבן זיך נישט געלאָזט אַוועקיאָגן. האָבן אים פאַרבייגעזשומעט האַרט פאַר די אויערן, געקיצלט אים אין האַלז, אַוועקגעזעצט זיך אויפן שטערן אויף דער האַנט. האָבן געפּראַוועט אַ חתונה גראַד אויף זיין שפּיץ נאָז — ער האָט געקענט גאַנץ גוט זען, ווען ער האָט אַראָפּגעשיקלט מיטן אויג. ער האָט זיי אָנגעשריגן, געפּאָכעט מיטן טיכל. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן — זיי זענען ווידער צוריקגעקומען, תּמיד פונדאָסניי. דאַן איז ער אויפגעשפּרונגען, געכאַפּט איינע נאָך דער אַנדערער אין דער הוילער האַנט אָן, זיי אַריינגערוקט אין שאַכטל פון שוועבעלעך. ס׳איז שוין דאָרטן געווען ביז עטלעכע טוץ, ער האָט זיי אַ פּאָר מאָל גוט פונאַנט דערגעטרייסלט.

דאָס פאַרפאָלק האָט ער אויך געפאַנגען. אָבער ער האָט עס פאַרזיכטיק צוגעטראָגן צום פענסטער און זיי אַרויסגעוואָרפן אין גאָרטן אַריין. ער האָט געטראַכט: „ליבט אייך, לייגט אייער, לאָזט אַרויס נייע פליגן אויף די וועלט. און איטלעכע פון זיי זאָל זיך אַרויפזעצן אויף אַ נאָז פון אַ יענקי.

ער האָט זיך אומגעקערט צום שרייבטיש און זיך צוריק אַוועקגעזעצט. האָט פאַרזיכטיק אַרויסגענומען איין פליג פון שאַכטל. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שפּיל פון די קינדערישע יאָרן. דעמאָלט האָבן די פליגן מיט זיך פאַרגעשטעלט זיינע לערערס, וועלכע פלעגן אים פייניקן און וועלכע ער האָט אַזוי פיינט געהאַט. און היינט האָט ער זיך ווידער אַזוי געשפּילט.

„דו ביסט יאַנסען", האָט ער געמורמלט. „דו האָסט מיך אַמאָל געשלאָגן, בעת ביסט אַריינגעקומען אין קלאַס — זאַגנדיק, אַז כ׳האָב זיך דיר נישט געגריסט אויפן גאַס. האָסט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז כ׳האָב דיך כלל נישט געזען! וואַרט נאַר, דו!"

ער האָט דער פליג אויסגעריסן איין פליגעלע. „און נאָכדעם האָסטו מיר פאַר מיין אויפגאַבע אָנגעשריבן „נישט גענוגנד״ און קראַמערן „גענוגנד״ — הגם מיר האָבן ביידע וואָרט־בא־וואָרט איבערגעשריבן פון בעסטן תלמיד אין קלאַס. וואָרט אָקאָרשט, וואָרט!״ דידאַזיקע אומגערעכטיקייט האָט געקאָסט דער פליג דאָס אַנדערע פליגעלע און איין פיסל דערצו. דערנאָך האָט ער אויסגעריסן אַ צווייט פיסל און נאָך איינס — אָך, די פליג האָט נישט געהאַט אַזויפיל פיסלעך, כדי אָפּצוקומען פאַר דעם אַלעם, וואָס דער מאַטעמאַטיק־פּראָפעסאָר האָט אים אָנגעטון. ער האָט אַריינגעוואָרפן אין טינטער אַריין דאָס צעקריפּלטע לייב.

ער האָט גענומען די צווייטע פליג. „דו ביסט נאָרטקליף!״ האָט ער געזאָגט. „וואָרט, איך וועל דיר אויסרייסן די ליגנע־רישע פיסלעך! זעקס פיסלעך נאָר — צוויי פליגל דערצו: זעקס טויזנט פיסלעך וואָלסטו באַדאַרפט האָבן!״

ער האָט פאַרטיליקט עדוואַרד גריי, פּואַנקאַרע און קלעמאַנסאָ. אויך דעם צאַר, דעם קעניג אַלבערט, קעניג פּעטער און זיינע יאָמערנדיקע פּרינצן. אַ גאַנץ קליינטשיק פליגעלע האָט ער אויסגעזוכט פאַרן איטאַליענישן קעניג. ס'איז געווען גאַנץ שווער אָפּצוזוכן אירע איינציגע פיסעלעך. אויך דעם מיקאַדאָ האָט ער אויסגעריסן די פיסלעך.

דערנאָך זענען געגאַנגען די אַמעריקאַנער, וועלכע זענען געקראָכן אויף אַלע פיר פאַר ענגלאַנד און אויסגעביטן דייטשיש בלוט אויף ענגליש גאָלד. די ווילסאָנס און לאַנסינגס, די מאָר־גאַנס און שוואַבס — די אונטערהעצערס און שרייערס, וועלכע זענען אים געקומען אויפן זינען, די ד'אַנונציאָס און איבאַנע־זעס, די בעקס און אָקסן. און די אַלע איבעריקע באַצאָלטע מנוולים פון די פראַנקאָ־בריטישע שקרנים אויף ביידע זייטן פון אַטלאַנטיק. אַרויסרייסן די פיס און אין טינטער אַריין!

ער האָט פאַרענדיקט, הגם ער האָט ערשט קוים געהאַט אָנגעהויבן. אַזויפיל האָט מען נאָך געדאַרפט פאַרטיליקן, אַזוי־פיל.

בלויז צוויי פליגן זענען נאָך פאַרבליבן. „דו ביסט פּרינץ קאַקאַדו!״ האָט ער געזאָגט צו דער ערשטער. „ס'וואָלט געווען

אַ צו גרויסער כּבוד, כ׳זאָל דיר אויסרייסן די פיס, דו מוזט דערשטיקט ווערן — פּגרן — אין דיין אייגענעם מיסט!"

ער האָט אריינגעוואָרפן די גאַנצע פליג, ווי זי איז געגאַנגען אין נעשטאַנען, אין טינטער אַריין.

ער האָט אַרויסגענומען די לעצטע פון שאַכטל. ער האָט זיך געקווענקלט: „ווער-זשע זאָלסטו זיין?"

ענדלעך האָט ער זיך אַנטשלאָסן: „דו — דו ביסט אַ דייטשישער דיפּלאָמאַט. דו ביסט נישט געמיין — נאָר געפּעפּערלעך פאַר דער געזעלשאַפט. דו ביסט נישט קיין מנוול — נישט קיין רמאי — ביסט נישט איבערגעקויפט און נישט באַצאָלט, נאָר — אומגעהייער נאַריש ביסטו! פאַר דיר וועט עס זיין אַ גרויסער חסד, אויב כ׳וועל דיך ממיתן — דו פאַלסט דאָך סיי-ווי צו איטלעכער שפּין אין די נעץ אַריין, וועלכע זויגט דיך דאָן לעבעדיקערהייט אויס".

ער האָט צעקוועטשט די פליג צווישן די פינגער און זי אַ שליידער געטון אין טינטער אַריין צו די אַנדערע צו.

ער האָט אויפגעהויבן דעם טינטער, האָט אויסגעגאָסן דעם טינט צוזאַמען מיט די פליגן אין קויש אַריין, אויף די צייטונגען אַרויף.

„כ׳האָב נישט ווייניג זיך אָנגעליטן פון דיר", האָט ער געמורמלט, „אָבער איצט איז עס שוין גענוג!" ער האָט אָנגעקלונגען, און באַפוילן דעם דינער, אַז ער זאָל אַרויסטראָגן דעם קויש און ברענגען אַן אַנדערן.

און ער האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. „שטיי-זשע דיר, נאַרישער קויש, ערגיצוו אין אַ גאַסטצימער, וואָס ווערט נאָר באַנוצט איינמאָל אין דריי יאָר!

„אַדיאָ — הונגער זיך אויס, ביז דו וועסט אַזש גרין ווערן!"

* § *

דערנאָך איז אָנגעקומען דער דירעקטאָר אַנדריי.

שוין אין דער טיר האָט ער אויסגעשריגן: „כ׳האָב געפונען אַ לאָך! א וואונדערבאַר לאָך! דאָס העררלעכסטע לאָך אויף

דער ערד! — גאָט מיינער, איר מוזט עס אָנקוקן, דאָקטאָר, איר וועט זיין אויסער זיך פון התפעלות — פונקט ווי איך! א לאָך - זאָג איך אייך — מענטש, א לאָך —" ער האָט זיך אליין איבערגעריסן: „ווו זענען די דזשעפערסאָנס?"

פראַנק ברוין האָט אים געזאָגט, אַז זיי זענען אַוועקגע־פאָרן אין שטאָט אַריין, אַז די דאַמען וועלן אינאָוונט צוריקקו־מען — ער וועט אַלזאָ מוזן בלייבן איבער נאַכט.

אַנדריי האָט זיך אַוועקגעזעצט. „כ'קום קודם־כל צו די דזשעפערסאָנס — זיי האָבן צוגעלייגט פופצן טויזנט דאָלער בא מיין „לילא־דאָמינאָ"! דערפאַר וועלן זיי זיך איצט קאָנען באַ־טייליקן אין מיין לאָך. צוואָנציק טויזנט זאָלן זיי געבן — פינף מאָל אַזויפיל וועלן זיי אָפנעמען! דאָס דאָזיקע לאָך, הער, מיין לאָך —"

ער האָט פאַררויכערט א שווערן אימפּאָרטאָ־ציגאַר און זיך צוריק אַריינגעזעצט אין דער וויג־שטול. ער האָט ממש גע־שטראַלט און געהאַלטן אין איין דערציילן פון זיין לאָך.

אין ראָקוויל־סענטער געפינט עס זיך — פון ניו־יאָרק אַהין מיט דער באַן פאָרט מען א קנאַפּע האַלבע שעה. א מאָל — מיט א ניין אָדער צען יאָר צוריק — האָט מען דאָרט געוואָלט מאַכן א מין סטאַוו, כדי צו פאַרזאָרגן מיט וואַסער די אַרומיקע געגנט. מ'האָט אויסגעגראָבן א לאָך אויף צוואָנציק מעטער טיף, אַרומגעלייגט דעם באָדן און די ווענט מיט א גע־דיכטער שיכט צעמענט. דערנאָכדעם אָבער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט איז נישט פאַראַן געווען אַזויפיל וואַסער, כדי צו קאָנען אָנפילן דעמדאָזיקן ריזיקן סטאַוו און אַזוי איז עס געבליבן ליגן, דאָסדאָזיקע לאָך.

„אכציק טויזנט מענטשן גייען דאָרט אַריין", האָט אויס־גערופן דער דירעקטאָר. „אכציק טויזנט צום ווייניקסטן, ווייבאַלד זיי וועלן נאָר פאַרפילן צוויי דריטל פון מיין לאָך, און איין דריטל וועל איך איבערלאָזן פאַר א פייערלעכע פאָרשטעלונג. און ווען כ'זאָל אַרומבויען טריבונעס, וואָלט דאַן געקאָנט זיין פּלאַץ פאַר א פערטל מיליאָן מענטשן. עס מאָנט ממש געלט — דאָסדאָזיקע לאָך. ווען איך וואָלט נאָר געוווסט, וואָס

דאָרטן צו אַראָנזשירן — צי האָט איר נישט עפּעס אַ גוטן איינ־פאַל, דאָקטאָר?"

„אפשר וועט איר עס פאַרקויפן פאַר גאַרגאַנטואַ אַלס שפּיי-שיסל", האָט פאַרגעשלאָגן פראַנק ברוין. „דער וועט דאָך מוזן האָבן אַזעלכע, ווען ער וועט אַמאָל אַהערקומען קיין אַמעריקע! אייער לאָך —"

„מיין לאָך איז אַ ממשותדיקער פּאַקט!" האָט אויסגערופן אַנדריי. „דאָס איז לחלוטין נישט קיין וויץ! איך וועל שוין פון אים מאַכן אַ לייט, וויבאַלד כ'וועל נאָר האָבן דערצו דעם נויטיטן קאַפּיטאַל — און דעם וועל איך צונויפקלאַפּן אין קנאַפּע אַכט טעג. מיין לאָך באַטייט די מעגלעכקייט, אַ פערטל מיליאָן מענטשן דאָרט אַוועקצוזעצן — און צוליב דעם אַליין איז שוין ווערט צוויי דאָלער אַ פּלאַץ!"

ער האָט זיך פאַרקלערט און זיך געגלעט די גאָמבע. „אפשר פּאַרסיפאַל!" האָט ער זיך געזשובעט. „פּאַרסיפאַל פאַרן פאָלק! — נאַטירלעך, אַז קיינער וועט נישט פאַרשטיין דעם מינדסטן טאָן צומאָל! אָדער זאָל איך אפשר איינלאַדן בריאַנען, ער זאָל רעדן — נאָר אים קאָן איטלעכער פאַר פיל ביליקער הערן און אפשר גאָר אומזיסט. סוף-כל-סוף וואָלט געווען צום בעסטן אַ באָקסן־קאַמף פון טשעמפּיאָנען — דזשאָנסאָנס רעוואַנש קעגן דזשעם וויליאַרד — ווי מיינט איר? כ'וועל אויפקויפן הונדערט טויזנט לאָרנעטקעס — צו דאָלאַר אַ שטיק, פינף צום פאַרקויף — מחמת אָן לאָרנעטקעס קאָן מען גאָרנישט זען אין דאָזיקן ריזן-לאָך! — און היינט גיט נאָר אַ טראַכט וועגן די פרייזן אין די ערשטע רייען, ווו מ'קאָן זען די קעמפּערס מיטן בלויזן אויג! הונדערט דאָלער, צוויי הונדערט, פינף הונדערט פאַר איטלעכן פּלאַץ! מיין לאָך איז ממש אַ קאַפּיטאַל, אַ פאַר־באָרגענער אוצר, וועלכן כ'מוז אומבאַדינגט אַרויסקריגן!"

ער האָט אַרויסגעלאָזט גרויסע וואָלקנס רויך, און מיט אַ שטראַלנדיקן בליק זיך ווייטער אַנטציקט מיט זיין וווּנדער-לאָך אין ראָקוויל-סענטער. מיליאָנען האָט ער אַרויסגעשלאָגן פון אים.

נאָכדעם האָט ער גענומען רעדן מכוח דער מלחמה, פאַנ־

טאַסטיש און זייער ראָמאַנטיש, רעכענענדיק זיך כסדר מיט די משונה־דיקסטע איבערראַשונגען און גראָטעסקע מעגלעכקייטן.

שוין־זשע האָט ער נישט אַמאָל געשלאָגן באַם פּאָקער־שפּיל קאַרוזאָס פיר טייז? — דאָס איז געווען מעגלעך, דורכויס מעגלעך.

אויב — אויב — און אויב —

אַזוי נחתדיק איז געווען דער שטראַלנדיקער אָפּטימיזם פון דאָזיקן געבוירענעם שפּילער. אַזוי איבערצייגנדיק, אַזוי זי־כער אין ניצחון — אז אַלע „אָבערס" האָבן זיך אַזש פאַר בושה אין די מיידן־לעכער באַהאַלטן.

די אַלע מפּלות אויף מערב און מזרח — אַך! דאָס מאַכט גאָרנישט אויס! איז דען נישט אים אַליין, אין די לעצטע יאָרן אויך עלימזלדיק געגאַנגען מיט אַ סך זאַכן? די אַטלעטן־קאַמפן — דריי פילמען — אַ האַלב טוץ אָפּערעטקעס? זיין אייגן געלט און אויך דאָס געלט פון זיינע פריינט האָט דער טייוול צוגע־נומען —

מיטאַמאָל האָט ער געפונען דאָס לאָך אין ראָקוויל־סענ־טער!

און דייטשלאַנד וועט אויך געפינען זיין לאָך — זיין העל־לעך לאָך — וואָס וועט שלאָגן די קאָרטן פון די אַליאַנטן, און מעגן זיי אפילו צוואַנציק טייז האָבן.

ער איז אויפגעשטאַנען און אָנגעקלונגען. „כ'וועל אריינ־גיין אין מיין צימער אריין", האָט ער געזאָגט, „וועל זיך אַביסל ארומוואַשן און צורעכט מאכן מיין טואַלעט. צי וועלן מיר זיך נישט פאַרן פרישטיק אַביסל דורכשפּאַצירן אויפן ברעג פון ים? — גוט, כ'וועל קומען נאָך אייך".

* *

*

ער איז ארויסגעגאַנגען — און צוזאַמען מיט אים דאָס פּרעכטיקע לאָך. אַלע זיינע שימערירנדיקע „אפשרס" זענען צו־זאַמען מיט אים ארויסגעפלויגן און אַלע שוואַרצע „אָבערס" זענען ארויסגעקראָכן פון זייערע שפּאַרעס. האָבן ארומגעשוועבט און פונאַנדערגעשפּרייט זייערע אומגעזעענע פליגל.

פראַנק ברוין איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער און אַרויסגעקוקט אויפן ים.

„און אויב ס׳װעט פאָרט זיין אַנדערש! — אויב ס׳וועט פאָרט זיין אַנדערש?!״ האָט ער געמורמלט.

* * *

ערשט שפעט אינאַוונט זענען צוריקגעקומען די דאַמען. דער דירעקטאָר אַנדריי האָט זיי כמעט קיין צייט נישט גע־לאָזט אויף אויסצוטון די היטן; ער האָט ממש געברענט, גע־מוזט פאַרפלאַמען אַלץ, וואָס האָט זיך געפונען אַרום אים.

ער איז געווען זייער באַליבט בא די דזשעפערסאָנס, פונקט אַזוי ווי אין אַנדערע פאָרנעמע הייזער — איטלעכער פון זיי וואָלט אים געגעבן געלט אויף די נאַרישסטע אָפּערעטקע.

דאָסמאָל האָט זיך געכאַפּט פרוי אַליציע. דאָסדאָזיקע לאַנד — אָט דאָס ריזן־לאַנד אין ראָקוויל־סענטער — דאָסדאָזיקע לאַנד, וואָס איז דאָרט געלעגן און אַרויפגעגעניצט צום הימל — דאָס האָט געמוזט איטלעכן אַמעריקאַנישן מוח אין התפעלות אַריינ־ברענגען. און ווען ס׳וואָלט צומאָל מער גאָרנישט געווען, ווי נאָר דאָס איינע: עס איז — גאַראַנטירט! — דאָס גרעסטע לאַנד אין דער וועלט!

דאָס גרעסטע לאַנד — דאָס האָט אַמעריקע געמוזט האָבן — קלאָר ווי דער טאָג! שוין דערפאַר האָט מען זיך געדאַרפט דערמיט פאַראינטערעסירן: דאָס איז געווען די יענקישע שוואַכ־קייט. אַליציע דזשעפערסאָן איז אריין אין התלהבות, האָט אַליין געמאַכט פאָרשלאָגן, וואָס מ׳זאָל נעמען טון מיטן דאָזיקן וואונדער־לאַנד.

א שעקספּיר־פאָרשטעלונג?! ניין, דאָס וואָלט זיך נישט איינגעגעבן — דערויף איז שוין צו שפעט. שוין־זשע איז נישט פאַראַן עפּיס אַנדערש, וועמען מ׳זאָל קענען באַערן מיט אַרויס־שטעלן זיינס אַ ווערק? אפשר קאָן מען דידאָזיקע אָזערע אָנ־פילן מיט וואַסער און אָפּדינגען די דייטשע אונטערוואַסער־שיף, וואָס איז אָנגעקומען קיין נאָרפאָלק. מ׳וואָלט געקאָנט איינאָר־דענען אַ מלחמה־שפּיל, דידאָזיקע שיף וואָלט זיך געקאָנט אונ־

שערטוקן און צוריק ארויפשווימען, וואָלט געקאָנט א פּאָר אנ־דערע דאמפערס ארונטערשיסן. אָדער ס'זאָל אפשר פאָרקומען א קאמף מיט א הידראָפּלאַן?

ניין, דאָס וואָלט צו טייער געקאָסט — מ'האָט דאָך גע־וואָלט גאָלד ארויסקריגן פון דאָזיקן לאָך — און נישט נאָך ארייַנשיטן דערין!

זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אנטשליסן. אָבער זיי האָבן זיך מיט ברען בּאראַטן, וואָכ צו טאָג. פּרוי דזשעפערסאָן האָט געוואָלט ווייניקסטנס די העלפט פון נויטיקן קאפּיטאל ארייַנ־לייגן — און דער דירעקטאָר האָט נישט געוואָלט אייַנגיין דע־רויף. ער האָט געהאַט נאָך אנדערע פריינט — זיי האָט ער אויך געמוזט פאַרזיכערן אַן אָנטייל אין דערדאָזיקער גרויסאַרטיקער אונטערנעמונג. פאַר פופציק טויזנט וועט ער איר פאַרקויפן אַקציעס — דאָס וועט זיין א פינפט־חלק פון אומגאַנגס־קאַפּי־טאַל — מערער קאָן ער איר נישט אוועקגעבן, באמת נישט —

— איווי איז צוגעקומען, ארויפגעלייגט איר האַנט אויף פראַנק ברוינס אַקסל און אים א ווינק געטון. ער איז איר נאָכ־געגאַנגען אין צווייטן צימער אריין.

זי האָט געזאָגט: „צי ווייסטו נאָכוואָס דער פּאַפּאַ האָט מיך געהייסן קומען אין שטאָט אריין? — דער פירשט פון סטרעטפאָרד האָט מיין האַנט געבעטן!"

„וואָס־זשע האָסטו אים געענטפערט?" האָט ער געפרעגט.

„אַז איך דאַנק האַרציק", האָט זי זיך צעלאַכט. „אז כ'בין שוין פאַרזאָרגט קודם־כל, אַז כ'האָב דיך און בין נאָך דערווייַ־ליק גאַנץ צופרידן פון דיר".

זי האָט ארויפגעצויגן די ליפּן, א פייַכטער גלאַנץ איז געלעגן אין אירע אויגן. „כ'האָב אים געזאָגט נאָך עפּעס, אַז ער זאָל זיין געדולדיק, אַז — אפשר, בלויז אפשר — אויב כ'וועל זיך פאַרט אין דיר אַנטוישן — וועל איך דאַן — שפּע־טער — וועגן אים א טראַכט טון".

„אַזוי האָסטו אים געזאָגט?" האָט ער געשעפּטשעט.

זי האָט געענטפערט: „יאָ — וואָרט־בא־וואָרט אַזוי. ווייסטו שוין בכן — אַז כ'בין — אויף יעדן פאַל — געזיכערט".

* * *

ער האָט אַרומגעשפּאַנט מיט גרויסע טריט איבער זיין צימער, און געוואַרט אויף איווי. ער האָט זיך געוואָלט מיט איר דורכרעדן נאָך היינט באַנאַכט. ער האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל צו אים אריינקומען אויף אַ פערטל שעה צייט.

„אַלזאָ דער פירשט סטרעטפאָרד — האָט ער געטראַכט באַ זיך. דאָס איז געווען די ארבעט פון דער ענגלישער אַמבאַסאַדע אין וואַשינגטאָן, נאָכמער אָבער פון דעם גענעראַל-קאָנסול. זיי זענען געווען פלאַימדיק, דידאַזיקע ענגלענדער, האַרטנעקיק און פאַרביסן, האָבן קיינמאָל נישט אויפגעגעבן דעם שפּיל. ער, פראַנק ברוין, איז געווען איוויס חתן — און ס'האָט גאַנץ גוט געוווּסט דער ענגלענדער, אַז נישט ער, נאָר זי אַליין האָט צוגעפירט צו די תנאים. אָבער דער קאָנסול האָט שוין פון גאַנץ לאַנג געקענט די דזשעפערסאָנס — האָט גוט געקענט די אונטערוואַקסנדיקע איווי. איר ליבע איז געווען אַ קאַפּריז — אַ טיף איינגעוואָרצלטער אפשר, אָבער פאָרט נאָר אַ קאַפּריז. ער האָט גוט געוווּסט, וואָס ער טוט, בעת ער האָט איר אָנגעוואָרפן דעם פירשט סטרעטפאָרד.

פירשטין מאַנטשעסטער איז געווען פון דערהיים צימער-מאַן; ליידי קערזאָן, וויצע-קעניגין פון אינדיע, איז געווען פון הויז לייטער, און איר שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיטן פירשט סעפאָלק. מאַי זשעלעט איז געוואָרן פירשטין ראָקסבורג, מאַר-גאַריט דרעקסעל וויצע-גרעפין מעדסטאָן, וויוויאַן גאָלד — ליידי דעסיס א. א. וו. ענגלישע אַריסטאָקראַטיע: דאָס איז געווען דער חלום פון אַלע געלדזעק-דאַמען אין יענקי-לאַנד.

און אָט דער פירשט סטרעטפארד איז געווען ווי באַשאַפן פאַר א העלד. פריוויליקער אין פלאַנדריע, דערנאָך לייטענאַנט, קאַפּיטאַן, שווער פאַרוווּנדערט און באַצירט מיטן וויקטאָריע-קרייץ. אַ העלד. אַחוצדעם איז ער געווען פון דער בעסטער פאַמיליע. שלאַנק, גוט געבויט, בלאָנד און בלאָ-אויגיק, גוט דערצויגן און מיט זייער פיינע מאַנירן. א ליבער, לייטישער יונגערמאַן, גוטמוטיק און באַשיידן, סימפּאַטיש פון ערשטן אָנ-בליק אָן. מ'האָט אים אריבערגעשיקט אלס אַטאַשע אין דער אַמבאַסאַדע — און גאַנץ זיכער מיט דער כוונה, אַז דער יינגער העלד זאָל מיט זיך אַהיימברענגען עפּעס אַן אַמעריקאַנישן ריזן-

פאַרמעגן. דאָס האָט צוגעבן אַ פרישן גלאַנץ דעם אוראַלטן נאָמען פון די סטרעטפאָרדס און וועט צוגלייך פאַרזיכערן ענג-לאַנד אַ יערלעכע שטייער=הכנסה.

דריי קליינע חסרונות האָט ער געהאַט. אַן עטוואָס שטייפן לינקן פיס פון אַ דייטשישער קויל; אחוצדעם פלעגט ער זיך אביסל פאַרהיקען, בעת ער איז געווען אויפגערעגט. און איז אויך געווען נישט קיין גרויסער חכם.

אָבער יעדער פון די דאָזיקע חסרונות איז טאַקע געווען גאָר ווי געוווּנטשן פאַר אַ פרוי פון איוויס שניט; אויב איר גאָלד האָט שוין אויסגעגלייכט דעם יחוס=אונטערשיד, האָבן די-דאָזיקע קליינע פעלערן איר פאַרזיכערט אַ געוויסע העכערקייט איבער אים. זייענדיק אין זיין גיין, רעדן און דענקען אַביסל לאַנגזאַם און געשטערט, האָט ער געקאָנט ווערן אַ גאָר באַק=וועמער מאַן. פאַראָרימט דערצו און צוגעוווינט צו יעטוועדן לוקסוס, וואָס פאָדערט עשירות, געלט — און וואָס זי וועט זיכער פון דער האַנט נישט אַרויסלאָזן — וועט ער ווערן אינ-גאַנצן אָפּהענגיק פון איר. זי ווידער וועט האָבן פרייע הענט פאַר אירע משונהדיקסטע קאַפּריזן, און וועט זיך קענען אויס=לעבן אויף איר אייגענעם שטייגער אין גרעסטן שלום ושלוה.

פראַנק ברוין האָט געלאַכט. ס'איז געווען קלאָר ווי דער טאָג: אין פאַרגלייך מיט אים איז הערבערט סטרעטפאָרד געווען דער צענמאָל בעסערער מאַן פאַר איווי, ער איז געווען אַ דייטש — סתם עפּעס אַ מענטש. ער האָט נישט געהאַט קיין אַדל-נאָמען, נישט געווען קיין העלד. ער איז געווען קאַפּריזנע, און גע=לאָזט זיינע קאַפּריזן גאַנץ האַרט אָפּפילן דער סביבה זיינער. ער האָט אפילו געקאָנט האָבן גאַנץ פיינע מאַנירן, געקאָנט זיין ליבנס=ווערדיק, ווען ער האָט גראָד געהאַט זיין גוטן טאָג—פיל מערער ווי דער ענגלענדער. אָבער ער איז געווען אומדערטרעגלעך און נישט צום דולדן שוין אויפן צווייטן טאָג — אָפּשטויסנדיק ווי אַ היסטערישע פרוי. אַזאַ איז דער אַנדערער קיינמאָל נישט געווען.

ער וואָלט פשוט געווען אַן אומדערטרעגלעכער מאַן. קיין פרוי וואָלט מיט אים נישט אויסגעהאַלטן — אָדער ער אויך מיט קיינער. און דאָס איז סוף=כל=סוף אַלציינס.

און קראַנק איז ער געווען, קראַנק. יענער אָבער איז געווען זייער געזונט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט, האָט אַרויסגערוקט דאָס שופלעדל פון נאַכט-טישל — דאָרט איז געשטאַנען זיין אַפטייקל, ער האָט אָפּגערוקט די שוואַרצע ביבל — אין וועלכן נאַכט-טישל האָט זיך דאָס נישט געפונען קיין ביבל אין דאָזיקן לאַנד? — און אַרויסגענומען זיינע שאַכטלעך און פלעשלעך.

דאָס אַלץ האָט ער נאָכאַנאַנד געשלונגען און איינגעשפּריצט שוין זינט חדשים לאַנג. סטריכנין, אַרסעניק, לאַודאַנום, הערויִן, אַטראָפּין, מעסקאַל, קאָקאַין. אַלץ האָט געהאָלפן אויף אַ קורצע ווײַלע, קיינס נישט אויף לענגער. זיין געזונט-צושטאַנד איז געווען אַ נישט קלאָרער, במשך פון דער צייט, און כמעט תמיד דערזעלבער — דידאָזיקע מאַטע לערקייט, דער אַנעמישער קאָפּשווינדל איז געוואָרן אַ דוויערנדיקע, זעלבסט-פאַרשטענדלעכע זאַך. וואָס אַן אמת, האָט ער זיך געקאָנט פאַסן — און ער האָט עס טאַקע געטון איטלעכן טאָג — האָט געקאָנט זיך גופא און אַנדערע אָפּנאַרן, אַז ער איז געזונט, פונקט ווי זיי, און דורכויס נאָרמאַל.

ווי לאַנג האָט עס אַזוי געקאָנט אָנהאַלטן, ווי לאַנג נאָך? דאָס האָט זיך אַזוי געשלעפּט אָן אַ סוף, נישט געוואָרן ערגער, נישט בעסער, געבליבן ווי געווען. דאָס איינע האָט ער געפילט: אַז אויב לאָטע וואָלט נעס האָט טאַקע אויף אים געבראַכט דידאָזיקע נאַרישע קרענק, אויב זי האָט פון אים אויסגעצויגן דעם גאַנצן ווילן און געמאַכט פון אים אַ פּאַיאַץ, טאָ איז זי עס דאָך געווען, וואָס האָט געקענט דעם סוד, ווי דאָס שנירל צו ציען, כדי ער זאָל נעמען לוסטיק טאַנצן און זיך פילן געזונט אויף גאַנצע וואָכן אַרויס. די קליינע איווי האָט נישט געהאַט קיין אַנונג דערפון.

מיט איר אָבער האָט ער געזאָלט התונה האָבן — גראָד מיט איר. אָ, יאָ, ער האָט זי גאַנץ האָלט געהאַט, און זי כמעט ליב געקריגן מיט איטלעכן טאָג מערער. זי האָט זיך געקאָנט אַזוי גוט צולאַשטשען, און ס'איז אים געווען אַזוי ליב צו ווערן דורך איר געפּיעסטעט. און פונדעסטוועגן האָט אים גאָרנישט געצויגן צו איר, ער האָט קיינמאָל נישט געזען אין איר די פרוי. זי איז

געווען זיין קליינער חבר, און ער האָט זי ליב געהאַט, ווי זיין שפילצייג, ווי זיין הונט.

שוין-זשע? אפילו אַזוי נישט. בעת מ׳האָט געהאַט איבער־געפאָרן זיין פודעל, האָט ער אַליין די שווערע חיה אַהיימגע־טראָגן און אַ גאַנצע נאַכט ביי איר געוואַכט. האָט איר אַליין אַריינגעשפריצט ציאַנקאַלי אין סאַמע האַרץ אַריין, ווען דער וועטערינאַר האָט דערקלערט, אַז דער חוט־השדרה איז צע־בראָכן. ער האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דער גוססדיקער חיה און זי געהאַלטן אויף די אָרעמס ביז צו דער לעצטער רגע. ער האָט דעם הונט באַגראָבן, פאַרדעקט מיט ערד, פאַר־פלאַנצט אַ גרויסע יוקאַ דערויף. געוויינט —

שוין-זשע וואָלט ער געוויינט, ווען איווין זאָל זיך טרעפן עפעס אַן אומגליק — מאָרגן אַ שטייגער? — ניין, ניין — פיל נענטער איז אים געווען זיין ליבע חיה.

אָבער אפילו דאַן — ווען ער וואָלט זי געליבט און באַ־גערט מיט אַלע זיינע נערוון — וואָס־זשע וואָלט דאָס געענ־דערט!? אין דער קירצסטער צייט וואָלט דידאָזיקע חתונה גע־מוזט פונאַנדערפאַלן אויף פיצלעך — ס׳וואָלט זי נאָר געקאָנט דערהאַלטן די אַנגלאָ-זאַקסישע לעבנס-חכמה: קיינזאַך נישט זען, קיינזאַך נישט, און איטלעכן שקר האַלטן פאַר אַ גרויסן אמת.

וואָס אַן אמת — נישט פאַר זיינעטוועגן האָט ער גע־דאַרפט דערווערבן איווי דזשעפערסאָן. נאָר דערפאַר, כדי איר פאַרמעגן צוצושאַנצן די דייטשן — פונקט אַזוי ווי ס׳האָט גע־דאַרפט דינען ענגלאַנד, ווען איווי וואָלט דעם פירשט גענומען. און כדי דער גרויסער דזשעפערסאָן-טרעסט זאָל בלייבן נייטראַל, און נישט מיטמאַכן דעם שטורם-אָנגריף קעגן דייטשלאַנד. דע־ריבער האָט ער פאַרקויפט דער קאַפּריזנער איווין זיך אַליין, אַ האַלבן בר-מינן.

ער האָט זיך איבערגעקלערט: סוף-כל-סוף איז דאָס די איינציקע גוטע זאַך. איך מוז דערפירן דערצו, אַז דאָסדאָזיקע געלט זאָל בשום אופן נישט ווערן אויסגענוצט אַקעגן דייטש־לאַנד. דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים באַרויקט און דערוואַ־רימט —

אָדער אייגנטלעך: נישט דערדאָזיקער געדאַנק. אָן אַנדע־רער פיל מער: לאָמע לעווים אויגן האָלטן אויפגעשיינט, ווען זי זאָל וויסן, וואָס ער האָט געפילט אין דערדאָזיקער רגע. דאָס איז עס געווען —

* *
*

אַלץ האָט ער געזאָגט דער קליינער איווי. זי האָט אויס־געהערט רויק, שטיל און געדולדיק. נאָכדעם האָט זי זיך אָפּ־גערופן: „יאָ — ס'קאָן זיין".

„און אַלזאָ?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט צוגענענט צו אים. זיך אָנגעזעצט אויף זיינע קני, האָט אים אַרומגענומען מיט ביידע אָרעמס פאַרן האַלז.

„הער זיך איין!" האָט זי אָנגעהויבן. „אפשר וועל איך זיין אַזעלכע — ווי דו זעסט עס פאַר — אפשר שוין אין עטלעכע חדשים אַרום. הייגט בין איך עס נאָכנישט. בין נאָך — אַ מיידל, האָב נישט געקושט נאָך קיינעם — פאַר דיר! איך האָב דיך ליב, אָ, יאָ, — ווי ווייט איך קען. איך וויל דיך —"

זי האָט אים גענומען גלעטן איבער די האָר האַסטיק און נער־וועז. „דו גיסט מיר עפּעס אַזוינס — כ'ווייס נישט וואָס — אָבער כ'וויל נאָכמער דערפון. כ'ווייס, אז דו האָסט עס געגעבן איך אַנדערע פרויען — אַ סך פרויען — פונדעסטוועגן וויל איך עס. דער פירשט — און די אַנדערע מענער, וועלכע איך קען — זאָגן מיר גאָרנישט — גיבן מיר גאָרנישט. כ'בין קאַלט און קיל — און כ'ווער נאָך קילער, ווען כ'בין מיט זיי צו־זאַמען. בא דיר דערוואַרעם איך זיך. דו מאַכסט מיך באַגערן אַזוינע זאַכן — וועלכע — — דאָס איז עס! דער־פאַר וויל איך דיך!"

אירע פינגער האָבן געציטערט, בעת זי האָט אויפגע־שפּיליעט צוויי העקעלעך. זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, אַריינ־געטון זי אין איר בלוזע אונטער דעם העמד. „צי פילסטו, ווי מיין האַרץ קלאַפּט!" האָט זי געשעפּטשעט. „און דו — דו? צי בין איך פאַר דיר גאָרנישט — גאָרנישט?"

איר קליינע ברוסט האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין האַנט חייך און וואַרים, און ער האָט געשפירט דאָס פולסירן פון איר בלוט.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. דאָס איז געווען אמת, איר בלוט האָט געשלאָגן אָן זיינע אָדערן -- גלייך ס'וואָלט וועלן אריינדרינגען אַהין. און פּאַוואָליע, זייער פּאַוואָליע האָט ער דערפילט ווי אַ וואַרימער שטראָם האָט אים דורכגעריזלט אין לייב. זייער שוואַך קוים, זייער שטיל. גלייך ווי ס'וואָלט — ענדלעך ווידער — אויך אין זיינע אָדערן וואַרים בלוט געפלאָסן —

„דאָך —" האָט ער געזאָגט, „דאָך, איווי — אפשר איצטער —"

זי האָט צוגעטוליעט איר האַלז צו זיינעם, האָט אונטערגעהויבן דאָס קעפל און אים איינגערוימט אין אויער אַריין: „איך בין אַזוי נאַריש, אַזוי אומגעשיקט. די וואָן נעס איז געווען קלוג — זי האָט געקענט פייער פון דיר אַרויסשלאָגן. איך וויים גאָרנישט — העלף מיר צו, זאָג מיר — ווייז מיר — כ'וועל טון אַלצדינג, וואָס דו וועסט נאָר וועלן".

ער האָט געטראַכט: „זיי מיר אַ צודעק. לייג זיך אַוועק, דו בלאָנד קינד, גאָר נאַקעט אויף מיין נאַקעטן לייב, הילל מיך איין, דעק מיך אַרום — אַז כ'זאָל שפירן אומעטום דאָס לעבן פון דיין יינגן קערפּער. און דיין בלוט — דיין רויט בלוט. אָבער שטיל, שטיל — ריר דיך נישט. — און ווייטער גאָרנישט. דו הערסט — גאָרנישט, גאָרנישט".

אָבער ער האָט עס נישט געזאָגט. האָט נאָר געלאָזט זיינע פינגער זיך דערוואַרימען אָן איר קלאַפּנדיק האַרץ.

„ווילסטו אַלזאָ נישט דעם פירשט?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט האַסטיק אַוועקגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין", האָט זי אויסגערופן, „איך וויל דיך!"

ער האָט געזאָגט: „זאָג-זשע מיר צו, איווי, אַז — אויב — אויב —" ער האָט זיך באַפרייט פון איר אַרומהאַלזונג און איז אויפגעשטאַנען.

„אויב —" האָט ער ווידער אָנגעהויבן. „זאָג מיר צו, אַז — וואָס ס'זאָל נישט געשען — אַז דו — און דיין פאָטער,

און דיין פּאַטערס געלט — אַז איר וועט קייגמאָל קיינזאַך נישט טון — קעגן דייטשלאַנד".

איר שטים האָט געקלונגען קאַלט: „דאָס איז די הויפּט-זאַך!" האָט זי געחוזקט.

„יאָ", האָט ער אויסגערופן, „יאָ — יאָ! איך מוז זיך דערפון באַפרייען, און מוז האָבן די זיכערקייט איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַז — אַז, ווען כ'זאָל דיך — זאָגסטו מיר צו?"

זי האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען און אויסגעשטרעקט די האַנט צו אים. „יאָ" האָט זי געזאָגט.

ער האָט זיך געקווענקלט. אַזוי שנעל, אַזוי גלייכגילטיק, האָט זי אַרויסגעזאָגט דעם „יאָ". זי האָט עס צוגעזאָגט. אוודאי — און וואָלט דערנאָך געלאַכט פון דאָזיקן צוזאָג.

דאַן איז אים געקומען אויפן געדאַנק די ביבל, איז זי דאָך אַ יענקי-מיידל — און פאַר זיי האָט די ביבל געהאַט גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג. און היות ווי ס'האָט — טראָץ אַלעם — אין איר געטליעט אַ פונק מיידלשער געפיל, האָט אויך געמוזט, בירושה אָדער דורך דערציונג, שטעקן אין איר אַ געוויסער יראת-הכבוד פאַרן דאָזיקן ספר. עפּעס אַ קליי-נער פחד, א מין רעספּעקט, אן אומפאַרשטענדלעכע ערפאַרכט.

„קום", האָט ער געזאָגט. ער האָט זי אָנגענומען בא דער האַנט און אַריינגעגאַנגען מיט איר אין איר שלאָפצימער. האָט אַרויס-גענומען די ביבל און איר דערלאַנגט.

זי האָט געעפנט די ביבל. „דאָס איז מיינע!" האָט זי געזאָגט. „כ'האָב זי באַקומען בעת מיין קאָנפירמאַציע. די מאַמע האָט זי דאָ פאַר דיר אָוועקגעלייגט; מ'זאָגט, אַז דאָס ברענגט גליק!"

„טאָ זאָל עס ברענגען גליק!" האָט ער אויסגערופן. שווער מיר צו בא דיין ביבל, אַז דו וועסט דיין צוזאָג האַלטן!"

זי האָט ראש אַוועקגעלייגט דאָס בוך פון דער האַנט.

„אַלמאַי שווערן?" האָט זי זיך אָפּגעענטפערט. אַלמאַי —"

ער דאַט זי גוט באַאָבאַכט — אָ, יאָ, דערויף האָט מען זיך שוין געקאָנט פאַרלאָזן: דידאָזיקע שבועה וועט זי האַלטן! און האָט זי געמעגט דערנאָך אַפילו מיטן פירשט חתונה האָבן! —

זי האָט ווידער גענומען די ביבל און האַלטנדיק זי פעסט אין דער האַנט, האָט זי געזאָגט: איך וועל דיר צושווערן — נאָר מיט איין תּנאַי".

"מיט וואָס פאַרא תּנאַי?" האָט ער געפרעגט.

"אַז—דו זאָלסט מיט מיר חתונה האָבן — שוין איצטער!"

"שוין?" האָט ער געזאָגט. "דאָס איז דאָך געווען פעסט אָפּגעמאכט צווישן אונז — אויפן בפירושן פאַרלאַנג פון דיין פאָטער — אַז ערשט נאָכן שליסן שלום!"

"כ'ווייס דערפון!" האָט זי האַסטיק אויסגערופן. "אָבער דעמאָלט האָב איך געמיינט, אַז אייער נארישע מלחמה וועט בלויז דויערן נאָך אַ פּאָר חדשים. היינט ווייס איך, אַז ס'איז געווען אַ שטות — דאָס נישט דערשאַצן אייער אייראָפּעישע נאַרישקייט. איר, דייטשן, וועט קיינמאָל ענגלאַנד נישט צעשלאָגן — און די אַליאַנטן ווידער וועלן נאָך דאַרפן גאַנצע יאָרן קעמפן, כּדי אייך בייצוקומען. אָבער אַלעמענס נאַרישקייט איז אַזוי גרויס, אַז קיינער קען דאָס נישט משיג זיין". זי איז צוגעגאַנגען הארט צו אים און אים אַריינגעקוקט גלייך אין די אויגן אַריין. "איך וויל מער נישט וואַרטן! כ'בין אַלט צוואַנציק יאָר. איך — ברויך — אַ מאַן — דו הערסט?".

זי האָט אים דאָס אַ שליידער געטון אין פּנים אַריין און זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט דער לינקער האַנט. זי האָט געלאַכט און געשלאָכצעט.

"איך בין אומפאַרשעמט —" האָט זי געשעפּטשעט. "יאָ! יאָ! דו צווינגסט מיך דערצו. איך קאָן נישט לענגער וואַרטן — איך וויל דיך!"

ער האָט נישט געענטפערט, האָט זי נישט גענומען אין די אָרעמס און זיך נישט גערירט צומאָל.

זי האָט אים ווידער אָרומגענומען. "אין אַ וואָך אַרום קאָנען מיר זיין אַ פּאָרפאָלק, אויב דו ווילסט! כ'וועל דיר צושווערן — און מיין שבועה וועט גילטיק זיין פון דער רגע אָן, ווען — ווען—

"ווען פּאַסטאָר קלערק וועט אונז זיין ברכה געבן!" האָט ער פאַרענדיקט, דערדאָזיקער גלח וועט עס דאָך מסתּם זיין, מחמת ער

האָט באַ דיינע עלטערן אויך מסדר קידושין געווען".

„יאָ", האָט זי אויסגערופן, „ער וועט עס טאַקע זיין. אָבער נישט פון דעמאָלט אָן זאָל מיין שבועה גילטן. מאָיד פאָופ, מיין קוזינע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַראַיאָרן מיטן שיינעם דאָוגלאַס — האָלט זיך איצט באַ גטן מיט אים — ווייל — אָך — ווייל ער האָט זי נישט אָנגעריירט במשך פון דער גאַנצער צייט! אַזוי — וויל איך נישט חתונה האָבן. מיין שבועה וועט דאַן זיין גילטיק, אויב — ווידער האָט זי אָפגעהאַקט אין איבערגעחזרט איר „אויב", זוכנדיק אַן אויס-דרוק. זי האָט אַ קלאַפּ געטון מיט דער ביבל אָן טיש און הויך אויסגערופן: „כ'וויל עס זאָגן — און זאָל עס קלינגען, ווי עס וויל. מיין שבועה וועט דאַן זיין גילטיק — ווען כ'וועל מער קיין מיידל נישט זיין — דורך דיר".

אירע אויגן האָבן געפינקלט, די נאָזלעכער האָבן געצוקט. בלוט איז אין איר געפלאָסן — בלוט!

„שווער-זשע!" האָט ער אויסגערופן, „כ'בין מסכים!"

זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, האָט זי אוועקגעלייגט לעבן אירער אויפן שוואַרצן ספר. כ'שווער דיר איבער מיין ביבל — באַם אַלמעכטיקן גאָט".

ענדלעך האָט זי עס אַרויסגעזאָגט. און ער האָט דער-גרייכט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט. זיין גאַנצע געשפּאַנטקייט איז ערגיץ נעלם געוואָרן און ער האָט געלאָזט זיינע אָרעמס אומכמעכטיק אַראָפּזינקען.

זי האָט דאָס נישט באַמערקט. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און האָט זיך ווידער צו אים צוגעטוליעט. „איצטער בין איך דיין כלה", האָט זי געזאָגט, „איצטער בין איך דיר — אינגאַנצן נאָענט".

ער האָט זיך געצוווּנגען איר האַנט צו גלעטן. „יאָ", האָט ער געזאָגט, „זייער נאָענט".

זי האָט געשעפּטשעט: „אויב דו ווילסט — קאָן שוין פון היינטיקער נאַכט אָן מיין שבועה גילטיק זיין. אויב דו ווילסט — וועל איך באַ דיר פאַרבלייבן".

„ניין, ניין!" האָט ער אויסגערופן. „מאָרגן, מאָרגן, אָדער אַן אַנדערש מאָל — היינט נישט!"

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי.

„כ'בין פאַרמאַטערט, איווי", האָט ער געזאָגט. „כ'פאַל שיעור נישט פון די פיס פאַר מידקייט. גיי איצט אַוועק, כ'בעט דיך, גיי אַוועק!"

זי האָט צונויפגעפּרעסט די ליפּן. האָט אים לייכט אַ קוש געטאָן און איז אויפגעשטאַנען.

„אַ גוטע נאַכט!" האָט זי געזאָגט. „כ'וועל טרוימען וועגן דיר — ווי איטלעכע נאַכט. אינגיכן —"

נאָך איין האַסטיקער קוש — דערנאָך איז זי אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געהערט אירע לייכטע טריט, געהערט די טיר שטילערהייט צומאַכן.

ער איז געבליבן אַליין —

* *

*

א שטים האָט געזונגען. ערגיצוווּ איז עס געווען — יאָ, אין יוין — מיט יאָרן צוריק. אַ שטים האָט געזונגען: מאַריעס שטים. זי איז דאַן געווען זיין כלה.

דאָס איז געווען צום געזעגענען. ער האָט געזאָלט צוריקקומען אין דריי וואָכן אַרום, דערנאָכדעם האָט געזאָלט פאָרקומען די חתונה. אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז צו דער דאָזיקער חתונה וועט ער נישט קומען, קיינמאָל נישט.

איר שטים האָט אים געזונגען. די לידער פון פּעטער קאָרנעליוס. איינס נאָכן אַנדערן — אַלע.

„נו, ליבסטער, קום אַהער און געזעגן זיך — מאָרגן איז נאָך אויך אַ טאָג — מאָרגן — מאָרגן — —

ניין, ניין! האָט ער געפילט. מאָרגן נישט און שוין קיינמאָל נישט!

„מיך האָט געחלומט פון אַ מירטנבוים —" האָט זי געזונגען. און ווידער: „אָך, ליבסטער, ווי לאַנג וועט עס נאָך אָנהאַלטן?"

ווי איווי, האָט ער געטראַכט, פּונקט ווי איווי.

און פאַרט — ווי אַנדערש!
אזוי פשוט איז אַלץ געווען בא דעמדאָזיקן וונדער-קינד. אַזוי נאַטירלעך, אַזוי שטיל. און איינמאָל בלויז האָט זי אַרויס־געזונגען דאָס, וואָס זי האָט געפילט — דאַן ווען ער האָט זיך מיט איר געזעגנט.

יענע האָט געזונגען, איווי האָט גערעדט. דער גאַנצער אונטערשייד פוןביידע וועלטן איז דערין געלעגן.

ער איז דעמאָלט נישט צוריקגעקומען. ער האָט זיך אוועק־געלאָזט אין דער וועלט אַריין איינער אַליין. ער האָט איר גע־שריבן, אַז דאָס איז געווען אוממעגלעך — לחלוטין אוממגלעך.

זי האָט געהאַט אַ זייער שיינעם קליינעם רעוואָלווער, באַזעצט מיט פּערלמוטער. דעם האָט זי גענומען —

פאַרוואָס איז עס דען געווען אוממעגלעך, פאַרוואָס? און פאַרוואָס האָט זי געמוזט גלייבן אין די אַלע פראַזן, וועלכע ער האָט געשריבן? הלמאַי איז זי אים נישט נאָכגעפאָרן, הלמאַי האָט זי נישט גענומען דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט?

קיינזאַך האָט אים אַזוי נישט פאַרטריבן, ווי עפּעס אַ נעפּלהאַפטער טרוים וועגן פרייהייט. דערום האָט ער פאַרלאָזן זיין שיינע כלה, איבערגעלאָזט דאָס געלט אירס און זיך אָפּגע־זאָגט פון לוקסוספולן לעבן. אַ שוטה איז ער דאַן געווען, ווי תמיד, אגב.

איווי אָבער האָט אים פעסט געהאַלטן — זי האָט אים אָפּגעקויפט און פאַרהאַלטן די סחורה, פאַר וועלכע זי האָט באַ־צאָלט. אַט-די וואָלט זיך קיינמאָל נישט געכאַפּט פאַרן רעוואָל־ווער -- זי נישט. זיין גוף האָט זי געקויפט און דעם וועט זי האָבן.

אין אַכט טעג אַרום — אָדער — פריער נאָך.
ער איז אויפגעשפרונגען. ער מוז דאָס אָפּרוקן אויף שפּע־טער. מוז — געווינען צייט.
ער האָט קיין פרוי נישט באַרירט, זינט ער האָט זיך ס׳לעצטע מאָל געזען מיט לאָטע. נישט מחמת ער איז געווען פאַרקנסט — אָך, דאָס וואָלט אים כלל נישט געשטערט צו האָבן אַלע נאַכט אַן אַנדערע.

עפּעס אַנדערש איז עס געווען. אַ געפיל פון מורא — און אויך אַן עקל. ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון — דאָס האָט געמוזט זיין אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין קראַנקייט. בעת ער פלעגט זען איווי אָדער עפּעס אַן אַנדערע פרוי — האָט ער זי נישט באַגערט. טיילמאָל נאָר פלעגט ער אויפצאַפּלען פון עפּעס — ווי אנומלטן בעתן קאָנצערט פון דער פּאַרסטין. ס'איז אים פּאַרגעקומען, ווי ער וואָלט עפּעס פאַרלאַנגט פון דערדאָזיקער פרוי — עפּעס גאָר ווילדס און משונה־דיקס. אָבער ער האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וואָס ס'איז אַזוינס געווען — גאָר איינס איז זיכער, אַז קיין ליבע איז עס נישט געווען.

ווען איווי וואָלט ביי אים געווען געבליבן היינט באַנאַכט — שוין באַם דאָזיקן געדאַנק אַליין האָט אים אַ גרויל דורכגענומען. אפשר וואָלט ער זי רוי אָפּגעשטויסן, און זי ברוטאַל אָנגעשפּיגן. אפשר וואָלט ער אויך זיך אַליין גובר געווען — מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין ווילן, און וואָלט קענען זיין געפיל זי —

ס'האָט אים געעקלט —

און מאָרגן? אָדער אין אַ וואָך ארום? צי וועט עס דען נישט זיין פונקט אַזוי? וואָס פאַרא סם זאָל ער אַראָפּשלינגען, כדי זיך פאַרצוברייטן צו דערדאָזיקער חתונה־נאַכט?

ער איז צוגעלאָפן צום טעלעפאָן? האָט פאַרלאַנגט ניו־יאָרק, געפאָדערט „Bryant 6335". דאָס איז געווען דער נומער פון זיין סעקרעטאַר.

לאַנג האָט ער געמוזט וואַרטן, ענדלעך האָט ער דערהערט די פאַרשלאָפענע שטים.

ער האָט געבעטן, אַז ראָסיוס זאָל גלייך אויפשטיין און אויפגעבן אַ טעלעגראַם — לאַנג און אויספירלעך — וואָס זאָל אים תיכף אַהינרופן קיין ניו־יאָרק. זייער דרינגענדיק מוז זי קלינגען און גאָר אַ וויכטיקע סיבה מוז זיין דערביי אָנגעגעבן.

וואָס פאַרא סיבה? — גאָט מיינער, וואָסערע נישט איז! זאָל ער שוין דאָרט אַליין עפּעס אויסגעפינען...

ער האָט צוריק אַוועקגעהאָנגען דאָס טרייבל. אַך — איצט וועט ער זיך וויניקסטנס אויף אַ וואָך צייט קאָנען באַפרייען —

אַזוי מיד איז ער געווען. ער איז אַנידער געפאַלן אויפן בעט.

* *
*

איווי האָט אויף אים געוואַרט מיטן פרישטיק.

„דער דירעקטאָר אַנדריי האָט דיך געלאָזט גריסן", האָט זי געזאָגט. „ער איז צוזאַמען מיט מאַמאַ אַוועקגעפאָרן קיין ניו־יאָרק מיטן אינדערפרי׳יקן צוג — כ׳האָב זיי ביידן אָפּגעפירט צום באַן".

„אַך!" האָט ער אויסגערופן. „איז, הייסט עס, דיין מוטער אויך אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין?"

איווי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, זי האָט דערהאַלטן אַ דעפּעשע פון איר שוועסטער, וועלכע איז געקומען צופאָרן פון באָסטאָן. יאָ, און פאַר דיר איז אויך דאָ אַ דעפּעשע".

זי האָט זי אים דערלאַנגט. ער האָט זי אויפגעריסן — געפרוווט צו מאַכן אַ דערשטוינטע און טרויעריקע גרימאַסע. ער האָט איבערגעלייענט אויפן קול: „פּראָפעסאָר שווער קראַנק געוואָרן — איר מוזט אים דערווייליק פאַרטרעטן. בעת תּיכף צו קומען קיין ניו־יאָרק. ראָסיוס.

דערווייליק — ער האָט כמעט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן זיין צופרידנקייט. דאָס האָט דער סעקרעטאַר הערלעך געמאַכט: דערווייליק! דאָס איז געווען פּונקט ווי גומי, מ׳האָט עס געקענט ציען, וויפל מ׳האָט נאָר געוואָלט.

„וועלכער פּראָפעסאָר?" האָט איווי אַ פרעג געטאָן.

„דר. סעדערינג", האָט ער אָפּגעענטפערט. „ער איז שרעקלעך איבערגעמאַטערט דער פּראָפעסאָר. בעת איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען, האָט ער שוין אויסגעזען זייער שוואַך און דערשעכט.

איווי האָט באַמערקט: „אפשר ווייזט עס זיך דיר נאָר אַזוי אויס? אָדער אפשר מאַכט ער בלויז אַזאַ אָנשטעל, כדי ער זאָל קאָנען קריגן אורלויב און דו זאָלסט אים מוזן פאַרטרעטן?"

„אך, ווי קענסטו גאָר אַזוי רעדן!" האָט ער אויסגערופן. „דערדאָזיקער מאן איז ממש די פאַרקערפּערונג פון דער פליכט אַליין. ער וואָלט געדעדט און גערעדט, כל־זמן ער וואָלט נאָר בכוח געווען דאָס מויל צו עפענען און זאָל אים אפילו אויסקומען אויף שטאָלצן זיך אַרויפצוקאַטשען אויף די טריבונע. ער איז בלי ספק פולשטענדיק צעבראָכן — דער אָרימער, נעבעך".

זי האָט געגלעט זיין האַנט. „ווי שיין ס'איז פון דיין זייט, אים אַזוי צו באַדויערן! אָבער כ'קאָן דיך באַרויקן: דיין פּראָפעסאָר איז פולשטענדיק געזונט".

„וואָס?" האָט ער אויסגערופן.

„יאָ, יאָ!" האָט זי געלאַכט. „פיל געזונטער ווי דו. איבעריקנס האָט ער דיך געלאָזט גריסן און געבעטן אַז כ'זאָל דיך פרעגן, צי וועסט היינט קומען אויף זיין רעפעראַט? ער וועט טאַקע רעדן דאָ אין ניופּאָרט!"

ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן אָפן מויל. דאַן איז זי אויפגעשפרונגען און אים געגעבן קוש. „מחיהדיק ביסטו, בעת דו מאַכסט אַזאַ נאַריש פנים! — מיר האָבן דיין פּראָפעסאָר אויפן באַנהויף געטראָפן, ער איז געקומען מיטן אינדער־פרייקן צוג. אַנדריי האָט מיט אים גערעדט — און האָט אים אונז פאַרגעשטעלט. אַ שאָד כ'לעבן, ווען איך זאָל געווען וויסן אַז דער סעקרעטאַר וועט דיר דאָס טעלעגראַפירן, וואָלט איך געווען דעם פּראָפעסאָר פאַרבעטן צו אונז. כ'וואָלט אים געווען באַהאַלטן הינטער דעם פאָרהאַנג און אים דיר איצטער באַוויזן — דיין איבעראָנגעשטרענגטן, פולשטענדיק צעבראָכענעם, שווער קראַנקן, נעבעך, פּראָפעסאָר, וועמען דו דאַרפסט פאַרטרעטן — דערוויילע".

דערווייליק — אידיאָטיש האָט עס דער סעקרעטאַר געמאַכט, באמת נאַריש! שוין־זשע האָט ער נישט געדאַרפט וויסן, אַז דער פּראָפעסאָר וועט היינט רעדן אין ניופּאָרט?!

„דאָ מוז זיין עפּעס אַן אומפאַרשטייעניש", האָט ער געפּרווט, „אפשר אַן אַנדערער פּראָפעסאָר".

„ניין, קיין שום אַנדערער!" האָט זי אויסגערופן. „גיב דיר נישט די מי, מיין דייטשיש יונגל — דאָס מינדסטע קינד וועט עס אין דיר דערקענען, אַז דו זאָגסט ליגן! און דערצו האָב איך באַנאַכט געהערט, ווי דו האָסט געטעלעפאָני־ט צו דיין סעקרעטאַר און באַשטעלט די דעפּעשע!"

„אונטערגעהאָרכט האָסטו?" האָט ער געזאָגט. „הינטער דער טיר?"

זי האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ. „פיל ערגער!" האָט זי זיך צעלאַכט. „צי מיינסטו, אַז נאָר אונזער וואַשינגטאָנער געהיים־פּאָליציי און די ענגלישע דעטעקטיוון קאָנען אייערע טעלעפאָנישע דראָטן אָפּצאַפּן? גאַנצע פינף דאָלער האָט עס מיך געקאָסט — איצט קלינגט גלייכצייטיק אויך בא מיר אָן, ווען דו רופסט עמיצן צו. און כ'הער אַלצדינג, וואָס דו רעדסט! אונזער רעגירונג איז גאַנץ גערעכט: מ'מוז אַכטונג געבן אויף די דייטשישע פאַרשווערערס, מ'קאָן נישט תמיד אויסמיידן קיין קאָפּעטשקע אומרעכט און אומגעזעצלעכקייט. דאַן קאָן מען זיי פּאַקן — פּונקט ווי איך דיך! דו האָסט זיך פאַרשווירן קעגן מיר — האָסט געוואָלט מאַכן פּליטה — זיי זיך כאָטש מודה!"

ווען זי וואָלט כאָטש געווען געקרענקט, האָט ער געטראַכט, באַליידיקט, דערצאָרנט! ווען זי וואָלט אַריין אין רוגזה, אָדער זי וואָלט געוויינט —

אָבער זי האָט בלויז געלאַכט. אַ שפּיל איז עס געווען — און זי האָט זיך געפרייט, וואָס זי האָט געקענט צונישט מאַכן זיין אומגעצלומפּערטן בלאָף.

„בלייבסטו אַלזאָ דאָ, נישט אמת?" האָט זי געחוזקט. „אָבער דו דאַרפסט טעלעגראַפירן דיין סעקרעטאַר, אַז ער זאָל נישט לויפן בחנם צום באַן. צי האָסטו אַ שטיקל פּאַפּיר אין קעשענע? בלייפעדער? שרייב!"

און זי האָט דיקטירט: „דער שווער קראַנקער פּראָפעסאָר הצדט היינט אין ניופאָרט. איר זענט אַן אייזל".

ער האָט געשריבן, ווי זי האָט געהייסן. אָבער ער האָט נאָך צוגעגעבן: „און איך אויכעט".

„דעם אדרעס!" האָט זי אויסגערופן. זי האָט אָנגעקלונגען נאָכן דינער און אים געגעבן דאָס פּאַפּיר.

„איילִיק!" האָט זי געזאָגט, „תּיכּף באַזאָרגן!"

* *
*

זי האָט נישט געוואָלט שווימען יענעם פרימאָרגן און האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל גיין אַליין, מחמת זי האָט איצט קיין צייט נישט. זיי זענען ביידע היינט געבליבן אַליין אין אָקהאָרסט צום ערשטן מאָל אַלס אמתע חתן=כּלה; דאָס מוז מען אומבאַדינגט פייערן. זי וועט בכן אַליין צוגרייטן דעם פרישטיק.

„דו — אַלס באַלעבאָסטע!" האָט ער זיך צעלאַכט.

און זי האָט אויך געלאַכט: „לאָז מיך נאָר צורו. וואַרט אויף מיר באַם ים — כ'וועל קומען נאָך דיר".

ער איז אוועק אין זיינע צימערן. תּמיד פלעגט ער זיך דאָרט אויסטון, בעת ער האָט זיך געוואָלט באָדן אין ים. פלעגט אין באָד-מאַנטל און אין שטעקשיך דורכגיין דעם פּאַרק, דערנאָך האָט ער גענומען לויפן איבערן ברעג גלייך אין ים אריין. די קאַבינע האָט אים נאָר געדינט אויף אָנצוטון און אויסצוטון דעם טריקאָט.

לאַנג האָט ער זיך היינט געקווענקלט. ער האָט זיך געשוּבעט, צי ער זאָל איינעמען עטלעכע סטריכנין-פּילן אָדער נאָר לאַודאַנום — ער האָט זיך ענדלעך אָנטשלאָסן אויף אַר-סעניק.

ער איז געגאַנגען דורכן פּאַרק. האָט געמאַכט אַן אומוועג פאַרביי דער חיות-פאַרצוימונג. האָט אָנגעקאָרמעט די סאַרנעס מיט בוראַקעס און געגעבן די הירשן גלאַנציקע קאַשטאַנעס צו פרעסן. אָבער די שלאַנקע, ווייסע אינדיק, וואָס פלעגט אים אָפט נאָכלויפן איבערן גאַנצן פּאַרק, האָט ארומגעשנאַפּט די קע-שענעס פון זיין מאַנטל. ער האָט אריינגעטון די האַנט אין קע-

שענע און האָט נאָך דאָרט געפונען אַ פּאָר שטיקלעך צוקער פאַר איר.

ער איז אַרויסגעשוואומען ווייט אויפן ים, דערנאָך איז ער געלעגן אויפן ברעג און זיך געברענט אויף דער זון. אינדער־שטיל, אָן באַוועגונג, שעהנלאַנג. ער איז נישט געשלאָפן, נישט געטרוימט, נישט געטראַכט וועגן גאָרנישט. ער האָט זיך געפרייט, וואָס זיין ברוינע הויט איז געווען שטייף אָנגעשפּאַנט און די אויגן האָבן אים געבלישטשעט —

אַזויפיל אַרסעניק האָט ער איינגענומען; דאָס איז אים מחויב געווען צו דערהאַלטן פריש ביז שפּעט אין אָוונט.

ים — הימל —

טייל מאָל האָבן זיינע ליפּן עפּעס געמורמלט. געמורמלט: לאָטע.

דאָס איז נאָר געווען איין וואָרט. בלויז פיר אותיות, וועלכע זיין מויל האָט מעכאַניש צונויפגעשטעלט — צוליב רגילות אַליין. אַ רעפלעקס בלויז — מער גאָרנישט.

און ער האָט געטראַכט, אַז באַלד וועט איווי אָנקומען. ער האָט אַ בליק געטון אויף דער זון — די איז שוין געשטאַנען ווייט איבער האַלבערטאָג. צוויי אַזייגער האָט געקאָנט זיין, אָדער דריי. ער האָט זיך אַרומגעקוקט — קיינער האָט זיך נישט געוויזן אויפן ברעג פון אָקהאָרסט.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין זיין קאַבינע. האָט אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם באָד־טריקאָט, זיך אַוועקגעשטעלט אונטערן פרישניץ און דערנאָך אָנגעטון דאָס מאַנטל. ער האָט זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין דורך די קליינע פאָרטקע אין פּאַרק אַריין.

צוויי גערטנערס פון דער אָראַנזשעריע האָבן פאַרבייגעשפּאַנט אויפן וועג. אין שפּאַציר־אַנצוגן און מיט קליינינקע פּייקעלעך אין מויל.

„וואוהין?" האָט ער געפרעגט.

„קיין ניופּאָרט! האָט געענטפערט איינער. „די פריילין האָט אונז באַפרייט אייף היינט נאָכמיטאָג".

„ווילט אייך גוט!" האָט ער געוואונטשן. זיי האָבן אים געדאַנקט.

„וואָס איז דען היינט געווען אַזוינס? — שוין-זשע עפּעס אַ יום=טוב?

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די אָראַנזשעריעס, האָט אַריינ־געקוקט דורך די שויבן. מעכטיקע בלאָע טרויבן זענען דאָרט אָראָפּגעהאָנגען — אינגיכן וועלן זיי שוין זיין צייטיק.

דערנאָך האָט ער דערהערט איוויס שטים נאָענט הינטער זיך. זי האָט זיך דערנענט צו אים, אָנגעטון אין באָד=מאַנטל, פּונקט ווי ער. „כ'האָב דיך געזוכט לעבן ים", האָט זי גע־זאָגט. „האָסט אוודאי געמוזט אַרייגגיין אין פּאַרק אַריין, בעת איך בין דאָרט אויבן אַרויפגעגאַנגען"

„צי ווילסטו זיך נאָך איצטער באָדן?" האָט ער געפרעגט.

„ניין", האָט זי זיך צעלאַכט. „לאָמיר גיין פרישטיקן — אַלץ איז פאַרטיק!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „גוט, אין אַ ווײַלע אַרום בין איך שוין אָנגעטון. — נאָך גיכער פון דיר, און וואָס געוועטן מיר זיך?"

„מאָרגן וועל איך זיך געוועטן", האָט זי אויסגערופן. „היינט נישט. היינט דאַרפסטו זיך נישט אָנטון".

זי האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און אים אַריינ־געצויגן אין די אָראַנזשעריעס. האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און צוגעשלאָסן מיטן שליסל.

„וואָס וועט דאָס זיין?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט זיך צעלאַכט: „אַן איבעררעשונג פאַר דיר. „קום נאָר!"

זיי זענען געגאַנגען דורך די אָראַנזשעריעס. זענען צו־געקומען צו די פערשקעס-שפּאַליערן, צו די באַרנעס, פייגן און מילגרוימען. זענען פאַרביי די לאָרבערס און אָלעאַנדערס צו דעם קליינעם וועלדל פון פּאָמעראַנצן, ציטרינען און מאַנדאַ־רינען —

זיי זענען דערנאָך פאַרבייגעגאַנגען די טראָפּישע אָראַנ־זשעריעס, וווּ ס'זענען געוואַקסן קאַקטוסן, באַנאַנעס, מאַנגאָסטי־נען און גרענאַדילאַס. הייס איז דאָרטן געווען און זייער דעמ־פיק אונטער די גלעזערנע דעכער.

זיי זענען פאַרביי די רויזן און קאַמעליען, דורך די האָרטענסיעס, כריזאַנטעמעס, פּעאָניעס, מאַרגאַריטקעס, בולדענעזשן — טובעראָזן זענען געוואַקסן אין צווייטן הייזל פון דערדאָזיקער גלעזערנער שטאָט. אַ ים מיט ווייַסע טובעראָזן פון דער סאַמע ערד אַרויף; טונקל־וויאָלעטע קלעמאַטיסן אַרום און אַרום. דריי זאַלן מיט ליליעס — דאָ האָבן דופּטיקע שלענגלבלומען באַדעקט די ווענט. ווייסע און יאַפּאַנישע ליליעס. פייער־ליליעס. טונקל־בלאָע איריסן. שלאַנקע גראָז־ליליעס. —

גלעזערנע זאַלן ווייטער, מיט קליינע טייכעלעך און סאַזשלקעס. קאַלאַסן, וואַסער־רויזן, לאָטאָס־גליצענען האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון באַלקן. און אויפן קיילעכיקן טייך די ריזן־בלעטער פון וויקטאָריאַ־רעגיאַ.

פיר קאַקטוס־אָראַנזשעריעס אין שאַרלאַך־רויט.

זעקס גרויסע זאַלן מיט אָרכידעען.

אָראַנזשעריעס וואָס אַמאָל מער און וואָס אַמאָל פרישערע. זייער נידעריקע, לאַנגע און שמאָלע הייזלעך און באַלד ווידער הויכע, גרויסע און ברייטע זאַלן. פּיל, אַזויפיל.

און די אַלע האָבן זיך געשלענגלט איינס אין אַנדערן אַריין — אַן אומגעהייערער לאַבירינט. טירן אויף און טירן צו. און איבעראַל אַ ריזלען און פּליושקען פון דעם וואַסער, וואָס האָט דאָרטן דורכגעפלאָסן.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער דורך די געוועלבטע פּאַלמענהייזער. העכער זיבן הונדערט מינים האָט אָנגעציילט דער אַלטער דזשעפּערסאָן, דאָס איז געווען זיין גרויסער שטאָלץ.

דורך די קאָניפערן, דורך דעם גומי־וואַלד און די רויטע גליצנדיקע הוביסקוס־קוסטעס.

ווידער אַ טיר — אָבער די איז געווען פאַרשלאָסן. איווי האָט אַרויסגעצויגן אַ שליסל פון קעשענע, האָט אויפגעעפנט און צוריק פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר.

זי האָט נישט אָפּגעלאָזט זיין האַנט, האָט איט געפירט ווייטער איבער די שמאָלע סטעזשקעס צום טייך אַהין. זי איז געגאַנגען מיט אים אַרום דעם וואַסער.

דאָ הינטער די באַמבוס־קוסטעס זענען געלעגן פונאַנדערגעשפּרייט טעפּיכער, גרויסע פעלן, און אויף זיי אַ סך קישנס,

אַ טיש אינמיטן – דאָרט איז געשטאַנען איר מאָלצייט. איצט ערשט האָט ער זי פאַרשטאַנען. דאָ אַלזאָ – דאָ –

ער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. ר׳האָט זי בלויז אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק.

זי האָט אויסגעהאַלטן זיין בליק. „יאָ", האָט זי געזאָגט און האָט פאַוואָליע אויסגעטון איר באָד־מאַנטל. זי איז געבליבן שטיין פאַר אים אינגאַנצן נאַקעט.

ער האָט זיך געשוקבט. געזוכט עפּעס – אָ, אַ צענט־חלק פון אַ סעקונדע קוים. זיין בליק איז געפאַלן אויפן טיש – אויף די אויסטערן, האָמאַרן *) און אַנדערע שיסלען. און דערנאָך די פלעשלעך – שאַמפּאַניער, מאָזעל, בורגונדער, קאָניאַק און וויסקי.

דאָס איז געווען זיין רעטונג. זי מוז טרינקען, טרינקען ביז צום פאַרלירן דעם ווילן – זיין פולשטענדיק אָן חושים, אָן באַוווסטזיין – ביז צום פאַרגעסן אָן אים, אָן זיך – אָן אַלעם!

דערין איז אים געגאַנגען.

און ער האָט זיך צעלאַכט. האָט אויסגעטון דעם מאַנטל. פונקט ווי זי. און איז געבליבן שטיין פאַר איר – אַ נאַקעטער.

ער האָט געזען איר אויפרעגונג, געזען, ווי זי האָט געקעמפט מיט זיך. אָבער זי האָט נישט נאָכגעגעבן –

דאָס איז געווען אַ ספּאָרט, אַ שאַרפער שפּיל. און זי האָט געוואָלט האָבן איר ניצחון און אים אויספאַרזוכן ביז צום לעצטן טראָפן.

„היינט נישט!" האָט ער געטראַכט. „היינט נישט!"

ער האָט איר גלייכגעמאַכט די קישנס, און זי האָט זיך צוועקגעזעצט. זי האָט אים צוגערוקט פאַרשידענע מאכלים, און אים געפרעגט, וואָס ער וויל טרינקען.

ער האָט זיך געקווענקלט אַ רגע, דערנאָך האָט ער געזאָגט: „שאַמפּאַניער, ביטע".

*) ים־ראַקעס

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָנגעוויזן אויף דעם טיש איז אָנגעפּילטן עמער.

ער האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פלעשל, געזוכט אַ קאָרקן-ציער, אָבער נישט געפונען. „אַלץ איז דאָ!" האָט ער אויסגערופן. „נאָר ס'איז קיינזאַך נישט פאַראַן, מיט וועלכן מ'זאָל קאָנען אונזערע פלעשלעך אויפקאָרקעווען".

זי האָט זיך איבערגעקלערט אַ ווײַלע „וואַרט אָקאָרשט!" האָט זי געזאָגט, און זי איז אַוועקגעלאָפן הינטער די קוסטעס.

ער האָט איר נאָכגעקוקט. שיין איז זי געווען און גע־האַט אַ שלאַנקן, בויגעוודיקן קערפּער. ווי איינע פון דיאַנאַס יעגערינס האָט זי געשוועבט מיט איר לײַכטן טריט.

„יונג איז זי", האָט ער געטראַכט. „שיין און געזונט. זייער רייך דערצו. און זי וויל מיך — וויל מיך! פאַרוואָס װיל איך זי נישט?"

זי איז צוריקגעקומען מיט אַ גרויס קעסטל אויף די אָרעמס, און אַוועקשטעלנדיק עס אויפן טיש, האָט זי געזאָגט „דאָ האָסטו כּלערליי גערטנער־מכשירים. אפשר וועסטו עפּעס געפינען".

צווישן די פאַרשידנסטע מכשירים האָט ער קוים אָפּגע־זוכט עפּעס אַ מין קאָרקן=ציער.

ער האָט אויפגעעפנט די פלעשער, איינס נאָכן אַנדערן. „גאָרנישט זאָל בלייבן", האָט ער אויסגערופן, „פון אונזער חתונה־מאָלצייט. די רעשט זאָלן די גערטנערס אויסטרינקען — פאַר אונזער גליק".

ער האָט אָנגעגאָסן פולע גלעזער, האָט זיך מיט איר צו־געקלאַפּט. זיי האָבן ביידע אויסגעטרונקען די גלעזלעך ביזן דעק.

זיי האָבן געגעסן און געטרונקען. ער האָט כּסדר אָנ־גענג געגעבן, אַז די גלעזער זאָלן נישט שטיין ליידיק.

ס'איז געווען פאַרנע און פייכט. דאָס האָט אים געהאָלפן, מחמת ס'האָט געשטאַרקט זיין דאָרשט —

זי האָט פאַרלאַנגט וואַסער, אָבער ער האָט גענומען דאָס מינעראַל=וואַסער און עס אויסגעגאָסן אין טייך אַריין. „ניין!"

האָט ער אויסגערופן. קיין שום וואַסער! פאַרשיכּורט לאָמיר זיין — דו און איך — פון ווײַן און פון—״

ער האָט אָנגעגאָסן בלוטיקן בורגונדער אין אַ גרויס גלעזל אַריין. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שטראַלנדיקע אויגן — האָט צומאָל פאַרגעסן, אַז דאָס האָט זיי דער אַרסעניק גלאַנצן געמאַכט.

מתחילת האָט ער ווייניק גערעדט. דערנאָך אָבער איז ער ביסלעכווייז אַרײַנגעוואַקסן אין זיין ראָל, געוואָרן לעבהאַפטיק און גענומען דערציילן פאַרשידענע יאַגד־געשיכטעס.

ער האָט דערציילט וועגן זילבערנע רייערס, וואָס ער האָט געשאָסן אין אַ פרימאָרגן בײַ סאַנטאַ באַרבאַראַ דע סאַ־מאַנאַ. וועגן ערשטן טיגער, וועלכן ער האָט אָוועקגעלייגט טיף אין די אורוועלדער בײַם גאַנגעס. האָט דערציילט פון ברוינע סאַמאַאַ־מיידלעך, אָנגערופן זיי זונען־שטראַלן, וואָס זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין לעבעדיקע בײַשעפענישן. וועגן זיסע בירמעזישע פרויען, וועלכע זענען מערנישט געווען, ווי עפּעס אַ שמייכל, וואָס איז געוואָרן פלייש און בלוט. וועגן די בליענ־דיקע פּערסישע מיידלעך, וועלכע זענען געווען ווייס ווי שניי, וועגן דעם מיידל פון נאַנקינג, וואָס איז געווען שלאַנק, ווי אַ טאַנענבוים.

„Va Jee“ האָט זי געהייסן — דאָס מיינט מען: מיט די שיינע פינגער.

דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, געווען מערנישט ווי אַ האַנט. אָדער — צוויי הענט. צוויי הענט — לאַנג, שמאָל— און אַזוי אָנגעפילט מיט אַלערליי פאַרבאָטענע זינד.

דידאָזיקע הענט האָט ער ליב געהאַט. האָט געליבט דעם קילסטן שניי און דעם זונען־שטראַל און דעם אייביקן שמייכל.

ער האָט געקענט אַ פרוי, וועלכע איז געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ דרייפערטל־טאַקט. איינע ווידער, וועלכע האָט געהאַט אין זיך וועלפיש בלוט. אין קאָרדאָווע האָט ער באַקענט אַ פרוי, וועלכע איז געווען ווי אַ קלאַנג פון זילבער און שוואַרץ־הנעוודיק.

„וואָס=זשע בין איך?" האָט געפרעגט די קליינע איווי.

ער האָט געזאָגט: „כ'ווייסט נישט — דו וועסט ערשט עפּעס ווערן! אָבער היינט זאָלסט דו און איך — זאָלן מיר ביידע — דאָ עפּעס ווערן!" ער האָט ברייט פונאַנדער־געשפּרייט די אָרעמס און געלאָזט זיין בליק בלאָנדזשען אין דער ווייטקייט. „יענקי=לאַנד — לאַנג און ברייט. און אין אים אַ פּאַרק און דערין אַ גלעזערנע שטאָט. און אינמיטן אַ הייסער חלום פון טראָפּיקאַלישע לענדער. און אין זיי — דו און איך — און אין אונז גופא — אונזער שיכרות. און זאָל זיך דאָס פונאַנ־דערוואַקסן און אין פלאַמען אַרויסשלאָגן און זאָל עס אונז גלי־ענדיק צעשמעלצן אין דערדאָזיקער פאַרשיכורטער היץ. אַ שרייענ־דיקער שקר איז אונזער גלעזערנער טראָפּיקאַלישער וואַלד — אַ גראָטעסקער, ווילדער שקר, איווי, פונקט ווי אונזער ליבע. דו ווייסט עס אַליין גאַנץ גוט — פונקט ווי איך ווייס עס! אָבער דיין יענקי=קאַפּריז וויל אַזוי, טאָ זאָל־זשע דערדאָזיקער שקר זיך היינט אין אַן אמת פאַרוואַנדלען".

ער האָט אָנגעפילט גרויסע גלעזער שאַמפּאַניער, ביז דער העלפט. צוגעגאָסן אַהין בורגונדער וויין מיט קאָניאַק.

זי האָט זיך געקווענקלט, בעת ער האָט איר דערלאַנגט דאָס גלאָז. דאַן האָט ער אויסגערופן: „טרינק! טרינק! מיר מוזן זיך אויסטון פון דער גאַנצער וואָכעדיקייט!"

ער האָט איר אונטערגערוקט דאָס גלאָז צו די ליפּן און עס נישט פריער אוועקגענומען, ביז זי האָט עס אויסגעליידיקט.

„דאָ וואָלטן געדאַרפט שטילע פייגל ארומפליען", האָט ער געזאָגט, „בונטע, גאָר בונטע! יאַשטשערקעס וואָלטן געדאַרפט אַרומלויפן איבער די וועגן און פוילע קאַמעלעאָנען זאָלן זיצן אויף די לופט=וואָרצלען. ים־ראַקעס זאָלן אַרומפליען צווישן דעם אַאיר און סאַלאַמאַנדרעס זאָלן טרוימען אויף די לאָטאָס־בלע־טער. צווישן די באַמבוסן זאָלן זיך שלאַנגען וויקלען און אינדערלופטן כלערליי פלאַטערלעך, בלאָע, רויטע און געלע — פלאַטערלעך אָן אַ שיעור!"

הייס איז געווען, פאַרנע, אַזוי פאַרנע.

און אַ געוואָרקעריי — אַן אומאויפהערלעך געוואָרקעריי פרגיצחו.

קלאָרע טראָפּנס האָבן אַראָפּגעקאַפּעט פון זיין שטערן — קלאָרע זילבערנע טראָפּנס אומעטום פון איר יינגן ליַיב.

„טרינק!“ האָט ער געפאָדערט, „טרינק!“

ריחות — ריחות — פאַרנער נאָך ווי די הייסע לופט. טעמפל-בלומען — „Dama de noche“ — ערגיצוו האָבן געמוזט אויך צפון-בלומען שטיין.

„דאָרשטיק בין איך“, האָט ער געפליסטערט, „נאָך אַלץ דאָרשטיק. גיב מיר צו טרינקען אויס דיין מויל, איווי“.

ער האָט זיך צוריקגעלעגט אויף די קישנס. זי איז צוגעקראָכן צו אים אויף די קני, געכומען דאָס גלאָז מיט בורגונדער, געטון אַ קליינעם שלוק, צוגעפירט אירע ליפּן צו זיינע און אים דערלאַנגט דעם טרונק. אויס אירע ליפּן האָט ער געטרונקען דעמדאָזיקן וויין.

נאָך אים זי — זי אויך. זי האָט געצי־טערט און געצאַפּלט, בעת ער האָט זי באַרירט מיט זיינע פינגער.

„נאָך!“ האָט זי פאַרלאַנגט, „מער!“

ער האָט גוט געפילט, אַז אויך זיינע חושים האָט דער וויין באַרוישט. ער האָט געוואָלט אַזוי — זאָל זיי דאָס שיכרות אויפהויבן און אַוועקטראָגן הויך, הויך — ביידע צוזאַמען.

ער האָט אָפּגעריסן בלומען און באַצירט אירע בלאָנדע האָר. האָט איינגעאָטעמט טיף דעם נאַצן בליענדיקן דופט, האָט אהינטערגעבויגן דעם קאָפּ און פריידיק אויסגעדופן:

*) „Me juvat: et multo mentem vincire Lyaeo
Et caput in verna semper habere rosa!“

„וואָס איז דאָס?“ האָט זי געטשוויטשערט.

„דאָס איז — דאָס, וואָס מיר טוען דאָ ביידע אין דער טיפסטער צויבער-הייל פון דער פאַרכישופטער גלעזערנער שטאָט. פּראָפּערציוס האָט דאָס געזונגען, אַ רוימער. וועלכער האָט מערער געקענט די קונסט פון לעבן, איידער אַלע מענטשן צוזאַמען אין דעם יענקי־לאַנד! טרינק — טרינק — און קוש מיך!“

---

*) ס'איז מיין תענוג: שטאַרק צו באַהערשן דעם געדאַנק פון דער ליעע און דעם קאָפּ תמיד באַצירט צו האָבן מיט פרילינגנדיקע רויזן.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט — אויסגעטרונקען דעם שוואַרצן וויין. האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס גלעזל אין גרינס אַריין, האָט אים אַרומגעפּלאָכטן מיט די אָרעמס — דערלאַנגט אים די ליפּן — —

„איווי!" האָט ער געשעפּטשעט, „ווילדווײַן" —

עפּעס אַ זייער אומקלאָרע זאַך האָט זיך געוועקט אין אים. עפּעס אַ מין גלוסטונג — אַ ווילדער באַגער —

גלאַטיק איז געווען איר לײַב׳ פּייכט און וואַרים. „אַ שלאַנג איז זי", האָט ער געטראַכט, „אָבער מיט וואַרים בלוט".

„דאָרשטיק", האָט זי זיך געבעטן, „כ׳בין דאָרשטיק! גיב מיר צו טרינקען ווײַן — קושן — "

וואָס איז דאָס געווען? עפּעס האָט אים געררייצט. עפּעס האָט ער באַגערט. וואָס־זשע?

און די פייגל האָבן געברומט, געוואָרקעט אומגעצױמטער־הייט — ערגיצוווּ.

זיינע פינגער האָבן געגלעט איר הויט. האָבן אַרומגע־בלאָנזשעט, אומבאַוווּסטערהייט, קוים זי באַרירנדיק, ווי אַ לייכט קלאַפּן פון פליגל, און זי האָט זיך געקאָרטשעט, געציטערט.

אַ בעטנדיק זיפצן איז געווען איר לײַב — אַ גיריק שלאָכצן בלויז — איין גרויסע צאַפּלעניש.

„דו —" האָט זי געסאָפּעט, „דו —"

און ווידער האָט זי גענומען איין גלעזל ווײַן נאָכן אַנ־דערן. האָט זיך צעלאַכט, אויסגעגאָסן אויף אים דעם בורגונ־דער און אַוועקגעשלײַדערט דאָס גלאָז —

און אירע אויגן האָבן געפלאַקערט. פול מיט תאווה —

„מענאַדע!" האָט ער געטראַכט, „חיה — חיה — האָט זיך דערוואַכט."

זיי האָבן אַנידערגעקניט. זי האָט אַרומגענומען זײַנע אָרעמס מיט בײדע הענט, געהאַלטן פעסט, אַרײַנגעבויערט אים די שאַרפע נעגל אין לײַב. האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף אים, אײַנ־געגראָבן אין אים אירע ציין. געביסן — געביסן.

ער האָט נאָך געוווּסט אַלצדינג. „דאָס איז נישט קיין מענטש", האָט ער געטראַכט. „נישט קיין מיידל. דאָס איז אַ ווילדע חיה, איינע פון דיאָניזאָס טיגער־קעץ."

גיפּטיק איז איר בּיס —

ער האָט נאָך געזען אַלצדינג. האָט געזען דידאָזיקע ווייסע פֿרוי, וועמענס ציין ס'האָבּן געשטעקט אין זיין נאַקן. האָט געזען דעם טייך און דאָס טיפֿע גרינס אַרום. דאָס ווייסע טישטוך, די טעלערס, גלעזער און פֿלעשער.

און דערנאָך אַ רויטער נעפּל! אַ ריח פֿון בּורגונדער און בּלוט. און דאָסדאָזיקע וואָרקען פֿון אומגעזעענע טויבּן — ווייטיק — ווייטיק.

ער האָט אַ געשריי געטון.

האָט אָנגעכאַפּט איר לייב — הענט — ציין —

*　　*

*

— — און דערנאָך, ווי עפּעס אַ פֿאַלן. און די פֿעל, אויף וועלכער ער איז געלעגן, האָט זיך געהויבּן, געוואָרן ווייך ווי פּוך. אַ בּעט איז עס געוען. אָבּער ס'האָט זיך בּאַוועגט, מיטגעצויגן, געוויגט זיך שטיל, אַהין און אַהער ווי אַ שיפֿל.

ים־שימער ראָד־אַרום אין דער טיפֿער נאַכט. קיין רודער־קלעפּ — בּלויז דאָס פּלעסקען פֿון די כוואַליעס אַרום דעם שטילן שיפֿל.

ער האָט זיך אונטערגעהויבּן. האָט זיך אויסגעריבּן די אויגן, זיך אַרומגעקוקט. ניין, ניין, קיין שימערנדיקער ים — אַ חלום איז עס געווען. דאָך האָט ער דייטלעך גע־הערט דאָס ריזלען פֿון וואַסער.

ער האָט זיך בּאַזינען — אָנגעשטרענגט דעם בּליק.

ער האָט נאָך געקאָנט עפּעס אונטערשיידן — בּין־השמשות האָט עס געמוזט זיין — אַביסל ליכטשיין איז אַרונטערגעפֿאַלן פֿון אויבּן.

דאָס פּליושקען פֿון וואַסער און דער טייך. זייער טונקל אַרום און אַרום.

אָבּער העל דאָס טוך, ווייס. און אַ ווייס לייב —

פֿלעקן דערויף — טונקעלע. אָך — פֿון ווייַן אָדער בּלוט —

— איווי

ער האָט געהערט איר אָטעמען.

ער האָט זיך אויפגעהויבן. זיין פוס האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דעם גערטנער־קעסטל, וואָס איז געלעגן אומגעדרייט — די אַלע מכשירים זענען געווען פונאנדערגעשאָטן צווישן די טעלערס און פלעשער. ער האָט דערזען די מאַנטלען. האָט גענומען איינעם און אים אָנגעטון. מיטן צווייטן האָט ער איינגעהילט די שלאָפנדיקע.

ער האָט זיך פּאַוואָליע געלאָזט גיין. האָט געפונען די טיר, אויפגעשלאָסן און אַרויסגעגאַנגען. האָט אָפּגעזוכט דעם וועג צווישן די הוביסקוס־קוסטעס.

מיטאַמאָל האָט זיך הארט פאַר אים עמיץ גענומען באַוועגן, עפּעס אַ גרויס און ווייס באַשעפעניש. ער האָט עס האַסטיק אָנגעכאַפּט — אַיוויס שווערדיש שטובמיידל איז עס געווען, דאַגמאַר עריקסאָן. אויף אַ שטול איז זי געזעסן, פעסט איינגעשלאָפן.

ער האָט זי אויפגעוועקט. האָט זי געפרעגט, וואָס זי טוט דאָ?

אויפן באַפעל פון איר הארינטע זיצט זי דאָ שוין דעם גאַנצן נאָכמיטאָג און וואַרט.

ער האָט זי געהייסן זיך אַוועקזעצן נאָענט באַ דער טיר און אונטערוואַרטן ביז זי וועט אויפוואַכן.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין פּאַרק. האָט אין זיך איינגעאָטעמט די שטאַרקע, ריינע לופט, וואָס האָט אים אויפגעמונטערט און יינגער געמאַכט.

ער האָט גענומען שפּאַנען מיט אַ פעסטן עלאַסטישן טריט. האָט אויסגעשטרעקט די אָרעמס — אַך, פליען וואָלט ער געקאָנט — ווייט, ווייט.

און דאָסדאָזיקע געפיל האָט טאַקע אָנגעהאַלטן — געוואָרן זיכערער מיט יעדן טריט.

דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדערע קראַפט — נישט קיין סטריכנין, נישט קיין מאָרפיום און נישט קיין אַרסעניק.

דאָס — דאָס איז געווען — געזונטקייט! געווען עפּעס אַזוינס — וואָס ער האָט מער נישט געקענט, זינט ער האָט זיך געזעגנט מיט לאָטע —

דאַן אָבער — דאַן — — ?
האָט אַלזאָ איווי אויך געוווּסט דעם סוד ?
זי — איווי — זיין כלה !
מיט פריידיקן געזאַנג האָט ער געשפּאַנט דורך דער נאַכט—
די נשמה זיינע האָט פון גליק זיך צעזונגען —

„איינע פון דידאַזיקע עלטסטע כּישוף-פאָרמולעס גיט-אָן אַ מיטל ווי אַזוי מ׳קען פאַרוואַנדלען פלוצלינגע ליבע אין פלוצלינגן האַס, אַזוי ווייט אַז גלייך נאָך דער ערשטער ליבעס-נאַכט זאָל זיך דאָס ביז אַהער גליענדיקע געפיל סון איינעם פון די ביידע צדדים אין די קילסטע אָפּנייגונג פאַרוואַנדלען — דערצו דינט דער „אַב:ן-לאַ-ראַמע״, ווערטלעך איבערגעזעצט „שטיין פון דער נישט-ליבע״, „אונזער אַמעטיסט״,

Houston G. Brady. טראַקטאַט וועגן די מאַגישע פּאָרמולעס אויף די סומעראָ-אַסירישע אויפשריפטן.

דריי חדשים איז ער געווען אויף מערב. האָט געהאַלטן נאָכאַנאַנד רעדעס מיט רעדעס —

אַ טאָג פאַר ווייַנאַכט איז ער צוריקגעקומען קיין ניו-יאָרק נאָכמיטאָג צו טיי-צייט. קיינער איז נישט געווען באַם באַן

ער איז אַוועקגעפאָרן אַהיים. האָט פונאַנדערגעפּאַקט זיינע זאַכן און זיך אַרומגעוואַשן. וואַרעם איז געווען, און מילד דאָס ליכט. היימלעך. אָבער קיין בלומען אינערגיץ נישט. און אַליין איז ער געווען. — מיט לאַנגע טריט האָט ער אַרומגעשפּאַנט איבער די ברייטע צימערן.

ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן. האָט אָנגעקלונגען. „כ׳בין צוריק אין ניו-נאָרק. — צי קאָנט איר אַריבערקומען?״ — האָט ער געפרעגט דעם סעקרעטאַר.

אָבער ראַסיוס האָט נישט געהאַט קיין פרייע מינוט. ביז אַרום צען האָט ער צו טון אין דער רעדאַקציע. — גוט, טאַ לאָמיר זיך אַלזאָ טרעפן בײַ לישאָוון.

ער איז צוגעגאַנגען צום שרייבטיש. האָט זיך אַוועקגע-זעצט און גענומען זיפן זיין טיי. ער האָט באַמערקט אויפן טיש עטלעכע פאַרמאַכטע בריוו, געשריבן מיט אַ פרויען-האַנט.

ער האָט זיי גענומען אין האַנט אַריין, איינעם נאָכן אַנדערן, אַ רעכענונג פון זיין מאַניקוריסטין. אַ בקשה וועגן אַן אויטאָגראַף. וועגן אַ פאָטאָגראַפיע —

אָך, אַ בריוו פון זיין מוטער. געעפנט דורכן ענגלישן צענזאָר און צוריק פאַרקלעפּט. ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט — ער איז געווען ליידיק.

נאָך אַ בריוו — איווים האַנטשריפט. דער ערשטער לעבנסצייכן פון איר נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. דער בריוו איז געווען אַדרעסירט קיין לאָס-אַנדזשעלאָס, ער אַליין האָט צו איר פון דאָרטן געשריבן — דריי מאָל, פיר מאָל.

ווו=זשע איז זי געווען?

דאָס לעצטע מאָל האָט ער זי געזען אין סעפּטעמבער, אין דער גלעזערנער שטאָט פון אָקהאָרסט —

ער איז דאַן דורכגעגאַנגען דעם פּאַרק צו דער ווילע צו. האָט זיך אָנגעטון און אַוועקגעפאָרן קיין ניופּאָרט אויף דעם פּראָפעסאָרס פאַרלעזונג. איז דערנאָך מיט אים געזעסן אַ לאַנג געפּלוידערט. שפּעטער איז ער צוריקגעפאָרן קיין אָקהאָרסט.

ער האָט געטראָפן איווים שטובמיידל: — די פריילין ליגט אין בעט און שלאָפט. אָבער ווען ער איז אויפגעשטאַ-נען צומאָרגנס גאַנץ שפּעט — איז שוין איווי געהאַט אַוועק-געפאָרן אין שטאָט אַריין צוזאַמען מיט איר שטובמיידל, און פאַר אים קיין וואָרט נישט צומאָל.

ער איז אויך אַוועקגעפאָרן קיין ניו-יאָרק. האָט געוואַרט עטלעכע טעג — אָבער אומזיסט. ער האָט טעלעפאָנירט און זיך דערוווסט, אַז איווי איז צוזאַמען מיט איר מוטער אַוועק-געפאָרן קיין באָסטאָן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון איר פאָטער. — איווי איז קראַנק, זי ליידט אויף נערוון — און אז זי וועט דערוויילע פאַרבלייבן אין באָסטאָן. אָבער זי וועט צו אים שרייבן.

דאַן איז ער אַרויסגעפאָרן אין די מערב־שטאַטן, געמאַכט דעם טורנע, וואָס טעוועס האָט פאַר אים אויסגעאַרבעט אין אויפטראַג פון דעם קאָמיטעט. ער האָט געהאַלטן אין איין רעדן און רעדן — איטלעכן אָוונט.

— ער האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט. עפּעס אַן אומ־היימלעך געפיל האָט אים אַרומגענומען. דאָס זענען געווען די ערשטע ווערטער פון איר.

וואָס האָט ער דען מורא געהאַט? שוין־זשע האָט ער זי ליב געהאַט — די קליינע איווי?

עפּעס האָט אים פאַרבונדן מיט איר.

ער האָט אויפגעריסן דעם קאָנווערט — אויפגעוויקלט איר בריוו. צוויי שורות נאָר — צוויי בידנע שורות.

„קער זיך אום צו דיין מעטרעסע".

און איר נאָמען. דערנאָך: „איך וועל דערהאַלטן מיין שבועה".

מער גאָרנישט — קיין וואָרט נישט. ער האָט פּאַוואָליע צעריסן דעם בריוו.

אַזוי האָט ער זיך געענדיקט, דער דראָזיקער חלום.

פונדסטוועגן האָט ער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס אייגנט־לעך.

צי האָט ער זיך דען נישט צוגעפּאַסט צו אירע קאַפּריזן? נישט געטון — וואָס זי האָט פאַרלאַנגט?

שוין־זשע איז ער אַוועקגעגאַנגען? ניין — זי איז אַוועק, זי!

ער האָט גענומען אַ בייגעלע פּאַפּיר, און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן. זאָל זי אים ווייניקסטנס אָנשרייבן די סיבה! אים דערקלערן, ווי אַזוי —?

ער האָט געשריבן האַסטיק און ליידנשאַפטלעך. אַ פאַר־לאַנג איז עס געווען, אַ בענקשאַפט —

דאָס פּאַפּיר האָט זיך באַדעקט מיט ווערטער, וועלכע האָבן ממש געשריגן —

ער האָט דורכגעלייענט זיין בריוו, אים אַריינגעלייגט אין אַ קאָנווערט. האָט אָנגעשריבן דעם אַדרעס, אויפגעקלעפּט די מאַרקע. נאָכדעם האָט ער אָנגעקלונגען נאָכן אַלטן דינער.

אָבער ער האָט באַלד צעריסן דעם בריוו! „ראַם אַראָפּ די טיי", האָט ער געזאָגט, בעת פרעד איז אַריינגעקומען.

צו וואָס די דערקלערונגען? אַזוי איז עס געווען — און פאַרטיק! און איר שבועה וועט זי שוין האַלטן.

נאָר: אַליין איז ער געווען — אַליין.

לאָטע —? גאָרנישט, גאָרנישט האָט ער נישט דערהאַלטן פון איר די גאַנצע צייט.

יאָ — פרעד? וואָס־זשע האָט ער נאָך געוואָלט?

צי ער זאָל מאַכן אַ באָד? דעם פראַק אָנגרייטן? דער הער דאָקטאָר איז דאָך זיכער איינגעלאַדן היינט אינאָוונט —

איינגעלאַדן —? יאָ, יאָ, ער דאַרף טאַקע אַלץ גרייט מאַכן.

* *

*

ער איז געגאַנגען מיט דער פינפטער צווענגי. איינגעטיילט אין פעלץ — אין פייכטן דעצעמבער־ווינט.

נאָך אַכט אַזייגער — די גאַסן פוסט. וווּ־נישט־וווּ האָט זיך דורכגעשלייכט עפּעס אַ מענטש.

פראַנק ברוין איז אַריין אין אַ באַר. אין די גרויסע שפּייז־זאַלן האָט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש.

אַ וווקסיקע דאַמע, אין אַ הויכן פוטערנעם קאָלנער און אין אַ גערדיכטן שלייער האָט צו אים אויסגעשטרעקט די האַנט, און אים געזאָגט גוטן־אָוונט.

אַך! — עמאַלדיגע פאַרסטין!

„מיט וועמען זענט איר דאָ?" האָט זי געפרעגט.

„גאַנץ אַליין", האָט ער געענטפערט.

„איך אויך", האָט זי אויסגערופן. „סאָ לאָמיר עסן צוזאַמען. אויב אייך איז ניחא".

ער האָט איר געהאָלפן אויסטון דעם פעלץ. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן אַ טישל, זיך צוגעזעצט און באַשטעלט.

„אַליין אַלזאָ, דאָקטאָר!‟ האָט געלאַכט די זינגערין.

„אַליין אין ווייַנאַכט?‟ זי האָט אָנגעקלאַפּט איר גלעזל אָן זייַנס. „פּראָזיט! אויף גוטפרייַנטשאַפט!‟

„אַלזאָ צוריק שלום?‟ האָט ער געפרעגט.

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ — דאָס איז סוף־כל־סוף דאָס בעסטע. מ׳דאַרף נעמען די מענטשן, אַזוי ווי זיי זענען. נאָר מערניסט ווי זיך האַלטן אין אַ געוויסער דיסטאַנץ — אויף וויפל דאָס איז בכלל נייטיק פאַר דער דערלייזונג פון אונזער נשמה‟. זי האָט זיך צעלאַכט, שלינגענדיק די אויסטערן.

„אַזוי — באַם טיש זענט איר גאַנץ אַמיזאַנט, גאַנץ ליבלעך — און לחלוטין ניט געפערלעך! און דערפאַר — שלום, נישט אמת?‟

זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: „צי קענען מיר דען נישט רויק און אָפן רעדן וועגן אַלעם? ווי צוויי אַלטע שוואַרצקינצלערס, וואָס פאַרשטייען איינער דעם אַנדערן. הגם זיי בלינצלען בלויז מיט די אויגן צו זיך. אַלמאַי דאַרף מען מאַכן די אָנשטעלן? ס׳איז אייך מסתם גאַנץ ביטער, וואָס אייער טורקלטייבעלע איז אייך אַוועקגעפלויגן, נישט אמת?‟

„מיין טייבעלע?‟ האָט ער געזאָגט. „צי מיינט איר דערמיט די פרייַלין דזשעפערסאָן?‟

זי האָט זיך צעלאַכט: „נאַטירלעך! ווער דען־זשע? איר זיצט דאָ אַליין און אויפן ווייַנאַכטס־ביימל פון אייער עקס־כלה הענגט אַן ענגליש שטייגל‟.

„ווער האָט דאָס געזאָגט?‟ האָט ער געפרעגט.

„ווער האָט דאָס געזאָגט‟? האָט זי אויסגערופן. „אין אַלע אָונטבלעטער שטייט עס! מיט די פאָטאָגראַפיעס! אין דערדאָזיקער שעה קומט פאַר די חתונה פון דער קליינער איווי מיטן פירשט סטרעטפאָרד.‟

ער איז געוואָרן אומגעדולדיק. „גאָט מייַנער — כ׳האָב זיך דאָך געקאָנט ריכטן דערויף!‟

ס'האָט אים געאַרט דער חוזק-טאָן פון דערדאָזיקער פרוי. ווער-זשע איז זי דאָס געווען? — די באַרימטסטע זינגערין אין דער וועלט, די פרוי מיט דער שענסטער שטים.

יאָ! הויך געבילדעט און זייער קלוג דערצו. יאָ, אַ קינסט-לערין אין איר גאַנצן מהות. זי האָט נישט בלויז געזונגען, נאָר אויך געשריבן, געקאָמפּאָנירט. און האָט פאַרמאָגט אַ הערלעכע זאַמ-לונג פון אַלטע בילדער, מיט וועלכע ס'וואָלט זיך נישט געדאַרפט שעמען קיין שום מיליאַרדער. אָבער גלייכצייטיק איז זי געווען אַן אָנהענגערין פון כלערליי תאוות. געווען סאַפּאָנאַ *) און קאַטאַרי-נאַ צוגלייך. איר עראָטישע ביבליאָטעק איז ווערט געווען שווערע טויזנטער און האָט אַנטהאַלטן אַזעלכע זעלטענע ווערק, מיט וועלכע זי האָט באמת געמעגט שטאָלצירן, און וועלכע זענען אפילו אין העינס ביבליאָטעק נישט געווען בנמצא. אָבער מ'האָט אויך געוווסט, אַז זי פלעגט אויפנעמען גאַנצע טוצן מענער — און פרויען אויכעט; אַז איינער פון די אָפּערע-כאָריסטן איז געווען בא איר אויף שכירות און אַז ער האָט איר געמוזט נאָכאַנאַנד צושטעלן פרישע סחורה, נאַכט־באַ־נאַכט, זי האָט דאָס נישט אָפּגעלייקנט. זי איז געשטאַנען איבער דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, אין קעניגלעכער פאַרשווענ-האָט געווילדעוועט איר סעקסועלע פסיכע.

און אָט דידאָזיקע עמאַלדיגע פאַרסטין האָט פון אים אָפּגע-חוזקט!

„איר זענט גערעכט," האָט ער רויק געזאָגט. „מ'דאַרף תשובה-טון און נעמען לעבן זיטלעכער.

„דאָס העלפט לחלוטין נישט, וויבאַלד מ'שטעקט שוין איבער די אויערן — אין סאָדאָמיע!"

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ".

„איך רוף דאָס אָן סאָדאָמיע," האָט די זינגערין פאָרגעזעצט „מחמת ס'פירט ממילא דערצו סוף-כל־סוף. איך האָב עס גוט דורגע-שטודירט, דאָס דאָזיקע גרויסע קאַפּיטל פון ליבע — מיט מיין פאָרמול קאָן מען לעזן אַלע רעטענישן, ווי אומפאַרשטענדלעך

*) באַרימטע גריכישע פּאָעטין — אַ נאָמען, מיט וועלכן מ'רופט·אָן אַ פרוי· אַ דיכטעריןָ.

זיי זאָלן זיך אין פלוג נישט אויסווייזן· ווען דעם קאָן איך אייך האַלטן לאַנגע פאָרטראַגן.״

„טוט · זשע דאָס״, האָט ער געזאָגט. „איך קום איצט פון מערב — האָב גאַנצע דריי חדשים בלויז בירגער געזען און פויערים — נפשות וואָס האָבן מיט מענטשן, לויט אייער באַגריף, גאָר גאַנץ קנאַפּע ענלעכקייט, רעדט-זשע אַלזאָ — איך האָרך זיך זיך זייער גערן צו״.

„אַ דאַנק!״ האָט געלאַכט די זינגערין. „ווען איך האָב מיין קאַצניאַמער — און דאָס טרעפט זיך באַ מיר טיילמאָל, ווען דאָס אַלץ דערעסט מיך — בין איך דאַן העכסט צניעותדיק אַ לאַנגע צייט. און דעמאָלט שטודיר איך אַרום—דערויף טאַקע זענען פאַראַן מיינע ביכער און מיינע בילדער. דאָס מאַכט מיר צוריק אַפּעטיט און אזוי האָב איך אין איין שיינעם טאָג מיין פאָרמול אויסגעפונען — אַ העכסט פּשוטע און אָפּגעזונגענע אפילו. אָבער זי איז נאָך פאָרט קיינמאָל אַזוי נישט אויפגעפּאַסט געוואָרן, ווי איך פּאַס זי איף״.

„און ווי הייסט דידאָזיקע פאָרמול?״ האָט ער געפרעגט.

„אין איטלעכן מענטש שטעקט אַ חיה״, האָט זי געענט-פערט. „טיילמאָל אַ סך חיות אַפילו — און דאָס אין משונה-דיקסטן געמיש. ס'איז פּשוט נישטאָ אזאַ חיה אין דער גאַנצער נאַטורגעשיכטע, וועלכע זאָל נישט שטעקן אין עפּעס אַ מענטשן ערגיץ״.

ער האָט געזאָגט: „דאָס איז נישט גאַנץ —״

זי האָט אים האַסטיק איבערגעשלאָגן, „נישט גאַנץ ניי — אוודאי נישט! כ'האָב דאָך אייך לכתחילה געזאָגט, אַז דאָס איז דורכאויס אַלט קרויט! אָבער וואַרט אָקאָרשט· די סעקסו-עלע פּסיכע איז איבערהויפּט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַזאַ שטייגער חיה — און דידאָזיקע חיה זוכט זיך אָפּ אירסגלייכן. דאָס איז דער גלגול-הנשמות, אין וועלכן ס'גלייבן הונדערטער מיליאָנען מענטשן. די איינע און זעלביקע נשמה וואַנדערט דורך אין אַן אומענדלעכער רייע גופים — אַ נשמה, וואָס איז תמיד זי גופא און מוז דיזעלבע בלייבן, דיזעלבע אין דער זשאַבע ווי אין לייב, אין קייזער ווי אין בעטלער, אין דער נאָנע ווי אין דער פּראָסטיטוטקע. וואָס העכער אָבער

ס'שטייט דאָס באַשפּעניש—אַלץ מערער נשמות געפינען אין איר פּלאַץ. צוויי נשמות, האָט געטע געהאַלט, וווינען אין זיין ברוסט — ווען איר לייענט אים אָבער, דאַן געפינט איר, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין צוויי, נאָר צווייהונדערט ווי־ניקסטנס!"

„וואָס רופט איר אָן — נשמה?" האָט ער אַריינגעוואָרפן אַ פראַגע.

„דאָס, וואָס זי איז בעצם!" האָט זי געזאָגט. „דאָס — געשלעכט! צוויי טרייב־כוחות באַשטימען די האנדלונגען פונם מענטשן: דער אינסטינקט פון זעלבסטדערהאַלטונג און דער דראַנג צו פּריה־ורביה. דאָס איז אַ העכסט אַבסורדאַלער גע־דאַנק, מחמת קיין שום באַשפּעניש טראַכט נישט וועגן דער־דאָזיקער פאָרטפלאַנצונג — דער געשלעכטלעכער אינסטינקט איז דאָס סוף־כל־סוף! וויבאַלד אָבער מיר טיילן איבערהויפּט אָפּ לייב פון נשמה, טאָ איז קלאָר, אַז דער גוף איז דאָס, וואָס וויל זיך דערהאַלטן. פרעסן, טרינקען, לעבן און געזונט בלייבן. דאַן אָבער בלייבט דער אַנדערער זאַך — דער נשמה — בלויז דער געשלעכטס־דראַנג! דער גוף איז דורכויס שטערבלעך און גייט צוגרונט נאָך אַ קורצער צייט — זיין דראַנג אַלזאָ, וואָס דינט נאָר אים אַליין, איז בכן פּונקט אַזוי קליין און נישטיק, ווי ער גופא. די נשמה אָבער איז אומשטערבלעך — און אַזוי איז אויך איר עמאַנאַציע — איר פונקציע איז פּונקט אַזוי אומשטער־בלעך ווי זי אַליין — זי בויט־אויף גאַנצע וועלטן. דאָס איז דער גורל פון דערדאָזיקער ערד — אָנצופילן זיך מיט אַלץ פרישערע באַשעפענישן — כדי די נשמות זאָלן כסדר נייע גופים אויסגעפינען, און זיך איינאָרדנען אין זיי אויף אַ קור־צער צייט".

„וויבאַלד אַזוי איז דער גורל" האָט ער באַמערקט, „דאַן דרייט איר זיך פון אים ארויס גאַנץ דערפאָלגרייך! איר ברענגט אפילו אַ סך קרבנות אייער — געשלעכטס־פונקציע, אָבער איר טוט לחלוטין גאָרנישט פאַר דעם קיום־המין!".

זייער ערנסט האָט זי געזאָגט: „אַזוי מיינט איר, דאָקטאָר? די צייט, כדי איין איינציק קינד צו שאַפן, ווייזט זיך מיר אויס צו לאַנג, כדי דעריבער מותר זיין אַזוילאַנג אויף דעם, און וואָס ס'באַשטייט

אייגנטלעך מיין לעבן. פונדעסטוועגן רעד איך מיר איין, מערער פאר דידראַזיקע מיסיע צו טון, ווי אַנדערע טויזנט פרויען צוזאַמען".

„וואָס הייסט ?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט געזאָגט : „גייט אָקאָרשט אין די אָפּערע, בעת איך זינג — אָדער ווען ס'זינגט, א שטייגער, קאַרוזאָ ! אָבער וואַרפט נישט קיין בליק אויף די בינע, קוקט זיך בלויז צו צום פובליקום. אָבסערווירט די אויגן פון דעם עולם, דידאָזיקע אייגן — אָטאָ דאָ וואַכן-אויף אַלע חיהשע תאוות, זיי רעדן גאָרנישט, פאַרשטייען גאָרנישט — זיי פילן בלויז און ווייסן נישט וואָס. אָבער זייערע חושים פלאַמען-אויף און פאַרפילן ווייט דאָס גאַנצע טעאַטער. און זיי פאָרן אַהיים, לייגן זיך איינס, לעבן אַנדערן און געבוירן קינדער !"

זי האָט זיך צעלאַכט אויפן קול : און דאַן זאָגן די לייט : אָ, דידאָזיקע שטים ! פאַרסטינס שטים ! געטלעך-הימליש ! — און קאַרוזאָ — דאָס איז רוח-הקודש !" אָבער ווי אַזוי ער זינגט, דאָס פילן די ווייבער, זיי מאַכן צו די אויגן, לייגן זיך און געבוירן. און די מענער בעת מיין זינגען : דאָס איז אַ פרוי — אַ פרוי. נאָר ווייסט איר. זיי פילן עס נישט אַזוי געהויבן, ווי איך דריק עס אויס, זיי פילן עס, ווי באַלעבעטעלעך טאַקע פילן : גאַנץ פראָסט, דייטלעך און וואולגאַר. דאָס איז זייער גרויסע אַנטפלעקונג ! — די אמתדיקע התגלות, וואָס וועקט-אויף זייערע נשמות !

„וויבאַלד אַזוי, געטלעכע דיווא, *)" האָט ער געזאָגט, „דאַן איז אייער געזאַנג נישט עפּעס אַנדערש — ווי קאַנטאַרידן !"

„גאַנץ ריכטיק !" האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „דאָס איז סעלעריע פאַר דעם חתן און שפּאַרזש פאַר דער כלה ! איר שאַמפּאַניער, אָדער אַן אויסדעקאָלטירט קלייד, אַן עראָטיש בוך, אַ ווילדער טאַנץ — אַ היגנטישע פאַר, וואָס ווילט זיך אויפן מיטן גאס ! — לחלוטין נישט עפּעס אַנדערש — איך גיב מיר אָפּ דערפון אַ קלאָרן חשבון. געשלעכט איז עס — געשלעכט ! און היות ווי כ'גלייב, אַז די נשמות פון געוויסע

*) באַליבטע, פאַרגעטערטע זינגערין,

היות שרייען אויס מיר אַרויס, בעת איך פּראָסטיטואיר זיך אויף דער בינע און אין קאָנצערט-זאַל, האַבן שוין ממילא אויף געוויסע בענקשאַפטן דאָרט אונטן! אָפטמאָל האָב איך וועגן דעם געטראַכט, בעת כ'פלעג וואַרטן הינטער די קוליסן אויף מיין נומער, ווען קאַרוזאָ האָט געזונגען. דאָ איז ער אַן אָקס, באַלד אַ מאַלפּע — איצט אַ ווילדחזיר און דערנאָך אַ נאַכטיגאַל. און די קליינע גראָע נאַכטיגאַל-נשמהלעך דאָרט אונטן שטעקן אַרויס די קעפּלעך, די קי רייסן-איבער זייער מעלה-גרהנען, די מאַלפּעס פאַרגלאָצן די אויגן און די חזירים שוויצן פאַר תאוההדיקער גליסטונג".

„און גאָרנישט קיין מענטשלעכס?" האָט ער געפרעגט „גאָרנישט?"

זי האָט אַ זיפץ געטון: „זעלטן נאָר, גאָר-גאָר זעלטן! — זענען דאָך פאַראַן מיליאָנען מאָל מער חיות אויף דער וועלט, איידער מענטשן! און זייערע נשמות מוזן דאָך וואַנדערן, פּונקט אַזוי גוט ווי די נשמות פון די מענטשן — שטעקן זיי טאַקע ס'רוב אַלזא אין די חיות. ס'איז דעריבער זייער שווער אָפּצוגעפינען אַ מענטשלעכע נשמה אין אַ מענטשלעכן גוף!" זי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע א גילדן ציגאַרן-טעשל, האָט אים מכבד געווען און אַליין פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. „מיר קאָנען זיך טרייסטן", האָט זי פאָרגעזעצט, „די גאַנצע וועלט איז סדום און מיר לעבן אין איר! חיות זענען מיר און חיות מוזן מיר זוכן — אַזוי איז עס תמיד געווען אָנהויבנדיק פון דער לעדאַס איי".

פראַנק ברוין האָט זיך אָנגערופן. „יענע האָט געהאַט אַ שוואַגען-נשמה — דערום איז צו איר צעוס אַלס שוואַן געקומען".

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „און צו אייראָפּע אַלס אָקס, מחמת די איז געווען אַ קו! דעם שיינעם בחור אָבער, דעם גאַנימעד *), וואָס זיינע יינגע חלומות זענען ווייט אין די וואָלקנס פאַרפלויגן — דעם האָט ער זיך געבראַכט אַלס אָדלער. אַלע געטער האָבן אַזוי געטון אין אַלע לענדער און צו אַלע צייטן. צו גוגלאָד, דער ריזן-טאָכטער, איז געקומען אָדין אַלס וואָרים, און די הייליקע יונגפרוי האָט באַזוכט אַ טויב. און אַזעלכע געמיש-באַשעפעניש!

*) צעוסעס שר המשקים אין געשטאַלט פון אַ שיין יינגל.

װימלען איבעראַל אַרום: פּרוכטן פון דער ליבע צווישן גאָט, מענטש און חיה — סאָדאָמיע אין איטלעכער רעליגיע! לעגענדעס — פאַנ־טאַזיעס — בבא־מעשיות — יאָ! אָבער זיי באַוויזן פּאָרט, ווי שטאַרק די מענטשלעכע געדאַנקען זענען מיט זיי פאַרנומען. פול מיט אַזעלכע באַשעפענישן איז די אינדישע, עגיפּטישע און באַבי־לאָנישע געטער־וועלט — און אונזערע נישט ווייניקער. לייענט אָקאָרשט די אַנטפּלעקונג פון הייליקן יאָהאַניס! העלאָס האָט געהאַט די צענטנאַורן און די פאַונען, סירענעס און מעלוזינען, עכטע סדום־קינדער, פּונקט ווי דעם מינאָטאַוורוס *) האָט די פּאַסיפיי פון איר אָקס געבוירן. שוין־זשע גלייבט איר, אַז די אַלע וווּנדער־מעשיות וועלכע לעבן איבעראַל, ווו נאָר מענטשן געפינען זיך, זענען בלויז פון פינגער אויסגעזויגן? דידאַזיקע לעגענדעס זענען נאָר מעגלעך געווען דערפאַר, וויל — פון קדמונים אָן — פלעגט דער מענטש פאַרקערן מיט חיות — איר זענט דאָך אַמאָל געווען יוריסט, דאָקטאָר — זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, צי באַגעגענען מיר נישט אויך היינט צוטאָג אַזעלכע אַקטן?״

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „זיי קומען אומעטום פאָר, אין אַלע לענדער, און יעדן טאָג. אָבער זעלטן פאַרנעמט זיך מיט זיי דאָס געריכט, וויל זיי ווערן באַגאַנגען זייער בעהיים און קומען זעלטן ארויס אויף דער ליכטיקער שיין. גאָט צו דאַנ־קען!״

„איך האָב מיר אַנומלטן אויסגעשניטן פון אַ צייטונג״, האָט זי געזאָגט, „אַן אינטערעסאַנטע נאָטיץ. אין טשיקאַגאָ האָבן זיך זיבן כינעזער געהאַלטן אַ חזיר — אַלס פרוי. זיי האָבן זי אויסגעפּיטערט, און האָבן זי שפּעטער אויפגעפרעסן — אויס לויטער ליבע, פאַרשטייט זיך. אין בערלין האָב איך גע־קענט אַן אַלטן געהיימראַט, וועלכער האָט דער פרוי זיינער אַריינגעשטעקט הינערישע פּעדערן אין די פריזור — געהייסן זי הויך קוואָקען. — און אַזויערנאָך האָט זיך אויסגעלעבט זיין העגערשע נשמה. און איך ווייס, אַז פּראָפעסאָר האַרימאַן פון באַלטימאָרע לעבט שוין זינט יאָרנלאַנג מיט אַ מאַלפּע —

---

*) דער זון פון צעוס און פון דער גריכין פּאַסיפיי: האַלב גאָט, האַלב מענטש.

אויס וויסנשאַפטלעכע טעמים, ווי ער גיט אָן, כּדי די פּסיכע פון דער חיה געגוי צו דערפאָרשן".

„גאָט מיינער!" האָט ער זיך צעלאַכט. „ס'איז כמעט נישטאָ אַזאַ קאַלאַברישער פּאַסטוך, וועלכע זאָל נישט האָבן קיין געליבטע צווישן זיינע ציגן! — געוווינהייט מאַכט ליבע — דאָס איז עס! מ'מוז עס נעמען קאָמיש, ווי פרידריך דער צווייטער האָט עס געטון. איינמאָל, דערציילט מען, האָט מען אים פאָרגעלייגט אונטערצושרייבן אַן אורטייל — און דערדאָזיקער דאָקומענט עקזיסטירט נאָך צד-היום — אין וועלכן אַ הוזאַר איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, ווייל ער האָט פאַרקערט מיט זיין קלאַטשע. אָבער דער קעניג האָט אָנגעצייכנט באַם ראַנד: „דער חברהמאַן זאָל איבערגעטראָגן ווערן אין פיעכאָטע!"

זי האָט זיך אָנגערופן: „ער האָט גוט געוווסט, דערדאָזיקער קעניג, וואָס ער טוט! צי ווייסט איר, וואָס זיין פריינט וואָלטער האָט וועגן אים דערציילט? אַז ער האָט מיט זיינע כאַרטן —"

„איך ווייס!" האָט ער איר איבערגעשלאָגן. „אָבער וואָלטער איז נישט קיין קרוין־עדות!"

יערוּיף האָט זי גענומען דעקלאַמירן:

„Zu Berlin im alten Schlosse
Schen wir in Stein gemetzt,
Wie ein Weib mit einem Rosse
Sadomitisch sich ergötzt

Und man sagt das diese Dame
Die erlauchte Ahnfrau ward
Unseres Fürstentúms —"

„היינע!" האָט ער אויסגערופן. „גלויבט נאָר נישט צופיל די פּאָעטן! געגוי דאָסזעלבע — און נאָך פיל פּאָזיטיווער — דערציילט אַלפרעד דע מוסע וועגן זיין פריינטין זשאָרזש זאַנד"

„אָבער זי איז געווען", האָט זי אָפּגעענטפערט, „אַן אור־אייניקל פון מאַרשאַל מאָריץ פון זאַקסן. קעניגלעך אַדל־בלוט, אַזוי אין דרעזדן, ווי אין בערלין! פאַרשטייט זיך, אַז די ווילדע

שאָרזש זאַנד האָט ליבערשט געוואָלט אַן אָגער, איידער דעם פֿר זירטן דיכטער! ווייטער האָט איטלעכע מאַרקיזין פֿון דער ראָקאָקאָ־עפּאָכע געמוזט האָבן איר פֿינטשער. פֿון אַפּולעאוסעס גילדענעם אייזל אָנגעהויבן, דורך טויזנט און איין נאַכט, פֿון באָקאַטשיאָ און די קיניגין פֿון נאַווארראַ, טרעפֿן מיר איבעראַל טיטאַניאַס לאַנגאויערנדיקע חיה אַלס אַ זייער געווונטשטער געליבטער. ווען נעלסאָן איז אומגעקומען, האָט זיין אָרט בײַ דער שיינער ליידי האַמילטאָן, פֿאַרנומען אַ גרויסער נייפֿונלענדער — און די ענגלישע מאָדע פֿון אַנגאָראַ־קאָטערס האָט דאָ אין ניו־יאָרק נישט איין באַגייסטערטע אָנהענגערין. מיט איין וואָרט, פֿאַר געלט קויפֿסטו דאָ אַלץ, וואָס דיין האַרץ גלוסט נאָר: מיידלעך און ייִנגלעך, ציגן, הינער און אייזלען — אַלץ, אַלץ! — אַלמאַי זאָל איך נישט גלויבן אין דעם, וואָס כ'זע מיט אייגענע אויגן!"

„גוט, גוט", האָט ער אויסגערופֿן, „דאָס אַלץ איז אפֿשר מעגלעך! אָבער איר מוזט דאָך מודה זיין, אַז דאָס געהערט צו די זעלטנסטע אויסנאַמען — און אַז אין אַלגעמיין לאָזט זיך דער געשלעכט־אינסטינקט בײַ מענטשן בשום אופֿן נישט אַראָפּפֿירן צו וועלכער ס'איז בהמה".

די זינגערין האָט געוויגט מיטן קאָפּ אַהין און אַהער. „יאָ — און אויך ניין!" האָט זי געזאָגט, „כ'האָב מיר נאָכנישט אויסגעאַרבעט קיין קלאָרע מיינונג דערווער. צום פּשוטסטן האָלט זיך אויסגעוויזן, אַז די קעצישע נשמה אין מענטשלעכן גוף דאַרף זיך אויסזוכן אַ קאָטער. אַ קאָטער — אַזוי ווי ער איז — מיט אַן עק, מיט לאַפּעס און וואָנסעס. דאָ אָבער ווערט דער ענין אַביסל קאָמפּליצירטער. די קעצישע נשמה זוכט — נישט קיין קאָטער — נאָר — די נשמה פֿון דעם קאָטער. און דאָס גאַנץ אומבאַוווסטזיניק און אינסטינקטיוו. דער מענטשלעכער מוח קאָן דאָ צומאָל אַ האָר נישט העלפֿן, ער פֿירט זי להיפּך, ווי ווייט ער קען נאָר, אויף בלאָנזשענדיקע וועגן, אויף אַזויפֿיל, אַז אין טייזנטער פֿאַלן ווייסט נעבעך די אָרימע נשמה איבערהויפּט נישט, וואָס זי זוכט אייגנטלעך, אין משך פֿון איר לאַנגן קערפּערלעכן לעבן טאַפּט זי אין דער פֿינצטערניש. בענקט און בענקט, און ווייסט קיינמאָל נישט נאָך וועמען! —

געפינט זי אָבער דורך עפּעס אַ צופאַל אין אַן אַנדערן מענטשן אַ נשמה פון אירסגלייכן — דאַן איז זי גליקלעך — און ווייסט נישט פאַרוואָס! איבעריקנס, גיט זיך די מאַלפּע אָפּ אויך צו אַ פוקס, אַ שוואַן, אָדער אַ ים-חזיר! — איטלעכן טאָג זעט איר דאָס, צווישן אַלע פאָרפעלקער! און דאָס איז דאָס קאָמישסטע אין אָט-דער גאַנצער געשיכטע, אַז אַזעלכע חתונות און אַזעלכע ליבעס — בלויז ווייל ס'נעמען אין זיי אָנטייל מענטשלעכע גופים — גילטן דווקא אַלס נאָרמאַלע און אַלס נאַטירלעכע, הגם זיי זענען קעגן דער נאַטור און זענען באמת סאָדאָמיש! דאָס אָבער, וואָס די מענטשן רופן אַן סאָדאָמיע — ווען קרובהשע נשמות זוכן און געפינען זיך אייבאנדער — אָט דאָס טאַקע איז דאָס איינציק נאַטירלעכע!"

זי איז אויפגעשטאנען, און בעת ער האָט איר דערלאַנגט דעם פעלץ, האָט זי געזאָגט. „איך דאַנק אייך, דאָקטאָר, וואָס איר האָט מיך אַזוי אויפמערקזאַם אויסגעהערט. טוט אַ טראַכט וועגן דעם, ווען איר וועט האָבן פרייע צייט. — מיר האָט דאָס געמאַכט אַפּעטיט — איך פריי מיך שוין אויף דעם פייגעלע, וואָס וואַרט אויף מיר אונטער מיין קריסטבוים, כ'רעכן אַז עס וועט מיר איבערלאָזן אַ פּאָר פעדערן אין דער הייליקער נאַכט!"

זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען אין די האַלע — האָבן געוואַרט אַ ווײַלע, ביז דער פּאַזש האָט אַ פייף געטון אויף זייער אויטאָמאָביל.

ביני-לביני האָט זי זיך אומגעקערט צו איר שמועס: גאַנץ באַזונדערע, אַזעלכע וואָס זיי וואָלטן זיך גאָר ניט געקענט אויספירן?... ד.ה. געווויסע חיחשע נשמות וווינען אין מיר, בלי ספק. כ'האָב ליב אַלץ, וואָס איז גרויס און שטאַרק, ווילד און שיין! דעם אָקס און דעם אָגער, דעם אָדלער, דעם שוואַן און — דעם וואָלף!"

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן; ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף עפּעס אַ פאָרוואָרף.

האָט ער זיך אַ ווײַלע געקווענקלט אַפילו, האָט עס לסוף דאָך אַרויסגערעדט, כמעט געצוווּנגענערהייט, לאַנגזאַם און מיט באַטאָנונג. „דאָס אַלץ בין איך אַליין נישט?"

דאַן האָט זיך צעפלאַקערט איר בליק. זי האָט הויך אויסגערופן — און ס'האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אָנשפּייען: „ניין! ניין! דו האָסט אַ נשמה פון אַ וואַנץ, אָדער

פון אַ פּלוי! ביסט אַ מוק — אַ שפּין אפשר, אַ פּעלדערמויז ביסט אַלץ — וואָס זויגט — אָטאָ דאָס ביסטו!"

טריומפירנדיק האָבן געשטראַלט אירע אויגן. „צום ווי־דערזען!" האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. זי האָט אים געלאָזט שטיין אַליין און איז שנעל אַרויסגעלאָפן.

* *

*

פראַנק בריין איז געשטאַנען און איר נאָכגעקוקט מיט אַן אָפן מויל. ער האָט געפילט בחוש, אַז ער האָט זייער נאַריש אויסגעזען אין דערדאָזיקער רגע —

ער האָט זיך דערמאָנט אין אַן ענלעכער סיטואַציע, בעת ער איז אַמאָל אַלס סטודענט נאָך אין האַמבורג, אריינגעגאַנ־גען אין עפּעס אַ פּאַווילאָן, כדי דורכצולייענען די צייטונגען; מ'האָט אים געזאָגט, אַז זיי געפינען זיך נאָר אויפן אויבערשטן גאָרן. איז ער אַלזאָ אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן. אָבער ער האָט קוים געהאַט באַטרעטן דאָס לעצטע טרעפּל, ווי ס'האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטון געסט, קעלנערס, דינערס. און ס'האָט גע־נומען אויף אים האָגלען פון אַלע זייטן סיט פּעטש און קולאַ־קעס — ער איז אַראָפּ פון די שטיגן אין איין רגע. האָט מיט־געשלעפּט אויפן וועג אַ קינסטלעכע פּאַלמע און עפּעס אַ קעל־נערין, האָט אומגעוואָרפן אונטן אַ מאַרמאָר־טישל און אַ פּאָר שטולן. ענדלעך האָט ער זיך קוים מיט צרות אויפגעהויבן פון דער ערד און געבליבן שטיין — מיט אַן אָפן מויל — פונקט ווי איצטער.

דערנאָך האָבן אים אַרומגערינגלט די געסט און די קעל־נערס — אַ גרויסער צוזאַמענלויף אַרום און אַרום. אַ מיס־פאַרשטייעניש איז עס געווען, אַ באַדויערנסווע־טער טעות. אַן אַנדערן האָט מען געמיינט, עפּעס אַ מענטש, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו אים —

עמיץ אנדערש האָט דאָ געהאַט אָנגעמאַכט עפּעס — ער האָט אַפילו רעכט געהאַט ניט פאַרשטאַנען, וואָס. אָבער ער האָט דערפאַר די פּעטש באַקומען. זייער קרעפּטיקע פּעטש.

זיי האָבן אים אָפּגעקלאַפּט דעם שטויב, האָבן זיך געבאָ־רעט אַרום אים און אים גערעדט צום האַרצן. ער דאַרף פּונ־דעסטוועגן מוחל זיין —

דערנאָך האָט זיך איינער צעלאַכט. און אַלע האָבן גע־נומען לאַכן — ער אַליין אויך. ס׳איז דאָך געווען קאָמיש סוף־כל־סוף.

אָבער די פּעטש זענען בא אים פאַרבליבן, און האָבן גוט געברענט.

פּונקט ווי איצטער.

נאָר מיט דעם אונטערשיד, וואָס איצט האָט אים קיינער נישט איבערגעבעטן. און קיינער האָט נישט אויפגעהויבן קיין באַפרייענדיק געלעכטער.

קיין שום טעות, קיין מיספאַרשטייעניש. אים האָט זי געמיינט, אים טאַקע און נישט קיין אַנדערן. און זי האָט אים אָנגעשפּיגן גלייך אין פּנים אַריין —

דער פּאַזש איז צוגעקומען מיט זיין פּעלץ. לאַנגזאַם איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף די גאַס.

ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָבוס — ערשט שפּעטער האָט ער באַמערקט לעבן זיך דעם דר. קאָהן. ער האָט געטראָגן אַ פּאַקעטל אין דער האַנט, פּונקט ווי יעדער מענטש אין דערדאָזיקער נאַכט.

„צוריק דאָ?" האָט אויסגערופן דער דאָקטאָר. „אייער כלה וועט זיך דאָס אַביסל פרייען!"

פראַנק ברוין האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — גוט, גוט — דער האָט נאָך אַוודאי נישט געלייענט די אָוונט־בלעטער — וועט ער אים מסתּם קיין פראַגן נישט שטעלן. „ווי פאַר־ברענגט איר דעם היינטיקן אָוונט?" האָט ער אים האַסטיק אַ פרעג געטון.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „בא אייער אַלטער פריינ־דין. ס׳וועלן דאָרט זיין נאָך אַ פּאָר פּערזאָן, פּראָפעסאָר פאָן קאָכעלע, טעוועס און נאָך צוויי אָדער דריי. צי זאָל איך איר אָפּגעבן אַ גרוס?"

„יאָ — יאָ", האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. „גריסט מיר אַלע באַקאַנטע — וואָס מאַכט עפּעס פרוי וואַן נעס?"

„בעסער, א סך בעסער!" האָט געענטפערט דר. קאָהן. „כ'האָב זי געהאַט אַרויסגעשיקט אויף א פּאָר חדשים קיין סאַראַטאָגאַ. דאָס האָט איר אַביסל געהאָלפן. — אָבער אין אַלגעמיין איז זי זייער אַנעמיש".

ער איז אויפגעשטאַנען. האָט אים דערלאַנגט די האַנט. „איך מוז אויסשטייגן אין פּאַרק. — א פריילעכן יום-טוב!"

פראַנק ברוין האָט באַמערקט ליגן לעבן זיך א צייטונג. ער האָט זי גענומען אין האַנט אַריין און געכאַפּט א בליק אין איר. דאָרטן זענען געווען עטלעכע בילדער.

די גאַנצע ערשטע זייט האָט פאַרנומען איין בילד. אויף דער אַנדערער זייט זענען געווען די פּאָרטרעטן פון אירע עלטערן; דערנאָך דער פירשט, אין פעלד-אוניפאָרם — פּרעכטיק האָט ער אויסגעזען, ריכטיק ווי א ייִנגער העלד! אָך, דאָרט איז געווען זיין בילד אויך — אויבן אין ווינקל — א קליינטשיק מעדאַליאָניקל אין דער גרויס פון א האַלבן דאָלאַר.

ער האָט צעקנאָדערט דאָס בלאַט און עס א שליידער געטאָן אויף דר'ערד —

ער איז אויסגעשטיגן אין צענטראַל-פּאַרק, לעבן דעם הויז פון די אַלטע דזשעפערסאָנס.

אין אַלע פענצטער בלענדנדיק ליכט הינטער די פּאָרהאַנגען. א טאָפּעלער יום־טוב — ווייַנאַכט און תנאים. אונטער אַלע פענצטערס האָבן געהאָנגען קליינע קיילעכיקע קרענץ, פאַלמעס מיט רויטע בערעלעך און רויטע שלייפן.

ער איז געבליבן שטיין, האָט אַרויפגעבליקט א קורצע ווײַלע, האָט לייכט אָפּגעזיפצט. האָט זיך אויפגעשטעלט דעם קאָלנער, אַריינגערוקט די הענט טיף אין די קעשענעס און גענומען אונטערפייפן א סטודענטיש לידל, שפּאַנענדיק אַהין און צוריק איבערן נאַסן אַספאַלט.

ביטער? די פּאַרסטין האָט א טעות געהאַט. זאָלן זיי זיך דאָרטן אין דעם ריזיקן שטיינערנעם הויז שמעלצן פאַר גליק, וויפל זיי ווילן נאָר. איווי, איר פירשט, איר פאָטער און מוטער. און דער גענעראַל=קאָנסול — דער לעצטער איז דאָרט געווען אויבן, אויף דער תנאים־פייערלעכקייט.

אַליין איז ער געווען — ווידפּראַמאַל, ווי די זינגער האָט געזאָגט. אָבער אויכעט: פריי — ווידעראַמאַל! פריי און אליין — צי איז עס דען נישט געווען סוף־כל־סוף איינס און דאָסזעלבע? — ער, דער איינציקער מענטש אין דער ריזן־שטאָט אין דערדאָזיקער נאַכט.

קיינער וועט אים קיין גוט וואָרט נישט זאָגן, היינט אין דער קריסטוס־נאַכט. זיין מוטער — געוויס איז איר ווייַנאַכטס־גרוס אין דעם קאָנווערט געווען. אָבער דער ענגלישער צענזאָר האָט זיך אוודאי דערמיט דעם ציגאַר פאַררויכערט —

אַזוי־ערנאָך האָט ער נישט געברויכט קיינעם דאנקבאַר צו זיין. זיין קריסטוס־מתנה האָט ער דערהאַלטן פון דער דיוואַ אין געשטאַלט פון אַ — פּאַטש —

אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין שטעקן מיט זיך! ס'האָט אים שטאַרק געקיצלט די האַנט צו דערלאַנגען עטלעכע גוטע קלעפּ אין די לופט —

אָדער אַ פערד! — זיך צו קאָנען דורכגאַלאָפּירן איבער דעם ליידיקן פּאַרק! האָט דאָך אים אַזוי געקאָנט שענקען יענע אירלענדישע קלאַטשע, אויף וועלכער ער האָט אַזוי ליב געהאַט צו רייטן. — וואָס וואָלט עס איר געאַרט, זי האָט דאָך געהאַט גאַנצע טוצן בעסערע און שענערע פערד.

אָנשטאָט דעם: איר בריוו! און אַלס ווייַנאַכטס־מתנה — דעם הילכיקן פּאַטש פון דער זינגערין! —

* *

*

פראַנק בראַון איז געשטאַנען פאַר אַ שויפענסטער און אַריינגעבליקט דורך די שויבן: עפּעס אַ פרוי האָט געקויפט אַ רינגל — זי האָט באַצאָלט, גענומען דאָס שאַכטעלע און אַרויסגעגאַנגען. זי איז פאַרביי האַרט לעבן אים.

דאָס — דאָס איז געווען — די גאָהיטאַ דאַלאַרעס! —

זי איז געבליבן שטיין — האָט אים דערקענט. זי האָט אויפגעצאַפּלט און אַ געשריי געטון. האָט גענומען שנעל לויפן איבער דער גאַס, אויפגעריסן אַ טירל פון אַ טאַקסאָמעטער און אַריינגעשפּרונגען.

אוועק —

שנעל, שנעל — איידער ער האָט נאָך רעכט געוווּסט, וואָס ס'איז אייגנטלעך געשען.

נאָך אַ פּאַטש, האָט ער געטראַכט. דאָס איז געווען זיין דריטע ווייַנאַכטס-מתּנה.

ער איז צוריקגעגאַנגען צו דעם שויפענסטער — דאָרט איז געהאָנגען אַ שפּיגל אין דער זייט. ער האָט זיך אייַנגעקוקט דאָרט.

„ווי אַ מצורעדיקער זע איך אויס", האָט ער געטראַכט, „ווי אַ פּאַרדזשומעטער".

אינעווייניק האָט מען פאַרלאָשן דאָס ליכט — איז ער געגאַנגען ווייטער. אָבער דאָס פּרצוף פון שפּיגל איז אים פאַ-רויסגעלאָפן. ער האָט זיך אויסגעדרייט — און ס'האָט כּסדר גע-גלאָצט אויף אים.

אַ פּחד האָט אים אַרומגענומען — און עפּעס אַ ווילדער באַגער.

אָבער ער האָט נישט געוווּסט, וואָס אַזוינס ער באַגערט, און נישט געוווּסט, פאַרוואָס אייגנטלעך האָט ער מורא. איז ער דען נישט געווען צופרידן, צו זיין אַליין — פּטור צו זיין פון אַלעם?

ער האָט לאַנגזאַם געשפּאַנט ווייטער.

ווינט און רעגן. און זיינע טריט, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אויף די שטיינער. קליפּ און קלאַפּ.

ער איז פאַרביי דעם יוניאָן-סקווער. פונדערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן אַהער די קלאַנגען פון אַן אומעטיק לידל —

ער איז געבליבן שטיין — זיך אייַנגעהערט: אָך, דאָס אַלטע קאַמפּס-ליד פון די אירלענדער דאָ אין דאָזיקן לאַנד:

„Old Germany! Old Germany!
Whe do you set old Ireland free?„

אָבער ווי פון אַ קבר אַרויס האָט עס געקלונגען.

*   *

*

באַ די לישאַווס. — ווייס געדעקטע טישן — ליידיקע שטולן. — קיין שום גאַסט אינערגיץ.

ס'איז אונטערגעקומען דער יינגער ראַסיוס און אים גע־דריקט די האַנט.

„איר לאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן, דאָקטאָר," האָט ער אויסגערופן. כ'זיץ שוין דאָ אַ צוויי שעה צייט".

„צי איז שוין דען אַזוי שפּעט?" האָט ער געזאָגט. „אַנט־שולדיקט מיר. לאָמיר זיך אַוועקזעצן — דערציילט מיר אָקאָרשט, וואָס ס'איז עפּעס דערווייל געשען נייעס אין ניו־יאָרק?"

ראַסיוס האָט אַ זיפץ געטון און אַרויסגענומען דאָס זיי־גערל —

„נו, וואָס אַזוינס?" האָט געפרעגט פראַנק ברוין.

„כ'בין איינגעלאַדן אויף צוועלף אַ זייגער", האָט געזאָגט ראַסיוס. „כ'האָב פייערלעך צוגעזאָגט, אַז כ'וועל זיין פּינקטלעך. און אָט איז שוין —"

„ווידער אַ נייע כלה?" האָט זיך צעלאַכט פראַנק ברוין. „מילא, זי מעג אַביסל אונטערוואַרטן, נישקשה".

ראַסיוס האָט אָפּגעענטפערט: „ס'איז נישט קיין כלה — ב'האָב שוין איבערהויפּט נישט קיין כלה — נישט קיין אַלטע און נישט קיין נייע. איך בין איינגעלאַדן — איר ווייסט דאָך, הער דאָקטאָר".

ער האָט אַ קנייטש געטון דעם שטערן אַ רגע. „אַך — צו עמע, נישט וואָ? צי האָט איר עפּעס אַ מתנה פאַר איר אויך?"

דער סעקרעטאַר האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קע־שענע, אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ כתב־יד און עס אים דער־לאַנגט.

דאָרטן איז געשטאַנען: „די פּערל־שנור. אַ זאַמלונג פון סאָנעטן". און פון אונטן: „פאַר עמע ב.".

„האָט איר, הייסט עס, אירע פּערל באַזונגען!" האָט ער אויסגערופן. „הלמאי נישט אירע פיס? פּערל פאַרמאָגן אַ סך פרוי־ען, אָבער אַזעלכע פיס — בלויז עמע ברייטווער".

„זיי האָב איך שוין באַזונגען — גאַנץ אָפט". האָט גע־ענטפערט ערנסט ראַסיוס. „אירע פיס, אויגן און ליפּן — אַלץ!

זי האָט שוין איבער פערציק לידער פון מיר — און זי וויל די־ אַרויסגעבן, אויף פיינעם יאַפּאַנישן פּאַפּיר — אין זילבער־גראָען לעדער געבונדן!"

אַזויפיל יוגנט, אַזויפיל גליק אין דידאָזיקע בלאָע אויגן —

„לויפּט־זשע", האָט ער אויסגערופן. „פליט אַהין צו איר!"

„צום ווידערזען, מאָרגן אינדערפרי!" האָט אויסגערופן ערנסט ראָסיוס און איז גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און באַשטעלט אַ גלאָז ביר. אין דערבייאיקן זאַל האָט געברענט אַ הויכער קריסטבוים — פון הינטן האָבן זיך געהערט די שטילע ווייַנאַכטס־לידער פון דער קאַפּעליע. אַלץ וואָס געהער זיך צו דער קריסטוס־נאַכט איז דאָרט געווען ריכטיק אַראַנזשירט.

נאָר — קיין וואַקס־גערוך, קיין ריח פון פאַרברענטע טאַנען־צווייגן. עלעקטרישע באַרנעס האָבן געהאָנגען אויפן דאָזיקן בוים.

און די לידער. די דייטשישע לידער, וועלכע האָבן אָפּ־געהילכט אין די ברייטע זאַלן — האָבן געצאַרט זיין מוזיקאַליש אויער.

ער האָט אַ ווינק געטון צום קעלנער, און געגעבן אים אַ פּאָר דאָלער פאַר די מוזיקאַנטן, אַז זיי זאָלן אויפהערן צו שפּילן. אָבער דער קעלנער האָט דערקלערט, אַז ס'איז שוין האַלבער נאַכט און די מוזיקאַנטן וועלן סיי ווי באַלד אַהיים גיין.

פראַנק ברוין איז געזעסן און געוואַרט. אפשר וועט זיך פאָרט באַווייזן כאָטש איין גאַסט פון די יעניקע, וואָס פלעגן דאָ אַריינקומען. שוין־זשע וועט זיך נישט געפינען קיין איין מענטש, וואָס זאָל זיין פּונקט ווי ער איינזאַם אין דערדאָזיקער נאַכט.

פּונקט ווי ער —

קיינער איז נישט געקומען.

די מוזיקאַנטן זענען אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך די לייט פון באַר און די קעלנערס — איינער נאָכן אַנדערן.

ס'איז נאָר געבליבן דער איינער, וואָס האָט אים באַדינט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן די וואַנט — אַ לאַנגער, דאַרער און שמאָלער — אַ גרויסער, פאַרוווּרפספוּלער אויסרוף-צייכן!

פראַנק ברוין האָט געטראַכט; אָט-דער האָט מסתּם אַ פרוי מיט קינדער, וואָס האַרן אויף אים.

אויף אים האָט קיינער נישט געהאַרט.

ער האָט באַצאָלט — אוועקגעשיקט אַהיים דעם קעלנער. ער איז געבליבן זיצן און געגלאָצט אויף זיין גלאָז, וואָס ער האָט צומאָל נישט באַרירט —

ער איז דאָרט געזעסן און געזעסן.

טיילמאָל פלעגט פאַרבייגיין דער הויז-קנעכט. פראַנק ברוין האָט אים אַהערגערופן, געגעבן אים פּאַפּיראָסן און אַ פּאָר דאָלער-באַנקנאָטן. געוווּנקען אים צו זיין שטיל, בעת יענער האָט געוואָלט אָנהויבן רעדן.

דיק איז ער געווען, רויט אויפן פּנים. דער האָט שוין מסתּם געפייערט, האָט ער געטראַכט, נאָך מתחילת נאַכט.

און פראַנק ברוין איז זיך ווייטער אַזוי געזעסן און געקוקט פאַר זיך פאַרטראַכטערהייט.

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צום טעלע-פאָן. מעכאַניש — קענען זיין אייגענעם ווילן כמעט.

ער האָט אָנגערופן איר נומער — געהערט איר שטים.

„לאָטע —" האָט ער געזאָגט.

און ער האָט געהערט: „קום —"

מער גאָרנישט.

* *

*

אָבער ער איז נישט אַהינגעגאַנגען.

ער האָט זיך אומגעקערט אויף זיין אָרט און זיך צוריק אוועקגעזעצט פאַר זייז גלאָז ביר

און איז ווייטער געזעסן —

ניין, ניין — ער וועט נישט גיין צו איר. ער האָט מורא געהאַט.

דריי מתנות האָט ער באַקומען אויף די קריסטוס-נאַכט — דריי, און דאָס איז געווען גענוג. פון איווי, פון דער פאַרסטין און פון דער טענצער־ין. דריי מתנות. און אַלע פון זעלביקן מין.

הילכיקע פעטש —

פאַרוואָס-זשע ? פאַרוואָס ?

און ער איז דאָ געזעסן — געזעסן — דורך דער גאַנצער פריילעכער נאַכט —

פאַרטאָג איז ער אַהיימגעקראָכן און אַנידערגעפאַלן אויפן בעט.

*   *

*

ניין, ער איז נישט געגאַנגען צו לאָטע וואָן נעס. ער איז געבליבן אין שטוב איין טאָג נאָכן אנדערן. האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין סעקרעטאַר, האָט זיך געפילט מיד און דערשעפט. געשלאָפן לאַנג, גאַנצע נעכט — און בײַטאָג אַפילו.

ער איז געלעגן אויף דער סאָפע. געשפילט אין שאַך מיט ראָסיוסן, מיטאַמאָל איז פאַרפאָרן לאָטעס אויטאָ. זי האָט זיך נישט געלאָזט מעלדן און איז גלייך אַריין אין צימער.

זי האָט אויסגעטון דעם פעלץ און זיך צוגעזעצט.

קיין שום דערקלערונג — קיין שום סצענע. גלייך ווי זי וואָלט ערשט נעכטן דאָ געווען. גלייך ווי ס'וואָלט געמוזט אַזוי זיין און נישט אַנדערש:

זי האָט געפלוידערט, גערעדט מיט זיין סעקרעטאַר. האָט זיך צוגעקוקט צו דער פּאַרטיע שאַך, וועלכע איז זיך ווייטער לאַנגזאַם געגאַנגען. פראַנק ברוין האָט נישט גערעדט קיין וואָרט.

ער האָט אויפגעהויבן דעם טורעם, מיט וועלכן ער האָט גראָד געוואָלט מאַכן אַ צוג. האָט אים אָבער פאַרגעסן אַנידערצושטעלן און אים געהאַלטן פעסט און דער האנט. ער האט זיך צוגעהערט, וואָס זי האָט גערעדט. האָט זיך פאַרקוקט אויף איר — לאַנג, לאנג — ענדלעך האָט ער גענומען דרימלען און איז באַלד איינגעשלאָפן.

ס'האָבן זיך אים געחלומט רויטע שלייערס — נאָכאַנאַנד רויטס. רויטע רויזנבלעטער — רויטער רעגן — בלוטיק רויט.

און פחד, פחד – אַזאַ משוגענער פחד —

דערנאָך האָט ער אַ געשריי געטון — און זיך אויפגע־כאַפּט פון אייגענעם געשריי. ער איז אויפגעשפּרונגען — גע־מאַכט אַ פּאָר טריט, געבליבן שטיין און זיך אַרומגעקוקט.

אַליין איז ער געווען — קיינער איז נישט געווען אין שטוב אַחוץ אים.

אָבער איר דופט האָט זיך געטראָגן איבערן צימער, אַ ווייכער, זיסער דופט — "Jicky„.

וואָס איז דען געשען? וואָס האָט זי געטון? בלוט האָט ער געזען — אַזויפיל בלוט —

די האַנט זיינע האָט עפּעס צונויפגעפּרעסט —

אַ מעסערל — אָך, יאָ — אַ קליינטשיק מעסערל.

זי האָט עס געהאַלטן – און ער האָט עס איר אַרויסגעריסן –

ער האָט געעפנט די פינגער — און ס'איז אַרויסגעפאַלן אויפן דיוואַן אַראָפּ, צו זיינע פיס —

קיין שום מעסערל — נאָר אַ פיגור פונם שאָך גאָר —

ער האָט דערהערט עמיצנס טריט — זיין סעקרעטאַר האָט זיך אומגעקערט.

„ווו איז זי?‟ האָט ער געפליסטערט. „ווו איז — פּרוי וואַן נעס?‟

דער סעקרעטאַר האָט געענטפערט. „כ'האָב זי אָקאָרשט באַגלייט צום אויטאָמאָביל. זי האָט אייך נישט געוואָלט איבער־וועקן — צוזוי פעסט זענט איר געשלאָפן.‟

ער האָט אויפגעהויבן די שאָך־פיגור. „שפּילן מיר ווייטער? ס'האַלט באַ אייערס אַ צוג‟.

פראַנק ברוין האָט נישט געענטפערט. ער האָט געקוקט אויף אים מיט אומצוטוי און אומגלויבן —

מיטאַמאָל האָט ער דערשפּירט אַ לייכטן ווייטיק אין די פּלייצעס — אונטערן אָרעם. ניין, טיפער אין רוקן, ניין, ניין — אין דער ברוסט. —

ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס רעקל און זועסטל, שיך, הויזן און העמד. — האָט ארומגעזוכט איבערן גאַנצן לייב.

ער האָט גאָרנישט נישט געפונען. ער האָט זיך ארומגעטאַפּט פון קאָפּ ביז פיס.

די וואַנד — וו איז געווען די וואַנד?

ער איז אַריינגעלאָפן אין באָד-צימער. האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן גרויסן שפיגל. האָט אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ און אַרומגעזוכט אויף די פּלייצעס.

גאָרנישט — גאָרנישט. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. וו-זשע האָט עס אים וויי-געטון?

אָבער ער האָט שוין גאָרנישט געשפּירט.

זיין סעקרעטאַר איז אים נאָכגעקומען. „וואָס איז געשען, דאָקטאָר?" האָט ער געפרעגט, „וואָס איז אייך?"

„ס'האָט מיר עפּעס אַ שטאָך געטון", האָט ער געענטפערט, עפּעס אַן אינזעקט האָט מיר אַ ביס געטון. העלפט מיר, כ'בעט אייך, זוכן".

ראָסיוס האָט אויפגעדרייט נאָך אַ פּאָר לעמפּלעך. שטראַלנדיק העל איז געוואָרן דאָס באָד-צימער. ער האָט אַרומגעזוכט אין אַלע זייטן, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: „ס'האָט זיך אייך געחלומט, דאָקטאָר".

מיטאַמאָל האָט ער ווידער עפּעס דערשפּירט. נישט קיין ווייטיק — נאָר עפּעס אַ סווענדזשען. און נישט אויף איין אָרט, נאָר אומעטום אויף דער גאַנצער הויט. און דערביי האָט אים אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ שוידער.

ער האָט גענומען ציטערן אויפן גאַנצן קערפּער. „מיין אַנטויעכץ! האָט ער אויסגערופן, קלאַפּנדיק אַ צאָן אָן אַ צאָן. „ס'איז דאָ זייער קאַלט".

„קאַלט?" האָט ראָסיוס איבערגעפרעגט. „ס'איז צוואַנציק גראַד וואַרימקייט!"

זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין שטוב אַריין. פראַנק ברוין האָט זיך אָנגעטון. שוין-זשע זאָל ער זיך אָנפאַרטרויען דעם-דאָזיקן יינגעלמאַן? אָך, ער וואָלט אים געקענט יעדע רגע פאַר.

ראַטן! נישט פאַר געלט — געוויס נישט, אָבער פאַר איטלעכן קוש פון געשמינקטע ליפּן.

פּאָרזיכטיק האָט ער געפרעגט: „ווי לאַנג בין איך געשלאָפן?"

„אַ גוטע שעה!" האָט געענטפערט דער סעקרעטאַר.

פראַנק ברוין האָט געשוויגן אַ ווײַלע. ער האָט זיך אוועקגעזעצט, געקוקט זיין פיגור. האָט זיך באַמיט צו זיין גלייכגילטיק און אויפסניי אָנגעהויבן: „איר זענט דאָך אַוועקגעגאַנגען, נישט אמת? כ'האָב דאָך אייך געזען אַרויסגיין, בעת פרוי וואַן נעס איז דאָ געווען? — ציי האָט איר באַזאָרגט דעם בריוו?"

„ניין" האָט געענטפערט דער סעקרעטאַר. „אָט ליגן זיי דאָ אַלע. כ'בין אינערגיץ נישט אַרויסגעגאַנגען. מיר זענען דאָ ביידע געזעסן און געפלוידערט שטילערהייט — כדי אייך נישט איבערצוּוועקן".

ער האָט אים אָנגעשריגן: „איר זאָגט ליגנט! — ליגנט! — איר האָט מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט — מיט —"

זיין שטים האָט זיך אָפּגעהאַקט, זיינע הענט האָבן זיך צונויפגעקראַמפּט. אָך — ער האָט שטאַרק חשק געהאַט אים פאַרן גאָרגל אָנצוכאַפּן און ווערגן — ווערגן —

זיין סעקרעטאַר איז אויפגעשטאַנען — גלייך ווי די וואַנט. ער האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט.

פראַנק ברוין האָט אים אָנגעקוקט — הילפלאָז, אוממעכטיק, גלייך ווי ער וואָלט אים געוואָלט איבערבעטן.

ראַסיוס האָט איב גוט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט און געצויגן מיטן לויפער.

און זיי האָבן ווייטער געשפּילט. אינדערשטיל און שווייגנדיק.

איין פּאַרטיע און נאָך איינע —

* *

*

שפּעט אין אָוונט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. ערנסט ראַסיוס האָט אים דערציילט וועגן דער גרויסער פּאַסירונג אין זיין לעבן — וועגן דער שיינער עמע.

ער האָט אים אויסגעהערט מיט אַ האַלב אויער. — האָט זיך בעת מעשה צוגעקוקט צו דער האַסטיקער גאַסן־באַוועגונג. דאָס טעאַטער האָט זיך אויסגעליידיקט. פעלצן און צילינדערס. פאַרביקע אָוונט-מאַנטלען און בריליאַנטן. אויטאָס, טויזנטער אויטאָס.

גאַסנמיידלעך? ווער וואָלט זיי דען געקאָנט אַרויסגעפינען צווישן דאָזיקן עולם? האָט דאָך יעדע איינציקע דאַמע אויסגעזען ווי א גאַסנמיידל — אָנגעשמינקעוועט, דיק אָנגעפּודערט, געמאָלט די ליפּן, אויגן און אויערן. איבערגעדעקט מיט בונטן צירונג.

און אונטערגעמאָלט זענען אויך געווען די עזותדיקע הולטאַיעס, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען צולעצט פון טעאַטער. די רעסירטע מאַלפּעס, קרענקלעכע און פאַרפוילטע. דאָס פּסולת פון ערגסטן מין. אָבער זייערע ליבהאָבערס האָבן זיי געפונען — פונדעסטוועגן.

און דאָרט ווייטער די מאַטראָזן. ווילדע יונגען, אָפּגעברענטע פון דער זון. קרעפטיקע, געזונטע, ריין אַרומגעוואַשענע. אויף און אָפּ — ווי די כאַר-יינגלעך. צום קויפן פונקט ווי זיי, נאָר ביליקער נאָך.

ווייבער אויך — פון די פאַרשידנסטע פעלקער און ראַסעס. איטלעכער קוואַרטאַל און יעדע פאַרשטאָט האָבן זיך זייער כאַראַקטער, וועלכער שלאָגט זיך ארויס אין דער נאַכט. — נעגערטעס דאָרטן — גריכישע מיידן דאָ. מ׳קאָן זיך אויך איינקויפן אַרמענערינס. קובאַנערינס, טשעכינס, פראַנצויזינס, ענגלענדערינס, וויפל מ׳וויל נאָר האָבן, מיידלעך פון קאַנאַדע, פון סיריע און רומעניע —

וואָס פאַרא מאַרק! — ביליקע סחורה! אָנהויבנדיק פון אַ דאָלאַר אַ שטיק!

אָ, יאָ, די פאַרסטין איז גאַנץ געווען גערעכט: יעטוועדע זינד האָט מען דאָ געקאָנט קויפן — פונקט ווי די רויטע עפּל בײַ די אויבסט־שטעלן אויף דער גאַס.

„די עפּל שמעקן נישט" האָט געטראַכט פראַנק ברוין. לאַקריצדיק זענען זיי און אָן טעם — ווי לעבלעך וואַסער, ווי זייערע זינד גופא — דאָס מאַכט שוין דער קלימאַט!"

זיי האָבן גענומען אַ טאַקסי און אַרויסגעפאָרן צום פּלאַ־ זאַ=האָטעל. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט בײַ א טישל, געטרונ־ קען שאַמפּאַניער און זיך צוגעקוקט צו די טענץ: פאָקסטראָט, טאַנגאָ א. א. וו. — אַלץ סינקאָפּירט דורך די מוזיק. מ'האָט געטאַנצט אָן אויפהער. צוויי קאַפּעליעס אין דער אַרבעט. ווען איינע האָט געענדיקט, האָט די אַנדערע אָנגעהויבן. מ'האָט געטאַנצט אָן געפיל, אָן גראַציע — אַ מין כסדרדיק דרייען זיך אין אַ רעדל ביז צום שוויצן, ביז צום אומפאַלן, אָבער תמיד באַוווסטזיניק און אויפמערקזאַם אויפן נאָענטסטן טאַקט פון דעם סינקאָפּ — פּונקט ווי דרעסירטע מאַלפּעס.

דערנאָכדעם זענען זיי ביידע אַהינגעפאָרן צום „נאַכט־ אזיל", אַ דייטשישער האָטעל, וואָס זיין אייגנטימערין האָט געשמאָלצן דיקע שטאַבעס גאָלד, אויסשפּילנדיק אויף די סטרו־ נעס פון דייטשישן פּאַטריאָטיזם. דאָ האָט דער גאַנצער לאָקאַל געגרילצט נאַציאָנאַלע לידער, איינס נאָכן אַנדערן. אויך קופּלעטן אינמיטן דערין. דערנאָך פאַרשידענע לידער לכבוד הינ־ דענבורגן, מאַקענזענען און דעם קייזער, פּאַראַדיעס אויף די געמיינע ענגלענדער און איטאַליענישע לומפּן. און דאָס שיכּורע פּובליקום האָט געלאַכט און געכיכיקעט ביז צום פּלאַצן, אָדער גאַר געוויינט, פאַרטרינקענדיק דעם צער מיט ביר און וויין. מ'האָט געקושט די דייטשע מיידלעך, וועלכע זענען געזעסן בײַ די מענער אויף דער שויס.

פראַנץ אָבערמאַן, דער דייטשישער פּיאַניסט, האָט גע־ צימבלט אויף זיין אינסטרומענט, געקעמפט פאַרצווייפלט און זיך בײַמיט דורכצופירן זיין קונסט טראָץ דעם טאַראַראַם פון די אַלע געסט. אָבער אומזיסט. — ער האָט אַלעמאָל געמוזט איבער־ רייסן אינמיטן עפּעס אַ מאָטיוו און אויפשפּילן דווקא יענע מע־ לאָדיע, וואָס דער אַרומיקער עולם האָט אומברחמנותדיק גע־ גרילצט.

ערנסט ראַסיוס האָט אַרויסגעצויגן דאָס זייגערל. „שוין זעקס! כ'מוז גלייך גיין אין רעדאַקציע אַריין".

זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

פראַנק ברוין איז אַרויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ צו זיין וווינונג. — ער איז געבליבן שטיין און זיך איינגעהערט: עפּעס

האָט זיך באַוועגט בײַ אים אין צימער — דורך די שפּאַרעס פון דער טיר האָט דורכגעדרונגען אַ העל ליכט. ער האָט זיך איינגעהערט אָנגעשטרענגט. עפּעס אַ שטיל שאָרכן — ווי עמיץ וואָלט געגאַנגען אויף און אָפּ.

פרעד? — אָבער ניין — אונטן, אויף די טרעפּ נאָך, האָט ער געהערט זיין כאָרכלענדיק שנאָרכן.

ער האָט שטילערהייט אַריינגעשטעקט דעם שליסל און אויפגעמאַכט די טיר מיט איין ריס.

פאַר אים איז געשטאַנען לאָטע.

און אַ פאַרשיכורנדיקער ריח פון פלאַמענדיקע רויזן האָט בצוויַיעט אַרום איר. —



„ס'איז פאַראַן אַיין אייניציק מיטל נאָר, וואָס אַנטפּלעקט פאַר דיר איטלעכס בּאַ־היימנישׂ. צעשטויס אָפּסיאַן, טו־אַריין אַביסל מיררע, צעקרישלטן טאַלק און די האַרץ־טרערן פון פיניען־ביימער. מיש עס אויס און טרינק עס מיט רויטן ווײַן: און וועכט ווייסן דעם יסוד פון אַלצדינג".

(A. D. ת. י. IV) ליטיקאָ פון אָרפעוס

אין דידאָזיקע צייטן האָט פראַנק ברוין געשריבן אַ מין טאָגבוך. ער פלעגט עס גאַנץ זאָרגעוודיק אויפהיטן און האָט עס נאָר דאַן אַרויסגענומען, בעת ער פלעגט זיין גאַנץ אַליין און זיכער פאַר יעטווועדער שטערונג.

ער האָט אָנגעהויבן זיינע נאָטיצן מיט דער געשיכטע פון זיינע ליידן. ער האָט אויפגעגראָבן אין זיין געדעכעניש אַלץ, וואָס ס'האָט נאָר געהאַט דערמיזט וועלכע ס'איז שייכות. דערנאָכדעם האָט ער עס צונויפגעשטעלט אין אַ געוויסן סדר און געזוכט דעם צוזאַמענהאַנג.

אין אייראָפּע האָט זיך עס אָנגעהויבן, עטלעכע חדשים פאַר זיין אָפּפאָרן. ס'האָט אים אַרומגענומען עפּעס אַן אומרו־קייט און אַן אומגעדולד, אַ גערייצטקייט פון אַלע נערוון. אַ מין בענקעניש נאָך עפּעס —

נאָך עפּעס אַזוינס, וואָס איז געלעגן אין אים גופא, ...ינט —

ניין, ער האָט נישט געוווסט, זינט ווע

ער האָט זיך גאַנץ גוט דערמאָנט די צייט, ווען דאָסדאָזיקע געפיל איז לחלוטין נישט פאַראַן געווען. בעת ער האָט געגאַסן פון לעבן, וואָס די שעה האָט נאָר געבראַכט. שטאַרק, איינפאַך, זעלבסטפאַרשטענדלעך און חיהיש. פּראַכטפול חיהיש, האָט ער געטראַכט.

לאַנגזאַם איז געוואַקסן זיין קראַנקייט. זייער לאַנגזאַם און בהדרגהדיק. איינמאָל באַהערשט, האָט זי אים שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. האָט אים געמאַכט אומגעדולדיק און אומבאַשטענדיק, און אים לסוף אַרויסגעטריבן פון אייראָפּע.

און זי האָט זיך איינגעשטילט און באַרויִקט, בעת ער פלעגט זיך געפונען אויף זיינע נסיעות אַ צייטלאַנג.

בעת ער פלעגט טרינקען דאָס פייער פון די טראָפּיקאַלישע מקומות, ווען ער פלעגט אַרומבלאָנזשען איבער די גאַסן פון פאַרוואָרפענע שטעט, בעת ער פלעגט אין זיך איינאָטעמען די איינזאַמקייט פון מדבריות און זיין נשמה האָט זיך געטובלט אין דער אָנסופיקייט פון די ימים — דאַן האָט ער זיך געפילט געזונטער און דאָס האָט אים צוגעגעבן פרישע כוחות צום נייעם לעבן אין פאָטערלאַנד.

איינמאָל האָט ער אַזוי געטון. צוויי מאָל און מערער: געזונט איז ער אַהיימגעקומען און פעסט ווי שטאָל.

בעת ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דעם, איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז נישט געווען קיין קראַנקייט. אין ערגסטן פאַל איז עס נאָר געווען עפּעס אַ נייגונג, אַ מין באָדן, אויף וועלכן ס'האָט געקאָנט אויפשפּראָצן אַ גיפטיקע פלאַנץ.

אויך דאָסמאָל האָט געהאָלפן דאָס אַלטע מיטל.

מחמת געזונט — אָדער כמעט ווי געזונט — איז ער געווען שוין אין ערשטן טאָג אין אַנטאָפאַגאַסטאַ. נאָר עפּעס אַ קליינע אָפּגעשוואַכטקייט איז בײַ אים פאַרבליבן — עפּעס אַ מין לייכטע, זעלטענע און פאַרווילדערטע חולשות. אין דעם טאָג, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו די ים-לייבן, ווי זיי האָבן זיך געיאָגט נאָך די הערינג-מחנות, און זיי אַריינגעטריבן אין די זילבערנע כוואַליעס אין האַפן פון אַנטאָפאַגאַסטאַ. אין דעם טאָג, ווען דער ערשטער דונער פון שטורעם האָט דורכגעצוקט איבערן

הימל פון דער היימאַט, בעת ס'האָט דורכגעעגבערט די וועלט דער ווילדער געשריי פון סאַראַיעווער מאָרד —

דערנאָך די פאַרדזשומעטע שיף און דער בעלער טויט. דאָס שלעפּעדיקע אַרויפפאָרן צום מערב־פּאָרט — די האַסטיקע נסיעה קווער דורך די שטאַטן. און די מלחמה, די מלחמה —

קיין שום סימפּטאָם האָט ער נישט אויסגעפונען פון יע־נער צייט. אויב ער איז שוין באמת קראַנק געווען, דעמאָלט שוין — אויב די גיפט-קערנדלעך פון עפּעס אַ חולאת האָבן שוין געשטעקט אין אים — זענען זיי אָבער באַשיינפּערלעך פאָרט נישט אַרויסגעטרעטן, אָדער ער האָט זיי נישט באַמערקט — ער איז געווען בלינד און טויב — האָט נאָר געלייגט אַכט אויף די בליצן, וואָס האָבן אויפגעצוקט האַרט אַרום אים — און איבעראַל אין דער גאָרער וועלט.

ערשט אין ניו-יאָרק האָט ער דערשפּירט, אַז ער איז קראַנק, גראָד אין דער צייט, בעת ער האָט ווידער אָפּגעפונען לאָטע לעווי.

אָן שום ספק האָט זיין ליידן געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט דערדאָזיקער פרוי. אויך מיט אַנדערע — אפשר! אָבער מיט איר זיכער.

וואָס פאַרא קרענק אַלזאָ? ער האָט צונויפגענומען אַלע פּרטים, האָט זיי פאַרגליכן מיט דעם, וואָס ס'האָבן געזאָגט די דאָקטוירים, וועלכע האָבן אים באַטראַכט. זייערע דיאַגנאָזן זע־נען געווען אינגאַנצן ענלעך: ער איז געווען פולשטענדיק גע־זונט. האַרץ, לונגען, נירן — אַלץ. מערניסט, אַן אַפּאַטיע און אַן אומבאַדייטנדיק נערוון-ליידן, פון פּסיכישער נאַטור וואַר־שיינלעך — אפשר די מלחמה! בלויז איינער, דער דאָקטאָר סאַמועל קאָהן, האָט פּרובירט אַריינצודרינגען טיפער: ער האָט גערעדט מכּוח דער מעגלעכקייט פון אַ פאַרגנבעטער טראָפּיקא־לישער מחלה.

אָבער השערות בלויז, אומזיכערע און פאַנטאַסטישע, אויף גאָרנישט געשטיצטע! ער האָט זיי פאַרצייכנט פונדעסטוועגן, וואָרט בא וואָרט. פלעגט זיי איבערלייענען גאַנץ פלייסיק, פאַר־טראַכטן זיך דעריבער — אָבער ער האָט מיט זיי גאָרנישט גע־קאָנט מאַכן.

ווי אַזוי האָט זיך די קראַנקייט באַוויזן: צוערשט אַ מיד-
קייט. אָבער אַזאַ, וועלכע האָט נישט פאַרלאַנגט קיין שלאָף. יאָ,
פּט איז עס געווען פונקט פאַרקערט: דווקא דעמאָלט ווען ער
איז געהאַט געשלאָפן, לאַנג, יף און פעסט — באַנאַכט אָדער
אפילו באַטאָג — גראָד דאַן פלעגט ער זיך פילן אַזוי טויט-
מיד און דערשעפּט. ער פלעגט שלאָפן רויק, טיף און אָן
חלומות. גאַנץ זעלטן בלויז פלעגן זיך צו אים אַריינשלייכן ווילדע,
אָפּגעריסענע חלומות.

טײַלמאָל פלעגט אים פאַרקומען, ווי ער וואָלט זיך נישט צו-
געהערט צו דעם, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, אָדער ווי ער וואָלט
געהערט דײַטלעך די קלאַנגען פון ווערטער, אָבער ער האָט נישט
תופס געווען זייער זין. טײַלמאָל ווידער איז ער אַליין געבליבן
שטעקן אינמיטן אַ זאַץ און האָט אָפּגעהאַקט, אָדער ער פלעגט
פאַרגעסן אַ נאָמען, אַ וואָרט, אָדער אַפילו אַ גאַנצן זאַץ. אַלזאָ אַ
פלוצלינגע פאַרגליווערונג פון זכרון.

טײַלמאָל ווידער פלעגט עס זײַן אַ ראַשער אָנפאַל, אַ פלוצ-
לינגער קאָפּ-שווינדל, ווי דעמאָלט, בעת ער איז אין טאָרעאָן פון
פערד אַראָפּגעזונקען. אַ שווינדלען פאַר די אויגן, אַ ציטערן אויפן
גאַנצן לײַב, אַן אָפּשוואַכונג פון אַלע אברים. דאַן ווידער אַ געפיל
פון פוסטקייט, פון אויסגעפרעסטזיין, פון אַן עלנטער פאַרוועלקונג
און דערשעפּטקייט.

טײַלמאָל פלעגט ער אויך אַרומוואַנדלען אינמיטן שלאָף. איינ-
מאָל האָט אים אַפילו זײַן סעקרעטאַר דערבײַ געפאַקט, אַ פּאָר
מאָל — אויך דער אַלטער דינער. און געוויס פלעגט דאָס אָפטער
פאָרקומען, הגם ער האָט עס נישט געקאָנט פעסטשטעלן.

זייער פאַרשידנאַרטיק האָבן זיך אים אויסגעוויזן דידאָזיקע
אָנפאַלן, טײַלמאָל האָבן זיי אַרומגעכאַפּט בלויז דעם גוף און געלאָזט
דעם מוח פולשטענדיק פרײַ, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט גענוי באַ-
אָבאַכטן זייער ווירקונג. טײַלמאָל ווידער האָט עס אַרומגעכאַפּט
בלויז דעם מוח — אָדער אויך נאָר אַ טייל פון אים. דאָס איז
שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל פאָרגעקומען, אינמיטן אַ רעדע.
זײַנע ליפּן האָבן אַפילו גערעדט ווייטער, מעכאַניש צונויפגעשטעלט
די געוויינלעכע ווערטער, אָבער ער האָט געפילט בחוש, אַז עפּעס

פעלט, און אז אַ מעכטיקע מויער איז אויסגעוואַקסן צווישן אים און דעם עולם דאָרטן אונטן.

לסוף פלעגט אויך טרעפן, אַז די אָנפאַלן האָבן אַרומגעכאַפּט זיין גאַנצן אָרגאַניזם: גוף און מוח צוגלייך.

עס זענען געווען צייטן, ווען ער האָט זיך נישט געפילט קראַנק — און דאָך נישט געזונט. דאַן פלעגט ער טון אַלצדינג, ווי תמיד, אָבער גאַנץ מעכאַניש — ער האָט וועגעטירט, געווען גלייכגילטיק, ליידיק און קאַלט

וואָס אַן אמת, אין דער צווישנצייט, ווען ער פלעגט זיך פילן געזונט — פלעגט אין אים פולסירן דאָס לעבן: ייִנג, קרעפטיק, בליענדיק און שטאַרק. אָבער דאָס פלעגט פאַרקו־מען גאַנץ זעלטן: נעכטן נאָך האָט עס אים געדאַרפט קאָסטן אַן אומגעהייערע אָנשטרענגונג, כדי בלויז די האַנט אויסצושטרעקן. און היינט האָט ער געקאָנט שעהנלאַנג אַרומשווימען אין וואַ־סער, אָדער רייטן אויפן פערד.

* *

*

און זיין אויסזען?

נו, ער פלעגט אויסזען גוט, בעת ער האָט זיך געפילט געזונט, און האָט אויסגעזען צרהדיק, בעת ער איז געווען קראַנק.

בײַ אַ טיפערן אַריינדרינגען אין צושטאַנד פון זיין נשמה האָט מען געקאָנט באַמערקן אַ לייכטן אויסדרוק פון אומזיכער־קייט, און צוגלייך פון אַן אומקלאָרן באַגער. דער דראָזיקער שטריך פון זיין גייסטיקער פיזיאָנאָמיע האָט געהאַלטן אין איין שטייגן, האָט אָנגענומען אַן אַלץ דייטלעכערן כאַראַקטער, האָט פאַרענדערט זיין פּנים און צוגעגעבן אים אַ משונהדיקע גרי־מאַסע.

צום בולטסטן איז אַרויסגעטרעטן נאָך איין שטריך, וואָס האָט זיך געשטאַרקט פון טאָג צו טאָג: דער אויסדרוק פון עלנטן, טיף אָפּגעפילטן יאוש, ווייל ער האָט דעמדאָזיקן באַ־גער און מאָדנעם פּחד נישט געקאָנט משיג זיין.

— דו אומזיכערקייט איז אויסגעוואַקסן אין אַ מורא, און די מורא

אין א שרעקלעכן גרויל. די ווונטשן האָבן זיך פארוואנדלט אין פארלאנגען, און די לעצטע אין ווילדע גארונגען!

פאר וואָס אייגנטלעך האָט ער מורא געהאַט? און וואָס האָט ער באַגערט?

* *

*

ער האָט גוט געוווּסט, אַז די אַלע מיטלען, וואָס ער האָט אריינגעשלונגען און אריינגעשפריצט, היילן נישט ראַדיקאַל. ער האָט אָנגעהויבן מיט די קלענסטע דאָזעס סטריכנין, צוערשט אין פּולווער־פאָרם, שפּעטער אין פּילן. ער האָט דערנאָך געפּרווּוט מאָרפיום, דיגיטאַליס, אטראָפּין און קאָקאַין. איטלעכע פון די־דאָזיקע רפואות האָט אים אונטערגעהאַלטן אויף א קורצע ווייל. אקעגן־זשע אַרסעניק האָט אויף אים געווירקט גענעזנדיק עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד. ווי אויך מעסקאַל, ווען ער האָט עס גענומען אין ווינציקע דאָזעס.

אָבער דאָס אַלץ האָט געקאָנט אין בעסטן פאַל בלויז אָפּרוקן די אָנפאַלן — אָבער קיינמאָל נישט באַזייטיקן. ס'איז בכוח געווען אים אָפּצוראַטעווען איין אָוונט, אין וועלכן ער האָט געדאַרפט רעדן, אים פעיִק מאַכן צו א ווילדן דורכרייטן זיך אויפן פערד — און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט.

דאָס האָט געגעבן זיינע נערוון אַ גרעסערע ווידערשטאַנדס־קראַפט, ביז זיי זענען נישט ווידער דורך א פלוצלינגן אָנפאַל נאָך קלאָגעדיקער צוזאַמענגעבראָכן.

* *

*

ער האָט זיך איינגעבילדעט, אַז עס העלפט אים די באַרירונג פון געוויסע פערזאָנען.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַראָפּפאַלנדיק אַמאָל פון פערד פאַר ווילַלאַס פּאַרק, איז ער געלעגן איינגאַנצן הילפלאָז — דאַן איז געוועג געווען דער שטאַרקער האַנט־דרוק פון דעם אָפיציר. ער האָט זיך געַנוי דערמאָנט, ווי ער האָט דערשפּירט דעם וואַרימען דרוק, ווי ער האָט אין איין רגע אָפּגעוווּנען דאָס

באַוווסטזיין פון אַלע חושים. ער האָט צוריק אריינגענומען די לייצעס אין די הענט אַריין און זיך דערשפירט שטאַרק און מונטער.

שוין=זשע איז נישט פאַרגעקומען עפעס ענלעכס אין פי-לאַדעלפיע, בעת דער באַקאַנטער דעבאַטע מיט פרוי ליווינגסטאָן? אַזוי דערשעפט איז ער געווען, אַזוי פוסט, אַזוי פולשטענדיק פאַרלוירן — און ער האָט געטרונקען דעם לעבנס-עליקסיר פון דער דיוואַס רויט-געמאָלטע ליפּן!

אַזוי איז אויך געווען מיט דער קליינער איווי — שטאַרק האָט אים געמאָלט די באַרירונג פון איר יונגן לייב. און וואָס צערטלעכער זי איז געווען, וואָס נענטער און נאַקעטער זי האָט זיך צו אים געטוליעט, אַלץ מערער האָט ער דערשפירט דאָס פרישע לעבן, וואָס האָט אין אים אויפגעוואכט.

אָבער מערער ווי בּאַ איר און פיל, פיל שטאַרקער האָט ער געהאַט דאָסדאָזיקע געפיל בּאַ לאָטע. ווי נאָר זי האָט באַ-רירט זיין פנים, און ווי נאָר זי האָט אַריינגערוקט איר קליינ-טשיק הענטל אין זיין האַנט אַריין —

איר פולס, איר פולס —

ער האָט נאָר געדאַרפט די אויגן צו פאַרמאַכן, כדי אים צו פילן.

פילן? צי איז דאָס באמת געווען אַ פילן? צי גיכער אַ ווונטש בלויז און אַ פאַרלאַנג?

דאָס האָט אים געצווונגען צו פאַרטראַכטן זיך. ער האָט אַלזאָ אָפּגעוואָרפן די השערה, אַז די באַרירונג פון געוויסע מענטשן האָט אַ וועלכן ס'איז איינפלוס אויפן צושטאַנד פון זיין קראַנקייט.

דאָס אַלץ איז בלויז איינבילדונג, אויטאָסוגעסטיע —

*   *
*

און אויך מיט די חלומות האָט ער זיך נישט נעקאָנט קיין עצה געבן. ווען ער פלעגט זיי פאַרגלייכן מיט איינאנדער, האָבן זיי אַלע אויסגעזען זייער ענלעך צו זיך און אַלע זענען אין תוך אַרויפגעקומען אויפן זעלביקן:

— א חלום וועגן אָרעמס פֿון אַ פֿאַליפּ, פֿון וועלכן ס'האָבן זיך פֿרויען אַרויסגערוקט און אים דאָס בלוט אויסגעזויגן, ווי אויך אַ חלום וועגן אַ געריכטס-אורטייל, וואָס האָט אים דערקלערט פֿאַר אַ בלוט-זויגעוודיקן וואַמפּיר.ביידע, אין פֿלוג קעגנגעזעצטע חלומות, האָט ער געהאַלטן פֿאַר אַ פּועל-יוצא פֿון דער ווירקונג פֿון מעסקאַל. און די רויטע חלומות, פֿריי פֿון דער ווירקונג פֿון נאַרקאָטישע מיטלען, הגם זיי האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט שרעקלעכע, ווילדע בילדער, האָבן זיך פֿונדעסטוועגן געלאָזט צופֿירן צו צוויי גרונט-געפֿילן, וועלכע האָבן אים נאָכאַנאַנד צוגעדריקט: צום געפֿיל פֿון פּחד און באַגער. ער האָט מורא געהאַט צו ווערן אויסגעזויגן, צו פֿאַרוועלקן און צוגרונט צו גיין.

און אויך דאָס היפּוכדיקע: דער באַגער אַליין צו טרינקען.

זענען בכן זיינע חלומות ווידער געווען אַ פּועל-יוצא פֿון זיין קראַנקייט.

* *

*

ער האָט איבעראַל געטאַפּט אין דער פֿינצטערניש.

קלאָרער איז אים נאָר געוואָרן, בעת ער האָט געטראַכט וועגן לאָטע לעווי.

דאָ האָט זיך אים שוין אונטערגערוקט עפּעס רעאַלס, ממשותדיקס, וואָס האָט באמת עקזיסטירט: איר מעסערל.

אויף זיין רייזע קיין מעקסיקע האָט זי אים מיטגעגעבן דאָס קליינע מעסערל. אַ שפּאָגל-ניי מעסערל, אָן אַ שום פֿלעק. און זי האָט צוגעשריבן דידאָזיקע ווערטער: „טראָג עס פֿאַר מיינעטוועגן. אויב דו וועסט נישט מוזן, באַנוץ עס נישט. ברענג עס מיר צוריק, אַזוי ווי ס'איז. דיר וועט עס גאָרנישט זאָגן — מיר: אַלץ".

ער האָט נעפֿאָלגט איר קאַפּריז, און האָט עס געטראָגן, ווי זי האָט פֿאַרלאַנגט, אין דער בוזים-קעשענע פֿון זיין העמד.

אויס פֿלאַטין איז געווען דאָס שטולכל, און זי האָט געלאָזט אויסקריצן דערויף אירע ביידע שטערן-צייכנס, דעם סקאָר-

פיאָן און דעם קרעבס. זי האָט זיי צוגעשריבן אַ געוויסע אייגנ־שאַפט — דאָס איז געווען זיכער.

זי האָט געזאָגט, אַז דאָס מעסערל וועט איר אויסזאָגן, צי ער איז איר נעבליבן טריי, אָדער נישט. אַזוי האָט זי גע־זאָגט — אָבער זי האָט ווארשיינלעך משקר געווען. זי האָט זי־כער אינזינען געהאַט עפּעס אַנדערש.

ווייל ער האָט זי געהאַט פאַרראַטן מיט עמע ברייטויער אויפן גרויסן באַל פון די לבנה־דאַמען — און דאָס מעסערל איז פונדעסטוועגן געבליבן שטראַלנדיק ריין. און ס'האָט איר לחלוטין גאָרנישט געאַרט, בעת ער האָט איר שפּעטער דער־ציילט דערפון.

„וואָס גייט עס מיך אָן?" האָט זי אויסגערופן.

דערנאָך אָבער — אין טאָג, ווען די גאָהיטאַ האָט אים באַזוכט — איז דאָס מעסערל גאָר געווען פאַרבלוטיקט. און דאָך — האָט ער געקאָנט שווערן מיט כל השבועות שבעולם, אַז ער האָט זיך צומאָל נישט אַוועקגערירט פון זיין סאָפע די גאַנצע צייט. אַז ער איז דאָרט געלעגן רויק, פעסט געשלאָפן און געחלומט, שווערע מעסקאַל־חלומות —

און פאָרט האָט זי אים דאָס נישט געגלייבט! איר מע־סערל איז געווען פול מיט בלוט־פלעקן — איז ער, הייסט עס, געווען שולדיק! איז ער אַלזאָ געהאַט אויפגעשטאַנען, אינמיטן זיינע חלומות, און אומבאַוווסטזיניקערהייט —

אָבער ניין! לאָטע וואָן נעס האָט אים אליין געזאָגט, אַז זי האָט געלאָזט אונטערזוכן די טענצערין. און דער רעזולטאַט איז געווען: „Virgō intacta"!

ווי שטאַרק ס'האָט נישט געזאָלט זיין איר אַבערגלויבן, איר מאַניע מיטן דאָזיקן מעסערל: מיט זיין טריישאַפט און אומטריי־שאַפט האָט עס לחלוטין נישט געהאַט צו טון.

— און זי האָט אויך משקר געווען, לאָטע וואָן נעס, אַ צווייט מאָל. זי האָט זיך באַשטעלט באַם דר. קאָהן אַ ביסטורי *), מיט די אַלע פיינע אינסטרומענטן, מעסערלעך, שערעלעך, פינ־צעטן. און האָט דערציילט דעם דאָקטאָר, אַז זי האָט עס גע־

---

*) קאָמפּלעט כירורגישע מעסערלעך.

דאַרפט האָבן צו — אירע הינעראויגן ! און דאָס איז געווען א בפירושער, קיילעכיקער שקר : קיינמאָל אין לעבן האָט זי קיין הינעראויגן נישט געהאַט.

נאָך א דריט מאָל האָט זי משקר געווען. דאָס איז גע־ווען דאַן, ווען ער האָט געפונען בא איר דעם סיגנעט מיטן הערב פון מאַגדעבורג. „מיין מוטער שטאַמט פונדאָרטן", האָט זי אים דערקלערט, „דערפאַר האָב איך אים געקויפט".

אָבער די קיבעקס האָבן אַרויסגעשטאַמט פון טורינגען און נישט פון מאַגדעבורג. נאָר ס'האָט איר אימפּאָנירט דאָס אויס־געקריצטע בילד אויפן סיגנעט : א פעליקאַן, וואָס האָט זיך מיט זיין שנאָבל די ברוסט אויפגעריסן, כדי מיטן אייגענעם בלוט אָנצוקאָרמען זיינע קליינינקע עופעלעך.

צי איז עס דען ווידער נישט געווען דאָס אייגענע ? דאָס טרינקען בלוט פון לעבעדיקן לייב ? און מיטן דאָזיקן שטיין האָט זי געחתמעט אירע אַלע בריוו צו אים. זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַנוצט מיט קיין אַנדערן.

אָבער דעם ריינעם אמת האָט זי געזאָגט, בעת זי האָט געענטפערט דעם דאָקטאָר, אַז דאָסדאָזיקע שאַכטל איז איר שוין מער נישט נויטיק ! — אָ, יאָ : מחמת אין יענעם טאָג האָט אים איווי דזשעפערסאָן אוועקגענומען פון דער פרוי וואָס נעס.

און פונדעסטוועגן האָט זי פאַרבאַהאַלטן דאָס שוואַרצע קעסטעלע. זי האָט געזאָגט : „שפּעטער אפשר". — שפּעטער : דאָס הייסט, ווען ער וועט זיך צוריקקערן צו איר. שפּעטער — דאָס הייסט : איצט.

און דאָך זענען דאָס נישט געווען די איינציקע מכשירים אירע, וועלכע האָבן געדינט צום שניידן אָדער שטעכן. ער האָט זיך דערמאָנט די נאַכט, בעת זי האָט אים פאַרגעלייגט דעם שלאָפגעטראַנק — וועלכן זי האָט דערנאָך אַליין אויס־געטרונקען. דעמאָלט האָט ער באַמערקט ליגן אויף איר נאַכט־טישל א גאַנצע רייע אַנדערע מעסערלעך — אויפגעמאַכטע, מיט בלישטשענדיקע קלינגלעך. ער האָט זיך פאַרגענומען אויף זיי גוט אכטונג צו געבן — און איז וואַכנדיק אָפּגעזעסן גאַנ־צע שעהן אויף איר בעט און לאַנג אויף איר געלאָקערט.

לסוף איז ער פאַרט איינגעשלאָפן און לחלוטין פאַרגעסן אָן די מעסערלעך.

און בעת ער האָט זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט ער באַמערקט אַ גרויסן פלעק פון בלוט אויף לאַטעס קישן.

ט'איז נישט געווען קיין שום ספק: די אַזיקע מעסערלעך האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין אָט-דער קאָמעדיע, וואָס איר הויפּטהעלד איז געווען לאַטע לעווי, און אין וועלכער ער גופא איז געווען אַ געצוווּנגענער און פּאַסיווער פּאַרטנער.

— דאָס וואָס אירע מעסערלעך זענען אויך אין זיינע חלומות אויפגעטרעטן, איז געווען גאַנץ באַגרייפלעך. דאָס קליינינקע מעסערל, וואָס לאַטע האָט אים געשענקט, איז אויסגעוואַקסן אין אַ לאַנג, ברייט מעסער, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן די שליימיקע זויג-אָרעמס פון דעם אומגעהייערן פאַרזעעניש, אין וועלכן דער דיקער נפש האָט זיך פאַרוואַנדלט. און אויך דאָס, וואָס ער פלעגט אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט, אויפעפענען דאָס קליינע מעסערל, אָדער זיך ארומשפּילן מיט די זשילעט-קלינגלעך — ווי דעמאָלט, ווען דער יונגער ראָסיוס האָט אים געפּאַקט אינמיטן שלאָפוואַנדלען.

און ווייטער: בלוט האָט ער געזען — אין שלאָף און אייף דער וואָר — פּסדר און נאָכאַנאַנד רויט בלוט. רויטע רויזן, וועלכע זענען אראָפּגעפאַלן צום באָדן, ווי אַ רויטער בלוט-רעגן. ער האָט געזען די וווּנד אויף דער גאָהיטאַס ווייסער ברוסט, בעת זי האָט געטאַנצט די רומבאַ. אַ קליינעם שמאָלן בלוט-שטרייף. ער פלעגט אויך אָפּט זען בלוט — אינמיטן זיינע רעדעס; בלוט — אין אַלע זיינע חלומות.

אָבער אויך דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך: ווען ס'שניידן די מעסערס, מוז פליסן בלוט. דאַן ווידער: די אומענדלעכע בלוטיקע כמאַרע, וועלכע האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבער אייראָפּע און באַפאַרבט מיט רויט בלוט אַלע צייטונגען אין דער וועלט טאָג-איין טאָג-אויס, גאַנצע יאָרן.

זייער רויט איז געווען דידאָזקע צייט.

— דאָס אַלץ איז נאָר עלול געווען צו באַווייזן, אַז זיין פּאַנטאַזיע האָט באַשעפטיקט טאָג ווי נאַכט — בלוט, בלוט.

* *
*

און פונדעסטוועגן זענען דידאָזיקע מעסערלעך געווען לאָ-טעס אוראייגענע אידעע. זיי זענען געווען — און האָבן גע-מוזט האָבן אַ וואָסערן נישט איז צוועק.

אָבער וועלכן?

צי האָט זי זיך מיט זיי באַנוצט אַקעגן — אים? און פאַרוואָס אייגנטלעך?

אויב זי וואָלט אים פאַרווונדעט, וואָלט דאָך געמוזט פאַרבלייבן עפּעס אַ צייכן! — דערין האָט ער טאַקע געגלויבט. ווען זי איז אַנומלטן געקומען און געפּלוידערט אַביסל מיט זיין סעקרעטאַר, בעת ער איז איינגעשלאָפן. אַזוי פעסט געגלויבט, אַז ער האָט אַפילו דעם ווייטיק געשפּירט.

דערפאַר האָט ער אַראָפּגעריסן פון זיך די זאַכן, און דער-פאַר האָט ער אַרומגעזוכט אויפן לייב ווי נאָך אַ ביס פון אַ פלוי.

אָבער גאָרנישט, גאָרנישט. צומאָל דער מינדסטער ראָץ נישט אויף זיין הויט.

אַן איינבילדונג בלויז, אַ נערוועזע איבערגערייצטקייט — און פאָרט איז דאָס געווען דער שליסל צו דעם רעטע-ניש — אירע מעסערלעך.

ער האָט אים געהאַלטן אין דער האַנט — אָבער ער האָט פאָרט נישט געוווּסט וואָס מיט אים אָנצוהויבן.

* *
*

זי אָבער, לאָטע, האָט עס גוט געוווּסט. גאַנץ אָפט האָט ער מיט איר גערעדט מכוח דעמדאָזיקן חשד — זי האָט זיך כמעט נישט געוועהרט דערקעגן. „גיב דיר נישט בחנם די מי!" האָט זי געזאָגט. „איך וויל עס נישט זאָגן און — וועל עס נישט זאָגן".

ער איז שוין מער נישט צוגעשטאַנען. ער האָט זי גוט געקענט און געוווּסט, אַז זי וועט האַלטן וואָרט.

וועגן זיין חשד האָט ער דערציילט דער בלאָנדער איווי. זי האָט אים געוויזן איר קאַלענדאַרל מיט נאָטיצן, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעדרונגען, אַז בעת ער האָט זיך געפילט געזונט, דאַן איז לאָטע געווען קראַנק. אָבער זי האָט צוריק אויסגעזען געזונט, בעת אים האָט אַרומגעכאַפּט זיין קראַנקייט.

זי אַליזאַ האָט אים דאָס קראַנק געמאַכט. גלייך ווי ער וואָלט נישט פאַרמאָגט קיין אייגן לעבן. ער איז בלויז געווען אַ ליאַלקע אין אירע קליינע הענטלעך, אירס אַ פּאַיאַץ, וואָס האָט געטאַנצט אויף איר שנירל.

ער האָט געמוזט טון דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט. אַ גאַר ווייבעריש, פעמינאַל געפיל האָט ער געשפּירט צו דער דאָזיקער פרוי. זי איז געווען דער מאַנסביל, און נישט ער. „דו ביסט באָדן. ביסט ווייב און מוטערלייב —" פלעגט זי זאָגן.

זי האָט מיט אים אָנגעפירט. אַלץ וואָס ער האָט געטון, האָט ער געטון פאַר איר, איבער אירעטוועגן און דורך איר. אָך — אפילו די געדאַנקען אירע האָט ער אין זיך איינגעזאַפּט!

און דאָס האָט אָנגעהאַלטן אויך אין דער צייט, ווען ער האָט זי לגמרי נישט געזען. אין משך פון לאַנגע חדשים — בעת ער איז געווען מיט איווי.

* *

*

קראַנק איז זי געווען, שוואַך און ליידנדיק, בעת ער איז געווען גאַר געזונט.

קראַנק? — יאָ, וואָס האָט איר דען געפעלט?

אַנעמיע — בלוטאָרעמקייט! דאָס האָט זי זיך געהיילט באַם דר. קאָהן און דערפאַר האָט ער זי אַרויסגעשיקט קיין סאַראַטאָגאַ.

בלוט־אָרעם איז זי געווען, בלייך און אַנעמיש. זי האָט אַליזאַ געגאַרט צו קריגן פרישן, געזונט בלוט. דערום איז זי געפאָרן אין די בעדער און דערפאַר האָט זי איינגענומען אַר־

סעניק, געטרונקען לעוויקאָ=וואַסער, געשלונגען העמאַטאָגן, סאַמאַטאָז — אַלץ, וואָס האָט אַנטהאַלטן אייזן און אַרסעניק, כּדי צו פאַרטרעטן איר מאַנגל אין רויטע בלוטקערפּערלעך.

און זי איז אויך געווען אָנגעשטעקט מיטן ווילדן אַבערגלויבן פון דאָזיקן לאַנד. זי איז אַרומגעלאָפן פון איין טרעפּעריין צו דער צווייטער, פלעגט זיך לאָזן שטעלן גאַנצע טוצן באַראָסקאָפּן. שפּעטער האָט זי עס אָנגעהויבן נעמען ערנסטער, מער וויסנשאַפטלעך און אייראָפּעיש, זי האָט זיך פאַרטיפט אין כּלערליי ווילדע מיסטיש-אָקולטיסטישע ווערק. דערפאַר האָט זי געצאָלט דעם פּראָפעסאָר פאָן קאַכעלע אַ באַשטימטן געהאַלט. זי האָט אָפּגעוואָרפן מיט אַ געלעכטער טויזנטער אַבסורדאַלישקייטן, אָבער זי האָט פאָרט געגלויבט אין די טויזנט-און-איינסטער מעגלעכקייט.

וואָס האָט דערדאָזיקער קאַכעלע געזאָגט? „אַלץ איז מעגלעך אין מענטשלעכן מוח“. — און אַז דאָס איז געווען ריכטיק, אומאָפּהענגיקבאַר ריכטיק, דערויף איז ער אַליין געווען דער לעבעדיק-וואַנדערנדיקער באַווייז.

ער — און די וועלט-מלחמה: שוין-זשע איז זי נישט געווען אַ ווילד משוגעת — געבוירן אין מענטשלעכן מוח?

צי האָט מען זיך בכּן געדאַרפט וווּנדערן אויף דער דאָזיקער פרוי, אויב זי האָט געזוכט מיטלען צו איר קרענק חוץ פון דער גאַנצער מעדיצינישער וויסנשאַפט?

זי האָט געזוכט — און אפשר געפונען אויך?

אַ קלײנע קריסטאָלענע קויל האָט זי געטראָגן אויף אַ גילדן קייטעלע אַרום איר האַלז — אַ פליגלדיקער גריף איז געווען דערויף אויסגעקריצט. דער פּראָפעסאָר האָט גלייך תופס געווען דעם זין פון דערדאָזיקער קמיע: מילך האָט עס געדאַרפט ברענגען. און זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: „יאָ, יאָ — רויטע מילך!“

רויטע מילך? — דאָס איז געווען בלוט און נישט עפּעס אַנדערש.

און ווי ווייניק זי האָט נישט געזאָלט גלויבן דערין — האָט זי זיך אָבער פאָרט געשפּילט מיטן דאָזיקן געדאַנק. ס'איז נישט געווען קיין שום ספק, אַז זי האָט געהאַלטן פאַר גוט יעטוועדעס

מיטל, וואָס האָט איר נאָר געקאָנט פאַרשאַפן אַ סך געזונטע מילך — רויטע מילך!

* *
*

ער האָט געטראַכט וועגן דעם פאַרטראַג, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אַנומלטן פאַר זיי געהאַלטן. מכּוח דעם אַלטן מיטאָס פון דער שטערן-געטין, וואָס רויבט־צו דאָס זונען-קינד און צעפערלט עס. דידאַזיקע ווילדע, אוראַלטע געשיכטע, וועלכע האָט זיך דערהאַלטן אין משך פון טויזנטער יאָרן, און האָט צווישן אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן צו אַ ניי לעבן אויפגעוואַכט. בבלס לאַבאַרטו, צידונס עשתרת, די אכזריותדיקע דורגאַ פון די אינדייער — תּמיד די אייגענע געטין אין רוים, ווי אין קאַרטאַגאַ, דורך אַזיע, אַפריקע און אייראָפּע; וועלכע האָט כסדר געפונען נייע אָנהענגער, פּריסטער און פּריסטערינס, און אַלץ בלוטיקערע קרבנות פאַרלאַנגט.

און וועלכע האָט אויך לסוף דעם וועג קיין אַמעריקע געפונען. צי דען האָט ער נישט געזען, מיט זיינע אייגענע אויגן, ווי אַדעליידע, די שיינע נעגערין, מיט דער בלאָער פּריסטער-באַנד אַרום דעם שטערן, האָט איר אייגן קינד געשאָכטן אין „Hocdoo"-טעמפּל, הינטער פּטי־גאָאַוו? ווי זי האָט עס מקריב געווען פאַר דער געטין — וועלכע זי האָט אָנגערופן „דאָם פּעדר"? זי האָט איר ייִנגל דערוואָרגן, דעם האַלז אים איבערגעשניטן, זיין בלוט געטרונקען —

זי, די מאַמאַלאָי — די מוטער און קעניגין!?

און דאָס איז נישט געווען קיין פאַנטאַזיע-בילד, קיין טרוים פון איבערגערייצטע נערוון. ס'איז געווען באַקעטע ווירקלעכקייט — אין סאַמע מיטן פון דערדאָזיקער ציוויליזירטער צייט —

דידאָזיקע הערלעכע צייט, וואָס שטרענגט אָן איר גאַנצן מוח, כּדי וואָס אַמאָל פרישערע און שטאַרקערע מיטלען צו דערפינדן, ווי אַזוי די מענטשן אויסצוהרגענען און צו מאַכן פליסן זייער בלוט אין אַלץ ווילדערע שטראָמען. אויפן וואַסער און אונטערן וואַסער, אויף דער יבשה און הויך איבערלופטן.

מאָרדן — ממתין! אַ נייע בלי־צייט פאַר דער שרעק־לעכער צעשטערונגס־געטין!

*   *
*

ניין, דאָס וואָס די מאַמאַלאַי האָט געטון, איז נישט געווען קיין אויסערגעוויינלעכע זאַך: אַלץ איז מעגלעך געווען אין מענטשלעכן מוח!

מעגלעך בײַ איר — מעגלעך אויך בײַ לאָטע וואַן נעס.

נאָך אַלץ האָבן געקלונגען אין זיינע אויערן די ווערטער פון געלערטן באַראָן: „און אויב דידאָזיקע שיינע און גוטינקע דאַמע, וואָס זיצט אָטאָ־דאָ פאַר אייך, זאָל זיך היינטיקער נאַכט אויספּיקן אין די ווילדסטע פּריסטערין פון דע באַ־אַלטיס, און ווען זי זאָל אַ קינד צעפּערטלען און זיין בלוט אויסטרינקען, וואָלט איך דאָס בשום אופן נישט געהאַלטן פאַר עפּעס אַ גאַר אויסערגעוויינטלעכע זאַך. איך וואָלט עס טאקע טיף באַדויערט — אָבער אַלס געלערטער וואָלט איך דעמדאָזיקן פאַל מיט דער העכסטער רויִקייט אָנגעווענדט אין מיין אַרבעט, אַלס אַ נייעם ביישפּיל פון דעם אוראַלטן לאַבאַרטו־קולט“.

די שיינע און גוטינקע דאַמע — דאָס איז געווען לאָטע לעווי!

דעם דר. פאַן קאַכעלע האָט זיך עס אויסגעוויזן מעגלעך, בלויז מעגלעך! — בײַ אים אָבער איז דידאָזיקע מעגלעכקייט אויסגעוואַקסן אין אַ וואַרשיינלעכקייט, אין אַ זיכערער זאַך כמעט.

*   *
*

אויב זי איז געווען לאַבאַרטו, געווען די בלוט־גרעפין און די וואַדו־פּריסטערין — דאַן האָט בלויז איינער געקאָנט איר קרבן זיין: ער אַליין!

זי האָט זיך געהאַלטן אין אַ נייעם מעטאַד, נישט פון די, וועלכע ס'האָט געקענט דער פּראָפעסער. זי האָט זיך געפירט מיט אים מאָדערן, קלוג און פאַרזיכטיק.

נישט קיין פלוצלינגער מאָרד־קרבן — אָ, ניין! אַ לאַנג־זאַמער און אכזריותדיקער שפּיל.

און אַלמאַי ער — גראָד ער? נו, אַוודאי — ווייל אים האָט זי דאָך געהאַט! און צי איז עס דען נישט דער פּלאַ־מענדיקסטער תּענוג מקריב צו זיין דווקא דאָס, וואָס מ'האָט צום אייסטן ליב?!

זיין געליבטע איז זי געווען. זיין שוועסטער. און זיין מוטער אפילו. זי האָט אים אָנגערופן איר ליב ייִנגל, איר איינ־ציק קינד —

מיט שטילע לידער האָט זי אים פאַרוויגט צום שלאָף — האָט אים געפּיעסטעט, ווי אַן אייגן קינד — אַ בן יחיד.

און אויב ס'איז טאַקע אַזוי געווען — אויב זי איז געווען די אַסטאַרטע — דאַן איז ער געווען — דאָס צעפּערטלטע קינד!

* *

*

און דאָס האָט אים ווייניקסטנס איין פּרט גאַנץ דייטלעך דערקלערט: זיין כסדר וואַקסנדיקער, אַלץ מער שטייגנדיקער פּחד. דערדאָזיקער שרעקלעכער פּחד, וואָס האָט זיך אים איינ־געפּרעסן אין פּנים, וועלכער האָט שוין מער נישט אָפּגעטרעטן אויף קיין רגע צומאָל. און וועלכן ער האָט איבערגעטראָגן אויך אויף אַנדערע פּרויען.

אָט דער פּחד האָט אים געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון איר בעט אַרויס, פּונקט ווי פונם בעט פון דער זינגערין, דעמאָלט אין פילאַדעלפיע. ער האָט אינסטינקטיוו — אין צענדלי־קער פאַלן — אויסגעמיטן צו בלייבן אַליין מיט איר. און אָט־די שרעק האָט אים געלאָזט אויסגעפינען אַלע מעגלעכסטע תּירוצים און אויסטראַכטן פלערליי געצוווּנגענע שקרים.

אָבער איצט האָט ער געפּאַקט זייער לכתּחילהדיקע סיבה.

* *

*

נאָר דאָס אַלץ האָט אים ווייטער גאַנץ ווייניק געהאָלפן. ער האָט גאַנץ גוט געזען דעם פענאָמען: לאָטע-לאַבאַרט. ער האָט געהאַט אַ פּאַקט: איר בלייכזוכט. און די גאַנץ ממשותדיקע מעסטרלעך. — אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען דעם צוזאמענהאַנג. איבעראַל האָט ער אָנגעטראָפן אויף מעכטיקע אָפּגרונטן, נישט אַריבערצושטייגן.

מיט גרויס אומחשק האָט ער אויפגענומען די פאַנטאַסטישע היפּאָטעזע פון דר. קאָהן: קאַניבאַליזם. אַזוי האָט דער דאָקטאָר אָנגערופן די קראַנקייט. וואָס ווערט אַרויסגערופן דורך אַ גיפטיקן ביס פון אַ פליענדיקן הונט, פון אַ פלעדערמויז אָדער פון אַן אַנדערער זויג-חיה. אַ געהיימנישפולע קרענק, וואָס רופט אַרויס אַלס פועל-יוצא אַ משוגענע תאווה צו מענטשן-פלייש, אַ ווילדן דאָרשט נאָך מענטשיש בלוט.

א מין משוגעת – מעגלעך איז דאָס אויכעט! פונקט אַזוי מעגלעך, ווי דעם פּראָפעסאָר קאָכעלעס היפּאָטעזע.

אין תוך גענומען, קומט עס פאָרט אַרויס אויפן זעלביקן: זי האָט זיין בלוט געטרונקען.

* *
*

איין זאַך נאָר האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט: ווי-אַזוי איז געווען מיט אַנדערע פרויען?

ער האָט אַדורכגעפירט איז געדאַנק איינע נאָך דער אַנדערער.

איין פרוי האָט זיך גלייך אויסגעטיילט: עמע ברייטווייזער. אַזוי נאַיוו איז זי געווען, אַזוי איינפאַך און נאַטירלעך, אָן דעם מינדסטן, סודותדיקן נעפּל.

און דערנאָך די טענצערין. ער האָט זיך געגריבלט אין זיכרון, אפשר צום צוואַנציקסטן מאָל שוין, כדי עפּעס אויסצוגעפינען פון דעם, וואָס איז געשען אין יענעם נאָכמיטאָג. גאָרנישט האָט ער נישט געקענט אויסגעפינען, צומאָל די מינדסטע זאַך נישט. און פאָרט איז זי פאַר אים אַנטלאָפן, ווי פאַר אַ פאַרדזשומעטן.

ער האָט נישט געהאַט קיין שום דערקלערונג אויף איר דאָזיקן שריט. אָבער ער האָט חושד געווען לאָטע, אַז דאָס איז געווען איר השפּעה, מחמת זי האָט זי דאַן אַהיימגענומען צו זיך אויף באַנאַכט.

און לסוף זיין כּלה איווי. אַלץ איז געווען בּאַ איר קלאָר ווי די זון — ביז צום לעצטן טאָג, יענעם פאַרשיכּורנדיקן טאָג אין טראַפּיקאַלישן הויז פון דער גלעזערנער שטאָט. און דערנאָך, מיט אַ פּאָר הדשים שפּעטער — איר קורצער אָפּזאָג: „גיי דיר צוריק צו דיין מעטרעסע".

אויך זי האָט אים ליב געהאַט, די קליינע איווי, אויף חיפל זי האָט נאָר געקאָנט. און פונדעסטוועגן האָט זי אים אָוועקגעטריבן —

ער האָט אַרויסגערופן אין געדאַנק יעדן מינדסטן פּרט פון דעם אַלעם, וואָס ס'איז געשען הינטער די באַמבוס-קוסטעס. ביז צו דער רגע, ווען ער האָט אָנגעוווירן אַלע חושים, און איז שוין געווען פולשטענדיק באַרוישט — באַרוישט, אַזוי ווי זי.

נאָר איין זאַך איז אים געווען אויפפאַלנדיק, בעת ער האָט אַזוי נאָכגעטראַכט: דאָס גערטנער-קעסטל.

וועגן אַלעם האָט זי געטראַכט, צוגרייטנדיק דידאָזיקע תּנאים-סעודה. קיינזאַך האָט נישט געפעלט, די מינדסטע קלייניקייט נישט צומאָל.

און זי האָט פאַרגעסן בלויז דעם קאָרקנציער — מאָדנע —

און ערשט אין דער לעצטער רגע האָט זי געבראַכט צו טראָגן דעם קאַסטן מיט די מכשירים פונם אָבערגערטנער. שערלעך, האַקנס, שטעכערס און אַ סך שאַרפע מעסערלעך.

דאָס האָט געקאָנט זיין אַ ריינער צופאַל — אָ, יאָ!

אָבער אפשר — אפשר — איז עס פאַרט געווען בּפּיוון —

מעסערלעך — ווי אויף לאָטעס נאַכטטישל!

* *

*

און ענדלעך די זינגערין.

בעת ער האָט זיך צוריקגעקערט הינטער די קוליסן נאָך זיין רעדע און בעת איר הייסער בליק האָט אים איינגעלאַדן אויף יענער נאַכט, האָט זי דאַן געפּליסטערט: „האָסט מיר מיינע ליפּן צעביסן — איך וועל עס דיר שפּעטער אָפּצאָלן".

געקושט האָט ער זי — יאָ! געביסן אוילעט? אויב דאָס איז באמת געשען — האָט ער עס דאָך נישט געוווסט.

אָבער זי האָט אים באַנאַכט אָפּגעצאָלט — און מיט פּראָצענט נאָך. זי האָט אים געביסן, געביסן, פּונקט ווי די קליינע איזי, בעת ס'האָט אין איר אויפגעוואַכט די מענאַדע. דאָס איז געווען אַ קאַמף, אַ ווילדער קאַמף צווישן צוויי גרויסע חיות — ביז זיי זענען ביידע אַנידערגעזונקען — פולשטענדיק דערשעפּט — און זענען איינגעשלאָפן.

כמעט צוויי יאָר צייט האָט ער נישט גערעדט מיט איר. אָבער אין דער קריסטוס־נאַכט האָט זי פאַר אים געהאַלטן איר שיינע רעדע וועגן סאַדאָמיע.

לסוף האָט זי אים אָנגעשפּיגן און געזאָגט: „אַ שפּין ביסטו! — ביסט אַלץ — וואָס זויגט!"

און ער האָט זיך געטראַכט: „דאָס פּאַסט זיך גוט פאַר דער דאָזיקער ווילדער פרוי! זי — וועלכע איז אויפגעהעצט געוואָרן דורך אַלע היניטישע תאוות — און אין אַלע וואַסערן געוואַשן! דאָס איז איר בלוטיקער חוזק — אַ משוגענע איראָניע, וואָס גיט איר פרישן רייץ צו נייע אַוואַנטורעס!"

*

און דאָך — זי, וואָס האָט דורכגעוואַנדערט סדומס טיפסטע טיפענישן און העכסטע הויכן — זי האָט פּונקט אַזוי גוט געקענט וויסן דערפון, ווי לאָטע לעווי!

און אַט האָט זי שפּאַסנדיק איבערגעדרייט די זאַך קאַפּויער — זי אַליין האָט געטון דאָס, וואָס זי האָט אים אונטערגעריקט.

דאָס איז זי געווען די שפּין — זי, זי!

פּונקט ווי לאָטע לעווי —

ווי — יאָ, ווי די קליינע איזי אויך! זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, צו וואָס עס טויגן די גערטנער־מכשירים.

— און מיט ביידע הענט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ.

— דאָס — דאָס — איז עס געווען — —

אומטעגלעך ? ? — קיינזאַך איז נישט געווען אוממעגלעך אין מענטשלעכן מוח ! דאָס וואָס איז געבוירן געוואָרן אין איי- נעם. האָט געקאָנט פונקט אזוי גוט וואַקסן אין אַ צווייטן און אין אַ דריטן !

אויב אלזאָ לאָטע און די דיווא — און איהרי דזשעפּער- סאָן — און ענדלעך די טענצערין אויך —? אויב זיי אַלע —?

ס'איז אים געקומען אויפן זינען די אַנאָנימע בריות, וועל- כע ער פלעגט באַקומען! ראָסיוס האָט זיי אויפגעזאמלט אין דיקע טעקעס, זיין גאַנצע ווירונג האָט ער געקאָנט מיט זיי אויסצאַפּעטירן. זידלערייען צומייסט; — אָבער אויך דראָונגען : מ'וועט שוין נישקשה געפינען די מיטלען אַראָפּצוראַמען פון וועג דעמדאָזיקן בונטאַר און פאַרשווערער, דעמדאָזיקן באַרבאַ- רישן דייטשישן הונט, דעם באַצאָלטן אַגענט פון דעם קינדער- מאָרדנדיקן קייזער !

אַנגלאָזאַקסישע רוגזה-אויסברוכן — אָ, יאָ ! אָבער צי דען האָבן די ענגלישע קאַבעלן נישט געבראַכט די יענקיס אָפיציעלע ידיעות, אַז די דייטשן האָבן פונאַנדערגעשאָסן כאָ- לערע-באַצילן איבער פיינטלעכע שטעט, אַז זיי האָבן אומעטום אין שונאס לאַנד די ברונימער פאַרגיפטעט, זייער אכזריות בנוגע געפאַנגענע שונאים האָט ממש צום הימל געשריגן. הענט, פיס, ברוסטן און געשלעכטס-טיילן האָבן זיי אויסגעשניטן בא בעלגיאָריקע מיידלעך, האָבן אַרויסגעריסן אומגעבוירענע קינדער פון דער מוטערס לייב און זיי טריומפירנדיק אַרומגעטראָגן אויף באַגנעטן : דאָס איז געווען דער העכסטער זעניט פון דער דייטשישער קולטור ! און דאָס אַלץ האָט אילוסטריט פאַריז און רוים אין צייכענונגען און אין בילדער, וועלכע האָבן אַרומ- געקרייזט די גאַנצע וועלט, און טאָג-טעגלעך אונטערגעהאלטן דאָס פייער פון שנאה בא די יענקיס

און ווען מ'האָט געדאַרפט, האָט ענגלאַנד אַליין אויך צו- געלייגט אַ האַנט צו דערדאָזיקער מיאוסער מלאכה. ווער עס וועקצייג איז דען געווען דער מערדער פון זשאַן זשאָרעס,

וואָס זיצט נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין דער פּריילעכער תפיסה אָן אַן אורטייל? ווי אַזוי איז געשטאָרבן קעניג קאַרל פון רומעניע, ווי אַזוי דער מאַרקיז וואָן דזשוליאַנאָ, ווי אַזוי דער טיראָלער ווערנץ, דער יעזויטן-גענעראַל — אַלע דריי דייטשלאַנדס טרייעסטע פריינט? לאָנדאָן ווייסט דערפון גאַנץ גוט, פּונקט ווי זי האָט געוווּסט, ווער ס'האָט באַצאָלט די מערדערס פון סאַראַיעווע, וועלכע האָבן אַריינגעוואָרפן דעם ברענענדיקן שטורקאַץ אין אייראָפּעס פּולווער=פאַס.

און פראַנק ברוין האָט געטראַכט: „וויבאַלד מ'מאַכט אויס מיליאָנען מיט קוילן און גראַנאַטן, פאַרוואָס-זשע זאָל מען זיך עס אָפּהאַלטן אויך אויף אַן אַנדער אופן אומצוברענגען אַ שונא, ווען דער צופאַל האָט באַוואָרנט קעגן די קוילן? מיט אַ גוטן גיפט צום ביישפּיל —

גיפט? דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק פון קאַפּיטאַן פערלשטיין אין טאָרעאָן! און אויף אַ מין פאַרגיפטונג האָט זיך אויך באַזירט דר. קאָהענס היפּאָטעזע —

אַ לאַנגזאַמער, געהיימער גיפט? אַלמאַי נישט? ס'איז געווען פּונקט אַזוי מעגלעך ווי אָט דער גאַנצער ווילדער וואַנזין, וואָס איז דאָך געוואָרן אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט אין דידאָזיקע משוגענע יאָרן. און ערשט רעכט אין דעראָזיקער ריזן=שטאָט, וווּ איטלעכער חטא און איטלעכס פאַרברעכן האָט אַרויסגעלאָזט זיינע רויט-שמייכלענדיקע קנאָספּן!

* *

*

ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלייענט זיינע נאָטיצן. האָט אויסגעטיילט אַלץ, וואָס האָט געקלונגען עטוואָס ראָמאַנטיש און פאַנטאַסטיש, האָט בלויז פעסטגעשטעלט די באַשיימפערלעכע פאַקטן, די יעניקע, וואָס אַ קינד אפילו וואָלט געקאָנט אָנטאַפּן. ס'איז קוים געבליבן אַ צען אָדער צוועלף שורות.

דידאָזיקע געהיימע קראַנקייט — פּונקט ווי די כוואַליעס פון ים, אויף און אָפּ. אָט טרעטן זיי אָפּ צוריק, און באַלד שטייגן זיי ווידער מעכטיק אויף — ווי דער צופלייץ און אָפּפלייץ, ווי דאָס אָטעמען פון ים, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער לבנה.

לבנה — לבנה-געטין — אסטארטע! ער האט זיך ווידער אומגעקערט צו איר, הגם ער האט אקארשט געהאט אויסגע-שטראכן דידאזיקע ווערטער מיט דיקע שטארקע שטריכן.

אזויערנאך האט זי, לאטע לעווי, פארט געהאט עפעס א צוזאמענהאנג מיט זיין קראנקייט — אפהענגיק פון דערדאזיקער פרוי איז געווען זיין צופלייך און אפפלייך, געווען זיין געזונט-ווערן און זיין קראנק-זיין.

און דעם שליסל צום דאזיקן געהיימניש האט געהאט לאטע. - צי אנדערע פרויען אויך, דאס איז שוין געווען צווייפלהאפט. לאטע האט געוווסט דעמדאזיקן סוד. א, ווען ער וואלט געקאנט בא איר פועלן, אז זי זאל וועלן מיט אים רעדן דערפון ?

* *
*

מיט לאנגע שפרייזן האט ער ארומגעשפאנט איבער זיין צימער. אויף און אפ, אהין און צוריק. ער האט ארומגע-טראכט — און האט זיך דערמאנט א כאראקטעריסטישן עפיזאד פון זיינע קינדער-יארן.

ער האט געהאט געענדיקט די אכטע קלאס — און די מוטער האט אים ארויסגעשיקט אויף די שול-פעריען קיין ענג-לאנד. זי האט אים פארצייכנט אלצדינג, וואס ער דארף בא-זוכן.

אין לינקאלן האט ער געדארפט באזוכן די קאטעדרא-לע — די שענסטע אין ענגלאנד, האט געזאגט די מוטער.

ער האט באוואונדערט די קאטעדראלע. — אבער דער אלטיטשקער, וואס האט אים געפירט, האט געזאגט, אז ס'איז פאראן אין לינקאלן עפעס נאך אינטערעסאנטערס אנצוקוקן. ער האט אים אוועקגעפירט אין אן אלטן בנין, אין וועלכן ס'האט — ווי ער דערציילט — געוווינט מיט א פאר הונדערט יאר צוריק א שיינע יידישקע, וואס האט געקוילעט אויף פסח דעם קליי-נעם סיר הוג. און ער האט גענומען דעקלאמירן מיט א הייזע-

ריקער שטים די אַלטע שאָטלענדישע באַלאַדע — דאָס ייִנגל האָט זיך עס פאַרשריבן וואָרט בא וואָרט:

*) A little penknife sticks in my throat
And I downa to you speak!...“

אין דער לוסטיקער שטאָט לינקאָלן האָט זיך געשפּילט דאָס לייטישע בחורל סיר הוג מיט זיינע חברים — פּלוצלינג איז אַריינגעפאַלן דער באַלעם אין אַ יידישן גאָרטן אַריין. ווען ס'האָט דאָס באַמערקט דעם יידנס מיידל, וועלכע איז געווען אַזוי שיין ווי אַ זומערדיקער פרימאָרגן, האָט זי אָפּגעריסן פון בוים אַ רויטן עפּל און אַריינגעלאָקט דערמיט דאָס ייִנגל. און ווען ער איז אַריין אין דעם גאָרטן, האָט זי אים אַרויפגעלייגט אויפן שלאַכט-ברעט און אים געקוילעט, ווי אַ חזיר. זי האָט אים דערנאָך אַריינגעלייגט אין אַ בלייערנעם קאַסטן און אים דערטרונקען אין אַ טיפן ברונים.

אין דעם פאַראומערטן שאָטלענדישן לידל, פון וועלכן ער האָט געדענקט יעדע סטראָפע, האָט ער נאָכגעזוכט די אַנאַלאָגיע. ער האָט געזען לאָטעס מעסערלעך, קליינינקע, שאַרפע, בליש־טשענדיקע — ווי זיי האָבן געשטאָכן, געשניטן — און ס'איז געפלאָסן זיין בלוט ווי פון יענעם ייִנגל אין דער באַלאַדע: אַפריער געדיכטס, דערנאָך שיטערס, ענדלעך דאָס בלוט פון אונטערן האַרץ. ביז ס'איז שוין גאָרנישט דערין געבליבן.

יאָ, יאָ, קיין בלוט איז שוין אין אים גישט געווען, אויס־געליידיקט און אויסגעפרעסן איז ער געווען ביז צום לעצטן טראָפּן.

ער האָט זיך צונויפגעטראָפן צום ערשטן מאָל מיט לאָטע לעווי באַם טעניס־שפּיל, אין גאָרטן פונם אַלטן יידן, נישט ווייט פון דער מענאַזשעריע אין בערלין. יונג איז זי דעמאָלט געווען און בליענדיק, ווי אַ פרימאָרגן-שטראַל אין אָנהויב פרילינג. און דער רויטער עפּל, מיט וועלכן ער האָט אַריינגעלאָקט דאָס אָרי־מע ייִנגל? ווי אָפט האָט אים דידאָזיקע חוה דערלאַנגט די

---

*) אַ קליין מעסערל שטעקט איז מיין גאָרגל,
און כ'וועל מער צו אייך נישט קענען רעדן.

פרוכט, וואָס דער שלאַנג האָט אָפּגעריסן פון בוים. חוה אָדער לילית, איר עלטערבאָבע. אָך, ער האָט נישט איינמאָל פאַרזוכט דערפון, בעת ער איז איינגעשלאָפן אין אירע אָרעמס, ביז —

דורך אַלע שווארצע טויערן האָט זי אים אַריינגעלאָקט, טיף אַהין אין דעם צויבער-גאָרטן פון אירע זינד. און דערנאָך האָט זי אים געשטאָכן און געשניטן מיט די מעסערלעך אויף איר שלאַכט-בעט...

איצט וואָלט זי אים גאַנץ לייכט געקאָנט אַריינלייגן אין אַ בלייערנעם קאַסטן און אין אַ ברונים אַריין אַראָפּוואַרפן, פיס-ציק קלאַפטער טיף —

שוין-זשע וועט אויך זיין מוטער קומען? אַנידערקניען בּאַם ראַנד פון ברונים און אים רופן? און ער וועט ענט-פערן:

*) „Gae hame, gae hame my mither dear,
Prepare mv winding sheet —“

לעבן דער מוטער וועט ער ליגן אין זיין אייביקן שלאָף — אין דער לוסטיקער שטאָט בּאַם רהיין. דאָרט ווו ס'איז גע-לעגן זיין פאָטער און אַלע זיינע אבות. ס'וואָלט זיך גאָר נישקשה געפונען אַן אָרט אין דעם אַלטן פאַמיליען-קבר.

* *

*

כמעט טאָג-טעגלעך פלעגט ער זיך זען מיט לאָטע. אָבער ער האָט זיך געהיטן צו פאַרבלייבן איבער נאַכט אין איר הויז, אָדער אַנטשלאָפן צו ווערן בּאַ איר אפילו אינמיטן טאָג. ווי-באַלד ער האָט נאָר דערשפירט, אַז אָט די פּוסטע מידקייט איז אַריינגעקראָכן אין זיינע אברים, פלעגט ער גלייך פאַרלאָזן דאָס צימער און אַהיימפאָרן מיטן אויטאָ. ער האָט זיך אויך געלאָזט מאַכן בּאַ דער טיר אַ קינסטלעך שלאָס, כּדי זיך צו באַוואָרענען קעגן אירע אומגעריכטע באַזוכן.

---

*) גיי אהיים, גיי אַהיים, מיין טייערע מוטער
און גרייט מיר צו תכריכים —

דייער געזונט איז זי געווען אין דערדאָזיקער צייט — אָבער ער איז געווען דערשעפּט און מיד. ער האָט מיט שוועריקייט ווייטער געשלעפּט דאָס לעבן מיט דער הילף פון זיינע פאַרשידענע גיפטן:

לאָטע האָט כּלל פאַר אים נישט פאַרהוילן, אַז זי חיל אים. טיילמאָל פלעגט זי צו אים זאָגן: „בלייב היינט באַנאַכט — קוש מיך!"

אָבער ער איז נישט געבליבן. הגם אַלץ אין אים האָט געשריגן, אַז ער זאָל טון דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט.

איינמאָל איז ער פונדעסטוועגן אַנטשלאָפן געוואָרן בײַ איר, נאָך דער טיי. ער האָט געזאָלט רעדן יענעם אָוונט. אינדערפרי האָט ער זיך נאָך געהאַט געפילט גאַנץ פריש. אָבער נאָכמיטאָג, בײַ איר אין שטוב, האָט אים אָרומגעכאַפּט עפּעס אַ פיבער און אַ קאָפּשווינדל! זי האָט עס גלייך באַמערקט. זי איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט אַ גלאָז וואַסער אין האַנט און אַרײַנגעשאָטן דערין עפּעס אַ פּולווער.

„טרינק!" האָט זי געזאָגט.

„וואָס איז דאָס?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט געענטפערט: „כלאָראַל! — וועסט אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ שעה. וועסט זיך פילן פרישער, ווען דו וועסט אויפוואַכן!"

די פינגער האָבן אים געקיצלט אָנצוכאַפּן דאָס גלעזל. אָבער דער פּחד האָט איבערגעוויגן. ער האָט נישט אָנגערירט דעם געטראַנק. ער האָט אָנגעקלונגען צו זיין סעקרעטאַר. געבעטן אים אַהינצוקומען און מיטברענגען מיט זיך דעם אַרסעניק — פון קליינעם שופלעדל — לינקס.

לאָטע האָט לאַנגזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ, פול מיט מיטלייד און ליבשאַפט. זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, האָט זיך צוגעזעצט לעבן אים און אים געגלעט איבער די האָר און הענט.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, בעת דער דינער האָט געמאָלדן דאָס אָנקומען פון סעקרעטאַר. לאָטע איז שוין נישט געווען אין צימער.

ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויפן זייגער -- קוים אַ האַל־בע שעה איז ער געהאַט אָפּגעשלאָפן.

„דאָ האָט איר דעם אַרסעניק", האָט אויסגערופן ראַסיוס, צוגייענדיק נאָענט צו אים.

פראַנק ברוין האָט אָבער נישט איינגענומען די רפואה. ער האָט זיך געפילט געזונט און פריש — דאָס פּוסטקייט און מידקייט איז אַוועק, גלייך ווי אַוועקגעבלאָזן דורך לאַטעס זיסע הענט.

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן — צען טעג אפשר — אָדער צוויי וואָכן.

* *

*

ער האָט מורא געהאַט, און זיין פחד איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

איינמאָל האָט ער געטראַכט: טיגער־מענטש.

ער האָט געלאַכט, בעת ער האָט דאָס ערשטע מאָל גע־הערט דאַסדאָזיקע וואָרט און איבערהויפּט די מעשה וועגן אים! אין ראַדשפּוטאַן איז עס געווען, אין לאַנד פון די פירשטלעכע זין —

די חיה, וואָס שלייכט זיך אַרום איינע אַליין בּאַנאַכט איבּער דערפער און ישובים בּאַם[illegible]ראַנד פון וואַלד, וועלכע באַ־פאַלט די וואַנדערערס אויף די וועגן, אָדער אויפן ברעג פון טייך — דאָס איז נישט קיין טיגער: אַ מענטש איז עס. אָדער אויך: עס איז טאַקע אַ טיגער, אָבער אַזא, אין וועלכן ס'האָט זיך פאַרוואַנדלט אַ מענטש. אַלע אינדיער האָבן גע־גלויבט דערין, אָבער די אייראָפּעער אויך, ווייניקסטנס די אַלע, וועלכע האָבן נישט געוווינט אין גרויסע שטעט, און וועלכע האָבן אַביסל דערשפּירט דעם פייכטן ריח פון די דזשונגליעס. אָפיצירן, אינזשיניערן און פלאַנטאַטאָרן האָבן געוווּסט פּונקט אַזוי גוט, ווי די דאָרפסלייט: דאַסדאָזיקע בּאַשעפעניש איז אַ טיגער־מענטש. און איטלעכן דריטן חודש גייט ער אַרויס אין וואַלד, ווערט אַ טיגער, לויערט אין די נעכט, פאַלט־אָן אויף מענטשן, טרעט אויף זייערע גידערים און טרינקט מענטשלעך

בלוט. נאָכדעם קערט ער זיך צוריק אום אין דאָרף אַריין און ווינט זיך ווייטער איינזאַם און שרעקעוודיק. עסט רייז און אַנדערע באַשיידענע מאכלים. װערט אויסגעמיטן דורך אַלעמען און ס'האָט פאַר אים זייער מורא.

זייענדיק אמאָל אין דייטשישן קאַמערון, האָט ער אויך געהערט די אייגענע מעשה, נאָר דער טיגער=מענטש איז דאָ געווען א לעמפערט.

צום ריכטער האָט מען געבראַכט צו פירן אַ קליין, קרעמפּיק מענטשל, וואָס איז געווען בלינד אויף איין אויג. „ער איז אַ טיגער=מענטש — האָבן זיי געשריגן — ער האָט זיך אַליין דערין מודה געווען. ער האָט דאָס דערוואָרגן די צוויי קינדער הײַנטיקע וואָך. — זאָל אים דער ריכטער הייסן אויפהענגען".

דער ריכטער האָט זיי נישט געגלויבט. האָט געהייסן אונטערזוכן די טויטע גופימלעך פון די קינדער, וועלכע דער לעמפּערט איז באַפאַלן און פאַרשלעפּט אין וואַלד אַריין, ער אַליין האָט געהאַט דערשאָסן אין וואַלד דעם לעמפּערט. דעם פאַרברעכער האָט ער פונדעסטוועגן דערווײַליק פאַרהאַלטן אין תּפיסה — אָבער דער איז גלייך אויפן צווייטן טאָג אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין.

אָבער שפּעטער אין באָמאַ האָט ער געזען הענגען צוויי טיגער-מענטשן. און דאָסמאָל איז שוין נישט געווען קיין שום ספק: מ'האָט זיי געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט. בעת זיי זענען באַפאַלן דאָס מיידל פון דעם סערזשאַנט. דער לעצטער האָט אַליין געהערט איר שרייען — ער איז געווען אַ שוואַרצער לאַנדסקנעכט, וואָס האָט בלויז מורא געהאַט פאַר זיין אָפיציר און ווייטער פאַרן טייוול נישט אַפילו. דער האָט געכאַפּט די טיגער-מענטשן, געבראַכט זיי צו פירן אַליין אין פּאָליציי. צוויי יונגען, איינגעבײַט אין לעמפּערט=פעלן, אויף אַלע פיגער שטאַלערנע, פאַרבויגענע פאַזורעס. דערמיט האָבן זיי געפליקט און געוואָרגן זייער קרבן —

מעשיות וועגן טיגער-מענטשן האָט ער זיך אויך אָנגעהערט אין אַזיע, אַפריקע און לעצטנס אפילו אין דרום-אַמעריקע: אין לאַנד שאַקאָ. דאָ איז עס געווען נישט קיין וואָלף

און נישט קיין טיגער, נאָר אַ יאַגואַר. און פאַרוואַנדלט האָבן זיך אין דידאָזיקע חיה נאָר פרויען, נישט קיין מאַנסלייט, זיי פלעגן אָנפאַלן באַנאַכט אויף ייִנגלעך און מיידלעך. אָבער אויך אויף מענער — שטאַרקע קריגסלייט, אויסגעפּרוּווטע אויף דער יאַגד און אין קאַמף. און די האָבן זיך כמעט נישט געווערט, זיי האָבן זיך געלאָזט ווערגן און טייטן, פאַרשטאַרט פון אימה.

ער אַליין האָט נישט געזען קיין פאַל אַזעלכן, אָבער ער האָט זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן זיי אין פאַראַגוואַי, באָליוויע און אַרגענטינע. ס'האָבן דערציילט וועגן זיי די רייזנדער, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן צווישן די פעלקער פון די בראַזילישע אורוועלדער, בײַ טאַפּעיאָס און מאַדייראָ — ביז אַריבער דעם אַמאַזאָנאַ־שטראָם.

ער האָט נישט געקענט פעסטשטעלן, צי דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם גלויבן אין גלגול־הנשמות, ווי למשל אין אינדיע, אָדער וועגן באמת פאַקטישע געשעענישן, ווי אין אַפריקע — פון קאָנגאָ ביז אַהין צום בלאָען נילוס. ס'איז אויך מעגלעך, אַז דאָ, פונקט ווי אויף די אַנדערע קאָנטינענטן, האָט זיך צו־זויפגעמישט פאַנטאַסטישער גלויבן מיט בלוטיקערווירקלעכקייט.

אָן וועלכער ס'איז פאַרבינדונג זענען געווען דידאָזיקע שוואַרצע, ברוינע, רויטע און ווייסע פעלקער, וויט פונאַנדער־געטיילט דורך לענדער און ימים. און פונדעסטוועגן האָט אומע־טום געלעבט דערזעלבער גלויבן, אַז דער שלעכטער מענטש פאַרוואַנדלט זיך אין אַ ווילדע חיה, וואָס לויערט אויפן ברעג פון טייך און בײַם ראַנד פון וואַלד אויף איר קרבן. זי פאַלט אָן אויף אים, ווערגט אים און טרינקט אויס זיין בלוט. און תמיד איז עס געווען אַ גרויסע קאַץ — אַ טיגער, אַ לעמפּערט, אַ יאַגואַר.

דאָ, אין אייראָפּע, זענען נאָר געווען קליינע קעצ־לעך! גאַנץ באַשיידענע נאָר, וועלכע האָבן געלעבט צוזאַמען מיט די מענטשן זינט טויזנטער יאָרן. און פונדעסטוועגן האָט אויך דאָ געלעבט איבעראַל דערזעלבער גלויבן, הגם אין אַ פאַרקלענערטער, אַביסל איינגעשרומפּענער פאָרם. די גראָע קאַץ איז געווען די שטענדיקע באַגלייטערין פון אַן אַלטער מכשפה.

שפּעטער איז זי געוואָרן די מכשפה אַליין, וועלכע פּלעגט זיך אַרומשלייכן איבער הייזער און דערפער און ברענגען אומגליק. וואָס אַן אמת, האָט זי זיך נישט געוואַגט שלעכטס צו טון קיין דערוואַקסענעם, דערצו איז זי געווען אַ ביסל צו קליין. אָבער די וויגקינדער אין די וויגן פּלעגט זי איבערפאַלן אינמיטן שלאָף, זיך וואַרפן אויף זיי און דערשטיקן. שוין=זשע פּלעגט נישט יאָר באַ יאָר דורכלויפן אַזאַ מין געשיכטע אין די צייטונגען, אַז ווידעראַמאָל האָט אַ קאַץ אַ וויקל=קינד אומגעבראַכט? און דאָס פאָלק האָט געגלייבט — נישט די לייט, וואָס וווינען אין די שטעט, אָבער די, וואָס וווינען אין די בערג און אין די דערפער, לעבן וואַלד און באַם וואַסער — אַז די גראָע קאַץ איז גאָר קיין חיה נישט, אַז זי איז גיכער עפּעס אַ שד, אַ רוח, אַ מכשפה: אַ שלעכטער, אומגליק=ברענגענדיקער מענטש, וועלכער טוט כּישוף.

אָך — אין דער גאַנצער וועלט האָט געלעבט דערזעלביקער גלויבן! און אין דערזעלביקער פאָרם — נאָר עטוואָס געענדערט צוליב די פאַרשידנסטע פאַרהעלטענישן. איבעראַל די קאַץ — בלויז גאָר זעלטן פּלעגט דער וואָלף פאַרנעמען איר אָרט — אין אַזעלכע געגנטן, וווּ דער וואָלף פּלעגט זיין די איינציקע רויב=חיה, וווּ ס'איז נישט פאַראַן געווען קיין גרויסע קעץ און דער גלויבן איז דאָך געווען גאַנץ שטאַרק.

אַן אָבערגלויבן — און אומעטום דערזעלבער? צו אַלע צייטן און אין אַלע ערדטיילן? אָבער ער האָט דאָך מיט די אייגענע אויגן געזען הענגען די שוואַרצע טיגער־מענטשן, איז אַליין געזעסן אויף דער געריכטס=פאַרהאַנדלונג, און האָט אפילו איינגעהאַנדלט איין לעמפּערט־פעל מיט די שאַרפע שטאָלערנע פאַזורעס באַ דעם באַצירקס=באַאַמטן! און דידאָזיקע פעל הענגט נאָך עד היום אין זיין מוטערס הויז. צווישן די פאַרשידנסטע עקזאָטישע זעלטנקייטן — ער וועט עס ווידער קאָנען זען, ווען ער וועט אַמאָל אַהיימקומען.

דער טיגער־מענטש, דער מענטש וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלוטדאָרשטיקער חיה, — אויף אַ העכסט פאַנטאַסטישן, אָדער אויך אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן — אַזאַ מענטש האָט עקזיסטירט, דערין איז נישט געווען קיין שום ספק.

ער האָט זיך געפונען איבעראַל אויף אנזער וועלט — אלאַמאַי. זשעגישט אינמיטן פון מאַנהעטען?

גרין, ווי באַ איטלעכער קאַץ, זענען געווען לאַטע לעווים אויגן. זיי האָבן געלויכטן אין דער פינסטער —

* *
*

ער איז אַריבערגעפאָרן קיין האָבאָקען. מעכטיקע שטיקער אייז זענען געשווימען אַראָפּצו קיין הודסאָן און נאָכאַנאַנד געקראַכט אָן דער הילצערנע ווענט פון דער שיף. האָבן זיך אָפּגעבראָכן און אָפּגעשפּרונגען אויף ביידע זייטן מיט אַ גערויש און געקנאַלעריי.

היינט איז אָפּגעפאָרן דער אַמבאַסאַדאָר, זיין שטאַב און אַלע דייטשישע קאָנסולן אין לאַנד. מיט איינעם פון זיי האָט ער נאָך געוואָלט רעדן; עלעהיי זאָל עמיצער מיטנעמען עפּעס אַ ידיעה פאַר זיין מוטער.

קיין בריוו נישט, אָ, ניין! דער דענישער דאַמפּער, פאַר וועמען די דייטשע בלאָקאַדע האָט מיט אונטערוואַסער־שיפלעך אָפּגעשניטן ענגלאַנד, מוז דאָך האָדכן די באַלעבאַטים פון ים, ווי אַ געטריי הינטל. ווען ער וועט נאָר אָנקומען קיין האַליפעקס, וועט מען אים אוודאי אַזוי גרינטלעך דורכרעווידירן, פונקט אַזוי ווי אין קירקוואָל. דער ענגלענדער וועט צונעמען דאָס מינדסטע פיצל פּאַפּיר.

אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט דורכקריגן. אַרום דעם דענישן פּאָרט האָבן זיך געצויגן לאַנגע קייטן פון פּאָליציי און זעלנער. אַזוי שטאַרק געפערלעך האָבן זיך אויסגעוויזן די יענקיס די פאַר הונדערט מענער און פרויען, וועלכע מ'האָט אַרויסגעטריבן פון לאַנד. ווי גיפטיקע חיות! ווי מצורעים! דייטשן זענען זיי געווען —

* *
*

שטערנדיקע פענער אויף אַלע הייזער, אין אַלע פענצטער, קווער איבער די גאַסן. רוסישע, איטאַליענישע, יאַפּאַני־

שע, סערבישע, און בעלגישע פענער — דרייפאַרביקע פלאַגן — אַ ים פון פאַרבן; און דאָס אַלץ האָט געשריגן: מלחמה, מלחמה מיט דייטשלאַנד. מיט די הונען, די באַרבאַרן, די קינדער=מער־דער — מיט די שונאים פון דער גאַרער מענטשהייט — מיט די דייטשן!

ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז געווען ענגלאַנדס גרויסער נצחון. דאָ האָבן זיי געזיגט, נישט אויף די פעלדער פון פלאַנדריע און פוילן. אויך דאָ איז געווען דער סוף פון ביסמאַרקס ירושה, דער סוף פון גרויסן דייטשלאַנד. ס׳איז נאָר געבליבן איינס; שטאַרבן מיט כבוד.

האָט מאַכט דען אויס אַ מענטשלעך לעבן — האָט ער געטראַכט — וואָס מאַכט אויס אַ פעלקער=טויט — וויבאַלד דער זשעסט איז נאָר אַ שיינער? און דעמדאָזיקן זשעסט וועלן די דייטשן נישט האָבן, קיינמאָל נישט! ווייל זיי זעען אַזעלכע צרהדיקע פאַרטאַטשעס, און ווייל זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אויסלערנען דעמדאָזיקן מאַיעסטעטישן שקר, וואָס גלויבט אין זיך און דערהויבט זיך גופא צו דער מדרגה פון אמת. נישט דעם גיפטיקן, טויטנדיקן שקר — און אוודאי נישט דעם שיי־נעם און הויכמוטיקן, שטאַרבן אין די שיינע פאַלדן פון דער טאָגע, מיטן זשעסט פון אַ ברוטוס, דאָס וואָלט געווען אַ שקר, אַ טעאַטראַלישער עפעקט — דאָס האָבן זיי גאַנץ גוט געוווּסט. אויסגיין פון הונגער, בלוט=אָפפלוס, אויף פלעק=טיפוס אין שפי=טאָל — אַזוי שטאַרבט עלנט אָפּ איטלעכס באַשעפעניש — און דאָס איז דער אמת. אָט אַזוי וועלן די דייטשן אונטערגיין, אַזוי מיאוס און געמיין.

* * *

ער האָט געזאָלט אָפּפאָרן קיין מעקסיקע און פּרוּוון דאָרט צו אַרבעטן. פּרוּוון, אפשר, אפשר —

ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז איצט איז שוין נישט גע=ווען קיין שום אפשר. איצט איז שוין די גאַנצע וועלט אויפ=געשטאַנען אנטקעגן זיין לאַנד — סיידן די מאַרס־לייט זאָלן צוהילף קומען!

* * *

ער האָט געוואָלט אָפּפאָרן זייער פרי קיין סט. לואיס. אינאָוונט איז ער אַוועק צו לאָטע לעוי, כּדי זיך צו געזעגע־נען.

זיי האָבן געגעסן צוזאַמען אָוונט־ברויט, דערנאָך זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין די ביבליאָטעק. אַזוי ליבלעך איז זי געווען, אַזוי גוטהאַרציק.

זיי זענען געזעסן לעבן איינאַנדער און געפלוידערט. ער איז געווען מיד, ווי תּמיד. ס'איז אים געווען גוט, בעת זי האָט געהאַלטן זיין האַנט אין איר קליין הענטל, און ער האָט געפילט דאָס שלאָגן פון איר פולס.

„בלייב נאָך, בלייב!" האָט זי געזאָגט איטלעכס מאָל, בעת ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין. „בלייב נאָך אַ קורצע ווײַלע, ליב ייִנגל".

און ער איז געבליבן. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט אים פאַרהאַלטן בּאַ זיך אויף איבער נאַכט. ס'האָט זיך אין אים דערוועקט דער אַלטער אומצוטרוי און עפּעס אַ פּחד. אָבער שטאַרקער, אַ סך שטאַרקער, איז געווען דער פאַרלאַנג צו פילן איר ווייכן קערפּער, דאָס בענקען נאָך איר באַרירונג, נאָך דעם צאַרטן גלעטן פון אירע פינגער און דעם לייכטן פולסירן פון איר בלוט. ער האָט אַזוי געוואָלט זיין דורך איר איינגע־ויגט און איינגעשלעפערט.

ער איז פאַרבליבן. — אַ שעה און נאָך איינע. — איז געזעסן לעבן איר און געהאַלטן איר האַנט.

דערנאָך איז זי אויפגעשטאַנען. „קום!" האָט זי גע־זאָגט.

ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, ניין!" האָט ער געפּליסטערט, „כ'וויל אַהיימגיין".

זי האָט אים אַ קוש געטון. „צי האָסטו מורא — פאַר מיר"? האָט זי געפרעגט מילד.

ער האָט בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ. האָט געקוקט אויף איר הילפלאָז און בעטנדיק. נאָך איין וואָרט נאָר, אַ באַרירונג בלויז פון איר האַנט — און ער וואָלט איר נאָכגעגאַנגען.

אָבער זי האָט נישט גערעדט קיין וואָרט. „שלאָף אַליין", האָט זי געזאָגט. „אָבער פאַרבלייב דאָ איבער נאַכט — כּדי

כ'זאָל דיך נאָך קאָנען זען מאָרגן אינדערפרי, איידער דו ווערסט אָפּפאָרן".

זי האָט אים אריינגעפירט אין דעם צימער, וואָס האָט זיך געפונען לעבן איר שלאָפשטוב. „פאַרמאַך דיך", האָט זי געזאָגט. „פאַרשליס די טיר און פאַררוק דעם ריגל! וואַרט אַ ווײַלע, כ'וועל דיר ברענגען אַ וועק־זייגער — כדי זאָלסט אויפוואַכן צו דער צייט".

זי איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט זיך אומגעקוקט — דאָס איז געווען די שטוב, אין וועלכער ס'פלעגט טיילמאָל שלאָפן דאָס שטובמיידל, בעת לאָטע פלעגט זיך פילן נישט געזונט. דאָרט איז געשטאַנען אַ בעט, און דערלעבן האָט זיך געפונען אַ קליין באָד־צימערל —

ער איז געבליבן שטיין אויפן אייגענעם אָרט, ווו זי האָט אים איבערגעלאָזט. ער האָט זיך איבערגעלייגט, צי וואָלט נישט גלייכער געווען צו נעכטיקן אינדערהיים —

זי איז צוריקגעקומען, האַלב אויסגעטון — האָט געבראַכט דעם וועקער.

„כ'האָב אים אָנגעשטעלט אויף האַלב זעקס", האָט זי געזאָגט. „אַזוי־ערנאָך וועלן מיר נאָך קאָנען צוזאַמען פרישטיקן". ·

ער האָט גענומען דעם זייגער און אים אוועקגעשטעלט פאַר זיך אויפן טיש. ער האָט ענדלעך אויפגעהויבן די אויגן און זי אָנגעקוקט.

און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַהינגעריסן צו איר. דאָס איז שוין נישט געווען קיין ווונטש, קיין בענקשאַפט — נאָר אַ פאַרלאַנג! זי — זי —

זי איז געווען זיין לעבן — זיין בלוט און זיין געזונט!

נאָר באַרירן זי, בלויז זי באַרירן —

ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט. האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט, שטאַרק, האַרציק.

„לאָטע!" האָט ער געשלאָכצעט, „לאָטע!"

פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעריסן פון אירע אָרעמס און זי אָפּגעשטויסן פון זיך. „גיי אַוועק, גיי!"

און זי איז אַרויסגעגאַנגען. „אַ גוטע נאַכט" האָט ער געהערט, בעת זי האָט צוגעמאַכט די טיר.

„פאַרוואָס איז זי נישט פאַרבליבן? — פאַרוואָס האָט זי אים נישט מיטגענומען מיט זיך? שרייען האָט ער געוואָלט, שרייען! אַלע זיינע ליידן אַרויסשרייען — זיין גאַנצע תאווה —

אָבער פחד, פחד! אַך — עפּעס וועט געשען אין דער דאָזיקער נאַכט.

ער האָט זי נישט צוריקגערופן. האָט אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק. דערנאָך האָט ער פאַרשלאָסן די טירן און אַראָפּגעלאָזט דעם ריגל. האָט צוגערוקט צו די טירן הילצערנע שטולן און אַרויפגעשטעלט אויף איטלעכן אַ קאַראַפקע מיט וואַסער. אויב מ'וואָלט געעפנט אַ טיר, וואָלט דאָס אַלץ געמוזט אומפאַלן, וואָלט אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכן ליאַרם און וואָלט אים געמוזט אויפוועקן.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויפן בעט און זיך איינגעהאָרכט אָנגעשטרענגט.

ער איז ווידער אויפגעשפּרונגען. האָט באַטאַפּט די ווענט, זוכנדיק אַ געהיימע טאַפּעטן=טיר. ער האָט אויפגעמאַכט די שענק, אַריינגעבליקט אין זיי, האָט אַנידערגעקניט, אַרונטערגעקוקט אונטערן טיש. אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען. און פון איר צימער האָט מען צומאָל קיין שאָרך נישט געהערט.

און דאָך האָט ער זיך נישט געוואַגט אויסצוטון און זיך צו לייגן שלאָפן. ער איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן, האָט אָנגעקלונגען צו זיין סעקרעטאַר און אים באַשטעלט צו קומען אויפן באַנהויף צומאָרגנס אינדערפרי. ער האָט בכיוון פאַרצויגן דעם שמועס און אים געגעבן גאַנץ איבעריקע פאַראָרדענונגען.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן שרייבטיש, גענומען טינט און פעדער, האָט אַרומגעטראַכט צו וועמען ער זאָל שרייבן. „ליבע לאָטע!" האָט ער אָנגעהויבן, און האָט ווידער אָנגעשריבן: „ליבע לאָטע!"

ער האָט פאַרשטראָכן דידאָזיקע ווערטער — האָט צעריסן דאָס בייגעלע פּאַפּיר, גענומען אַ נייס. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן —

דאַן האָט ער נאָכגעגעבן. אַך — עלעהיי זאָל זי צומאָרגנס געפינען דעם בריוו, און זאָל זי וויסן, אַז ער איז געווען מיט איר, בלויז מיט איר, אין דידאָזיקע שעהן.

„דו" האָט ער אָנגעהויבן, „דו — דו". האָט ער איבערגעחזרט, אַ שורה נאָך אַ שורה: „ליבסטע", האָט ער געשריבן, „ליבסטע — דו" —

אָבער קיין בריוו איז פאָרט דערפון נישט אַרויסגעקומען, קיין איין זאַץ אַפילו איז נישט צושטאַנד געקומען.

מערנישט ווי ווערטער — ווערטער. בלויז עפּעס אַן עלנט שטאַמלען, אַ פיינפול זיפצן און שלאָכצען.

בענקשאַפט, פּחד און פאַרצווייפלונג —

טרערן און בלוט.

דערנאָך — דערנאָך האָט ער געפילט, ווי די האַנט הערט אים אויף צו פאָלגן. ער האָט געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אויף די פינגער, וועלכע האָבן געהאַלטן די פעדער.

זיין מוח האָט געגעבן דעם באַפעל: „דריק=אַראָפּ די פעדער — אויפן פּאַפּיר אַראָפּ! און שרייב!"

אָבער די האַנט האָט זיך נישט גערירט.

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט זיין שטערן — אַ שוידער האָט אים אַרומגעכאַפּט. — עפּעס אַ פראָסט איז אים אַדורך איבערן גאַנצן לייב.

„שרייב!" האָט געשריגן זיין נשמה. „שרייב: לאָטע!"

דאַן האָט זיך די פעדער גענומען באַוועגן. גאַנץ דין נאָר — מיט אַ קוים לעזבאַר כתב האָט זי אָנגעשריבן: „מוטער".

די פעדער איז אים אַרויסגעפאַלן פון דער קראַפטלאָזער האַנט און זיך אַוועקגעקייקלט איבערן טיש.

אָבער דאָס וואָרט איז דאָרט געבליבן שטיין, דאָס לעצטע וואָרט — מוטער. ער האָט עס גוט געזען.

די חיעס זענען אים שווער צוגעפאַלן. אָבער ער האָט אונדעסטוועגן געזען פאַר זיך דאָס דינינקע וואָרט: מוטער.

ס'האָט נאָך אין אים געטליעט אַ ליכט פון עפּעס אַ געדאַנק — אָבער ער האָט געפילט, אַז ס'דערנענטערט זיך דער סוף —

זייער פינצטער איז דאָ. אָבער דאָרטן אינדרינען איז ליכטיק. ווען ער ער וואָלט נאָר געקאָנט אויפשטיין, עפענען די טיר — אַריינגיין צו איר. אינדרינען איז לעבן, רויט לעבן —

דאָ איז אַלץ שוואַרץ, — אַזוי פינצטער. אַלץ צעפליסט זיך דערין. אַלץ — און ער גופא אויך.

— און דער קאָפּ איז אים שווער אַרונטערגעפאַלן אויפן טיש.

* *
*

אַ משוגענער געשריי, אַ ליאַרם, ווי ס'וואָלט די לופט צעריסן. אַ שניידן און האַמערן און פייפן, ווי דאָס ווילדע קרייצן פון הונדערט הענער, ווען די קעכין האָט דורכגעצויגן דאָס מעסער איבער די גאָרגלען.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

אינמיטן צימער איז ער געשטאַנען. וואָס איז געשען ?

ער האָט זיך אויסגעריבן די אויגן — האָט זיך אַרומגעקוקט. אַך ! דער וועק-זייגער ! ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און אים אָפּגעשטעלט, האַלב זעקס — יאָ, איצט האָט ער געזאָלט אויפשטיין.

ער איז געווען, פולשטענדיק אָנגעטון. ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזען, אַז די שטול, וואָס ער האָט געהאַט אַוועקגעשטעלט פאַר דער טיר פון לאָטעס צימער, איז געווען אָפּגערוקט אין אַ זייט -- די קאַראַפקע מיט וואַסער איז געשטאַנען דערלעבן אויפן טעפּיך.

און די טיר איז געשטאַנען ברייט אויפגעפּראַלט.

ער האָט זיך איינגעהאָרכט — מ'האָט נישט געהערט קיין שום שאָרך.

איז זי נאָך בכן געשלאָפן, נישט קוקנדיק אויפן שרעקלעכן ליאַרם פונם וועקער ?

דערנאָך האָט ער דערשפּירט עפּעס אַ טעם אין מויל, אַ מין זיסלעך-איבלדיקער געשמאַק אויף דער צונג.

ער איז געבליבן שטיין — צי האָט ער נישט געקענט דעמדאָזיקן מאָדנעם טעם?

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און נאָכגעטראַכט — האָט אָפּגעלעקט די ליפּן. — נאָך דייטלעכער האָט ער געפילט די זיסלעכקייט, די מאָדנע זיסלעכקייט.

פּונקט דעמזעלבן טעם האָט ער געהאַט אין מויל, בעת ער האָט אַמאָל אויף אַ דועל אַרויסגעשטעקט די צונג איבער די ליפּן.

אַ טעם פון בלוט!

אויסשווענקען דאָס מויל, האָט ער געטראַכט, אויספּוצן די ציין —

ער איז אַריינגעגאַנגען אין באָד-צימער, זיך אָנגעשטעלט פאַרן שפּיגל און דערזען פאַרבלוטיקטע ליפּן — פול מיט בלוט איז אויך געווען זיין קין — גרויסע פלעקן בלוט אויפן קאָלנער און העמד —

און זיינע הענט — די הענט —

רויט זענען זיי געווען, רויט, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט אין בלוט געבאָדן.

ער האָט געקוקט מיט אַ שטאַרן בליק אין שפּיגל אַריין. דאָס איז געווען ער, ער — פראַנק ברוין. פאַרפלייצט מיט בלוט —

וואָס איז דאָס אַזוינס?

ער איז אַריינגעלאָפן אין לאָטעס צימער אַריין — האָט זיך אָנגעשטעלט לעבן איר בעט, זי איז געלעגן אַ בלייכע, אָך, ווי בלייך! — איינגעוויקלט אין די קישנס און ליילעכער, צוגעדעקט איבערן האַלז —

אָבער בלוט-פלעקן אומעטום — גרויסע, רויטע פלעקן, וווהין זיין אויג האָט זיך נאָר געקערט. און אויפן נאַכט-טישל זענען געלעגן פונאַנדערגעוואָרפן פאַרבלוטיקטע מעסערלעך —

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן איר קאָלדרע. — אַראָפּגעריסן איר העמד, — האָט אַ קוק געטון אויף איר ברוסט — און האָט דערזען שטעך און וווּנדן —

אזויפיל וונדן
וואס פארא חיה — וואס פארא ווילדע, בלוטדארשטיקע
חיה —?
סארא גרויזאמע, עקלהאפטע בעסטיע — —
אך! דאס איז ער, ער!
ער איז אראפגעזונקען אויף די קני,
לאטע! לאטע!

„דעמדאָזיקן שפרוך זאָלסטו אויסקריצן אויף דעם העמאַטיטן-אַמולעט, וועלכער העגנט אויפן האַלז פונם בר-מינן: „שטיי אויף פונם נישטזיין, דו אַנידערגעשליידערטער! מ'האַכט איבער דיין קאָפּ אין שטראַלנדיקן הימל. דו וועסט באַזיגן דיינע פיינט און טריומפירן איבער אַלץ, וואָס שטעלט זיך דיר אַנטקעגן — ווי האָרוס דער נקמה-נעמער פון זיין פאָטער. אָזיריס האָט עס באַפוילן, אַז אַזוי זאָל מיט דיר געשען. דו וועסט אָפּשניידן די קעפּ פון דיינע שונאים — אָבער קיינמאָל וועלן זיי דיין קאָפּ נישט אָפּהאַקן. און באמת: אָזיריס וועט אָראָפּהאַקן די קעפּ פון זיינע שונאים, כדי זיי זאָלן קיינמאָל זיין קאָפּ נישט געווינען!"

דאָס בוך פון די טויטע, 166. קאַפּיטל

זיבן פוס אין דער לענג און זיבן פוס אין דער ברייט האָט געהאַלטן די תפיסה-קאַמער פון פראַנק ברויגען. אַרבעט איז דאָרט געווען לרוב: כאַפּן וואַנצן, פליי און טאַראַקאַנעס. דאָס איז נאָר מעגלעך געוועזן באַטאָג — מחמת דאַן האָט זיך געברענט אַ קליינע עלעקטרישע באַרנע. אַ שטילקייט האָט דעמאָלט געהערשט אין דעם ריזיקן טורמע-בנין.

אָבער אויפדערנאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די באַוועגונג. טיילמאָל, ווען ער פלעגט אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ פּאָר מינוט און זיך תיכף צוריק אויפכאַפּן אַ האַלבוואַכיקער און פאַרשלאָפענער, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער געפינט זיך אין ערגעץ אין אַוריוואַלד. ער האָט זיך איינגעהערט אין די קולות אַרום און אַרום, אַביסל ווייטער און גאָר נאָענט לעבן אים —

דידאָזיקע קולות, וועלכע האָבן געפירט אַן אייגן לעבן, זייענדיק באַפרייט פון קערפּער, קעל און צונג, — דאָס וואָיען פון וועלף, דאָס קול פון אַ יאַגואַר —

דערנאָך, ביסלעכווייז, האָט ער זיך פונאַנדערגעקליבן צווישן די אַלע פאַרשידנסטע טענער. דאָס איז געווען אַ שנאָרכן, זיפצן, זינגען און לאַכן אינמיטן שלאָף. אַ כאָרכלען און הוסטן פון די שווינדזיכטיקע. און פון אונטן ווידער די פאַרשטיקטע קולות פון די אַרעסטאַנטן, וואָס מ'האָט געשמיסן און געשלאָגן, ווידערשפּעניקע, אומגליקלעכע משוגעים און אויך אַזעלכע, פון וועלכע מ'האָט געוואָלט אויספּרעסן אַ מודה=זיין=זיך.

און אַזוי נאַכט בײַ נאַכט.

דער קאָץ, וואָס מ'האָט אים געגעבן זיך צוצודעקן, איז געווען פאַרפּלייצט מיט קליינע חיהלעך, אומ־אַשרייבלעך שמו=ציק, דיק באַקלעפּט מיט אייטער פון די עקלדיקע געשווירן פון פריערדיקע אַרעסטאַנטן. לעבן אים איז געלעגן אַ נעגער, אַ פאַרמשפּטער צום עלעקטרישן שטול צוליב עפּעס אַ מאָרד. דער האָט אים אויסגעלערנט, ווי אַזוי מ'קאָן זיך צודעקן מיט צייטונגס=פּאַפּיר — דאָס וואַרימט אַביסל.

אַזוי זענען אַדורכגעגאַנגען טעג — וואָכן — חדשים.

קיין שום פאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט — און אויך קיין שום באַציונג מיט די אַנדערע תפיסהניקעס. גאָרנישט. בלויז די קאַמער — און ער אין איר. פון דעם פאַרשוין, וואָס האָט אים אַריינגערוקט דאָס פרעסן, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז ס'זענען נאָך דאָרטן געווען אַנדערע דייטשן אויך — פאַרשפּאַרטע ווי ער, אין די מעכטיקע, פענסטערלאָזע שטיינערנע מויערן, הינטער שווערע אייזערנע קראַטן, צוזאַמען מיט מערדערס, אַלפאָנסן און גנבים.

איינמאָל, אינמיטן דער נאַכט, האָבן אָפּגעהילכט שווערע טריט. אַ גאַנצער באַטאַליאָן איז אָנגעקומען. און אַ הויכע שוואַבישע שטים האָט אויסגערופן אויף דייטש:

*) „Giebt'sch hier auch Wanschen?“

דאַן האָט אָפּגעשאַלט אַ געלעכטער פון אַלע ווינקלען

---

*) צי זענען דאָ וואַנצן אויך פאַראַן?

פון דער ריזיקער האַלע: „יאָ! יאָ! — היפּל איך חילט נאָר האָבן!"

* *

ער האָט געהאַט אַ בלײַשטיפט פון אַ האַלבן צאָל די גרייס. ער פלעגט אָפּרײַסן די בלייזן פון אַלע צײַטונגען, אויסגלעטן די שטיקלעך פּאַפּיר און זיי צונויפלייגן ווי אַ חעפט. דאָס האָט געזאָלט זיין דער סוף פון זיין טאָגבוך. די ערשטע זייטלעך האָט ער איבערגעלאָזט פריי — פון דער רגע אָן, ווען זיין קאָפּ איז אַראָפּגעזונקען איבערן טיש, ביז צו יענעם מאָמענט, ווען ער איז צוריקגעקומען צום באַוווּסטזיין, אויפגעוועקט פון דעם גרויזאַמען וועקזייגער. איינע נאָר האָט געקענט אויספילן דעמדאָזיקן בלייז: לאָטע.

און ער האָט גענומען שרייבן: ווי זיין צונג האָט פאַרזוכט דאָס זיסלעכע בלוט, ווי ער איז געשטאַנען פאַרן שפּיגל אײַנגעגלאַנצט אַ פאַרבלוטיקטער, ווי ער איז אַריינגעלאָפן צו לאָטע אין צימער אריין און ווי ער האָט זי געפונען —

ער האָט זי אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס און מתפּלל געווען צו איר. אָבער נישט ווילנדיק האָט ער אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט מאַריע.

„אַ מאָדנע זאַך", האָט ער געטראַכט, „פאַרוואָס האָט ער זי דעמאָלט אָנגערופן מאַריע?"

מאַריע — אַזוי האָט געהייסן דאָס מיידל פון ווין, וואָס האָט געגלייבט אין אים און וועלכע האָט אים בעתן געזעגענען געזונגען די ליבעס־לידער. וועלכע האָט נישט געקאָנט לעבן אָן אים און וועלכע האָט זיך געכאַפּט פאַרן רעוואָלווער, בעת זי האָט זיין בריוו דערהאַלטן. זיין משוגענעם בריוו —

און מאַריע האָט אויך געהייסן זיין מוטער. „מוטער מאַריע", האָט איר גערופן זיין ייִנגלעריש מויל — און נישט אַנדערש.

„מאַריע", האָט ער געבעטן, בעת ער האָט געקניט לעבן לאָטעס בעט, „מוטער מאַריע".

און נאָכדעם ווידער איז עס געווען די אַנדערע — די, וועלכע האָט געטראָגן די זיבן שווערדן אין פלאַמענדיקן האַרץ,

און וואָס איר ברוסט האָט געבלוטיקט. איר נאָמען האָט ער געשטאַמלט.

און ער האָט אינדערשטיל מתפלל געווען:

„Eia mater, fons amoris,
Me sentire vim doloris
fac ut — —“

— איצט האָט זי אים געהערט – זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן.

גאַנץ לייכט האָבן אירע פינגער זיין האַנט באַרירט. און אירע ליפּן האָבן זיך גענומען באַוועגן.

ער האָט אָנגעבויגן זיין קאָפּ צו איר – האָט אַראָפּגעלייענט פון די ליפּן איר שעפּטשען. „באַהאַלט דאָס קעסטעלע“, האָט זי געזאָגט.

ער האָט געפאָלגט. האָט אַריינגעוואָרפן די שערעלעך און מעסערלעך אין דעם קעסטעלע און עס פאַרבאַהאַלטן אין שאַנק אַריין.

ער האָט זיך אומגעקערט צו איר בעט.

זי האָט ווידער געשעפּטשעט: „וואַש דיך אָרום! טו אָן אַ ריין העמד“.

„לאָטע“, האָט ער זיך געבעטן, „לאָטע! דו — דו —“

אָבער זי האָט פאַרלאַנגט: „טו דאָס!“

ער האָט געטון, ווי זי האָט געהייסן. ער האָט זיך אויסגעטון, אַרומגעוואַשן זיך, גענומען העמד און קאָלנער. די פאַרבלוטיקטע וועש האָט ער אַריינגעוואָרפן אין קויש אַריין.

זי האָט אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן און שטילערהייט געשמייכלט.

„אַזוי איז גוט“, האָט זי געשעפּטשעט. „און איצט קלינג אָן נאָך מיין דאָקטאָר — נאָכן דר. קאָהן“.

ער האָט אָנגענומען דאָס טרייבל פון טעלעפאָן און אָנגעקלונגען. ער האָט געבעטן, אַז דער דאָקטאָר זאָל תיכף קומען צו פרוי וואַן נעס! — ניין, נישט אין אַ שעה אַרום ערשט. — ניין, תיכף, שוין איצט!

„וואָס איז געשען?“ — ער האָט נישט געוווּסט — —

„אַ בלוט־שטורץ!" האָט זי געשעפּטשעט.

„אַ בלוט־שטורץ!" האָט ער אַריינגעשריגן אין טעלעפאָן. צי ס'איז — ? יאָ, ס'איז זייער געפערלעך! — יאָ! צי זי האָט פאַרלוירן אַ סך בלוט? — יאָ, זייער פיל — שרעק־לעך אַ סך! — וואָס, ער ליגט נאָך אין בעט? — ער וועט תיכף אהינקומען, אין דרייסיק מינוט אַרום וועט ער דאָרטן זיין! און לעת=עתה זאָל מען דער קראַנקער געבן צו טרינ=קען. — וואָס? — אַלץ: מילך, טיי, שאַמפּאַניער, מינעראַל-וואַסער, שטאַרקע קאַווע, אַלץ וואָס ס'איז נאָר פאַראַן! — אַלץ! אַזוי=פיל ווי מעגלעך! טרינקען מוז זי — טרינקען!

ער האָט אַוועקגעהאָנגען דאָס טרייבל און איז אויפגע=שפּרונגען — אָבער איר בליק האָט אים צוריקגעהאַלטן. זי האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ פּאַרבלוטיקט מעסערל, וואָס איז נאָך גע-לעגן לעבן איר אויפן קישן. „זוך!" האָט זי געשעפּטשעט. ער האָט אַרומגעזוכט צווישן דעם פּאַרבלוטיקטן בעטציי‌ג — נאָך אַ צווייטס האָט ער געפונען.

„דעם באָר-זאַלב!" האָט זי געזאָגט. „דאָרטן!"

דאָס שאַכטעלע איז געשטאַנען אויפן נאַכט=טישל. ער האָט עס גענומען, געעפנט דאָס דעקל.

„טו דו עס, ליבסטער", האָט זי געפליסטערט. „זאָל קיי=נער מיין ברוסט נישט זען, אחוץ דיר!"

ער האָט אַראָפּגענומען איר העמד. האָט אַרומגעוואַשן אירע וווּנדן מיט קעלניש וואַסער. זיבן האָט ער אָנגעציילט, זיבן.

קליינע וווּנדן, אָבער גאַנץ טיפע, רויטע שטרייפן, און אויף איטלעכן אַ טראָפּן בלוט. ווי די בלוט־שטרייפן, וועלכע ער האָט אַזוי אָפט געזען אין חלום. אויף דער גאָהיטאַס ברוסט, בעת זי האָט געטאַנצט די רומבאַ —

זיינע פינגער האָבן געציטערט. און בעת ער האָט אַרומגע־וואַשן אירע וווּנדן, האָט זי אַזש אויפגעצאַפּלט פון ווייטיק.

און ער האָט זי געקושט, צאַרט און ווייך — מיט צי=טערדיקע ליפּן. זי האָט דאַן אַ שמייכל געטון.

„ביסטו געזונט?" האָט זי געשעפּטשעט.

ער האָט אויפגעציטערט — האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ שטאַרן בליק.

אָבער זי האָט געשמייכלט. אירע ליפּן האָבן געפּרעפּלט: „אַזויפיל מילך האָסטו געטרונקען, מיין ליב ייִנגל! אַזויפיל רויטע מילך!" צערטלעך, אַזוי צערטלעך האָט אים געגלעט איר בליק.

„מוטער", האָט ער געטראַכט, „ליבע מוטער מאַריע".

ער האָט באַשמירט אירע ווונדן מיט דעם זאַלב און האָט אים פונאַנדערגעגלעט מיט ציטעריקע פינגער. ער האָט איר פאַרשפּיליעט דאָס פאַרבלוטיקטע העמד ביז איבערן האַלז אַרויף.

דערנאָך ערשט האָט זי אים געלאָזט אַרויסגיין. ער איז אַרויסגעלאָפן און גערופן דאָס דינסטמיידל. געהייסן מאַכן טיי און אַרויפברענגען שאַמפּאַניער.

ער האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט לעבן איר — איר דערלאַנגט דאָס גלאָז צו די ליפּן.

„טרינק, לאָטע, טרינק!"

— דערנאָך איז געקומען דר. קאָהן. אָבער איידער זי האָט זיך נאָך געווענדט צום דאָקטאָר, האָט זי אים אַ שטיל געשעפּטשעט צו פראַנק ברוינען: „און איצט גיי, מיין פריינט. קעסט נאָך באַווייזן צו דיין צוג. גיי!"

„איך וועל פאַרבלייבן!" האָט ער אויסגערופן.

אָבער זי האָט לאַנגזאַם געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין, דו מוזט אַוועקגיין. איך וויל דאָס! טראַכט וועגן מיר!"

גאַנץ לייכט האָבן אירע פינגער געגלעט זיינע האָר, און אירע ליפּן האָבן צאַרט געקושט זיינע אויגן. „זיי געזונט", האָט זי געשעפּטשעט. „זיי געזונט, ליב ייִנגל. איך — דאַנק דיר!"

זי, זי — אים.

ער איז אויפגעשפּרונגען און איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך אויסגעדרייט און נאָכאַמאָל אַ בליק געטאָן אויף איר ליבע האַרציקן שמייכל.

ער איז אַרויס אויפן גאַס און איז אַוועקגעפאָרן צום באַנהויף.

דאָרט האָבן זיי אים געכאַפּט. האָבן אים אָנגעטון קייט־לעך אויף די הענט און אים אָפּגעפירט אין תפיסה אַריין.

אים, דעם דייטשן אַגענט — דעם גאָר געפערלעכן, וועל־כער האָט זיך געוואַגט אַרויסצוטרעטן קעגן ענגלאַנד אין דער־דאָזיקער מדינה.

וואָס איז עס אים דען אָנגעגאַנגען? און ווען זיי וואָלטן אַפילו איינגעזעצט אַלע דייטשן פון לאַנד — וואָס איז עס אים איצט אָנגעגאַנגען? — אַבי נישט זי, נאָר נישט לאָטע!

*   *

ער האָט צונויפגענומען די שטיקלעך פּאַפּיר — פאַר אירעטווועגן, פאַר לאָטע, וואָס האָט אים געהיילט.

זי האָט גאַנץ גוט געוווסט, וואָס דאָ איז געווען. איבער דער גאַנצער צייט! און זי האָט געשוויגן, גאָרנישט געזאָגט — מחמת זי האָט געפילט, אַז מיט איין וואָרט קאָן זי אַ תל מאַכן פון אַלצדינג. ער — ער האָט נישט געטאָרט וויסן, וואָס ער טוט. ווייל ער וואָלט עס מער נישט געטון, וויבאַלד ער וואָלט געוווסט דערפון.

און דערפאַר טאַקע, וואָס ער האָט עס יאָ געטון, דאָס אַליין האָט אים אויפגעהאַלטן. בלויז דאָס האָט אים גע־קענט סוף כל סוף אויסהיילן.

דערפאַר האָט זי געשוויגן.

דעריבער האָט זי אויפגעהאָנגען אויף איר האַלז דאָס גאָלדענע קייטעלע מיטן קליינינקן קריסטאַל־קיילעכל, און דער פליגלדיקער גריף *) האָט איר געזאָלט פאַרשאַפן מילך — רויטע מילך פאַר איר קינד. דערפאַר האָט זי געטראָגן דעם רינג מיטן פעליקאַן: איר אייגענע ברוסט האָט זי אויפגעריסן, כדי אָנצוקאָרמען איר געליבט קינד. שפּילערייען, קאַפּריזן פון אַן אויסטערלישער פרוי, וואָס האָט נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, נאָר וועגן אים און זיין גליק.

---

*) א לעגענדאַרישער פויגל: אַ לייב מיט אַ קאָפּ, שנאָבל און פליגלען פון אַן אָדלער — גריכ. מיט.

דערפאַר האָט זי געהאַלטן לעבן זיך די שערעלעך און מעסערלעך — כדי ער זאָל קאָנען בעסער און טיפער איינשניידן אין איר לייב. כדי איר בלוט זאָל שפּעדיקער אַרויסשפּריצן — איר בלוט, וואָס איז פאַר אים געווען לעבן —

דערפאַר האָט זי איינגענומען דעם שלאָפגעטראַנק — פּדי ס'זאָל ליגן שטיל זיין בלוטנדיקער קרבן. כדי אים נישט אויפצוזוועקן דורך אַ געשריי פון איר ווייטיק, בעת ער איז געווען משוגע פון דער תּאווה צו בלוט.

אָבער שפּעטער, שפּעטער האָט זי שוין נישט געברויכט קיין שלאָפגעטראַנק.

זי האָט זיך פון אים געלאָזט שטעכן און שניידן און זויגן און טרינקען. האָט זיך געלאָזט צעטרייבערן — און נאָך געשמייכלט דערביי.

זי איז געווען די פּריסטערין און האָט אָנגעשאַרפט דעם חלף. זי האָט אויך אויסגעצירט פאַר זיינעטוועגן דעם קרבן: זיך אַליין.

און בלויז דערויף איז זי געווען אייפערזיכטיק, דאָס אַליין האָט זי נישט פאַרגינען קיין אַנדערער פרוי. דערפאַר האָט זי אים מיטגעגעבן דאָס מעסערל אויף זיין נסיעה קיין מעקפּיקע.

און דאָס מעסערל איז געבליבן ריין. און בלויז איינמאָל האָבן זיך געפונען דערויף בלוטיקע פלעקן — נאָך די שיכּורותשעהן צוזאַמען מיט דער גאַהיטאַ.

איצט ערשט האָט ער פאַרשטאַנען, וואָס דעמאָלט איז געשען.

ער האָט אויך פאַרשטאַנען די פּעטש, וואָס ער האָט באַקומען אין דער קריסטוס-נאַכט. איוויס בריוו און דעם חוזקדיקן טאָן פון דער פאַרסטין, און דאָס שרעקלעכע אַנטלויפן פון דער טענצערין.

זיי האָבן אים אָנגעשפּיגן פאַר זיינע מעשים, וואָס ער איז באַגאַנגען —

אָבער לאַטע לעווי האָט אים געקושט! בסדר און אַלעמאָל אויפסניי.

פאַר זיינעטוועגן איז זי געפאָרן אין די בעדער, פאַר זיינעטוועגן האָט זי געשלונגען דאָס אַלץ, וואָס האָט איר צו־געגעבן בלוט. בכדי זיינע גיריקע ליפּן זאָלן זיך מיט בלוט באַפאַרבן, און זיך קאָנען צו דער זעט אָנטרינקען מיטן בלוט פון איר הארץ.

— אַזוי בלינד איז ער געווען איבער דער גאַנצער צייט. ער האָט קיינזאַך נישט געזען, קיינזאַך נישט. ער האָט געמיינט, אַז זי איז געווען די בלוטדאָרשטיקע געטין, די מכשפה, וועלכע האָט אים פאַרגיפטעט. זי, די שפין — זי די עקלהאַפטע חיה!

וואָס האָט זי דאַן געזאָגט, בעת ער איז צו איר גע־קומען אין יענער נאַכט פון טעראַס־גאַרדען? ער האָט ווידער געהערט איר קלאָרע שטים: „דאָס העכסטע, וואָס אַ פרוי קאָן טון פאַר דעם מאַן, וועלכן זי האָט ליב, אַ מוטער פאַר איר איינציק קינד, אַ דערלייזער פאַר דער ליידנדיקער מענטשהייט — דאָס, דאָס האָסט דו מיך אויסגעלערנט טון: דאָס הערלעכע, דאָס אייביק געטלעכע!"

געטלעך האָט זי עס אָנגערופן, הערלעך! — זי האָט גע־זאָגט, אַז ער האָט זי דאָס אויסגעלערנט — ער! — זי האָט אים נאָך געדאַנקט: דאָס איז געווען איר לעצט וואָרט, בעת ער איז אַוועקגעגאַנגען.

זי — אים!

אַזוי האָט זי עס אויפגעפאַסט — זי, לאָטע לעווי.

* *
*

„South 2. 19!" האָט מען אויסגעשריגן. דאָס איז געווען זיין נומער.

ס'זענען אַריינגעקומען אין הויף אַריין אַכצען דייטשן, צוזויפגעקייטלט איינער צום אַנדערן פאַרנוויַיז — אַזוי האָבן זיי דורכמאַרשירט די גאַסן, באַוואַכט מיט סאָלדאַטן אַרום און אַרום. פון זייער תפיסה אין ברוקלין ביז אַהין אין מאַנ־העטען. זיי זענען געגאַנגען איבער דער בריק גאַנץ לאַנגזאַם, אַזוי אַז דאָס פובליקום זאָל זיך קאָנען אויף זיי רעכט אָנגאַפן.

פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן אויף גאַנצע שעהן; זיי האָבן געוואַרט — און קיינער האָט נישט געוווּסט, אויף וואָס אייגנטלעך.

„הורנזין!" האָט אויסגעשפּיגן דער עולם, „נישטיקע שפּיאָנען. דייטשישע הינט!"

פענער, פענער! נייע פענער זענען נאָכאַנאַנד צוגעקומען. פענער פון יענע פעלקער, וועלכע האָבן אויף וואַשינגטאָנס ווונק איינער נאָכן אַנדערן דערקלערט מלחמה די דייטשן. פאַר רעכט און פרייהייט קעגן באַרבאַרנטום — און אגב, כדי צוצורייבן אומבאַשטראָפט דייטשיש פאַרמעגן. כינע, סיאַם, דרום-אַמעריקאַנישע, מערב-אינדישע, מיטלאַמעריקאַנישע מאַלפּע-רעפּובליקעס. זייערע פענער האָבן געפלאַטערט פּונקט אַזוי שטאָלץ, ווי אַלע איבעריקע.

ריזיקע פּלאַקאַטן אויף אַלע הייזער: „קויפט די פרייהייטס-הלוואה!" פּיקלהויביקע לאַנדוועהר-זעלנער, וואָס האָבן נאַקעטע זויג-קינדער אויף זייערע באַגנעטן אויפגעשטאָכן און איידעלע אַמעריקאַנישע שוועסטערן פון רויטן קרייץ, וועלכע האָבן געראַטעוועט זייערע פאַרווונדעטע אונטער אַ האָגל פון קוילן. דייטשישע אָפיצירן, וועלכע האָבן לעבעדיקערהייט צוגענאָגלט צום קרייץ מעוברתדיקע פרויען; אַ כאַריסטין פון בראָדוויי אַלס יונגפרוי פון אָרלעאַנס, אָן ענגלישער סט. זשאָרזש, וואָס האָט דורכגעשטאָכן דעם גיפטיקן דייטשישן לינדוואָרם.

דורך איינעם פון די פּאַרקן האָבן דורכמאַרשירט אַ פּאָר טויזנט סאָלדאַטן. זיי פּאָרויס האָט געפלאַטערט די שטערנדיקע פלאַגע — און נאָך אַן אַנדערע פאָן אויך. בלאָ און ווייס געשטרייפט, אַ בלאָער שטערן אינמיטן: דער מגן־דוד! יידן פון דער איסט-סייד זענען נאָכגעגאַנגען נאָך דעם טוך. יידישע לעגיאָניסטן, וועלכע זענען אָפּגעשווימען קיין פּאַלעסטינע, כדי צו קעמפן קעגן די דייטשן — און פאַר די ענגלענדער אַ נייע פּראָווינץ צו דעראָבערן.

פראַנק ברוין האָט זיך צעלאַכט. „ווו איז לאַטעס פאָן?" האָט ער געטראַכט. „ווו איז די פאָן פון שבט לוי?"

פלוצלינג האָט אים עפּעס אַן אַלטע פרוי אַ צי געטון פאַרן אַרבל און אים אַרייַנגעשטופּט אין האַנט אַריין אַ קליין

צעטעלע. ער האָט גלייך דערקענט דאָס כתב פון דר. קאָהן און איבערגעלייענט: „ס׳ווערט איר בעסער״.
זיי זענען געגאַנגען ווייטער. „ס׳ווערט איר בעסער״, האָט ער געמורמלט. „ס׳ווערט איר בעסער״.

* *
*

מ׳האָט זיי געבראַכט אין אַן אַנדערע תפיסה אַריין; און אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען זיי ווידער איבערגעשיקט קיין ניו-דזשערסי אין אַ דריטע תפיסה אַריין. דאָ האָבן זיך אויפגעהאַלטן צו פערציק דייטשן אין אַ קאַמער, אונטן אין קוילן-קעלער. יעדן טאָג פלעגט מען זיי אַרויספירן אויף אַ שעה צייט שפּאַצירן איבערן תפיסה-הויף, כדי צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט.
פונדאַנען האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט אַ פּאָר מאָל צו שרייבן, ער האָט אויך באַקומען ידיעות פון איר דאָקטאָר. תמיד דאָסזעלבע: „ס׳ווערט איר בעסער״.
אָבער קיינמאָל נישט: „אַז זי פילט זיך גוט״, קיין איין מאָל נישט — אין משך פון אַזויפיל לאַנגע חדשים.

* *
*

דערנאָך — און ווידער אין משך פון לאַנגע חדשים — איז ער געווען פאַרשפּאַרט אין געפאַנגענ-לאַגער, אונטן אין דרום-אַמעריקע.
דיזעלביקע פנימער, דיזעלביקע טעג און נעכט. ווי אַ לונאַטיקער האָט ער אַרומגעוואַנדלט די גאַנצע צייט.
זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז אַ ביסל נישט באַם קלאָרן זינען אָדער גאָר שיכורלעך, ווי פיל אַנדערע. דאָס האָט גאָר-נישט אויסגעמאַכט, קיינעם האָט עס נישט געאַרט אפילו — מ׳איז שוין געווען געוווינט דערצו אין לאַגער.
ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט קיינזאַך נישט געפילט, קיינזאַך נישט געזען, וועגן גאָרנישט נישט געטראַכט — וועגן איין זאַך נאָר: לאָטע.

דערנאָך, גאַנץ פּלוצלינג, איז עס אויסגעבראָכן. אָן אי־בערגאַנג. ער איז געשטאַנען איינמאָל לעבן די שטעכעדיקע דראָטן פון דער פאַרצוימונג און אַרויסגעקוקט אינדרויסן מיט אַ שטאַרן בליק. גראָד איז פאַרבייגעגאַנגען אַ סערזשאַנט — ער האָט אים צוגערופן.

„צי ווילט איר פאַרדינען הונדערט דאָלער?"

דער אַמעריקאַנער האָט זיך גענומען איינהאָרכן. — אָך, ס'איז אַ גאַנץ לייכטע זאַך! זאָל ער אים נאָר אַרויסשמוגלען אויף איין נאַכט און אים מיטנעמען אין שטאָט אַריין. און ער האָט אים געפּאָכעט מיטן באַנקנאָט פאַר די נאָז.

אין דרייען האָבן זיי אים אַרויסגעפירט בין־השמשות־צייט. זיי האָבן פאָרזיכטיק אַריינגעשטעקט די רעוואָלווערן אין די לעדערנע גאַרטלען. און דער סערזשאַנט האָט געזאָגט: „אָט דיביידע לייט זענען אַבסטינענטס!"

פראַנק ברוין האָט געשמייכלט. ניין, ער האָט גאָרנישט בדעה זיי אַנצושיכורן, און וויל כלל נישט אַנטלויפן. ער וויל בלויז ווידעראַמאָל האָבן דאָס באַוווסטזיין, אַז ער איז נאָך אַ מענטש.

זיי זענען אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. — ער און ד' דריי שומרים.

פריער זענען זיי פאַרפאָרן אין עפּעס אַ קנייפּע: דאָרט האָט מען געקריגן „שטאַרקע טיי" „Bayrum", אַ וועסטפאַליש מיטל קעגן אויסקריכן פון די האָר — צום אויסוואָל. מ'האָט עס דערלאַנגט אין שאָלן — נאָר פון אָריגינעלע פלעשלעך: איבער זיבעציק פּראָצענט אַלקאָהאָל. דער סערזשאַנט האָט עס אויסגעטרונקען מיט איין זופּ. אָבער פראַנק ברוין האָט בלויז פאַרזוכט: ס'איז געווען אַן עקלהאַפטע משקה.

„צי איז נישט פאַראַן ערגיצווו בעסערס?" האָט ער געפרעגט.

„קומט־זשע!" האָט געשמייכלט דער סערזשאַנט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט איבער אַפּטייקן, שפּילקלובן און לוסטיקע הייזלעך.

דאָרט איז געווען וויסקי. דאָרט זענען אויך געווען שוואַרצע און ווייסע ווייבער, און מ'האָט געקאָנט שפּילן פּאָקער, פּאַראָ און רולעטקע.

אזוי האָט ער געווילדעוועט אַ גאַנצע נאַכט, האָט צעריסן זיינע קייטן און געהוליעט ווי אַ מאַטראָז נאָך אַ לאַנגער נסיעה. דאָס איז געווען אַ געשריי נאָך פרייהייט פון דערדראָזיקער ענגעניש אַרויס, וואָס האָט געטיילט זיינע טעג מיט דעם אַרשין.

ער איז געווען יונג און שטאַרק — און האָט געוואָלט אָפּפילן דידאָזיקע שטאַרקייט. דער אינסטינקט האָט איבּ אַ ריס געטון, ריין אַנימאַליש האָט ער געגנאָסן פון לעבן.

„ווי אַ חיה", האָט ער זיך געטראַכט, „גאָט-צו-דאַנקען!"

און ער האָט געשפּילט אין דאָמינאָ, אין קאָרטן, געטרונקען און געהוליעט מיט די ווייבער.

ער איז דאָרט געזעסן צוזאַמען מיט די דריי שומרים צווישן צען האַלב־נאַקעטע ווייבער. איינע איז געזעסן בּאַם קלאַוויר און געצימבּלט, דריי האָבּן געגרילצט דאָס ליד „Hoola-Hoola". איינע פון זיי האָט זיך אַריבּערגעבויגן איבּער אים און געשעפּטשעט: „קום מיט מיר".

ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף איר און ווייטער געשפּילט. „דריי טייז!" האָט ער אויסגערופן.

דאָס מיידל האָט זיך ווידער אָנגעבויגן איבּער אים, האָט אָנגעפּילט זיין גלעזל און איז צוגעשטאַנען: „גייסטו מיט מיר?"

ער האָט זי אָנגעקוקט. זי איז געווען ווייס, יינג און זייער שיין. אירע נאַקעטע ברוסטן האָבּן געשיינט.

ער האָט געשאָקלט פּאַמעלעך מיטן קאָפּ. „ניין" האָט ער געזאָגט.

*

צווײמאָל אין חודש האָט אים דער צענזאָר דערלויבט צו שרײַבן בריוו. דידאָזיקע פלעגט ער שרײַבן צו דער מוטער. יעדן טאָג אָבער פלעגט ער שרײַבן קײן ניו־יאָרק — דאָס האָבן שוין באַזאָרגט די סאָלדאַטן פאַר אַ גוטע מטבע. עטלעכע שורות קוים — און בלויז אײנמאָל נאָר האָט ער אָנגעשריבן מער. עפּעס אַ ריטם האָט געלעבט אין אים און ער האָט געשריבן אין פערזן:

„און ס'איז געשען — אָך, צווײמאָל און מערער
און נאָכאַמאָל — זינט יענער פאַרנער נאַכט
און יענער שעה, וואָס קערט זיך קײנמאָל נישט אום,
אַז ס'האָט אַ שלאָכצן מיך אַרומגעכאַפּט.
— די בלאָנדע, מײַן איך, האָט מסתּם געלאַכט,
געוויינט אפשר, ווײַל זי האָט עס נישט באַגריפן —
אויס איר געשרײ, אויס איר תּאוודיק געשרײ,
האָט דײַן שטים געקלונגען, לאָטע, האָט דײַן לײַב גערופן,
מיך גערופן. און געווען ביסטו דאָן מיט מיר
און געשריגן! „איך — בין — דײַן — ווײַב!"
— אָ, דו, כ'בין געווען דיר טרײַ,
לאָטע — אויף מײַן אײגענעם שטײגער.

„און ס'איז געשען - אָך, נישט אײנמאָל,
די גלעזער האָבן געקלונגען און די זונות געשריגן,
מײַן זויף־קאָלעגע — אַ רוח אין אים אַרײַן!
האָט מיטן צענטל מײַן שײנע טויז געשלאָגן.
אָבער פּלוצים, ווי ס'וואָלט אַ נעפּל אַהער געגומען ווײַטן
מיט דופט פון „Jicky" און „Verveine"
מיט דײַן דופט — און שטיל ווערט דאָס געפילדער.
און אײנזאַם בין איך, לאָטע, בין אַלײן
און בלויז מיט דיר, און כ'גײ מיט דײַן וועג
און כ'טרינק דײַן בלוט - דײַן ווײַן —
אָ, דו, כ'בין געווען דיר טרײַ —
לאָטע — אויף מײַן אײגענעם שטײגער.

„און ס'איז געשען — געווען איז דאָס אין פרילינג —
יונג בין איך געווען, געגאַפט מיט חידוש אויף די וועלט
ס'האָבן רייפע קאַרשן-ליפן מיין האַרץ געקושט
און אַ ווייסע און קלוגע האַנט האָט מיך צאַרט געפירט;
אויפן אַלטן וועג, וואָס כּישופט תּמיד ניי —
אָ, לאָטע, איידער כ'האָב דיך נאָך געקענט! —
שטיל און מיט יינגל-פּחד האָב איך דאָרט געטרעטן,
ווי אין הייליקן פעדערהויז צום סורותפולן טעמפּל.
און ס'האָט מיין יוגנט-שיכּרות אין בענקשאַפט זיך פאַר-
וואַנדלט.
צו דיר מיין בענקשאַפט געקניט האָט באַם אַלטאַר —
אָ דיר פון אָנהייב-אָן געווען בין איך געטריי,
לאָטע — אויף מיין אייגענעם שטייגער".

און ער האָט אָנגעשריבן פון אויבן איר נאָמען.

*   *
*

איינמאָל בלויז, אין משך פון דער גאַנצער צייט, האָט ער דערהאַלטן פון איר אַ פּאָר שורות. ס'רוב אָבער טעלע-גראַמעס און בריוו פון איר דאָקטאָר. „ס'ווערט איר בעסער" איז דאָרט געשטאַנען, און ווידעראַמאָל: „ס'ווערט איר בעסער!"

*   *
*

דאָס גלאָקן-געקלאַנג האָט זיך דערטראָגן פון שטאָט אַהער. די האַרמאַטן האָבן געדונערט און די דאַמף-פייפערס פון אַלע פאַבריקן האָבן זיך מוראדיק צעבילט. פון פיר אַזייגער באַגינען האָט מען געהאַלטן אין איין שרייען: „וואָפנשטילשטאַנד — די דייטשן בעטלען שלום!"

ווי געשמיסענע הינט זענען די געפאַנגענע אַרומגעקראָכן איבער זייער זומפּיקן לאַגער. זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, נישט געוואַגט זיך צומאָל אין די אויגן אריין צו קוקן.

זיי האָבן זיך געשעמט איינער פאַרן צווייטן —

*   *
*

ס׳זענען וויטער אוועק א פּאָר חדשים. איינמאָל האָט ער פלוצלינג דערהאַלטן אַ טעלעגראַם פון לאָטע, אַז ער וועט בקרוב אַרויסגעלאָזט ווערן אויף דער פריי. דער קאַפּיטאַן האָט אים געלאָזט רופן; אויך ער האָט געהאַט אַ ידיעה פון וואַשינגטאָן.

„איר מוזט אוודאי האָבן גרויס פּראָטעקציע?" האָט ער אויסגערופן. „ווער איז עס?"

ער האָט אים נישט געענטפערט.

אָבער ס׳האָט נאָך אָפּגעדויערט אַ היפּש ביסל טעג. און איטלעכן טאָג פלעגט ער טעלעגראַפירן: „מאָרגן" — און ער פלעגט ציילן ממש די שעהן.

ווי אין פיבער פלעגט ער אַרומלויפן.

* *

*

ער איז געזעסן אין וואַגאָן. האָט זיך געקויפט צייטונגען אויף איטלעכן באַנהויף און זיי איבערגעלייענט. ער פלעגט דורכלויפן דעם צוג אַהין און צוריק, פלעגט זיך אַנידערזעצן און באַלד ווידער אויפשטיין.

אומגעדולדיק, אומרויק —

ער האָט גענומען אין האַנט אריין אַ בוך, האָט אָנגעהויבן צו לייענען. ער האָט עס אָבער באַלד צוריק פאַרקלאַפּט.

ער האָט גענומען רויכערן איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן.

נאָכדעם האָט ער אָפּגעפונען דעם ריטם פון דער מאַשין. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן אָנלען פון דער סאָפע און איז מיטגעברומט מיט צוגעמאַכטע אויגן.

ער איז נישט איינגעשלאָפן; האָט בלויז געטרוימט אין האַלבשלאָף.

— פון דעם מאַן, וואָס האָט אויסגעשפּיגן די שוואַרצע מייז, פון דעם גראָבן בולן, וואָס האָט געטרונקען אַזויפיל וואַסער — נאָך און נאָך! פון די נאָדלערס, וואָס האָבן אַרויסגעפּרעסן די אייער פון די זשאַבעס, פון דעם טויטן כינעזער, וואָס איז געשווימען אַרום דער פאַרדזשומעטער שיף, פון דעם קליינעם

בלוט-שטרייף אויף דער ברוסט פון דער רומבאַ-טענצערין — און פון די ווונדן, די טיפע שניטן אויף לאַטעס זיסע ברוסטן.

— ווידער וואָלטן זיי אים פאַרשפּאַרט אין תפיסה, ווידער אַמאָל. נייע פאַרברעכנס — וואָס אַמאָל אַנדערע. און דאָס ערגסטע: דער דאָזיקער סעקסועלער מאָרד איבער פרוי וואַן נעס.

אַן אַמעריקאַנישע בירגערין איז זי געווען —

ער וואָלט נישט אָפּגעלייקנט — און זאָל עס אים אפילו דאָס לעבן קאָסטן. בלויז זען האָט ער זי געוואָלט, נאָך איינמאָל זי זען!

* *
*

ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף די שטיגן צו איר וווינונג. דער הויכער לאָקיי האָט אים געעפנט — דער, וועלכער האָט פריער געדינט בא די דזשעפערסאָנס. ער האָט געזען איר שאָפער, עטלעכע משרתים און שטוב־מיידלעך, וואָס האָבן זיך אַרומגעפּאָרעט בא די בלומענטעפּ אויף דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיך באַגריסט מיט אַלעמען, אָבער האָט נישט גערעדט קיין וואָרט, האָט נישט געפרעגט, וואָס ס'הערט זיך. ער האָט מורא געהאַט —

לאַטעס שטובמיידל האָט אים אַרויפגעפירט אין די ביבליאָטעק און אים געהייסן דאָרטן אונטערוואַרטן. ער האָט ממש געציילט די רגעס.

ענדלעך האָט זיך אויפגעעפנט די טיר. ס'איז אַריינגעקומען אַ קראַנקען־שוועסטער, אָנגעטון אין אַ ווייס קלייד, אין ווייסן הויב און פאַרטוך. זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל אַריינגיין — פרוי וואַן נעס וואַרט אויף אים.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען שווייגנדיק אין שלאָפצימער אַריין. פאַר דער טיר האָט זי אים פאַרהאַלטן און אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָרט לאַנג, נישט פאַרבלייבן אַ פערטל שעה העכסטנס, נישט מער — אַזוי האָט אָנגעזאָגט דער דאָקטאָר.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר בעט. האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין אירע קישנס.

„און ווידער ביסטו דאָ בײַ מיר", האָט זי געזאָגט. „מײַן ליב ייִנגל!"

זי האָט זיך אויסגעפּוצט לכּבוד אים. הויך פּריזירט זענען געווען אירע רײַכע, רויטע האָר. גרין איז געווען איר שפּיצן־העמד, שמאַראַגדן האָבן אַראָפּגעשטראַלט פון אירע פינגער. אָבער שמאָל זענען זיי געווען, אַזוי שמאָל —

אויף די ליפּן אַביסל קאַרמין. און פּודער: רוזש־ברונעט. זי איז געזעסן אָנגעלענט אויף די קישנס. פון איר לײַב האָט זיך געטראָגן אַ פאַרשיכּורנדיקער דופט פון „Jicky".

די געלע פאָרהאַנגען זענען געווען אַרונטערגעלאָזט. אַ מילדע, מאַט ליכט האָט באַלויכטן איר וואַקסן פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי אויפגעוואַכט צום לעבן.

דאָס איז זי געווען אַמאָל, האָט ער געטראַכט בײַ זיך. דאָס איז געווען זי — לאָטע. איצט איז פון איר געבליבן בלויז דער ווילן, דער ווילן צום לעבן. דערדאָזיקער שטאַרקער ווילן, וועלכן ס'האָט געבוירן איר ליבע — איר ליבע צו מיר. פאַר מינעטווײַזן לעבט זי, האָט ער געפילט, בלויז פאַר מינוטעווײַזן.

„פאַר מינוטעווײַזן!" האָט ער געשעפּטשעט.

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. „יאָ, פאַר דיר האָב איך דאָס געטון, יאָ, פאַר דיר — און פאַר דײַטשלאַנד אויך". און זי האָט איבערגעחזרט: „איצט ביסטו דאָ צוריק, דו ליבער" זי האָט אים לײַכט געגלעט איבער די האָר. „ווי פילסטו זיך, צי איז עס אמת, אַז דו ביסט געזונט און פריש?"

„יאָ", האָט ער געענטפערט, „אינגאַנצן געזונט".

„ווי גליקלעך איך בין!" האָט זי געזאָגט. „כ'האָב עס געוווּסט און געפילט — אין דערדאָזיקער לעצטער נאַכט! ס'האָט דיך געזונט געמאַכט מײַן בלוט".

„לאָטע!" האָט ער געקרעכצט, „לאָטע!"

„שווײַג, שווײַג", האָט זי געזאָגט. „רעד גאָרנישט! כ'בין צופרידן, גליקלעך — אין דיר פליסט מײַן בלוט, דאָס מאַכט דיך שטאַרק און יונג! קום, לאָמיך דיך קושן!"

זי האָט אָנגענומען זיין קאָפּ מיטביידע הענט, האָט אים לייכט געקושט איןביידע אויגן, פּנים און מויל. דערנאָך האָט זי אָנגענומען זיין רעכטע האַנט און זי פעסט געהאַלטן.

זי האָט לאַנג אויף אים געקוקט.

„זעסט איצט אַנדערש אויס ווי פריער", האָט זי אָנגעהויבן.

„ווי אַנדערש?" האָט ער געפרעגט.

„מער דייטשיש", האָט זי אָפּגעענטפערט. „אַ, פיל דייטשישער".

זי האָט איבערגעחזרט. „מערער דייטשיש! ביסט געגאַנגען מיט דעם וועג, וואָס איך האָב דיר אָנגעוויזן — דעם וועג צו דער היימאַט. דו האָסט געשפּאַנט אויף אים — מיט מיר — און פאַר מיינעטוועגן! דייטשיש ביסטו געוואָרן: מיין בלוט פליסט אין דיר".

און זי האָט אים ווידער אַ קוש געטון.

„איך ווייס, וואָס דאָס איז געווען", האָט זי פאָרגעזעצט, „איך האָב דורכגעטראַכט דאָס אַלץ אין משך פון די לאַנגע חדשים, וואָס כ'בין דאָ אַזוי געלעגן — שטיל און אַליין — טרוימענדיק וועגן דיר. דו — דו האָסט בלויז געטון דאָס — וואָס ס'טוט די גאַנצע וועלט".

קוקנדיק אויף אים מיט אַ צערטלעכן בליק, האָט זי גערעדט ווייטער: „אַ ווילד משוגעת פון די מאַסן — וואָס חזרט זיך אָפּט איבער אין לויף פון די יאָרהונדערטער. עס טויכט-אויף ערגיצוו אַ הייסער גלויבן — אָדער אויך אַ ווילד משוגעת — טיילמאָל ווייסט מען זיין מקור און אָפטמאָל ווידער נישט. און ווען ער האָט מזל, געפינט ער גוטן באָדן און זייעט דעם שטורעם, וואָס ברויזט דורך די וועלט. אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס קריסטנטום, אַזוי דער בודיזם און אויך מחמדס קיניגרייך. אַזוי איז אַנטשטאַנען דאָס משוגעת פון די מכשפות, וועלכע זענען אויף בעזימער אָנגעפלויגן צום שטנס ווילדן סאַבאַט, און אַזוי איז אויך אַנטשטאַנען דער הייסער גלויבן פון די אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן אַרויסגעבערענט די נשמות אויס די לייבער פון די מכשפות, כדי זיי פאַרן הימלסוועגן אָפּצוראַטעווען. פון די קרייצפאָרער, אַלביגענזער און פלאַגעליאַנטן ביז צו אונזערע צייטן. — דאָס גייט פאָריבער — פונקט ווי דאָס

טאַנגאָ־טיפּשות, ווי דאָס סינקאָפּן־משוגעת פון דערדאָזיקער שטאָט — דאָס איז סוף־כל־סוף דאָסזעלבע: קליין און קאָמיש, פּונקט אַזוי ווי דאָס אַנדערע איז גרויס און מעכטיק. און אַמאָל וועט אויך איינ־געשטילט ווערן דאָס שרעקלעכע משוגעת, וואָס ווילדעוועט היינט איבער די וועלט.

„וואָס פאַראַ משוגעת?" האָט ער געפרעגט.

זי האָט געענטפערט: „דאָס משוגעת פון בלוט איז עס. ערגיצווו האָט זיך עס אָנגעהויבן, אין איין לאַנד אָדער אין עטלע־כע פאַראַמאָל. זייער אָנשטעקנדיק איז עס און רייסט מיט אַלץ, וואָס קומט נאָר דערמיט אין באַרירונג. בלוט ווילן די מענטשן, בלוט! — פּונקט ווי דו!"

„ניין, ניין!" האָט ער אויסגערופן. „לאָטע, ניין! כ'האָב גאָרנישט געוואָלט, כ'האָב גאָרנישט געוווסט פון דעם אַלעם! ביז צו דער לעצטער נאַכט, אין וועלכער כ'האָב אויפגעוואַכט. — כ'האָב גאָרנישט געוווסט, גאָרגישט!"

זי האָט אַ שמייכל געטון. „כ'ווייס דאָס, ליב יינגל! אָבער צי גלייבסטו, אַז דידאָזיקע מיליאָנען דאָרטן ווייסן מערער? אומ־באַוווסטזיניק איז זייער ווילד משוגעת, זייער דאָרשט נאָך בלוט — פּונקט ווי בײַ דיר."

„קיינער וויל קיין בלוט נישט טרינקען, לאָטע, קיינער נישט!" האָט ער געזאָגט.

זי האָט געענטפערט: „צי ווייסטו דאָס אויף זיכער? צי ביסטו אַזוי איבערגעצייגט, אַז קיינער טוט עס נישט? אַז קיי־נער וויל דאָס נישט, אַז מ'האָט עס קיינמאָל נישט געוואָלט־אַליין נישט ווויסנדיק דערפון? — ווען דער שטורעם בושעוועט, דאַן פליען נאָר גאַנץ ווייניק בלעטער הויך אונטער די וואָלקנס אַרויף. וויפיל קריסטן האָבן דען געגאַרט מאַרטירערס צו ווערן? קוים איינער אויף הונדערט טויזנט! די איבעריקע זענען נאָר סתם מיטגעלאָפן".

ער האָט געקוקט אירע ביידע הענט. „דו ביסט מער־טירער, לאָטע — דו! איך — בין געווען די חיה אויף דער אַרענע!"

„איך אויך", האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, „איך אויך! אַזוי גוט ווי דו — און ווי אַלע. צי מיינסטו, אַז אויך איך אַליין

האָב פון בלוט נישט געחלומט? פון ימים בלוט, אונזערע פיינט צו דערטרינקען? — און אויב איך בין דאס אריבערגעוואַקסן — האָב איך עס נאָר דיר צו פאַרדאַנקן! אַלע בלעטער האָט אַוועקגעטראָגן דער שטורעם, אָבער מיך האָט ער אויפגעהויבן אַזש ביז צו די וואָלקנס און נאָך העכער — הויך, הויך בין צו די שטערן אַרויף!"

אַ לאָק איז איר אַרונטערגעפאַלן אויפן שטערן; זי האָט צוריק אַוועקגעמאַכט די האָר, און אירע אויגן האָבן געלויכטן, ווי די שמאַראַגדן אויף אירע הענט. „פרעג הונדערטער, פרעג טויזנטער מיליאָנען — און קיינער וועט דיר נישט זאָגן, ווי אַזוי דאָס איז געשען! זיי ווייסן עס נישט — זיי ווייסן בלויז, אַז ס'האָט געמוזט אַזוי געשען און נישט אַנדערש. אָבער זיי זענען רויטס — אַלע, אַלע! פונקט אַזוי ווי איך און דו! רויט איז די צייט, רויט פון בלוט: נאָר שטאַרקער און ווילדער אַנטפלעקט זי זיך אין דיר! חיהשער — געטלעכער — ווי דו ווילסט! אויף אַ פיבער איז די מענטשהייט קראַנק געוועזן — בלוט מוז זי טרינקען, כדי צו ווערן געזונט און יונג! און זי טרינקט, טרינקט יעדן טאָג און יעדע שעה. ווען, ווען וועט שוין אַמאָל נעמען אַ סוף?"

„איצט איז שוין דער סוף!" האָט געזאָגט פראַנק ברוין. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. „ניין! ניין! נישט היינט און נישט איבעראַיאָר! — און נישט אין די נאָענטסטע יאָרן!"

„צעבראָכן ליגן מיר", האָט ער געזאָגט. „נישטאָ שוין קיין דייטשלאַנד".

דאַן האָבן אויפגעגלאַנצט אירע אויגן. „עס וועט אויפשטיין פונם נישטזיין דער נידערגעשלאָגענער!" האָט זי געשעפּטשעט. „מ'וואַכט איבער זיין קאָפּ אין שטראַלנדיקן הימל! ער וועט צעשמעטערן זיינע פיינט און וועט טריומפירן איבער אַלץ, וואָס שטעלט זיך אים אַנטקעגן, — ווי האָרוס, דער נקמה-נעמער פון זיין פאָטער!"

זי האָט איבערגעריסן. האָט אויסגעדרייט איר קאָפּ צו דער טיר, וואָס האָט זיך אין דער רגע לייכט אויפגעמאַכט.

„יאָ, יאָ", האָט זי אויסגערופן צו דער שוועסטער, „כ'וויס, אז ס'איז שוין צייט. דו מוזט שוין אװעקגיין, ליבסטער, צום ווידערזען — מאָרגן".

זי האָט צערטלעך געגלעט זיין האַנט. „דו — דו האָסט זיך אָנגעטרונקען צו דער זעט און ביסט געזונט געוואָרן — ווען וועט שוין אַמאָל געשטילט ווערן דער דאָרשט פון דער מענטשהייט ? ווען־זשע ?"

זי איז צוריקגעפאַלן אויף די קישנס און געזאָגט מיט אַ מידער שטים : „היינט איז דינסטיק — אָך, ווי איך האָב זיך דאָס געפרייט אויפן דאָזיקן דינסטיק ! — אָבער ווייסטו — דערדאָזיקער טאָג איז איצט יעדן טאָג. דינסטיק — דאָס איז דער טאָג פון מארס *) און פון טיו — דעם גאָט פון שווערדן ! — יעדן טאָג איצט — היינט און מאָרגן און תמיד : דער טאָג פון שווערד, מלחמה און בלוט !"

זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. „זיי מיר געזונט, דו !" האָט זי געשעפטשעט. „ביז אויף מאָרגן !"

ווי אַ וואַקסן בילד איז זי געלעגן, און ס'האָט אין איר געפולסירט לעבן, חוץ לדרך הטבע.

זי האָט נאָך געאָטעמט — — —

סוף

JEWISH CU URAL CLUB - OF SASKATOON
אידישער
קולטור פאראיין
סאסקאטון

*) גאָט פון מלחמה.